STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00257

DI GESHIKHTE FUN DER LITERATUR BAY YIDN

Israel Zinberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Martin & Laura Goldberger
in memory of
their parents Rose & Sam Goldberger and Anna & Benjamin Nathanson

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ישראל צינבערג

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן

זיבעטער באַנד

ערשטער בוך

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי.
ניו יאָרק, נ. י., 1943

Dr. I. ZINBERG

THE HISTORY OF THE JEWISH LITERATURE

Dr. I. Zinberg, „Di Geszichte fun der Literatur bej idn"

SEVENTH VOLUME

FIRST BOOK

PRINTED IN U.S.A.

FARLAG MORRIS S. SKLARSKY
10 MONROE ST., G. D. 4
NEW YORK 2, N. Y.
1943


שלום ואמת

עדת ישראל, הגרים בארצות ממשלת

הקיסר הגדול

האוהב את בני האדם ומשמח את הבריות

יאזעפוס השני

יר"ה

מאת

נפתלי הירץ וויזל

דער שער-בלאט פון דער ערשטער אויפלאגע
„דברי שלום ואמת".

זע זייט 86

המאסף
לשנת
התקמד
כולל שירים ומכתבים
אשר נאספו ויקבצו יחד על ידי אגודת
חברת דורשי לשון עבר
בקעניגסבערג

קעניגסבערג שנת תקמ"ד
נדפס בבית המדפיס דניאל קריסטאף קאנטער
בדפוסו ובאותיות החברה

דער שער-בלאַט פונם ערשטן יאָרגאַנג „המאסף“.

זע זייט 98

מיין געטרייען פריינד און חבר —
מיין פרוי — א מתנה
פון מחבר

אלה

בני הנעורים

ילידי הרופא

אפרים לוצאטו,

כנות עלין היה השיר בימי עלומיו מאז
בארץ איטליאה, ואביהם התל בם
וישליכם אל ארץ אחרת כיום הזה
והמה בכים ומשוטטים בחוצות לונדון
וגם צדה לא עשו להם :

הן אשקולף ראשית דרכו קנני,
שיר לא אדע, גם שרעפי לא שטו,
אם נא תשאל לשמי, אלמם אני,
אם מולדתי תחקר, הן היא לוצאטו :

L O N D I N I :
EXCUDEBANT G. RICHARDSON & S. CLARK.
MDCCLXVI.

דער שער-בלאט פון אפרים לוצאטו׳ס „אלה בני הנעורים"

זע זייט 101

ניינטער טייל

בערלינער השכלה


להגיד לאדם ישרו ... לפי אשורו , אלה
מפה בחרות אפס בקצף ותלונה , על ספר דברי שלום
ואמת אמונה , בתחלת חשקפת על הכונה הראשונה .
וחכם באחור ישובהנה , לבאר דבריו ע"ד החכמה
הצפונה , ואי גם הם ... עדידם ויצדיקוהו באחרונה .

בשנת וכתוב ישר לפ"ק

דער „שער-בלאַט" פון שאול בערלינס „כתב יושר"
פון אויבן דער אַוטאָגראַף פון דעם ביבליאָגראַף שמואל ווינער.

צו זייט 232

פון פאַרפאַסער

מיט דעם דאָזיקן באַנד באַגינען מיר די צווייטע העלפט פון אונזער „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן" — די שילדערונג פון דער נייער תקופה, זינט דעם אויפבלי פון דער השכלה און דעם בעשטיאַנער חסידות ביז דער וועלט־מלחמה.

דער איצטיקער באַנד איז דערפאַר געבויט לויט אַן אַנדער סדר, ווי די פריערדיקע זעקס. דאָרט איז ערשטנס די „יידיש־דייטשע" ליטעראַטור באַטראַכט געוואָרן אין אַלגעמיין אָפּגעזונדערט פון דער העברעיִשער; בנוגע דער ליטעראַרישע ירושה, וואָס יידישע דענקער און דיכטער האָבן געלאָזן אויף אַנדערע שפּראַכן, זיינען דער־עיקר באַהאַנדלט געוואָרן די ווערק, וואָס זיינען דורך העברעיִשע איבערזעצונגען איינגע־בּ רגערט געוואָרן ביים פאָלק און האָבן אויף אַזאַ אופן געהאַט אַ השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור. די אויפקלערונגס־תקופה, אַ פועל־יוצא פון קאָמפּליצירטע סאָציאַלע און אידעיִשע פאַקטאָרן, האָט אָבער אַרויסגערופן גרויסע ענדערונגען אין דעם יידישן גייסטיקן לעבן: די ליטעראַטור האָט אַראָפּגעוואָרפן איר רעליגיעזן לבוש און אָנגענומען מער וועלטלעכע מאָדערנע פאָרמען; ביי דער קאַפּיטאַליסטיש־בורזשואַזער געזעלשאַפטס־אָרדענונג איז די אָפּזונדערונגס־געטאָ־וואַנט דורכגעבראָכן געוואָרן, און די תביעות פון יידישן לעבן און דערוואַכטן געדאַנק געפינען שוין זייער אויסדרוק אויך אין די אייראָפּעיִשע שפּראַכן. אויף די „פאַטערלענדלעכע" שפּראַכן ווערט אויך אינם 19־טן י״ה אויפגעבויט אַ דענקמאָל געווידמעט דער „חכמת ישראל", דעם היסטאָרישן עָבָר פונם יידישן קיבוץ. און מיר האָבן דאָך שוין אין דער הקדמה צו אונזער ווערק אָנגעוויזן, אַז מיר שטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע געבן אַ מיגלעכסט פולשטענדיק בילד פונם גאַנצן יידישן גייסטיקן און קולטו־רעלן שאַפן פאַרן משך פון דער באַטרעפנדיקער תקופה, און אַז די אַנטוויקלונג פון די פאָעטישע פאָרמען וועט אויסגעפאָרשט ווערן אויפן יסוד פון דער גאַנצער קולטורעלער יידישער סביבה מיט אירע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען.

אין הסכּם דערמיט וועט אין דער צווייטער העלפט פון אונזער „געשיכטע" באַהאַנדלט ווערן ניט בלויז די „העבראַיקאַ", נאָר אויך די „יודאַיקאַ", אויף ווי ווייט זי האָט ווירקלעך געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור און אָפּגעשפּיגלט אויף אירע בלעטער די אידעיִשע שטרעמונגען פון באַשטימטע שיכטן פון דער יידישער אינטעליגענץ. דערפאַר ווערט טאַקע אין דעם איצטיקן זיבעטן באַנד מענדלסזאָן, אַ שטייגער, געשילדערט ניט בלויז אַלס באַגרינדער פון „קהלת מוסר" און באַשעפער פון „אור לנתיבה", נאָר אויך אַלס פאַרפאַסער פון „יערוזאַלעם"; שלמה מיימון — ניט בלויז אַלס בעל „גבעת המורה", נאָר אויך אַלס מחבר פון זיין אין דייטש פאַרפאַסטער „לעבנסבאַשרייבונג", און צוזאַמען מיט איַיכלן און וואָלפססאָנען, וואָס זיינען געווען טעטיק אויפן געביט פון העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור, ווערט אויך באַהאַנדלט פרידלענדער מיט זיינע דייטשע שריפטן. נאָך בולטער וועט דאָס פאָרקומען אין די וויַיטערדיקע בענד. אויך ווערט שוין פונם זיבעטן באַנד אָן די ליטעראַטור אויף יידיש באַהאַנדלט ניט באַזונדער, נאָר צוזאַמען מיט דער ניי־העברעיִשער.

צום סוף האַלטן מיר פאַר צוועקמעסיק נאָך אַ מאָל צו דערמאָנען, אויף וואָס מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין דער פאָררעדע צום ערשטן באַנד: אַז מיר האָבן כּלל ניט בדעה צו געבן אַ מין ענציקלאָפּעדישן כּל־בו, אין וועלכן עס זאָל קיין שום יידישער מחבר ניט פעלן. אונזער אויפגאַבע איז דאָך — באַקענען דעם לייענער בלויז מיט די וויכטיקע און באַדייטנדיקע דערשיינונגען אויפן געביט פון יידישן קולטורעלן שאַפן. מיר וועלן דערפאַר זיך אָפּשטעלן בלויז אויף די יידישע שריפטשטעלער און דענקער, וואָס האָבן ווירקלעך געהאַט, ווייניקסטנס פאַר זייער דור, אַ וועלכע ס'איז השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישער קולטור און יידישן געדאַנק.

20/II — 1935 יאָר.

ערשטער קאַפּיטל

פרידריך דער צווייטער און די יידן אין פּרייסן. — דער יידישער קיבּוץ אין בערלין; זיין עקאָנאָמישער וווּקס און זיין רעכטלאָזע לאַגע. — די סאָציאַלע סתירות. — די השפּעה פון די פראַנצויזישע „אויפקלערער". — דער דאָקטאָר אהרן גומפּערץ. — משה מענדעלסאָן; זיין ראָלע און גאַדייט. — מענדעלסאָן אלס פּערזענלעכקייט. — מענדעלסאָן און לעסינג. — מענדעלסאָנס „פעדאָן". — זיין באַהאַנדלען די פראַגע וועגן השארת הנפש (אומשטערבלעכקייט פון דעם מענטשנס נשמה)

אין דער נאָך־השכלה־תקופה, נאָכדעם ווי די השכלה־אידעאַלן האָבן אויף אַזאַ טרויעריקן אופן אָנגעוואָרן זייער אַמאָליקן גלאַנץ און פיל פון זייערע פריערדיקע קעמפער זיינען בעלי־תשובה געוואָרן, — האָט זיך אין דער העברעישער ליטעראַטור דייטלעך געלאָזט באַמערקן אַ פיינדלעך־קריגערישע שטימונג בנוגע צו דער „בערלינער השכלה" און אירע פאָנען־טרעגער. עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם קאַמף, וואָס פּרץ סמאָלענסקין האָט געפירט קעגן מענדעלסאָנס אויפקלערערישער טעטיקייט, אָדער וואָלף יעבּצ׳ס „מגדל הכאה", ווו עס ווערט גערעדט מיט אַזאַ פאַרביטערונג וועגן די באַשעפער און טרעגער פון דער אויפקלערונגס־באַוועגונג ביי די פּרייסישע יידן. עטלעכע צענדליק יאָרן, אַ גאַנצע תקופה פון גוואַלטיקע סאָציאַלע און גייסטיקע איבערקערענישן, טיילן אונז אָפּ פון אָט די דאָזיקע תשובה־שטימונגען, וואָס דער אומדערוואַרטער צוזאַמענבראָך פון די השכלה־אידעאַלן האָט אַרויסגערופן. עס איז דערפאַר איצט פאַראַן די מעגלעכקייט צו געבן אַ מער אָביעקטיווע און היסטאָריש־גערעכטערע אָפּשאַצונג פון די בערלינער השכלה־קעמפער פון דעם סוף 18טן י״ה. קודם־כל מוז מען נעמען אין באַטראַכט די אויסערגעוויינלעך שווערע און סתירות־פולע צושטאַנדן, ביי וועלכע עס איז אויסגעקומען צו לעבן און צו קעמפן די יידישע אויפקלערער אין יענער תקופה, ווען אין פּרייסן איז אויפן קיניגלעכן שטול געזעסן דער „פילאָזאָף אין פּריידענקער" פרידריך דער צווייטער. פרידריך האָט טאַקע מיט גדלות דערקלערט, אַז אין זיין מדינה קאָן יעדער פריי און אומגעשטערט זיך האַלטן ביי זיין אמונה. דאָס האָט אים אָבער כּלל ניט געשטערט, ער זאָל זיך פאַרהאַלטן מיט דער גיפטיקסטער שנאה צו

יידן, מיט זיין פיינדלעכן פאַרהאַלטן צו יידן, — באַמערקט דער קולטור־היסטאָריקער ל. גייגער, — איז פרידריך דער צווייטער אין געוויסער מאָס נאָך איבערגעשטיגן זיינע פאָרגענגער [1]. גלייך מיט אַלע אָפּגעשטאַנענע דייטשע פיליסטער פון יענער צייט איז דער דאָזיקער געקרוינטער „דענקער" געווען פעסט איבערצייגט, אַז די יידן דאַרפן אַלס זייער שעדלעכער עלעמענט וואָס מער באַגרענעצט ווערן אין זייערע בירגערלעכע רעכט, און דעם איינציקן נוצן, וואָס מען קען פון זיי האָבן, איז — אויספּרעסן פון זיי וואָס מער מלוכה־שטייערן. די בירגערלעכע לאַגע פון די פּרייסישע יידן איז דערפאַר אונטער זיין רעגירונג אין געוויסער הינזיכט נאָך שווערער גע־וואָרן, ווי ביי זיינע פאָרגענגער. לויט דעם עדיקט, וואָס פרידריך־ווילהעלם דער ערשטער האָט אַרויסגעגעבן אין 1714, האָט יעדער „שוציודע" געהאַט דאָס רעכט איבערצוגעבן זיינע „פּריווילעגיעס" די עלטסטע דריי קינדער. דאָס האָט אָבער פרידריך דער צווייטער געפונען פאַר צופיל, און לויט די „גענעראַל־פּריווילעגיעס" פונם יאָר 1750 האָט שוין דער „שוציודע" געקאָנט מזכה זיין מיט זיינע וווין־רעכט און האַנדל־רעכט בלויז זיין עלטסטן זון. דעם טעם דערפון האָט פרידריך גופא דערקלערט נאָך מיט אַ יאָר פריער, בעת ער האָט אָנגעוויזן, אַז באַם מען וועט ערלויבן יעדן שוציודן איבערצוגעבן זיינע רעכט ניט איינעם, נאָר צוויי פון זיינע יורשים, וועט דאָך ניט דערגרייכט ווערן דער באַשטימ־טער צוועק, וועלכן עס שטעלט פאַר זיך דאָס פּרייסישע געזעץ — וואָס מער פאַרקלענערן די צאָל פון יידישע איינוווינער. אין הסכם מיט דער דאָזיקער טענדענץ האָבן דעם פּריווילעגירטן יידנס יינגערע קינדער, וואָס האָבן ניט געקענט גענייסן פון זייער פאָטערס „שוצרעכטע" — ניט געהאַט דאָס רעכט חתונה צו האָבן; אויך די אַזוי גערופענע „אויסעראָרדענט־ליכע שוציודען" האָבן אין פרידריך דעם צווייטנס קרוינשטאַט ניט געהאַט דאָס רעכט צו פירן אַ פאַמיליענלעבן. חוץ „אויסעראָרדענטליכע שוציודן", טיילן נאָך די „גענעראַל־פּריווילעגיען" אויס אַזויגערופענע „גע־דולדעטע יודען" און דאָס אַלץ מיט איין באַשטימטער טענדענץ — וואָס מער צו באַגרענעצן די יידן אין זייערע רעכט.

פרידריך דער צווייטער איז אָבער געווען קליגער און פּראַקטישער פון דער רוסישער קייזערין יעליסאַוועטאַ פּעטראָוונאַ, וואָס איז מיט איר שנאה צו יידן פאַרגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט דערקלערט: „זי וויל פון קריסטוסעס שונאים קיין שום טובת־הנאה ניט האָבן". ער האָט דוקא געקוקט אויף זיינע יידן, ווי אויף אַ מעלקעדיקע קו, און גע־

---

1. זע זיין „געשיכטע דער יודען אין בערלין", I, 69.

שטרעבט צו האָבן פון זיי וואָס מער „טובת־הנאה". בעת ס'האָט איבער פרייסן געוועלטיקט דער „פילאָזאָף" פרידריך, איז דערפאַר געוואַלטיק געשטיגן די צאָל פון ספּעציעלע יידישע שטייערן; צו די אַלטע שטייערן זיינען צוגעקומען פיל נייע. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן זינט 1766 די פּרייסישע יידן געמוזט צושטעלן יערלעך דער קיניגלעכער שאַצקאַמער אַלס רוי־מאַטעריאַל מטבעות צו שלאָגן – גאַנצע צוועלף טויזנט זילבער־שטאַנגען לויט אַ פעסט באַשטימטן פּרייז: 12 טאַלער פאַר אַ זילבער־שטאַנג. דער ווירקלעכער פּרייז איז אָבער געווען אַ באַדייטנדיק העכער – פון דרייצן טאַלער און 22 זילבערגראָשן ביז 14 טאַלער; האָבן די יידן ביי דער דאָזיקער ליפערונג געמוזט יערלעך דערלייגן אַזוינע 24 טויזנט טאַלער [1]. דעם „פילאָזאָף אויפן טראָן" האָבן די פּרייסישע יידן אויך צו פאַרדאַנקען דעם באַוווסטן פאַרצעלאַן־שטייער. בכדי צו פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט פון דעם געפעס, וואָס ס'האָבן פּראָדוצירט די קיניגלעכע פאַרצעליי־פאַבריקן, האָט מען אויף די יידן אַרויפגעלייגט פאָלגנדיקע התחייבותן: בעת דער „שוציודע" טראָגט אַריין זיין עלטסטן זון אין דעם רייסטער פון די „פּריווילעגירטע", דאַרף ער פאַר דעם דאָזיקן „גענאַד" אָפּקויפן ביי דער קיניגלעכער פאַרצעליי־פאַבריק סחורה פאַר 300 טאַלער און זי עקספּאָרטירן קיין אויסלאַנד. איז מען אַ יידן מזכה מיט „גענעראַל־פּריווילעגיעס", דאַרף ער חוץ אַלע אַנדערע אָפּצאָלונגען קויפן פאַרצעליי פאַר 500 טאַלער; קויפט אַ ייד אַ הויז אָדער ער גיט איבער זיין הויז אַן אַנדערן יידן, — עס איז קיין נפקא מינה ניט, צי איז דאָס הויז גרויס צי קליין, — איז אויף אים חל אָפּצוקויפן פאַרצעליי פאַר דריי הונדערט טאַלער און זיי צו פאַרקויפן אין אויסלאַנד. דאָס אייגענע חזרט זיך איבער ביי יעדער קניה, ביי יעדער דערלויבעניש, וואָס דער ייד באַקומט: אַלס צולאַג מוז ער אָפּקויפן פאַר אַ באַשטימטער סומע פאַרצעליי ביי די קיניגלעכע פאַבריקן [2].

אין פלוג קאָן דאָך דאַכטן, אַז בכדי דער ייד זאָל זיין אימשטאַנד אַזוי פיל שטייערן צו צאָלן, דאַרף אים דאָך דערצו געגעבן ווערן די מאַטעריעלע מיגלעכקייט. נאָר דוקא אונטער פרידריך דעם צווייטן זיינען די בירגערלעכע רעכט פון די פּרייסישע יידן נאָך שטאַרקער באַגרענעצט געוואָרן. עס איז זיי פאַרווערט געווען ניט נאָר צו פאַרנעמען זיך מיט דאָרף־ווירטשאַפט, זיי האָבן ניט געטאָרט טרייבן קיין בראַנפן אָדער ביר, נייערט אויך אויפן געביט פון מסחר האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַלץ

1 זע: ד. פרידלענדער, אַקטענשטיקע, 1793, 58—57.
2 דאָרטן, 68.

נייע פאַרבאָטן. דעם יידן איז געווען פאַרווערט צו האַנדלען כּמעט מיט אַלע רווישטאָפן; לויט דעם „רעגלאַמענט״ פון 1750 האָט דער ייד ניט געטאָרט האַנדלען ניט מיט היימישע, ניט אויס דער פרעמד אימפּאָרטירטע בהמות, מיט וואָל, מיט ניט־באַאַרבעטע פעל, מיט טאַבאַק, באַקאַליי־סחורה, הערינג, פּוטער, קעז, זאַלץ, זייף, געמיזע, אייער, ליכט, מיט קיין שום מינים פיש אאַז״וו. דאָך האָבן די רעאַלע ווירטשאַפטלעכע מלוכה־באַדערפענישן געצוווּנגען פרידריכן צו ווערן וויניקסטנס אויף איין געביט אַ מקיל און צו באַשענקען מיט „פּריווילעגיעס״ די אים פאַרהאַסטע יידן. „פינאַנסן, — דאָס זיינען דער וויכטיקסטער נערוו פון דער מלוכה״, — האָט פרידריך קאַטעגאָריש דערקלערט. ער האָט אָבער גוט פאַרשטאַנען, אַז אין אַן אינדוסטריעל אָפּגעשטאַנענעם לאַנד איז גאַנץ שווער צו שטאַרקן דעם דאָזיקן „וויכטיקסטן נערוו״. און דוקא פּרייסן האָט מיט איר אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג שטאַרק פאַרשפּעטיקט. די ערשטע פאַבריקן און מאַנופאַקטורן זיינען אין פּרייסן געגרינדעט געוואָרן ערשט אין סוף 17טן י״ה, און דאָס אויך אַדאַנק די אויס פראַנקרייך פאַרטריבענע הוגענאָטן. אַנטוויקלען וואָס גיכער די אינדוסטריע פונם לאַנד — דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, וואָס פרידריך האָט פאַר זיך געשטעלט. ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז פאַבריקן פון לוקסוס־אַרטיקלען זיינען געווען דער העכסטער שטאַפּל פון דעמאָלטיקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג; האָט ער דערפאַר אַלץ געטאָן, אַבי וואָס מער צו גרינדן פאַבריקן פון זייד און סאַמעט. דערצו זיינען אָבער געווען נייטיק מענטשן פון ברייטער איניציאַטיווע און אונטערנעמערישן אימפּעט. דאָס אַלטמאָדישע פּרייסישע בירגערטום פון יענער צייט האָט אָבער זייער וויניק פאַרמאָגט אַזעלכע מענער, האָט פרידריך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי זיך צו ווענדן צום יידישן געטאָ אויסצונוצן דעם אונטערנעמערישן גייסט פון זיינע איינוווינער. נאָך אין די דרייסיקער יאָרן פונם 18טן י״ה איז כּמעט דער גאַנצער האַנדל מיט קאָלאָניאַלע סחורות (קאַפע, טיי, אויסלענדישער טאַבאַק אאַז״וו) געווען אויסשליסלעך אין יידישע הענט. פרידריך דער צווייטער האָט אויך פאַר זיי ברייט געעפנט אַ נייַ געביט — ער האָט זיי באַשאַנקען מיט „פּריווילעגיעס״ אויף צו בויען פאַבריקן; און בכדי צו שטאַרקן די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פונם לאַנד, האָט ער ניט געקאַרגט מיט ספּעציעלע שוץ־דעקרעטן פאַר זיינע „סאַמעטיידן״, „זיידעיידן״ און „מינציידן״ 1.

---

1 זע יוסף קולישערס אַרבעט וועגן „יידן אין פּרייסישער זייד־אינדוסטריע״,

אז די בערלינער יידן האבן נאך דעם זיבן=יאריקן קריג דערלאנגט א בקשה, מען זאל זיי צוריק אומקערן די אויבנדערמאנטע פריווילעגיע, וואס פרידריך האט ביי זיי צוגענומען, און יעדער „שוציודע" זאל באקומען דאס רעכט איבערצוגעבן זיינע „שוצרעכט" וויניקסטנס צוויי פון זיינע עלטערע קינדער, האבן זיי פון פרידריכן באקומען פאלגנדיקע דערקלערונג: ער איז גרייט זייער ביטע צו באוויליקן, נאר מיטן תנאי, אז דעם שוציודנס צווייטער זון זאל זיך מתחייב זיין צו גרינדן א נייע פאבריק [1].

בכדי די אינדוסטריע זאל קאנען נארמאל און אומגעשטערט זיך אנטוויקלען, איז אבער נייטיק א ברייטע קרעדיט=סיסטעם, — האט אויך אויף דעם געביט פרידריך ניט געקאנט זיך באגיין אן די יידישע פינאנסיסטן; און טאקע די ארטיקע יידן האט עס פרידריך געהאט צו פארדאנקען, וואס אין בערלין האבן אזוי שנעל אויפגעבליט די באנק=און קרעדיט=אונטערנעמונגען. אט אזוי האט פרידריך דער צווייטער קעגן זיין אייגענעם ווילן, אונטערן דראנג פון ריין עקאנאמיש=ווירטשאפטלעכע פאקטארן, פיל מיטגעהאלפן, אז אין זיין רעזידענץ=שטאט זאלן די פאדערשטע רייען פון דער גרויס=בורזשואזיע פארנעמען לעבן די פון אים געאכפערטע פראנצויזן — די אים אזוי פארהאסטע יידן [2]. לויט די „גענעראל=פריווילעגיעס" פון 1750 ווערט אפילו פעסט באשטימט, אז די יודישע באפעלקערונג אין בערלין דארף ניט איבערשטייגן די צאל 152 פאמיליעס, דאך איז די צאל יידן שטארק געוואקסן און צום סוף 70קער יארן געפינען זיך שוין אין בערלין, וואס האט דאן פארמאגט 719 .138 איינוווינער, ניט וויניקער ווי 4245 יידישע נפשות. „בכדי צו שטייגערן דעם וווקס פון האנדל, קאמערציע, מאנופאקטורן און פאבריקן", האט פרידריך ארויסגעגעבן א באפעל, אז „מע דארף וואס מער צוציען צום לאנד רייכע יידן, אבער פשוטע בעל=מלאכות, לערערס, פארבעטערס (חזנים), קינסטלער און אנגעשטעלטע דארף זיין פארבאטן חתונה צו האבן און צו גרינדן א פאמיליע". רייכע יידן האט פרידריך מיט ברייי=

„יעווריסקאיא סטארינא", IX, וואו עס ווערן געבראכט פרידריכס פיל דעק־עטן בנוגע יידישע פאבריקאנטן.

1 זע ל. גייגער, ציט. ווערק I, 65, II, 91.

2 דער בארימטער מיראבא, וואס האט אין פרידריכס צייטן באזוכט בערלין, דערקלערט מיט באוואונדערונג: On peut même assurer que ce sont (les juifs) les seuls negociants ou fabricants à grandes fortunes, qu'il y ait dans les provinces prussiennes. Il en est des millionnaires (מיר ציטירן לויט גרעץ, ציט. ווערק פ' XI).

טער האָט געשענקט פאַרשיידענע פּריווילעגיעס; זיינע „מינציידן" פייטל אפרים, דניאל איציק און אברהם מארקוס האָבן אין 1761 באַקומען די זעלביקע „פרייהייטן", וואָס קריסטלעכע באַנקירן. ווען אָבער משה מענדעלסזאָן, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען באַרימט אַלס עסטעטישער און פילאָזאָפישער שריפטשטעלער, האָט זיך געווענדעט מיט דער ביטע אים צו שענקען דאָס ווינרעכט פון א „שוציודן", האָט ער דערויף אפילו קיין ענטפער ניט באַקומען. ערשט דורך דער השתדלות פון דעם מאַרקיז ד׳ארזשאַן, וואָס איז געווען זייער אַנגענומען ביים קיניגלעכן הויף, האָט ענדלעך מענדעלסזאָן באַקומען (אין 1763) די באַגרעניצטע רעכט פון אַן „אויסעראָרדענטליכען שוציודען". אָבער מענדעלסזאָנס ביטע (אין 1779), מען זאָל מיט דעם אים געשענקטן ווינרעכט מזכה זיין אויך זיינע קינדער, האָט פרידריך ווידער ניט געפונען פאַר מעגלעך צו דערפילן, — מענדעלסזאָן איז דאָך דעמאָלט געווען בלויז אַנגעשטעלטער אין א ציידן-פאַבריק, אָבער ניט קיין פאַבריק-אייגנטימער [1].

אָט אזוי איז א דאַנק דעם אייגנאַרטיקן אויסקלייב-סיסטעם אין בערלין אַלץ מער געוואַקסן די צאָל רייכע יידן — באַנקירן, פאַבריקאַנטן, הויף-ליפעראַנטן און מינצנשלעגער. שוין אין די 30ער יאָרן פון 18טן י״ה זיינען צווישן די 120 קהילה-מיטגלידער געווען בלויז צען, וואָס זייער קאַפּיטאַל האָט באַטראָפן ווייניקער פון 1000 טאַלער. צווישן די איבעריקע זיינען געווען פיל, וואָס זייער פאַרמעגן האָט זיך געשאַצט אין די צענער טויזנטער [2]. פרידריך דער צווייטער האָט מיט זיין אינדוסטריפּאָליטיק באַדייטנדיק מיטגעהאָלפן די פּרייסישע יידן, באַזונדערס די בערלינער, זיי זאָלן אַנזאַמלען גרויסע קאַפּיטאַלן און ווערן אַן אַנגעזעענע עקאָנאָמישע קראַפט. דער זיבן-יאָריקער קריג, וואָס האָט רואינירט דאָס לאַנד, נאָר געגעבן די מעגלעכקייט, פיל יידן זאָלן נתעשר ווערדן ביי מיליטערישע פאַדריאַדן און פינאַנסיעלע אונטערנעמונגען, האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די סאָציאַלע וואָג פונם בערלינער יידנטום, וואָס איז געווארן דער אָנזאָגער פון דער נייער קאַפּיטאַליסטיש-בורזשואַזער תקופה.

צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער מאַכט האָט זיך אין דער יידישער בערלינער קאָלאָניע געלאָזט באַמערקן אויך איר גייסטיקער וווּקס. די יידישע סוחרים און באַנקירן, די סאַמעט-און זייד-פאַבריקאַנטן האָבן געהאַט ענגע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד און זיינען געקומען אין אָפּ-

1 ערשט נאָכן טויט פונם פאַבריק-אייגנטימער בערנהארדט איז מענדעלסזאָן געוואָרן שותף אין געשעפט.

2 זע ל. גייגער. ציט. ווערק, I, 43.

טער באַרירונג מיט דעם העכסטן דייטשן אדל, וואָס האָט זיך אין יענע
צייטן באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין התבטלות פאַר דעם „אויסלענ=
דישן״, בפרט פאַר אַלץ, וואָס שטאַמט פון פראַנקרייך. ווי באַקאַנט,
האָט אויך די דייטשע ליטעראַטור פון 17 — 18טן י״ה אין אַלע פּרטים
קאָפּירט די פראַנציייזישע מוסטערן, און פרידריך דער צווייטער, וואָס
האָט זייער געוואָלט זיך קונה שם זיין מיט זיינע פראַנצויזישע „גע=
דיכטע״, האָט מיט ביטול געקוקט אויף אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן
אויף דער שפּראַך פון זיין לאַנד. אין פריינדלעכער באַרירונג זיינען אויך
די בערלינער רייכע יידישע הייזער געקומען מיט זייערע נאָענטע שכנים —
מיט דער דאָרטיקער פילצאָליקער[1] פראַנצויזישער קאָלאָניע, וואָס איז
דעמאָלט געווען דער רוב בנין ורוב מנין פון די אינדוסטריע=אונטערנע=
רישע און פּראָגרעסיוו=אינטעליגענטע קרייזן אין בערלין. די בורזשואַזע
יידישע יוגנט האָט אויף אַזאַ אופן געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַ=
קענען מיט די נייע אידעיִשע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף
יענער זייט ריין אונטער דער השפעה פון די ענציקלאָפּעדיסטן און אויפ=
קלערער. אַ אינטערעסאַנט בילד, ווי אַזוי די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט איז
פאָרגעקומען, גיט אונז הענריעטע הערץ אין אירע מעמואַרן: „די ערשטע,
וואָס האָבן אָנגעהויבן פראַנצויזיש צו לערנען — זיינען געווען די טעכ=
טער פון די רייכע יידישע קרייזן. די עלטערן האָבן ניט געהאַט דאַקעגן
אויס ריין אוטיליטאַריִ מאָטיוון: מיט דער הילף פון דער פראַנצויזישער
שפּראַך קאָן מען זיך דאָך פאַרבינדן מיט דער גאַנצער ציוויליזירטער
וועלט. די ערשטע צייט האָבן די יידישע טעכטער אויסגענוצט זייער
פראַנצויזיש=ריידן אויף צו פירן גאַלאַנטע געשפּרעכן מיט אָפיצירן און הויף=
קאַוואַלערן, וואָס פלעגן קומען צו זייערע פאָטערס וועגן געלט=געשעפטן.
שפּעטער אָבער האָבן זיי אָנגעהויבן אויסנוצן די פראַנצויזישע שפּראַך
צו מער וויכטיקע צוועקן: צו באַקענען זיך אין אָריגינאַל מיט די פראַנצוי=
זישע קלאַסיקער און די נייערע שריפטשטעלער״[2]. שלמה מיימון דער=
ציילט אין זיין „לעבנסגעשיכטע״, ווי יידישע יונגעלייט, וואָס זיינען געקומען
קיין בערלין און זיך דאָרט באַשעפטיקט מיט לערעריי, האָבן זיך אָפּגע=
געבן דער עיקר מיטן לימוד פון דער פראַנצויזישער שפּראַך[3]. כאַראַק=
טעריסטיש זיינען אויך אין דער הינזיכט די פילצאָליקע יידישע בריוו,

1 אין סוף 70-ער יאָרן פונם 18-טן י״ה איז די פראַנצויזישע קאָלאָניע אין
בערלין באַשטאַנען פון 5346 מיטגלידער.

2 זע: הענריעטע הערץ, איהר לעבען אונד איהרע ערינערונגען.

3 לעבנסגעשיכטע, ז׳ 393 (מיר ציטירן לויט א. י. גאָלדשמידטס יידישער
איבערזעצונג).

וואָס דער יונגער משה מענדעלסזאָן האָט אויס בערלין געשריבן זיין כּלה אין 1762 [1]. די דאָזיקע בריוו זיינען פול אָנגעשפּיגעוועט מיט פראַנצויזישע אויסדרוקן, וואָס זיינען, ווי עס שיינט, געווען אָנגענומען אין דער אומגאַנג־שפּראַך. מענדעלסזאָן שרייבט למשל: „ווי אַמבּראַסירט איך בין", „זיך מאָקירען", „קאָמאָדיטעט", „דיסטינקציאָה", „פּרעטעקסט", „דעראַנזשירט", „רעוואָלפירט" אאַז״וו. ער ווערט ניט מיד יעדעס מאָל צו דערמאָנען זיין „ליבּה פּרומעט", זי זאָל למען השם פלייסיק לערנען די פראַנצויזישע שפּראַך, „דיא כאַן פאַסט צור מוטערשפּראַכי וואָרדן" [2].

אויף די רעכטלאָזע געטאָ־באַוווינער האָבן געמוזט מאַכן אַ גוואַל־דיקן רושם מיט זייערע פייערדיקע פּרעדיקטן די אידעענטרעגער פון דעם יונגן, מיט פרישע קרעפטן שפּראָצנדיקן קלאַס, וואָס זיינע שטורמישע טריט האָבן זיך אַלץ הילכיקער געלאָזט הערן אויף דער געשיכטלעכער אַרענע. זיי האָבן דערהערט אין די דאָזיקע פּרעדיקטן די בשורה וועגן באַפרייונג און גלייכבּאַרעכטיקונג פון אַלע „וועלטבּירגער", וועגן צעשטע־רונג פון אַלע קאַסטן־פּריווילעגיעס... דאַרף עס דען וווּנדערן, וואָס די אידעען פון די פראַנצויזישע „אויפקלערער" האָבן געפונען אַ שאַרפן אָפּקלאַנג אין געוויסע יידישע קרייזן?

דאָס אַלטפראַנקישע, אין זיינע מנהגים פאַרגליווערטע רבנישע יידנטום איז נישט געווען בכּוח אָפּצוהאַלטן די דאָזיקע נייע אידעיִשע שטראָמונגען. אמת, די רבנים און די משגיחים זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, זיי האָבן זיך געפלייסט אָפּצוצוימען זייער עדה פון פרעמדע אידעען, פון אַלץ, וואָס האָט געקאָנט דערוועקן דעם חשד אין אפּיקורסות. אין די 40ער יאָרן פונם 18טן י״ה האָט מען דעם שטאַמפאָטער פון די „בּלייכרעדערס", דעמאָלט אַן אָרעמער ישיבה־בחור, אַרויסגעטריבן פון בערלין, ווייל אַ גבאי־צדקה פון דער קהילה האָט אים געפאַקט מיט אַ דייטשן בוך אונטערן אָרעם [3] — און אין צוואַנציק־דרייסיק יאָר אַרום איז שוין פאַר דער אונטערגעוואַקסענער יוגנט, פאַר די קינדער פון די

---

1 די בריוו זיינען פאַרעפנטלעכט אין 16טן באַנד פון מענדעלסזאָן־יובילעום־אויסגאַבּע 1929.

2 דאָרטן, 21. און אין די ווייטערדיקע בריוו פרעגט ער מערערע מאָל: „הי שטיהט עש אום דש פראַנצוזישע, ליבּה פרומעט? (ז׳ 38). און אין איינעם פון די לעצטע בריוו שרייבט מענדעלסזאָן מיט גרויס צופרידנקייט: „דש זיא מיט דעם פראַנצוזשן פאָרט פאַהרן איז מיר איבּר אויש ליב (ז׳ 98).

3 שמעון בערנפעלד דערקלערט דאָס אפילו (דור תהפוכות, 32) פאַר אַן „אויס־געטראַכטע מעשה"; דעם דאָזיקן פאַקט גיט אָבער איבער בּלייכרעדער גופא אין זיינע זכרונות (זע: געדענקבלאַט, 1929, נומ׳ 9, 440).

יידישע באנקירן, פאבריקאנטן און טובי־עיר, געווען. אריבערגעווארפן א בריק צו אייראפעישער בילדונג, און אלס גרעסטער אויטאריטעט האט ביי דער דאזיקער יוגנט געגאלטן דער פריידענקער וואלטער, וואס זיינע שפיציקע גלייכווערטלעך זיינען געגאנגען פון מויל צו מויל. און בלייכ־רעדערס חבר, אויך אן ארעמער ישיבה־בחור, וואס פון זיינטוועגן האט עס טאקע דער יונגער בלייכרעדער געטראגן דעם „טריף־פסול״, דאס דייטשע בוך, און איז דורכדעם ניזוק געווארן, — האט פארנומען איינע פון די צענטראלע ערטער אין דער דעמאלטיקער דייטשער ליטעראטור און איז געווארן דער אנערקענטער פאנען־טרעגער פון דער אויפקלערונגס־תקופה פארן דייטשן יידנטום. משה בן מנחם־מענדל אוים דעסוי האט דער ישיבה־בחור געהייסן...

דורות לאנג האט מענדעלסאן געגאלטן אלס „אבי ההשכלה״ — אלס גרינדער פון דער השכלה־תקופה. נאך ביי זיין לעבן האט מען אים מיט התפעלות דערקלערט פארן „דריטן משה״, וואס האט „אונז פון טיפן שמוץ צו רום און לויב דערהויבן״ [1], פאר דעם דערלייזער, וואס האט „דאס פאלק ישראל פון דער גייסטיקער קנעכטשאפט באפרייט און ארויסגעפירט אויפן ליכטיקן וועג פון קולטור און בילדונג״ [2].

גלייך נאך מענדעלסאנס טויט האט דער „מאסף״ דערקלערט, אז „איינגעהילט אין פינסטערניש איז דורות לאנג געווען דער אמת און דער ריכטי־קער פשט פון דער תורה, ביז גאט האט באפוילן: זאל משה דערשיינען! — און ליכטיק איז מיטאמאל געווארן!״ [3] און א קריסטלעכער שריפט־

---

1 אברהם מילדולה אויס האמבורג שרייבט אין דעם „המאסף״ (דעצעמבער, 1784): האיש העומד נת־כה כאבן ספיר ופסדה איש מאוד נעלה, ומי כמוהו בארץ נמצא שלם בכל מדע וחכמה? הוא במלכים יתקלס ונצבה אלומתו, הוא בחכמים יתרומם ואין שני לו... ומי ישמע זאת ולא ידע כי זה האיש משה בר מנחם נר דורנו. כאר עמנו ומחמד עינינו, שממשה ועד משה לא קם איש חכם ונבון כמשה? אשריכם, אנשי ברלין, שזכיתם אותו, ואשריך ישראל אשר איש כזה לחומה ולמחסה בתוך עדתנו. כל איש חכם ונבון יודעי ספריו... יחדיו יאמרו: יחי האיש משה! כי — איש אלהים קדוש הוא... הלא זה האיש משה אשר העלנו מטיט היון לכבוד ולתפארה...

2 זע יאסט, געש. ד. יודענטומס א. זיינע סעקטען 3־ט אבט., 296: „מאזעס מעני־עלסאן ערשיען, אונד מיט איהם װאר דען איזראעליטען איין דריטער מאזעס גע־זאנדעס, אום דיע געביײגטען איפצוריכטען און די געפעסעלטען צו בעפרייען״. זע אויך: ד״ר פרידלענדער, געשיכטספילדער אויס דער נאכתלמודישער צייט, 4־טער טייל, 1, א. ס. אנדערע.

3 המאסף, תקמ״ו, 177.

שטעלער, קאַרל פיליפּ קאָנץ, האָט באַקלאָגט מענדעלסזאָנס טויט אין אַ גרויסער פּאָעמע, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקע פערזן:

Und du, die ihn geboren, Germania!
Sei stolz, dass du die Mutter des Weisen warst.
Du wirst ihn ewig ehren, den du
Ehrest dich selber in deinen Söhnen! [1]

אין פינף און זיבעציק יאָר אַרום נאָך מענדעלסזאָנס טויט באַזינגט אים דער באַגאַבטער דיכטער מאָריץ ראַפּאָפּאָרט אין פאָלגנדיקע פּאַטעטישע סטראָפן:

In Nacht und Stumpfsinn war das Volk versunken,
In's Grab der Ahnen zog er sich zurück;
Da naht ein Moses mit den Geistesfunken
Als Flammensäule dem erstaunten Blick,
Er zieht voran ihm mit den milden Strahlen.
Und Israel folgt treu der lichten Spur,
Und führt es durch das Meer uralter Qualen
In das gelobte Land hin der Kultur [2].

ניט בלויז דער „דור המאספים״ אין דער תקופה פון „בערלינער אויפקלערונג״, נאָר אַפילו נאָך אין סוף פונם 19טן י״ה האָט מען אין מענדעלסזאָנען געזעען דעם גרויסן רעפאָרמאַטאָר, דעם גייסטיקן פאָטער פון דער קולטורעלער אויפלעבונג ביי יידן, און מע האָט פיל גערעדט וועגן מענדעלסזאָנס „שולע״ און זיינע „תלמידים״. „אַז מע וועט אונז פרעגן — דערקלערט דער קולטור־היסטאָריקער לודוויג גייגער — וועמען האָבן עס די בערלינער יידן צו פאַרדאַנקען, וואָס זיי זיינען געוואָרן מיטגלידער פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט, וועמען האָבן זיי צו דאַנקען, וואָס זיי זיינען דייטשן געוואָרן, — מוז מען אָנרופן דעם נאָמען מענדעלסזאָן״. נאָך ווייטער גייט מיט זיין התפעלות זיין בן דור אויס רוסלאַנד, דער פּראָפעסאָר באַקסט. ער זעט אין מענדעלסזאָנען „דעם

1 אויך דער אין יענער צייט באַוווסטער דייטשער דיכטער ראַמלער האָט מענדעלסזאָנס טויט באַקלאָגט אין אַ ספּעציעלער טרויער־קאַנטאַטע, וואו אייזעבי (די קריסטלעכע באַפעלקערונג) פאַרזיכערט איר שוועסטער שולמית (דאָס יידנטום), אַז זי פילט גלייך מיט איר די גרייס פון דער דאָזיקער אבידה (זע „פני תבל״, 237 — 238, און אייכעל אין זיין „תולדות הרמבמ״ן״).

.Am Todestage Moses Mendelssohns, Leipzig, 1860 2

מאַן, וואָס האָט מיט זײַן לעבן און טעטיקייט מער פון אַלעמען מיט־געהאָלפן דער באַפרײַונג פון אונזער פאָלק אין מאָדערנעם אייראָפּע; דעם מאַן, וואָס האָט מיט דער מאַכט פון זײַן זשעני אַרויסגעפירט די יידן אויס דעם ענגן לאַבירינט פון ריטואַל־טעלאַגישער קאַזויִסטיק אויפן ברייטן טראַקט פון מענטשלעכער קולטור; דעם מאַן, וועמענס נאָמען ס׳איז געוואָרן די פאָן פון אַלעם פּראָגרעסיוו, וואָס האָט געפירט צום גייסטיקן אויפלעבן פון דעם יידישן פאָלק אין משך פון די לעצטע הונדערט יאָר״ [1].

אויך די, וואָס זײַנען אַרויסגעטראָטן אַלס איבערצייגטע געגנער פון דער „בערלינער געפעלשטער אויפקלערונג״, אויך זיי האָבן אויסגע־גאָסן זייער גאַנצן גרימצאָרן קודם־כל אויף מענדעלסזאָנען, ווייל זיי האָבן אין אים געזען דעם באַגרינדער פון דער ריכטונג, וואָס די קולטור־אַנט־וויקלונג האָט אָנגענומען ביי דער מערבֿ־יידנטום אין 19טן י״ה [2].

פאַקטיש האָבן אי מענדעלסזאָנס „חסידים״, אי זײַנע געגנער אַ טעות אין זייער אָפּשאַצן מענדעלסזאָנס ראָלע און זײַן באַטייט פאַר דער געשיכטע פון יידישער אויפקלערונג. „מיינע געמיטסאַרט איסט ניכט פיר נייערונגען״, איז זיך מענדעלסזאָן אָפנהאַרציק מודה [3]. לויט זײַן כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט איז מענדעלסזאָן אַבסאָלוט ניט געווען קיין רעפאָרמאַטאָר, קיין שטורמער; און זייער פיל פון דעם, וואָס ווערט אַרויפגעשטעלט אויף זײַן חשבון (הן מצד זײַנע „חסידים״, הן מצד זײַנע געגנער), איז ניט נאָר געטאָן געוואָרן שלא ברצונו, נייערט באַשטימט קעגן זײַן ווילן. מענדעלסזאָן גופא גיט אויף זײַן עניוותדיקן שטייגער אַ גאַנץ ריכטיקע אָפּשאַצונג פון זײַן כאַראַקטער אין דער באַקאַנטער פאָררעדע צו מנשה בן ישראלס „תשועת ישראל״: „איך האַבע יעדער־צייט אים פערבאָרגענען געלעבט, ניעמאַלס אַנטריב אָדער בערוף געהאַבט, מיך אין די הענדעל דער ווירקזאַמען וועלט איינצומישען, אונד מיין גאַנצער אומגאַנג האט זיך פאָן יעהער בלאָס אויף דען צירקעל אייניגער פרוינדע אַנגעשרענקט, די מיט מיר עהנליכע וועגע געגאַנגען זינד״ [4]. און אַפילו מענדעלסזאָנס אַזאַ הייסער חסיד ווי לודוויג גייגער מוז מודה זײַן, אַז מענדעלסזאָן איז געווען „אַ שיכטערנער, זייער פאָרזיכטיקער

1 Н. Бакст, Памяти Моисея Мендельсона 1.

2 עס געניגט צו דערמאָנען סמאָלענסקי׳נס „עת לטעת״, וואָס האָט בשעתו אָנגעמאַכט אַזאַ גרויסן רושם

3 געזאַמעלטע שריפטען, 1843, V, 351.

4 דאָרטן, III, 180.

מענטש, וואָס האָט זיך דערוואָרבן זיינע איבערצייגונגען גאַנץ לאַנגזאַם, בהדרגה, און ניט תמיד האָט ער געהאַט דעם געהעריקן מוט צו קעמפן פאַר די דאָזיקע, מיט אַזוי פיל מי דערוואָרבענע איבערצייגונגען. ער איז ניט געווען קיין קעמפער״ [1]. מענדעלסזאָן איז אין דער הינזיכט געווען דער פולער היפוך פון זיין פריינד לעסינג. יענער איז געווען אַן אומרויִ־קער גייסט, אַ געבוירענע קעמפער־נאַטור; זיין גאַנץ לעבן האָט ער פאַר־בראַכט אין אומדערמידלעכן הערא̇ישן קאַמף קעגן דעם אָפּגעשטאַנענעם, קעגן אַלץ, וואָס שמעקט מיט רוטינע, מיט פאַרגליווערטער טראַדיציע, מיט שנאה און ביטול האָט ער זיך פאַרהאַלטן צו אַלץ, וואָס האָט ביים דייטשן פיליסטער, דעם שפּיסבירגער פון אַ גאַנץ יאָר, געהייסן „שטאַט״. אַן אמתע באַהעמע־נאַטור, איז ער געווען אַ שטענדיקער נע־ווּנדניק, אַן אַזאַר־טער קאַרטן־שפּילער; האָט שטענדיק זיך געחברט מיט די פאַריער פון דער געזעלשאַפט: מיט אַקטיאָרן, מיט יידן, מיט סאָלדאַטן; אַלע זיינע יאָרן געלעבט אין דחקות, ניט געהאַט די פעיִקייט און דאָס געדולד זיך צו דערשלאָגן צום מינדסטן מאַטעריעלן דערפאָלג, צום מינימאַלן לעבנס־קאָמפאָרט. מענדעלסזאָן איז אָבער געווען דער רויִקער, דער געלאַסענער, און האָט דוקא געהאַלטן פון בעל־הבתישן „שטאַט״. מענדעלסזאָן, אַן אָרעמער ישיבה־בחור אין דער יוגנט, וואָס האָט אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין קומען קיין בערלין [2] געגעסן „טעג״ און גאַנץ אָפט געהונגערט, האָט שוין זינט 1750 ניט געוווּסט מער פון דחקות. אין דער התחלה געווען לערער אין הויז פונם רייכן זייד־פאַבריקאַנט בערנהאַרדט, דערנאָך (זינט 1754) בוכהאַלטער און קאָרעספּאָנדענט, און שפּעטער אויך שותף אין געשעפט, און געשמט אין די אינדוסטריעלע קרייזן אַלס איינער פון די גרעסטע מבינים און ספּעציאַליסטן אין זיידן־פּראָדוקציע. ער האָט אויך זייטיקע פאַרדינסטן, האַנדלט אפילו אַמאָל אונטער מיט אתרוגים, פאַר־דינט אויך אַמאָל פון שדכנות. מיט נחת־רוח ווייזט ער אָן, אַז ער שטאַמט פון גרויסן יחוס — ער איז אַן אור־אור אייניקל פון דעם בעל „המפה״, דעם רמ״א. ער האָט אויך שטאַרק חשק געהאַט צום ערן־טיטל „חבר״ און האָט זיך אפילו וועגן דעם געווענדעט צום באַרימטן

---

1 זע „וואָסכאָד״, 1897, IV, 90.

2 מענדעלסזאָן איז געבוירן דעם 6־טן סעפּטעמבער 1729 אין דעסוי אין דער פאַמיליע פון אַן אָרעמען סופר מנחם מענדל. תּלמוד מיט זיינע מפרשים האָט ער געלערנט ביים אָרטיקן רב דוד פרענקל, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען מיט זיין פירוש אויף תלמוד ירושלמי. אַז מע האָט אין 1743 דוד פרענקלען איינגעלאַדן אויפן רבנות־פּאָסטן קיין בערלין, איז אים אַהין נאָכגעפאָרן זיין תלמיד, דער פערצניאָריקער משה בן מנחם.

רב יונתן איַיבעשיץ [1]. לויט זיינע סימפּאַטיעס און וועלט־באַנעס האָט מענדעלסזאָן נאָך געהאַט פיל קרובהשאַפט מיט דער גרופּע „השכלה־פאָרלויפער״, וואָס האָבן אין ליטע און פּוילן נאָך פאַר מענדעלסזאָנען געמאַכט פרוון אויף פרידלעכן בהדרגהדיקן אופן אַרויסצופירן זייערע ברידער „אויס דעם ענגען לאַבירינט פון ריטואַל־טעאָלאָגישער קאַזויִסטיק״ [2]. און טאַקע איינער פון די דאָזיקע „השכלה־פאָרלויפער״, דער אונז שוין באַקאַנטער ישראל זאַמאָשטש [3], האָט עס דער ערשטער באַקאַנט דעם נאָך גאַנץ יונגן מענדעלסזאָנען מיט דעם רמבמ״ס „מורה נבוכים״ און דערוועקט אין אים דעם קריטישן פאָרשער־געדאַנק. זאַמאָשטש איז אויך געווען דער לערער פון דעם אייגנאַרטיקן מאַן, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע השפּעה אויף מענדעלסזאָנס גייסטיקער אַנטוויקלונג; דאָס איז — דער אַרצט אהרן ע מ ע ר י ך ג ו מ פּ ע ר ץ [4]. גומפּערץ איז געווען עלטער פון מענדעלסזאָנען מיט גאַנצע 6 יאָר; זאַמאָשטש האָט אין אים דערוועקט דעם אינטערעס צו מאַטעמאַטיק, פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפטן. אין 1751 האָט גומפּערץ אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף דאָקטאָר־מעדיצין, נאָר אַלס פאַרמעגלעכער מאַן, וואָס האָט ניט באַדאַרפט טראַכטן וועגן דאגות־פּרנסה, האָט ער אַלס אַרצט קיינמאָל ניט פּראַקטיצירט. אַ גרויסע השפּעה האָט אויף דעם יונגן גומפּערץ געהאַט פרידריך דעם צווייטנס פריינד, דער מאַרקיז ד׳אַרזשאַן (פאַרפאַסער פון די “Lettres juives„), ביי וועמען גומפּערץ איז אַ געוויסע צייט געווען סעקרעטאַר. אַדאַנק אים האָט גומפּערץ פאַרבונדן באַקאַנטשאַפט מיט די ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע קרייזן, געוואָרן אַ מיטגליד פון דער „געלערנטער קאַפע־הויז־געזעלשאַפט״ אין בערלין, און אויך אַ שטאַם־גאַסט פון דעם „מאָנטאַג־קלוב״, וואָס איז געוואָרן דער פאַרזאַמלונגס־פּונקט פון די בערלינער „אויפקלערער״. דאָרט האָט גומפּערץ געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט לעסינגן, ניקאָלאַיִן א״א. אונטער דער ווירּ

---

1 זע איַיבשיצעס בריוו, געדרוקט אין „כרם חמד״, III, 224 — 225; איבערגעדרוקט אין מענדעלסזאָנס יובילעום־אויסגאַבע, 1929, XVI, 2 — 3. איַיבעשיץ האָט מענדעלסזאָנען אָפּגעזאָגט אין זיין בקשה אונטער דעם אויסרייד, אַז ער איז נאָך אַ בחור. מענדעלסזאָן האָט ערשט מיט אַ יאָר שפּעטער (1762) חתונה געהאַט מיט פרומעט גוגענהיים אויס האַמבורג, וואָס איז לויט מענדעלסזאָנס אייגענער מעלדונג (אין אַ בריוו צו לעסינגן) געווען „וועדער שיין נאָך געלעהרט״ (געזאַמ. שריפטען, 1844, V, 166).

2 זע אונזער ווערק, ב׳ V, קאַפּ 10 — 14.

3 דאָרטן, ז׳ 287.

4 באריכות וועגן אהרן עמעריך גומפּערץ, אַן אייניקל פון דער בערימטער גליקעל פון האַמעלן, זע: קויפמאַן־פריידענטאַל, די פאַמיליע גומפּערץ, 1907, 164 — 200.

קונג פון די דאָזיקע קרייזן איז אויך גומפערץ געקומען צום באַשלוס צו פאַרנעמען זיך מיט „אויפקלערערישער״ אַרבעט אין זיין אייגענער סביבה. ער פאַרמעסט זיך צו שרייבן אַ גרויס ווערק אין העברעיִש, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע וויסנשאַפטן. אים האָט אָבער געפעלט די נייטיקע שאַפונגס־קראַפט [1], און זיין פאַרטראַכט ווערק איז פאַרבליבן ניט פאַרענדיקט. בלויז דעם אַריינפיר האָט ער פאַרעפנטלעכט אין 1765 [2], ווו ער גיט אין אַ קלאָרער, לייכט פאַרשטענדלעכער פאָרם אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער אַלע וויסנסצווייגן און פּלייסט זיך צו דערווייזן זיין לייענער־פּובליקום דעם גרויסן נוצן פון אַלגעמיינעם וועלטלעכן וויכן; אויך שטרייכט ער דערביי אונטער, אַז נאָר נאַרישע עם־האַרצישע מענטשן קאָנען אין דעם זען אַ געפאַר פאַר דער אמונה [3]. דער אין פּלפּול און סכאָלאַסטיק אויפגעצויגענער אוידיטאָריע פּרוווט דער געבילדעטער אַרצט געבן צו פאַרשטיין דעם גרויסן באַטייט פון דעם עקספּערימענ־טאַל־וויסנשאַפטלעכן מעטאָד. מען דאַרף, — דערקלערט גומפערץ, — גיין אויף דעם וועג, וועלכן עס האָבן דורכגעלייגט אַזוינע גדולי ישראל, ווי דער רמב״ם, דער אבן עזרא, דער רלב״ג און יש״ר מקאנדיא (שלמה דילמידיגו), וואָס זיינען געווען באַוואָפנט מיט אַלזייטיקן וויסן און האָבן אומדערמידלעך געקעמפט קעגן די אומוויסנדיקע נאַראָנים, וועלכע האָבן גערודפט די טרעגער פון חכמה און וויסנשאַפט.

און טאַקע גומפערץ האָט דעם פאַרדינסט, וואָס ער האָט דער ערשטער אויפגעדעקט פאַר דעם יונגן מענדעלסזאָן די ברייטע וועלט פון אייראָפּעיִשער קולטור. ער האָט מיט אים פלייסיק שטודירט די אייראָפּעיִשע קולטור־שפּראַכן, פראַנצויזיש און ענגליש [4], און האָט אים אויך באַקאַנט מיט לעסינגען, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אויסשליסלעכע השפעה אויף מענדעלסזאָנס ליטעראַרישער אַנטוויקלונג און טעטיקייט [5]

---

1 גומפערץ איז געווען אַ קרענקלעכער מאַן און איז געשטאָרבן צו 47 יאָר.

2 אונטערן טיטל „מאמר המדע״, אַלס ביילאַגע צו זיין ווערק „מגלה סוד״ (דערקלערונגען צו אבן עזראס פירוש אויף חמש מגילות).

3 ותגן בעדה נוכח פני מחריחים ההמונים הבוערים בעם חושבי רעה ומתנכלים להמית אנשים תמימים ושלמים במחקרים בלומדי תורה, בעבור כי הקנאה בלבם כאש בוערת ועל כי אין תבונה בקרבם, לא יבינו אף לא ישכילו.

4 לאַטיין האָט מענדעלסזאָן געלערנט ביים מעדיקער אברהם קיש און נריי־כיש — ביים גימנאַזיום־דירעקטאָר דאַם.

5 דערויף ווייזט אַפילו אַן מיט זיין געווייינלעכער אויפריכטיקייט מענדלסזאָן גופא. אין איינעם פון זיינע בריוו צו לעסינגן חייזט מענדלס:אָן אַן: „Mein Geist ist ohne alle Bewegung, wenn sie nicht seine Triebfedern aufziehn".

„מע קאָן מיט פולן רעכט באַהויפּטן — דערקלערט מענדעלסזאָנס ביאָגראַף קייזערלינג [1] — אַז אָן גומפּערצן וואָלט מענדעלסזאָן קיין מענדעלסזאָן ניט געוואָרן". מענדעלסזאָן גופא שרײַבט אין אײנעם פון זײַנע בריוו צו זײַן כלה פרומעט: „איהם אַליין (דעם ד"ר אהרן גומפּערץ) האבּי אַלליש צו דאַנקן וואַש איך אין ווישנשאַפטן פּראַפּיטירט האבּי" [2]. אויך אין זײַן אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ האָלט מענדעלסזאָן פאַר נייטיק אָנצוווײַזן: „אַלהיר געוואַנן איך דורך דען אומגאַנג מיט דעם נאַכהעריגען דאָקטאָר דער אַרצנײַ געלאַרטהייט, הערען אהרן גומפּערץ, געשמאַק אַן דען ווישענשאַפטן, דאַצו איך אויך פון דענזעלבען איניגע אַנלייטונג ערהילט" (געז. שריפט. 1843, V, 526). אהרן גומפּערץ באַווײַזט אויפן בולטסטן אופן, ווי איבּערטריבּן ס'איז די בײַ פילע אָנגענומענע מיינונג, אַז מענדעלסזאָן איז געווען דער ע ר ש ט ע ר צווישן די דײַטשע ייִדן, וואָס האָט דערגרייכט די הויכע שטאַפּלען פון אייראָפּעיִשער בילדונג. דערפאַר אָבער איז ער ווירקלעך געווען דער ע ר ש ט ע ר ייִד, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אַלס באַדייטנדיקער, פון אַלעמען אָנערקענטער דײַטשער שריפטשטעלער, און האָט אַלס מייסטער פון ליטעראַרישן סטיל און שפּראַך אײַנגעקריצט זײַן נאָמען אין דער ·געשיכטע פון דער נאַציאָנאַלער דײַטשער ליטעראַטור. דאָס איז ער, דער זון פונם סופר מנחם מענדל אוים דעסוי, דער „אויסעראָרדענטליכער שוציודע", געווען דער ערשטער דײַטשער שריפטשטעלער, וואָס האָט אין אַזאַ פײַנעם און קלאָרן סטיל באַהאַנדלט די טיפסטע פילאָזאָפישע פּראָבּלעמען; דאָס האָט מען אים, דעם זון פונם רעכטלאָזן געטאָ, געקרוינט מיטן ערן־טיטל „דער סאָקראַטעס אוים בערלין", מיט וועמען עס האָבּן געגאַרט צו שליסן באַקאַנטשאַפט געקרוינטע פּירשטן און די באַדייטנדיקסטע פאָרשער און דענקער פון יענער צײַט. דאָס איז ער, וואָס האָט אין 1743 אַלס פּערצן־יאָריקער אָרעמער ישיבה־בחור מיט גרויס פּחד אָנגעקלאַפּט אָן דעם רויזענטאַלער טויער (דעם אײנציקן טויער, וואָס דורך אים האָט אַ ייִד געקאָנט אַנקומען קיין בערלין) — אין צוואַנציק יאָר אַרום געקרוינט געוואָרן פון דער פּרייסישער אַקאַדעמיע מיט דעם ערשטן פּרייז פאַר זײַן פילאָזאָפישער אַרבעט: „Über die Evidenz in den metaphysischen

---

אמת, אויך מענדעלסזאָן פון זײַן זײַט האָט פיל געהאָלפן לעסינגן בײַ זײַן ליטעראַרישער אַרבעט. אַזוי, אַ שטײגער, האָט מענדעלסזאָן באַזאָרגט לעסינגן מיט פיל נײַטיקן מאַטעריאַל, בעת יענער האָט געשריבן זײַן באַרימטן „לאַאָקאָאָן".

1 Mendelssohn, sein Leben u. seine Werke, 1862, 22.

2 כתבים עברים, ב' XVI, 16.

"Wissenschaften"[1], דערצו דארף מען נאָך נעמען אין באַטראַכט מענדעלס־זאָנס צאַרטן כאַראַקטער, דעם באַזונדערן חן פון זיין סימפּאַטישער פּערזענלעכקייט, — דאָס אַלץ האָט עס באַשיינט מענדעלסזאָנס נאָמען מיט אַזאַ גרויסן רום און אויסערגעוויינלעכן גלאַנץ, געשאַפן די "מענדעלסזאָן־לעגענדע", די פּאַטעטישע אַגדה וועגן דעם "דריטן משה", וואָס האָט "דאָס יידישע פאָלק אַרויסגעפירט אויס דער נאַכט פון גייסטיקער קנעכטשאַפט"[2].

אין דער אמתן אָבער איז מענדעלסזאָן, לויט זיין טעמפּעראַמענט און וועלט־באַנעם, אַזוי ווייניק געווען צוגעפּאַסט צו ווערן דער פּאַנער־טרעגער פון אַ רעפאָרם־באַוועגונג. ער גופא איז מודה אין אַ בריוו צו לעסינגן[3], אַז בלויז דער נאָמען "פרייגייסט" וואַרפט אויף אים אַן אַ פּחד ("ערוועקט שוידער"); ער ווערט ממש דערציטערט ביי דער ידיעה, אַז זיין לאַנגיאָריקער פריינד, דער באַשעפער פון "נתן החכם", איז די לעצטע יאָרן זיינע געווען נוטה צום אַטעיִסטישן וועלט־באַנעם,

---

1 דעם צווייטן פרייז האָט דעמאָלט באַקומען עמנואל קאַנט, דער גרויסער "אומשטירצער", דער צוקינפטיקער צעשטערער פון די "מעטאַפיזישע וויסנשאַפטן". מענדעלסזאָנס פרייזשריפט איז אין שפּעטערער צייט אויך דערשינען אין העברעישער איבערזעצונג (הבירור הפילוסופי, 1866).

2 דער ערשטער געשיכטסשרייבער, וואָס האָט געפּרוּווט געבן אַ מער אָביעקטיוו בילד וועגן מענדעלסזאָנס ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז געווען שמעון בערנפעלד אין זיין "דור תהפוכות" (1897). פאַר בערנפעלדן, נאָך אין די 80ער יאָרן פון פאָריקן י״ה, האָט דוד פרישמאַן אין זיינע באַקאַנטע "מכתבים על דבר הספרות" אָנגעוויזן, אַז וועגן מענדעלסזאָנען און זיין טעטיקייט גיבן אַ גאַנץ אייגזייטיק און פאַלש בילד ניט נאָר מענדעלסזאָנס פאַרערער, נייערט אויך זיינע געגנער. צו די, וואָס האָבן מיט אַזאַ צאָרן און פאַרביטערונג גערעדט וועגן "מענדעלסזאָנס השכלה", האָט עס פרישמאַן געטענהט: "וואָס האָט עס פאַר אַ זין אַלץ צו פאַרבינדן מיט מענדעלסזאָנס נאָמען און דערנאָך קומען מיט פּרעטענזיעס, אַז דאָס אַלץ איז שעדלעך און שלעכט? ווער פאָדערט פון אייך, איר זאָלט מענדעלסזאָנען דערקלערן פאַרן באַשעפער אין הויפּטפירער פון דער "בערלינער השכלה", און דערנאָך זיך באַקלאָגן, אַז זיינע גייסטיקע יורשים גייען אין שלעכטע דרכים אין די השכלה, וואָס זיי פריִקן, איז פון גאַנץ קנאַפּן ווערט? ווער האָט אייך געהייסן נעמען אַ מענטשן, וואָס איז נאָך געווען אַזוי פאַרבונדן מיט מסורת אבות, אַ מענטשן אַ יושב אוהל, וואָס האָט פאַקטיש געהאַט אַזאַ קנאַפּע שייכות צו די געשעענישן פון יענער צייט, — און קומען צו אים מיט טענות, פאַרוואָס זיינען יענע געשעענישן שלעכט און זייערע פאָלגן נאָך ערגער? איך, אַ שטייגער, האָב קיינמאָל ניט איבערגעשאַצט מענדעלסזאָנס באַטייט, אים קיינמאָל ניט פאַרגעטערט — און איך האָב אים דערפאַר ניט באַדאַרפט דערנאָך אַראָפּוואַרפן פונם פּיעדעסטאַל".

3 געז. שריפטן, 1843, V, 92.

וואָס ליגט אין דער עקסיסטענץ פון אַן אור-סיבה, וועלכע רעגירט די וועלט. מיטן גאַנצן הארצן איז מענדעלסזאָן געווען צוגעבונדן צום אַלטן יידישן לעבנסשטייגער און געטריי זיך געהאַלטן אָן די טראַדיציעס פון די רעליגיעזע מנהגים. זיינע ראַציאָנאַליסטיש-געשטימטע אָנהענגער, וואָס רעכענען זיך פאַר מענדעלסזאָנס תּלמידים, פּרוּוון אפילו דערווייזן, אַז דאָס אַלץ איז געווען בלויז לפנים; די דאָזיקע מיינונג ווערט אָבער אָפּגעלייקנט ניט בלויז דורך זיין ווערק „יערוזאַלעם“, וועגן וועלכן מיר וועלן נאָך ווייטער ריידן, נאָר אויך דורך פיל מענדעלסזאָנס אינטימע בריוו. אדאנק זיי ווערן מיר, אַ שטייגער, געוואָר, אַז בעת מענדעלסזאָן איז געווען אונטערוועגנס אין ברוינשווייג, נוצט ער ניט אויס די פּאַסנ-דיקע געלעגנהייט צו זעען זיך מיט זיין פריינד לעסינג נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט חילול שבת[1]. ער רייסט איבער אין דער מיט זיין בריוו צו אַבטן, ווייל „דער שבת קומט אָן“[2]. „דער שבת קומט אָן און איך מוז ענדיקן“, שרייבט מענדעלסזאָן אָן אַנדערס מאָל דעם זעלבן אַבטן[3]; ער זאָגט זיך אויך אָפּ צו טרינקען דעם בעכער וויין, וואָס עס דערלאַנגט אים לעסינג, ווייל דאָס איז דאָך — „יין נסך“[4]. „איך פרייע מיך — איז זיך מענדעלסזאָן אָפּענהערציק מודה — מיט יעדן רעליגיאָנס-געברויך (רעליגיעזן מנהג), דער ניכט צו אונטאָלעראַנץ אונד מענשענהאַס פירט, פרייע מיך, ווי מיינע קינדער, מיט יעדער צערעמאָניע, די עטוואַס וואַהרעס אונד גוטעס צום גרונדע האַט“[5].

דער ספר „תהילים“ איז ביי אים ליב און טייער ניט בלויז אַלס ליטע-ראַרישער דענקמאָל פון גרעסטן ווערט, נאָר דער עיקר אַלס תּפילות, אין וועלכע ער גיסט אויס זיינע רעליגיעזע געפילן. — „זיי (די פּסאַלמען) פאַרזיסן מיין שווער געמיט“, שרייבט מענדעלסזאָן צו סאָפיע בעקער אַ וואָך פאַר זיין טויט, — „אונד איך בעטע און זינגע זי, זאָ אָפט אויך איך בעדירפניס, צו בעטן און צו זינגען, ביי מיר פערשפּירע“[6].

בעת מענדעלסזאָן האָט שוין געשמט אַלס גלענצנדיקער שריפט-שטעלער און עסטעטישער קריטיקער אין דער דייטשער ליטעראַרישער וועלט, איז ער אין דער יידישער סביבה נאָך אַלץ פאַרבליבן דער טראַ-

---

1 געז. שריפט. 1843, V, 191.

2 דאָרטן, 326.

3 דאָרטן, 344.

4 קייזערלינג, מאָזעס מענדעלסזאָן, 143.

5 געזאַמ. שריפטן, V, 649.

6 דאָרטן, 650.

דיציפּלינירטער תּלמיד־חכם, וואָס איז שטרענג מקיים אַלע מצוות פון דער תּורה. פאַרהאַלט זיך מיטן גרעסטן יראת הכּבוד צו די רבנים פון זיין צייט און בעט אפילו (זע אויבן ז׳ 22—23) ביים גרעסטן פון זיי, ער זאָל אים באַקרוינען מיטן ערן־טיטל „חבר״. דאָ קאָן כּלל די רייד ניט זיין וועגן צביעות אויס מורא פאַר רדיפות מצד די רבנים, — ער גופא ווייזט אָן אין זיין באַקאַנטן ענטפער לאַפאַטערן: „וואָס קענטע מיך אָבהאַלטן? פורכט פאַר מיינע גלויבענסגענאָסען? אירע וועלטליכע מאַכט איסט אַלצו געריננגע, אַלס דאָס זי מיר פירכטערליך זיין קענטע״ 1.

מענדעלסזאָנס אינטימע וועלט און זיין גאַנצער וועלט־באַנעם דעקט זיך אַמקלאָרסטן אויף אין זיין ווערק, וואָס האָט אים אַזוי באַרימט געמאַכט אין די ברייטע אינטעליגענטע קרייזן: „פעדאָן, אָדער איבער די אונשטערבליכקייט דער זעעלע״. אָט דאָס אין דייטש געשריבענע ווערק, וואָס איז לויט זיין סטיל און אויסערער פאָרם אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן ליטעראַרישן שאַפן פון דעם גרויסן גריכישן גאון פּלאַטאָן 2 — איז לויט זיין אינהאַלט און טעמאַטיק אַ טיפּיש יידיש ווערק, און געפינט זיך אין אַזאַ דירעקטער קרבֿות מיט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן פאַרנומען אַזאַ חשובן אָרט אין דער העברעיִשער רעליגיעז־פילאָזאָפישער ליטעראַטור. און ניט אומזיסט האָט טאַקע מענדעלסזאָן אין דער התחלת פאַרטראַכט זיין ווערק אין העברעיִש 3. „פילע וויכטיקע מאָטיוון — ווייזט אָבער מענדעלסזאָן אָן — האָבן מיר ניט דערלויבט דאָס דורכצופירן, און זיי האָבן מיך עס געצוווּנגען צו שרייבען מיין פאַרטראַכט ווערק אויף אַ שפּראַך פון די אומות העולם, ווי דאָס האָבן בשעתּם געטאָן פיל גרעסערע און וויכטיקערע פון מיר און האָבן פאַרפאַסט זייערע ווערק אין אַראַביש״ 4.

---

1 קייזערלינג, מאָזעס מענדעלסזאָן, ב׳ III, 41.

2 מענדעלסזאָן איז געווען באַזונדערס אַנטציקט פון פּלאַטאָנען אַלס אומפאַרגלייכלעכן סטיליסט. „וכמעט אין בחכמי האומות ומליציהם מדבר צחות כּמוהו״, שרייבט מענדעלסזאָן אין איינעם פון זיינע בריוו. אין מענדעלסזאָנס ליטעראַרישער ירושה האָט זיך געפונען אין כּתב־יד זיין דייטשע איבערזעצונג פון די ערשטע דריי ביכער אויס פּלאַטאָנס „רעפּובליק״.

3 זע זיין בריוו צו נפתּלי הערץ וויזעל אין „כּתבים עבֿריים״, 1929, XVI, 118 — 119: והנה מתחלה עלה על דעתי לכתבו בלה״ק... ורציתי לנטות מדרך אפלטון מכל וכל ולכתוב ספר לעצמי על תולדות הנפש והשארתה וליסד לקחי על מאמרי רז״ל בהגדות ומדרשות כּי כּרובם ככולם מסכּימים עד מאוד למה שבארתי בדרך האמת שלא יתנגד לאמת בשום פּנים״.

4 באַלד נאָכדעם, ווי דער „פעדאָן״ איז דערשינען, שרייבט מענדעלסזאָן אין אַ בריוו צום מאַטעמאַטיקער רפאל לוי: „איך האָב בדעה צו שרייבן אין העברעיִש

און די מאָטיוון, וואָס האָבן מענדעלסזאָנען באַוואויגן צו שרייבן זיין „פעדאָן״ אין דייטש, זיינען טאַקע געווען גאַנץ וויכטיקע. די גאַנצע „אויפקלערערישע״ תקופה טראָגט אַ שאַרף אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער. די נאָך מאַכט שטרעבנדיקע בורזשואַזיע שיכטן זיינען אַרויסגעטראָטן אינם נאָמען פון דעם יחיד, פון דער פערזענלעכקייט, וואָס פאָדערט שטאָלץ אירע רעכט, איר אָנערקענונג אין דער געזעלשאַפט. „דער מענטש איז געבוירן גליק צו געניסן״ — דאָס איז געווען דער דעוויז פון דעם נייען אויפקומענדיקן קלאַס, וואָס האָט זיך געוואָלט שטיצן נים אויף יחוס אבות, נאָר אויף אייגענע פאַרדינסטן פון יעדן מיטגליד באַזונדער. אויך די פילאָזאָפישע סיסטעם, וואָס איר איז מענדעלסזאָן געווען איבערגעגעבן כל ימיו — די סיסטעם פון לייבניץ אין דער באַאַרבעטונג פון זיין תלמיד וואָלף, איז געווען דורך און דורך אָפּטימיסטיש. לויט לייבניצעם פעסטער איבערצייגונג ווערט די וועלט געפירט לויט דעם סדר פון „פּראַויסבאַשטימטער האַרמאָניע״ (praestabilita harmonia). די עקסיסטירנדיקע וועלט איז די בעסטע פון אַלע מעגלעכע וועלטן, און נאָר דורך איר און נית דורך קיין שום אַנדערע קאָן פאַרווירקלעכט ווערן דער ציל פון דער וועלט-באַשאַפונג. די סיסטעם פון לייבניץ-וואָלף האָט נאָך פאַקטיש געטראָגן אַ געוויסן טעאָלאָגישן לבוש; די ראַציאָנאַליסטישע אידעען, וואָס האָבן פיל מיטגעהאָלפן דער פערזעלעכקייט צו באַפרייען זיך פון דער אוים דעם אַלטן לעבנס-שטייגער בירושה געבליבענער גייסטיקער קנעכטשאַפט, האָבן אָבער שטאַרק אונטערגעגראָבן דעם רעליגיעזן וועלט-באַנעם מיט זיין פעסטן גלויבן אין שכר ועונש און אין השארת הנפש. דאָס האָט זיך קודם-כל געפונען אין אַ געוויסער סתירה מיט דער אָפּטימיסטישער וועלט-אָנשויונג: דער מענטש איז דאָך געבוירן גליק צו געניסן אויף דער בעסטער פון אַלע וועלטן, וואָס ווערט דאָך רעגירט דורך דער „פּראַויסבאַשטימטער האַרמאָניע״ — און דעם מענטשנס לעבן איז אַזוי קורץ, פול מיט צער אוןליידן; שוין לויערט

אַן אָפּהאַנדלונג איבער די „אונשטערבליכקייט דער זעעלע״. איבערזעצן לאָסט זיך דער פעדאָן ניכט; װעניגסטענס װאָלט ער אין העברעיִשן אויפגעהערט פאַרשטענדליך צו זיין, דאַפון בין איך איבערצייגט, דעסװעגען װאָלט איך גערן אים געװאָלט געבען אַן אַנדער איינקליידונג, בכדי צו מאַכען די זאַך פאַרשטענדליכער אונזערע גלויבענסגענאָסען״ (געז. שר. V, 449). און מענדעלסזאָן האָט טאַקע זיין װאונטש טיילווייז דערפילט: ער האָט געמאַכט אַ העברעיִשן אויסצוג פון זיין „פעדאָן״ אין דער העברעיִשער אָפּהאַנדלונג „הנפש״, װאָס פרידלענדער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1787. נאָך מיט אַ יאָר פריער איז אין דרוק דערשינען בער בינגס אַ פולשטענדיקע העברעיִשע פעדאָן-איבערזעצונג, װאָס איז דערנאָך אייניקע מאָל איבערגעדרוקט געװאָרן.

אויף אים דער טויט, און — ווי אַ שאָטן פאַרשווינדט דער מענטש, צעפאַלט אין ערד און שטויב... עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס אין דער „אויפקלערער״־תקופה איז געשענקט געוואָרן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט דעם טויט־פּראָבלעם, און מיט אַזאַ פיינלעכן אינטערעס האָט מען זיך באַשעפטיקט מיט דער פראַגע וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער מענטשלעכער נשמה. עס גענוגט צו דערמאָנען דעם גרעסטן דייטשן שריפטשטעלער פון יענער תקופה — גאָטהאָלד אפרים לעסינג. דער דאָזיקער ליכטיקער און פרייער גייסט איז געווען אַן איבערצייגטער ראַציאָנאַליסט. „נון לעבען וויר צו איינער צייט — דערקלערט ער מיט באַפרידיקונג — אין וועלכער די שטימע דער געזונדער פערנונפט לאוט (הויך) ערשאַלט״. לעסינג, און דערמיט אונטערשיידט ער זיך דיאַמעטראַל פון מענדעלסאָנען, איז געווען געבענטשט מיט אַ היסטאָרישן חוש [1]; ער באַטראַכט די היסטאָרישע רעליגיעס אַלס געוויסע שטאַפּלען אין דער דערציִונגס־געשיכטע פון דעם מענטשנגעשלעכט און איז פעסט איבערצייגט, אַז „ווען דעם מענטשלעכן געשלעכט דאַמיט געהאָלפען זיין זאָל״ — איז אומבאַדינגט נויטווענדיק, אַז די געאָפענבאַרטע רעליגיעס זאָלן זיך אַנטוויקלען אין „פערנונפטוואַרהייטען״ [2]. אָבער אויך לעסינג שענקט זיין גרעסטע אויפמערקזאַמקייט דער פראַגע וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. דעם גרונדאונטערשייד צווישן יידנטום און קריסטנטום, וואָס לעסינג באַטראַכט אַלס באַזונדערע שטאַפּלען „אין דער ערציהונג דעם מענשענגעשלעכטס״— זעט ער אויסשליסלעך אין דעם, וואָס תורת משה ווייסט נאָך ניט וועגן השארת הנפש און אין דעם יעוואַנגעליום איז איינע פון זיינע גרונדדאָגמען דער גלויבן אין דער אומשטערבלעכקייט פון דעם מענטשנס נשמה. און די דאָזיקע לעצטע אַרבעט זיינע, וואָס לעסינג האָט פאַרעפנטלעכט איניקע חדשים פאַר זיין טויט, פאַרענדיקט ער, דער איבערצייגטער ראַציאָנאַליסט, מיט אַ פּאַטעטיש האַרציקן לויבגעזאַנג דעם אונז שוין פון דער קבלה גוט באַקאַנטן גלויבן אין — גלגול הנפש. „וואָרום, פרעגט לעסינג, קענטע יעדער איינצעלנע מענש אויך ניכט מעהר אַלס

---

1 ער זאָגט, אַ שטייגער, אַרויס פאָלגנדיקן, פאַר יענער צייט, העכסט אינטערעסאַנטן געדאַנק: „Viele von den kleineren Staaten würden ein ganz verschiedenes Klima, folglich ganz verschiedene Bedürfnisse und Befriedigungen, folglich ganz verschiedene Gewohnheiten und Sitten, folglich ganz verschiedene Sittenlehren, folglich ganz verschiedene Religionen haben“, (Ernst und Falk, zweites Gespräch).

2 דיע ערציהונג דעס מענשענגעשלעכטס, § 76.

איינמאָל אויף דיזער וועלט פאַרהאַנדען געוועזען זיין? איסט די היפּאָ־טעזע דארום זאָ לעכערליך, ווייל זי די עלטעסטע איסט? וואַרום זאָלטע איך ניכט דאָ וויעדערקאָממען, אַלס אויך נייע קענטניסע, נייע פערטיג־קייטען צו ערלאַנגען געשיקט בין? וואַרום ניכט?"

וואַרום ניכט? אָט די ספקות־פולע פראַגע האָט באַונרויִקט פיל גייסטער פון יענער צייט. „אָהנע גאָט, פאָרזעונג אונד אונשטערב־ליכקייט — דערקלערט מענדעלסזאָן — האַבען אַלע גיטער דעם לעבענס אין מיינען אויגען פערעכטליכען ווערט" [1]. דער פּאָפּולערער פרעדיקער שפּאַלדינג שרייבט אַ ספּעציעלע אַרבעט „איבער די באַשטי־מונג דעם מענשען". נישט אַלע ווערן אָבער דורך איר באַפרידיקט און באַרויִקט. דער יונגער גייסטרייכער אַבּט גיסט אויס פאַר מענדעלסזאָנען זיין שווער געמיט און זאָגט פאַר אים אַרויס זיינע שווערע ספקות „איבער די בעשטימונג דעם מענשען" [2]. מענדעלסזאָן האָט געפּרוּווט אָפּווענדן אַבּטס ספקות אין אַ קורצער אָפּהאַנדלונג, נאָר אַן ענדגילטיקן ענטפער האָט ער געגעבן אַבּטן און אַלע אַנדערע צווייפלענדיקע פון זיין דור אין זיין „פעדאָן" (1667) [3].

זיין גוואַלדיקן דערפאָלג האָט דאָס ווערק צו פאַרדאַנקען ניט אַזוי זיין גלענצנדיקן סטיל און קונציקער דיאַלעקטיק, ווי דעם טיפן פעסטן גלויבן, מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען, אין דער לייטזעליקייט פונם באַשעפער, וואָס איז „די אַלערהעכסטע גיטע אונד אַלערהעכסטע וויזהייט". „דער מענש איז געבוירן גליק צו געניסן" — אָט דער דאָזיקער דעוויז שימערירט פון די בלעטער פון מענדעלסזאָנס „פעדאָן" מיט אַזאַ תמימות־מילדן ליכט... חוצפהש־ווילד קומט אויס ביי מענדעלסזאָנען אריה די מודינה'ס געדאַנק, אַז גאָט האָט אויס האַס און קנאה בן געוועזן זיין קרוין־באַשאַפונג, דעם מענטשן, אויף שטענדיקע ליידן. אין לעבן אויסגעשטאַנענע ליידן קאָנען ניט בלייבן אָן פאַרגיטי־קונג; די באַשאַפונג, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן גאָט־באַוווסטזיין, — קאָן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין „שטויב, מאָדער אונד פערוועזונג". מענדעלסזאָן לייגט אריין אין סאָקראַטעסעס מויל זיין אייגענעם „אני מאמין", בעת יענער דערקלערט: „וואָס מיך באַטרעפט, באַגניג איך

---

1 מאָרגענשטונדען, 147 (תּיינער־אויסגאַבע, 1838)

2 זע מענדעלסזאָנס „געזאַמ. שריפטען", 1843, V, 279 — 313.

3 אַ געוויסע ראָלע האָבן דאָ אויך מיטגעשפּילט ריין פּערזענלעכע אומ־שטענדן. אין 1766 האָט מענדעלסזאָן פאַרלוירן זיין פאָטער, זיין זון, און אין דעם זעלבן יאָר איז אויך זיין פרוי געפערלעך קראַנק געוועזן.

מיך מיט דער איבערצייגונג, אז איך וועל אייביק זיך געפינען אונטער דעם געטלעכן שוץ (אפהיט), אז עס געוועלטיקט איבער מיר א הייליקע און גערעכטע השגחה אין דעם לעבן, ווי אין יענעם, און אז מיין אמתע גליקזעליקייט באשטייט אין די שיינקייטן און פולקומענהייטן פון מיין גייסט, און דאס זיינען: גערעכטיקייט, פרייהייט, ליבע, גוטסקייט, גאט־דערקענטעניש, מיטהעלפן זיינע פארבאשטימונגען און איבערגעבן זיך מיטן גאנצן הארצן זיין הייליקן ווילן. די דאזיקע גליקזעליקייטן ווארטן אויף מיר אין יענער צוקונפט, וואהין איך טו אזוי איילן. מער באדארף איך ניט וויסן, בכדי איך זאל קאנען מיט א רויקן געמיט באטרעטן דעם וועג, וואס וועט מיך אהין פירן״ [1]. און וואס פאר א הארציקער גלויבן שפירט זיך אין מענדעלסזאנס ווערטער: „מיר מענטשן דא אין דער נידער — מיר זיינען דאך ווי שומרים (שילדוואכען) און דארפן דערפאר ניט פארלאזן אונזערע פאסטנס — „ביז וויר אבגעלעזט ווירדען!״ [2].

ניט בלויז סאקראטעסעס תלמיד סימיאס, נאר אויך מענדעלסזאן גופא גלויבט פעסט אין דער דאגמע, אז דעם מענטשנס נשמה איז אומשטערבלעך; ער איז בלויז מסופק אין דער „פערנונפטמעסיגער ער־ווייזליכקייט״ פון דעם דאזיקן גלויבן, ד״ה, צי לאזט זיך דאס אויף ראַ־ציאנאליסטישן אופן דערקלערן — „דורך די פערנונפט צו איבערצייגען״. „איך אבער, דערקלערט מענדעלסזאן אין נאמען פון סימיאס, נעם אן מיטן גאנצן הארצן די דאזיקע טרייסטפולע לערע ניט בלויז אין דער געשטאלט, ווי מיר האבן זי באקומען בירושה פון אונזערע אמאליקע חכמים, אויסער אפשר אייניקע פארפעלשונגען, וואס עס האבן צוגעטראכט דיכטער און פאבל־דערפינדער [3]. אויך אן לאגישע „אונאומשטעסליכע גרינדען״ גלויבט מענדעלסזאן פעסט און שטארק אין השארת הנפש, ווייל ער איז דאך טיף דורכגעדרונגען מיט דער אייזנפעסטער איבערציי־גונג, אז גרויס איז אן א גרענעץ די ליבע פון באשעפער צו זיינע באַ־שאפונגען. „איך וויים — דערקלערט מענדעלסזאן אין נאמען פון סאקראַ־טעסן, — אז ניט אלץ ענדיקט זיך פאר אונז מיטן טויט — עס פאלגט נאך אן אנדער לעבן!״ [4].

ניט אויף לאגישע באווייזן שטיצט זיך ביי מענדעלסזאנען דער דאזיקער גלויבן, נאר אויף דעם מאראלישן באוווסטזיין. לייבניץ באגרינ־

---

1 פעדאן, אויסגאבע פון יאר 1869, דאס דריטע געשפרעך, 101.

2 דארטן, 34.

3 דארטן, 62.

4 דארטן, 37.

דעם די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה אויף זיין טעאריע וועגן דער „פארויסבאשטימטער הארמאניע“, און זיין נאכפאלגער מענדעלסזאן קומט צום פאלגנדיקן אויספיר: עס קאן ניט זיין, אז דער מענטשלעכער גייסט זאל גלייך, ווי דער קערפער, זיך פארענדיקן מיטן טויט; אניט וואלט דאך דאס גאנצע לעבן געווען א טרויעריק לצנים־שפיל, און די מסורה פון די אבות — ליגן און שווינדל. „איז אונזער גייסט פארגענגליך — רופט אויס סאקראטעסעס תלמיד סימיאס — האבן אונזערע געזעצגעבער און גרינדער פון מענטשלעכע געזעלשאפטן אדער אונז אדער זיך גופא גענארט; אויב אזוי האט די גאנצער מענטשלעכע געזעלשאפט פארויס ביי זיך באשלאסן צו פראפאגאנדירן א פאלשע אידעע און צו האלטן אין גרויס כבוד דעם נאמען פון די באטריגער, וואס האבן אויסגעטראכט די דאזיקע אידעע, — דאן איז א קיבוץ פון פרייע, דענקענדיקע מענטשן ניט מער ווי א טשערעדע אומוויסנדיקע בהמות“ [1].

ניט מיט דער הילף פונם עקספערימענט, ניט דורך אונזערע אויסערע חושים דערווערבן מיר אונזערע באגריפן וועגן חכמה, גוטסקייט און פולקומענהייט, נייערט א דאנק אונזער אינעווייניקסטן באוווסטזיין, וואס באשטעטיקט מיט דער גרעסטער איבערצייגונגס־קראפט, אז די דאזיקע באגריפן זיינען די אמת ריכטיקע, די ווירקלעך עקסיסטירנדיקע, אדער, ווי איינער פון סאקראטעסעס תלמידים דריקט זיך אויס ביי מענדעלסזאנען — „אין דעם אלערהעכסטען גראדע ווירקליך זינד“. און אט די דאזיקע באגריפן — זיי צווינגען אונז מיט זייער גאנצן מהות, מיר זאלן אונזער שטענדיק טראכטן און דענקען ווענדן צו דעם העכסטן פון אלע באגריפן, וואס איז — „לויטער װארהייט, לויטער גיטע, לויטער פאלקאמענהייט“ [2]. און מענדעלסזאן האלט דערביי פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז ביים דערווערבן די דאזיקע העכסטע באגריפן, וואס אין דעם באשטייט דאס העכסטע גליק און די העכסטע דערגרייכונג אויפן וועג פונם מענטשן, — איז דער קערפער מיט זיינע חושים ניט נאר ווייניק באהילפיק, נייערט ער שטערט נאך פאקטיש מיט זיין באגרענעצטער אומבאהאלפנקייט („ניכט נור איין אונניצליכער, זאנדערן אויך איין בעשווערליכער געזעלשאפטער“).

כאראקטעריסטיש איז דערביי פאלגנדיקער פרט. אזא אנטשיידענער ראציאנאליסט, ווי דער רלב״ג, האט געהאלטן פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז דער „שכל הנקנה“, דאס אינדיווידועל־אומשטערבלעכע

1 פעדאן, אויסגאבע פון יאר 1869, 62.

2 ראַרסן, 41.

אינם מענטשן, דער פועל יוצא פון דעם אלגעמיינעם „שכל הפועל״ — איז ענג פארבונדן מיט די חושים, מיט די ארגאנען פון געפיל און עמפפינדונגען [1]. ער, דער אריסטאטעליקער און איבערצייגטער ראציאנאליסט, מוז אנערקענען, אז די באגריפן פונם דענקענדיקן און פארשטענדיקן מענטשן גיבן ניט קיין פולשטענדיק ריכטיק און ענדגילטיק בילד וועגן דעם מהות פון די אביעקטן, וועלכע דער מענטשן-פארשטאנד מוז אויספארשן. ווארעם דער מענטש, דער בשר ודם, באזיצט ניט אזא פולשטענדיק „ריינעם״ פארשטאנד, וואס זאל זיין בכוח אויפצונעמען און משיג צו זיין דאס אבסאלוטע און אבסטראקטע, דאס אלגעמיין-אוניווערסאלע, אן דער הילף פון געפילן און שפירונגען. משיג זיין אין פולער מאס דעם אוניווערסאלן גייסט, זיך פולשטענדיק באהעפטן מיטן „שכל הפועל״ — דאס איז פארן „שכל הנקנה״ אוממעגלעך, ווייל זיין וויסן איז דאך אפהענגיק פון דעם מענטשנס באגרענעצטע געפילן. מיר קענען בלויז שטרעבן, ווי ווייט ס׳איז מעגלעך, זיך צו דערנענטערן צום אמתן און פולשטענדיקן וויסן. אבער נאכן טויט פונם מענטשן קאן שוין זיין גייסט, זיין „שכל הנקנה״ ניט באדייכערן זיין וויסן, ער איז שוין ניט אימשטאנד זיך צו דערווערבן נייע באגריפן, ווייל אים פעלן דאך די חושים, וואס זיינען די נויטווענדיקע כלי-מכשירים ביים מענטשן צו דערווערבן וויסן.

גאנץ אנדערש פארהאלט זיך מענדעלסאן צו דער דאזיקער פראגע. אלס געטרייער אנהענגער פון לייבניץ-וואלפס פילאזאפישן סיסטעם [2] באטראכט ער די נשמה אין א געוויסער אומאפהענגיקייט פונם קערפער און איז איין דעה מיט לייבניצן, אז דער מענטשלעכער גייסט באקומט פאקטיש גארנישט פון דער מאטעריעלער אויסנוועלט. אונזערע חושים קאנען געבן אונזער באוווסטזיין בלויז מטושטשע, ניט ריכטיקע פארשטעלונגען. „מיר — דערקלערט מענדעלסאן — באקומען אויף אזא אופן בלויז שאטנס אנשטאט דער רעאלערווירקלעכקייט״. דעם ענדציל פון אונזערע שטרעבונגען, דאס ווירקלעכע וויסן קאן דער מענטש, לויט מענדעלסאנס וועלט-באנעם, דערגרייכן ערשט נאך דעם טויט. „ערשט דאן קאנען מיר האבן דערפאלג אויפן וועג פון אונזער אמונ-זוכן, ערשט דאן וועלן מיר זיין אימשטאנד משיג צו זיין יעדע זאך לויט איר ווירקלעכן מהות און ניט צו שאצן זי לויט דעם באגריף, וואס עס גיבן

---

1 זע אונזער הערק, ב׳ III, 179 — 180.

2 אז ער האלט אין דער דאזיקער פראגע מיט די „אנשי כת לייבניץ״, שטרייכט אונטער מענדעלסאן גופא אין זיין העברעישן פעדאן-איבערזעצונג.

אונז ווענן איר אונזערע חושים („די דינגע נאָך דער ווירקליכקייט, ניכט אַבער נאָך דעם זינענשײַן בעאורטײַלען") [1].

מענדעלסאָן, אַלס לייבניצעס נאָכפאָלגער, ווארפט אַנטשיידן אָפּ דעם גרונדזאַץ פון די מאַטעריאַליסטן און סענסואַליסטן, אַז nihil est in intellectu, quod non fuerit in sensu, ד״ה, אַז אונזער אינטעלעקט קאָן קיין שום באַגריפן ניט דערװערבן אָן די שפּירונגען פון אונזערע חושים, ווייל בלויז זיי, די חושים, שאַפן פאַרן מענטשלעכן גייסט דעם רוי־מאַטעריאַל, וועלכן עס פורעמט אום דעם מענטשנס העכסטער קריטישער פאַרשטאַנד. מענדעלסאָן גלייבט ניט אין דער ריכטיקייט פון דעם דאָזיקן זאַץ. ווי אַזוי, פרעגט ער, איז מען עס געקומען צו דעם דאָזיקן אויספיר? בלויז אויס דער דערפאַרונג, אַז דאָ אין אונזער לעבן קאָנען מיר ניט דענקען אָן איינדרוק, וואָס מיר באַקומען פון אונזערע חושים [2]. מען טאָר אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז בעת אונזער גייסט באַפרייט זיך פון דעם דורכן טויט פאַרשטאַרטן קערפּער, טוט אונזער נשמה ווייטער עקסיסטירן און זיך אַנטוויקלען לויט אַנדערע, נאַטירלעכע, אָבער ניט־ערדישע (שפּײַצירט פון מענדעלסאָנען) געזעצן, וואָס זיינען ניט פאַרבונדן מיט די באַגריפן פון צייט און רוים [3]. מענדעלסאָן האַלט פאַר אַ טעות די אַנגענומענע מיינונג, אַז דאָס שפּירן און עמפּפינדען איז די אויסשליסלעכע אייגנשאַפט פונם קערפּער; ער שטעלט אַפילו אַרויס פאָלגנדיקן זאַץ: „דאָס פערמעגען צו עמפּפינדען איסט קיינע בעשאַפענהייט דעם קערפּערס". די נשמה אָבער — זי איז באַשאַנקען ביז צו דער העכסטער מדרגה מיט דער אייגנשאַפט פון וועלן און דענקען [4]. ערשט נאָכן טויט, ווען די, מיט געפילן און ווילן באַ־שאַנקענע, נשמה באַפרייט זיך פון די שווערע קערפּערלעכע קייטן, — ערשט דעמאָלט קאָן זי אומגעשטערט זיך איבערגעבן אַלעם דעם, צו וואָס זי האָט אַממייסטן געגלוסט, בעת זי האָט נאָך געוואַנדערט איבער דער ערד: שיינקייט, מדות טובות און הייסן ווילן דעם אמת צו דערפאָרשן. ערשט דעמאָלט איז זי בכּוח צו דערפילן דעם העכסטן ציל פון וועלט־באַשאַפונג: צו דערהייבן זיך פון שטאַפּל צו שטאַפּל אין די העכסטע ווייטן,

---

1 פעדאָן, 48.

2 דאָרטן, 57: Ist es nicht bloss die Erfahrung, dass wir hir in diesem Leben niemals ohne sinnliche Eindrücke denken können?

3 דאָרטן, 58.

4 Das Vermögen zu denken und zu wollen nenne ich Seele.

וואס פירן צום דערהייבנסטן אורזועזן — צום אורקוואל פון חכמה און וויסן, צום אורבילד פון אמתער שיינקייט און פארפולקומונג [1].

א מיטצייטלער פון האלבאכן און אנדערע מאטעריאליסטן, האט מענדעלסזאן, וואס איז כל ימיו געבליבן געטריי לייבניץ-וואלפס אידעען-סיסטעם, מיט באזונדערן אימפעט געקעמפט קעגן דעם מאטעריאליסטישן וועלט-באנעם. „דאס ערשטע — שרייבט מענדעלסזאן — וואס שיינט אונז אלס דאס אמת רעאלע אוןווירקלעכע, — דאס איז אונזער קערפער און זיינע פונקציעס. אט זיי, די דאזיקע פונקציעס, באוועלטיקן אזוי שטארק אונזער אויפמערקזאמקייט און אונזערע געפילן, אז מיר זיינען אין דער התחלה נוטה צו דעם געדאנק, אז דאס מאטעריעלע איז דאס איינציקע, וואס עס עקסיסטירט, און אלץ וואס אויסער אים זיינען בלויז זיינע אייגנשאפטן“ [2]. מענדעלסזאן האלט דאס אבער פאר א געוואלדיקן טעות, און ער ווערט ניט מיד צו דערווייזן, אז „די מאטעריע ניכט דענקען קעננע“ [3].

און דאך — אין דעם ליגט די איראניע פון יענער העכסט אינטערעסאנטער סתירותפולער תקופה — ניט געקוקט דערויף, וואס מענדעלסזאן האט אבסאלוט ניט געקאנט איינשטימען מיט פילע הנחות „דער הערען ענציקלאפעדיסטן“, האט אים דאך געצויגן צו זיי, ווי צו געטרייע מיטקעמפער אויפן געביט פון העכסט-וויכטיקע לעבנס-פראגן. וועגן דעם וועט אונז אבער ערשט אויסקומען צו ריידן אין די ווייטערדיקע קאפיטלען, און איצט מוזן מיר זיך דערווייל אפשטעלן אויף די דערשיינונגען, וואס זיינען פארבונדן מיט דעם געוואלדיקן רושם, וואס מענדעלסזאנס „פעדאן“ האט ארויסגערופן אין דער דעמאלדיקער לייענער-וועלט.

---

1 פעדאן 58 — 59, 93.

2 דארסן, 81: Das materielle Dasein für das einzige, und alles überige für Eigenschaften desselben halten.

3 גענוים. שריפטן, V, 18.

צווייטער קאַפּיטל

דער אויסערגעוויינלעכער דערפאָלג פון מענדעלסזאָנס „פעדאָן". — מענדעלסזאָנס חיכוח מיט לאַפאַטערן. — מענדעלסזאָנס ענטפער; זיין פאַרהאַלטן צום קריסטנטום און צום יידנטום — זיין יוגנט־צייטשריפט „קהלת מוסר". — זיין פירוש אויף „קהלת". — מרדכי שנאַבער קעגן מענדעלסזאָן. — שנאַפער אַלס מבקר; זיין „מאמר התורה והחכמה". — זיינע ראַדיקאַלע אָנשויונגען. — זיין „יסוד תורה" — גלויבן און וויסן. — די ראָלע פון שפירונגען אינם פאָרשונגס־פּראָצעס. — דער בריוו־טויש צווישן מענדעלסזאָן און יעקב עמדן. — מענדעלסזאָן און שלמה דובנא. — מענדעלסזאָנס חומש־איבערזעצונג און זיין „ביאור". — מענדעלסזאָן דער ראַציאָנאַליסט און דער „ספק־יודע". — זיין פאַרהאַלטן צום רעליגיעזן ריטוס; זיין „ירושלים".

מיר האָבן אויבן געבראַכט מענדעלסזאָנס ווערטער: „איך האָב שטענדיק אין פאַרבאָרגענעם געלעבט, קיינמאָל ניט געהאַט קיין שום חשק און אויך ניט די פעיִקייט מיך צו מישן אין עפנטלעכע געזעלשאַפטלעכע ענינים". זיין מזל האָט אָבער געטראָגן, ער זאָל פון זיין פאַרבאָרגענעם ווינקל אַרויסגעטראָגן ווערן אויפן עפנטלעכן מאַרק־פּלאַץ פונם רעשיקן לעבן און זיין נאָמען זאָל קלינגען אויף דער ברייטער וויטער וועלט. דער דערפאָלג פון מענדעלסזאָנס „פעדאָן" האָט זיין גלייכן ניט געהאַט אין דער דעמאָלטיקער דייטשער ליטעראַטור. אין משך פון פיר חדשים איז די גאַנצע אויסגאַבע אויספאַרקויפט געוואָרן, און איין אויסגאַבע האָט געפאָלגט נאָך דער צווייטער. אין אַ קורצער צייט איז דאָס ווערק איבערגעזעצט געוואָרן כמעט אויף אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. ער, דער עניוותדיקער בוכהאַלטער פונם יידישן זייד־פאַבריקאַנט, איז געוואָרן דער אמתער „מורה נבוכים" פון זיין צייט, דער וועגווייזער פון צווייפלענדיקע און בלאָנזשענדיקע. די אָקאָרשט פון פרומען רעליגיעזן דרימל אויפגעוואַכטע געזעלשאַפט האָט זיך אומרויִק געוואָרפן פון פריידענקערישן ראַציאָנאַליזם צו סענטימענטאַלן ראָמאַנטיזם און ניט געקאָנט שטילן די שמאַרציקע ספיקות אין האַרצן. מיט פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן די דאָזיקע באַומרויִקטע און ספיקותפולע דערהערט די רויִק־געלאַסענע, אין דער קלאַסישער פאָרם פון פּלאַטאָנס דיאַלאָגן געפירטע און מיט לאָגיש־ראַציאָנאַליסטישע ראיות באַגרינדעטע רעדעס וועגן דער אומשטערבלעכ־

קייט פון דעם מענטשנס נשמה און וועגן איר אומדערמידלעכן שטרעבן צו די הימלישע ספערן פון שיינקייט און געטלעכער הארמאניע. דער קליינוווקסיקער, הארבאטער ייד, משה אויס דעסוי, איז מגולגל געווארן אין דעם „יידישן סאקראטעס", אין דעם „פלאטא אויס בערלין"; פון פירשטן און געלערנטע, פון מאנאכן און שריפטשטעלער האט מענדעלסאן באקומען ענטוזיאסטישע דאנק-בריוו פאר דעם בעכער פון טרייסט, וואס ער האט דערלאנגט די ספיקותפולע הערצער: מען האט אים באזונגען אין פראזע און אין לידער, און יששכר-בער פאלקענזאן, דער ערשטער ייד, וואס האט דעם דייטשן פארנאס באשטיגן [1], ווענדט זיך אין זיין לויב-געזאנג צום באשעפער פון „פעדאן" מיט פאלגנדיקע סטראפען:

Allauslöschend verschont, Mendelssohn, dich die Zeit,
Der du, ewig zum Ruhm von dem Unendlichen
Auserkosen, die Todesfurcht
Von den Menschen vertilgt hast.

Welchen heiligen Trost leihest du jeglicher
Seele, welche zu stolz sich mit vergänglichen
Erdengütern zu täuschen,
Nach Unsterblichkeit stets sich sehnt? [2]

די בערלינער אקאדעמיע האט באשלאסן אויסצוווילן מענדעלסאנען פאר איינעם פון אירע מיטגלידער. דאס האט אבער ניט געקאנט פארטראגן דער „טאלעראנטער" פרייסישער קיניג, און פרידריך האט מענדעלסאנס נאמען אויסגעמעקט מיט דער באמערקונג: „איך וויל ווערער פאפען נאך יודען אין מיינער אקאדעמיע". אינטעליגענטע טוריסטן,

---

1 פאלקענזאן איז געבוירן אין זאמאסטיע אין 1746. שוין זייענדיק פאטער פון א פאמיליע, האט ער זיך געלאזט קיין קעניגסבערג שטודירן מעדיצין; פון קעניגסבערג איז ער דערנאך אריבערגעפארן קיין לייפציג, נאר אויפן וועג האט ער פארבראכט א שטיקל צייט אין בערלין, וו זיין לאנדסמאן אין קרוב ישראל זאמאשטש האט אים באקענט מיט מענדעלסאנען, לעסינגן און אנדערע בערלינער שריפטשטעלער. אין 1772 האט ער פארעפנטלעכט זיין זאמלונג דייטשע לידער „Gedichte von einem polnischen Juden". אין 1773 באזעצט זיך פאלקענזאן אין האזענפאט, וו ער פארברענגט זיין גאנץ לעבן אלס פראקטיצירנדיקער ארצט. וועגן פאלקענזאן זע: קייזערלינגס ארטיקל אין הערטסהיימס „יידישער יאהרבוך" פאר 1863; „המליץ", III, נומ' 40, שפ' 637—635; היסטארישע שריפטן, 1929, I, 343.

2 געדיכטע, 68.

הן דייטש, הן אויסלענדער, — ווער עס איז נאָר געקומען קיין בערלין, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב זיך צו באַקענען מיטן „יידישן סאָקראַטעס", מיטן באַשעפער פון „פעדאָן". אויף איינעם אַ בענעדיקטינער מאָנאַך, פ. וו. ווינאַקאָפּ, האָט דער „פעדאָן" געמאַכט אַזאַ געוואַלטיקן רושם, אַז ער איז פון זיין קלויסטער געקומען קיין בערלין און פאַר מענדעלס־זאָנען אויפגעדעקט אַלע זיינע ספיקות און גרײַזגלעבנישן. דער איינדרוק, וואָס מענדעלסזאָן האָט מיט זיינע מילד טרייסטנדיקע רייד געמאַכט אויפן מאָנאַך, איז געווען אַזוי גרויס, אַז יענער האָט דערנאָך מיט דאַנק־באַרקייט פאַרזיכערט: „בין איך טוגענדהאַפט, זאָ בין איך עס דורך מענ־דעלסזאָנס לעהרען אונד גרונדזעצע; איך געניאָס אין זיינעם אומגאַנגע די גליקליכסטען שטונדען" 1.

מיט איינעם פון די דאָזיקע באַזוכן איז פאַרבונדן אַ געוויסער אינ־צידענט, וואָס האָט דעמאָלט שטאַרק אויפגערודערט די ליטעראַרישע וועלט און געהאַט אַ גאַנץ גרויסע השפעה אויף מענדעלסזאָנס ווייטערער ליטעראַרישער טעטיקייט: דאָס איז דער באַקאַנטער לאַפאַטער־שטרייט. יאָהאַן קאַספּאַר לאַפאַטער, אַ ציריכער גלח און פּרעדיקער, וואָס האָט זיך אויך דערוואָרבן אַ געוויסן נאָמען אַלס שריפטשטעלער, האָט ביי זיינע באַזוכן בערלין זיך באַקאַנט מיטן „יידישן סאָקראַטעס", געווען אַן אָריינגייער אין מענדעלסזאָנס הויז און געפירט מיט אים אינטימע גע־שפּרעכן אויף רעליגיעזע טעמעס. מע דאַרף געדענקען, מיט וואָס פאַר אַ ביטול און האַס די קריסטלעכע גייסטלעכע האָבן זיך אין יענע צייטן פאַרהאַלטן צו יידן; זיי האָבן אין זיי געזען די „קריסטוסלעסטערער", די „ענגהערציקע פאַנאַטיקער". און דאָ האָט לאַפאַטער דערזען אַ ממש וווּנדערבאַרע דערשיינונג: אַ ייד, וואָס געהערט צו דער שול פון קריסט־לעכע פילאָזאָפן, פירט באַקאַנטשאַפט מיט קריסטלעכע געלערנטע, שרייבט מיט אַזאַ האַרציקן פאַטאָס וועגן אַזאַ קריסטלעכער טעמע, ווי אומ־שטערבלעכקייט (דאָס „אַלטע טעסטאַמענט" ווייסט דאָך נאָך אַזוי ווייניק וועגן דער דאָזיקער פּראָבלעם), און אין אינטימע געשפּרעכן מיט אים רעדט ער מיטן גרעסטן רעספּעקט וועגן קריסטוסן און וועגן זיין מאָראַלישן באַטייַט. פאַרן ציריכער גלח איז קלאָר: אין מענדעלסזאָנען זיצט אַ קריסט־לעכע נשמה, וואָס נייטיקט זיך, נעבעך, אין תיקון, און אויף אים, דעם קריסטלעכן גייסטלעכן, ליגט דער חוב, זי אומצוקערן צו איר מקור, ברענ־גען זי „תחת כנפי הקירך" מיט דער הילף פון דער הייליקער טבילה. אינם געלערנטן גלח דערוואַכט דער פאַנאַטישער מיסיאָנער. ער איבערזעצט

---

1 גאַמיינדעבלאַט, 1929, נומ' 9, 437.

אויף דייטש דאָס פראַנצויזישע ווערק פון דעם זשענעווער געלערנטן שאַרל באָננע „אונטערזוכונג דער בעווייזע פיר דאָס קריסטענטום", וואָס האָט לויט לאַפאַטערס מיינונג אַנטהאַלטן די קרעפטיקסטע באַווייזן וועגן דעם אמת פון דער קריסטלעכער אמונה; די דאָזיקע איבערזעצונג (1769) פאַרעפנטלעכט ער מיט אַ ספּעציעלער ווענדונג צו מענדעלסאָנען, יענער זאָל אָדער אָפן אַרויסטרעטן מיט אַן ענטפער אויף באָננעס ווערק און אָפּוואַרפן זיינע אַרגומענטן, אָדער — אָנערקענען זייער ריכטיקייט, און דאַן קאָנסעקווענט טאָן דאָס, וואָס קלוגהייט, אָפנהאַרציקייט און אמת — ליבע פאָדערן, אַזוי ווי אַ סאָקראַטעס וואָלט אין אַזאַ פאַל געהאַנדלט, ווען ער וואָלט אָנערקענט דאָס, וואָס ס'איז לאָגיש און ריכטיק.

ווי אַ דונער ביי אַ ליכטיקן העלן הימל, אַזוי האָט מענדעלסאָנען געטראָפן לאַפאַטערס אומדערוואַרטע אויפפאָדערונג. גאַנץ אומדערוואַרט האָט ער דערזען, ווי גריילעך גרויס זיין טעות איז געווען. ער האָט געמיינט, אַז דאָרט, אינם געביט פון גייסט, אין די מאָדערנע קריסטלעכע אינטעליגענטע קרייזן, האָט מען שוין גובר געווען די שוואַרצע שאָטנס פונם מיטלאַלטער און מען זעט אין אים ניט דעם רעכטלאָזן „אויסעראָרדענטליכען שוציודען" מיט דער געלער לאַטע אויף דעם אַקסל, נאָר דעם גלייכבאַרעכטיקטן מיטקעמפער פאַר קולטור און וויסן... פּלוצלינג האָט ער דערזען, אַז אפילו די, מיט וועלכע ער פלעגט פירן פריינדלעכע, אינטימע געשפּרעכן אויף פילאָזאָפישע און ליטעראַרישע טעמען, קאָנען גאָר ניט באַגרייפן, ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ מענטש מיט אייראָפּעישער בילדונג, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט פילאָזאָפיע און ליטעראַטור, זאָל אויס איבערצייגונג בלייבן געטריי אַזאַ „אָבערגלויבישער" אמונה, ווי די יידישע. אים, וואָס האָט געשטרעבט צו „לעבן אין פאַרבאָרגענעם", האָט מען איצט געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן, ווי זיינע עלטערזיידעס אינם מיטלאַלטער, אויף דער קאַמפּס־אַרענע, עפנטלעך זיך אַריינלאָזן אין אַ רעליגיעזן וויכוח און אָפּגעבן דער קריסטלעכער געזעלשאַפט דין וחשבון, פאַר וואָס ער בלייבט געטריי דער אמונה פון זיינע אבות און וויל ניט איבערגיין צום קריסטנטום. אים, דעם צאַרט־פילנדיקן, האָט מען אויפן חוצפּהדיקסטן אופן אויפגעפאָדערט, ער זאָל אויפדעקן פאַר דער גאָרער וועלט זיינע אינטימסטע איבערלעבונגען...

מענדעלסאָן איז דורך דאָס אַלץ געווען דערשיטערט, אָבער ניט איינגעשראָקן. מוטיק האָט ער אויפגענומען די אויפפאָדערונג צום קאַמף, און ער האָט אין דעם דאָזיקן קאַמף אַמבולטסטן באַוויזן, אַז דער פאַרפאַסער פון „פעדאָן" איז געווען ניט בלויז אַ גלענצנדיקער דייטשער

שריפטשטעלער, נאָר אויך אַ באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייט פון אַן אויסערגעוויינלעכער מאָראַלישער קראַפט.

מיט שטאָלץ דערקלערט ער אין זיין ענטפער לאַפאַטערן [1], אַז ער וועט ביז זיין לעצטן אָטעם בלייבן געטריי דער אמונה פון זיינע אבות, ווייל ער איז אייזנפעסט איבערצייגט אין דער ריכטיקייט און אומדערשיטערלעכקייט פון אירע יסודות [2]. „אמת, גיט מענדעלסאָן צו, איך וויל ניט לייקענען, אַז איך באַמערק ביי מיין אמונה זייטיקע שפּעטערע הוספות, וואָס פאַרטונקלען, לײדער, איר גלאַנץ. אָבער,— ווענדט זיך מענדעלסאָן צו דער קריסטלעכער אינטעליגענטער געזעלשאַפט, צו די „אויפקלערער" פון זיין דור,— ווער פון די, וואָס וויל געטריי האַלטן מיטן אמת, איז איינשטאַנד זיך צו באַרימען, אַז זיין אמונה איז פריי פון זייטיקע מענטשלעכע צוגאָבן? אונז אַלעמען איז באַקאַנט דער פאַרגיפטעטער אָטעם פון צביעות און אָבערגלויבן! איך פון מיין זייט בין אָבער שטאָלץ דורכן באַוווסטזיין, אַז מיין אמונה אונטערשיידט זיך פון אַנדערע רעליגיעס דערמיט, וואָס זי שטיצט זיך ניט אויף אַזוינע הנחות, וועלכע געפינען זיך אין סתירה מיטן שכל און מיטן לאָגישן דענקען. די יידישע אמונה, איז מענדעלסאָן מוסיף מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, האָט נאָך די מעלה, וואָס זי לויערט ניט נאָך פּראָזעליטן (גֵרים), שטעלט זיך ניט קיין מיסיאָנערישע צילן, צעשיקט ניט אירע משולחים קיין אינדיע און קיין גרענלאַנד, בכדי דאָרטן מענטשלעכע „נשמות" צו פאַנגען; און ווען אין מיין דור וואָלט געלעבט אַ קאָנפוציוס אָדער אַ סאָלאָן, וואָלט איך אויפן יסוד פון מיין אמונה געקאָנט אים ליב האָבן און שעצן אין אים דעם גרויסן מאַן, און כּלל ניט קומען דערביי אויפן ווילדן געדאַנק אים אומבאַדינגט איבערצורײדן, ער זאָל אָננעמען מיין אמונה" [3].

לאַפאַטער איז געווען שטאַרק גערירט פון מענדעלסאָנס מייסטערהאַפטן, אין רויִקן טאָן געהאַלטענעם ענטפער, און ער האָט עפנטלעך

---

[1] מענדעלסאָן האָט געמוזט פאָרויס זיך וואַרפן מיט אַ ביטע צום קאָנסיסטאָריום, מע זאָל אים דערלויבן פאַרעפנטלעכן זיין ענטפער לאַפאַטערן, ווען ער וועט מוזן באַרירן רעליגיעזע פראַגן, אָן דער געהעריקער צענזור פון דער גייסטלעכער מאַכט. דאָס קאָנסיסטאָריום האָט אים זיין ביטע באַוויליקט. אָנווייזנדיק, אַז מע פאַרלאָזט זיך „אויף זיין טאַקט און פאַרשטאַנד".

[2] „איך בעגרייפע ניכט — איז דערביי מענדעלסאָן מוסיף — וואָס מיך אַן איינע דעם אָנזעהען נאָך זאָ איבערשטרענגע, זאָ אַלגעמיין פעראַכטעטע רעליגיאָן פעסעלן קענטע, ווענן איך ניכט אים הערצען פאָן איהרער וואַהרהייט איבערצייגט וועריע".

[3] געזאַמלטע שריפטן, 1844, III, 44.

דערקלערט, אַז ער האָט חרטה דערויף, וואָס ער האָט פאַרשאַפט עגמת־נפש „דעם איידלסטן מענטשן" פון זיין דור. דערמיט האָט זיך אָבער דער ויכוח ניט פאַרענדיקט; עס האָבן זיך באַלד אַריינגעמישט אַנדערע; גאַנצע צוויי יאָר האָט זיך געצויגן דער דאָזיקער שטרייט, וואָס האָט, ווי עס פאַרזיכערט איינער פון די אין אים באַטייליקטע, פיל מער אויפגע־רודערט די געמיטער אין די ליטעראַרישע דייטשע קרייזן, ווי אפילו דער זיבן־יאָריקער קריג. עס איז אַרויסגעטראָטן שאַרל באָננע גופא, דער פאַרפאַסער פונם ווערק, וואָס דורך אים האָט לאַפאַטער געהאַפט איבער־צייגן מענדעלסזאָנען אין דער ריכטיקייט פון די קריסטלעכע דאָגמען, און נאָך פיל אַנדערע [1]. צווישן די, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן מענדעלסזאָנען, האָט זיך באַזונדערס „קונה שם" געווען דורך זיינע גראָבע אָנפאַלן און זלזולים דער יוריסט קעלבעלע. אייניקע האָבן פאַרגעוואָרפן מענדעלסזאָנען, אַז ער האַלט זיך פעסט אָן דער יידישער אמונה ניט אויס איבערצייגונג, נאָר אויס ריין מאַטעריעלע מאָטיוון, ווייל ער שעפט חיונה פון די יידישע גבירים. אַנדערע ווידער האָבן געטענהט, אַז ער איז בכלל ניט אימשטאַנד אָביעקטיוו צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן יידנטום און קריסטנטום, ווייל ער, מענדעלסזאָן, איז ניט פריי פון „פאַראורטייל" בנוגע צו זיין אמונה. ניט פריי זיין פון „פאַראורטייל" — דאָס האָט נאַטירלעך ביי די ראַציאָנאַליסטן פון יענעם דור געגאָלטן אַלס גרעסטער חסרון. מענדעלסזאָן, אַליין אַ ראַציאָנאַליסט, וואָס איז זינט זיינע גאָר יונגע יאָרן געווען אַ פייערדיקער פאַרערער פון מיימונים „מורה נבוכים", איז דאָך ניט שטאַרק נתפעל געוואָרן פון דער דאָזיקער באַשולדיקונג, און ער גיט דערויף פאָלגנדיקן זייער פיל זאָגנדיקן ענטפער: „צי באַוויז איך ווירקלעך „פאַראורטיילע" בנוגע מיין אמונה — איז ניט איך קאָן זיין דער בר־סמכא דאָס צו באַשטימען, „זאָ ווייניג איך וויסען קאַנן, אָב מיין אָדעם (אָטעם) איינען איבלען גערוך האַבע". מענ־דעלסזאָן איז, ווי מיר וועלן ווייטער זען, ניט געווען באַשאַנקען מיט אַ באַזונדערס שאַרפן היסטאָרישן חוש, און דאָך האָט ער אינטואיטיוו, אומבאַוווסט געפילט, אַז זיין „יידישקייט", און בכלל דאָס יידנטום איז דאָס, וואָס יהודה הלוי האָט בשעתו אויף אַזאַ אויסטערלישן אופן פראָ־קלאַמירט אין זיין „כוזרי": ניט בלויז אַ רעליגיעזער קיבוץ, נאָר אויך

---

1 אין זיין בריוו צו אביגדור לוי אויס גלאָגוי שרייבט מענדעלסזאָן (מערץ 1770): הנה אחרי אשר החלותי לדבר ולהשיב על דברי הנמהר ההוא, הנה כל אנשי האמונה ההיא והתומכים בימינה סביב שתו עלי, זה בא בחמת כחו וזה בא בדברים רכים וטובים וחלקים, זה ירגז וזה ישחק, כי זה דרכם, ובין כך ובין כך המה מטרידים אתי בדבריהם וחלומותיהם" (געז' שרי' 1929, ב' XVI, ז' 139).

א פּסיכאָלאָגיש־אייגנאַרטיקע פאָלקס־אינדיווידואַליטעט מיט אַן אומגעהייער רייכער סאָציאַל־היסטאָרישער, גייסטיק־קולטורעלער ירושה [1]. מענדעלסאָן האָט טיף געפילט, אַבער אַלס קינד פון זיין דור איז ער ניט געווען, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אימשטאַנד דאָס געהעריק צו דערקלערן: — ער איז א ייד, ווייל ער איז אַזוינער און ניט קיין אַנדערער... און רירנדיק זיינען מענדעלסאָנס ווערטער, מיט וועלכע ער ווענדט זיך צו שאַרל באָננע: „די ליבע צור רעליגיאָן אונזערער פעטער * — זי איסט שטאַרקער אַלס טאָד אונד עלענד".

אָבער ניט בלויז פון די קריסטלעכע קעלבעלעם האָט עס מענדעלס־זאָן געהאַט אויסצושטיין, נאָר אויך מצד „די קעלבלש מבני עמנו", ווי מענדעלסאָן גופא דריקט זיך אויס אין איינעם פון זיינע בריוו. די שטרענגע אָרטאָדאָקסן האָבן הנאה געהאַט פון די אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס דער „דעסויער אפיקורס", וועלכער שרייבט דייטשע ביכער, האָט אויסצושטיין פון די גויים, מיט וועלכע ער חברט זיך די גאַנצע יאָרן זיינע. די בערלינער „טובי עיר", די פרנסים און די גבירים, האָבן פון זייער זייט יעדעס מאָל דערמאָנט מענדעלסאָנען, אַז ער טאָר ניט דער־צערנען די „גויים", עס קאָן נאָך, חלילה, פון דעם דאָזיקן ויכוח אַרויס־קומען פיל „רשעות" און ברענגען שאָדן דעם „כלל ישראל".

כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט מענדעלסאָנס בריוו, וואָס ער האָט געשריבן דעם 16/XI — 1770 זיינעם א קרוב, אלקנה הערצן:

„ווארום איך מיך אין דיספוט איין־גלאַזן, פראַגן זי מיך? איך וואָלטי נור איך העטי מיך עטוואַש מעהר איין גלאַזן. נאָך האַבי איך תהלה לאָל קיינע חרטה דרויף. איך קעהרי מיך אַן די שאַרטעקן (אומנוצ־לעכע, נישטיקע שרייבערייען) אַללי ניט, דיא ווידר מיך הרוישגגעבן ווערדן. מי שיש לו מוח בקדקדו בגרייפט וואָהל, דש עש דברים בלי טעם זיין. מי יתן איך בקומי ווידר איינע זאָלכי גלעגנהייט, זאָ טוהי איך ווידר, וואַש איך דיזש מאָל גטאָהן האַבי. האָט מאַנכר געגלויבט צו אַללס שטילשווייגן צו מוזן. איך גלויבי עש ניט. ווען איך בדענקי וואַש מאַן לקדש את השם צו טוהן שולדיג איזט, זאָ בגרייפי איך גאַר ניט, וויא זאָ מאַנכי מבני עמנו אומר שרייען, למען השם, איך זאָל נישט מעהר דעפאַן שרייבן. אויך האַבי איך עש, השם יודע, ניט גערן גע־טאָהן, דש מיך פום דיספוט לאַז געמאַכט האַבי. בטלתי רצוני מפני רצון

---

1 זע אונזער ווערק, ב' I, 177—178.

* אונזערע אבות.

אחרים. ווערי עש מיר נאָך גגאַנגן, זאַ העטי אייני גאַנץ אַנדרע תשובה געבן וואָללן״ [1].

אָון די דאָזיקע „גאַנץ אַנדערע תשובה״ האָט מענדעלסזאָן קיין חשק ניט געהאַט אינגאַנצן צו פאַרשווייגן. מענדעלסזאָן האָט זיך טאַקע פאַרהאַלטן מיט גרויס רעספּעקט צום באַגרינדער פונם קריסטנטום און אונטערגעשטראָכן די מאָראַלישע קראַפט פון זיין פערזענלעכקייט. גאַנץ אַנדערש האָט ער זיך אָבער פאַרהאַלטן צום קריסטנטום גופא, און דאָס ניט אַזוי אַלס ייד, נאָר אַלס ראַציאָנאַליסט. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן [2], אַז די יידישע ראַציאָנאַליסטן, פון דעם רמב״ם ביז מענדעלסזאָנען, האָבן זיך אַלע פאַרהאַלטן זייער פיינדלעך צו די גרונד-דאָגמען פון דער קריסטלעכער אמונה, ווייל זיי איז דאָך שווער צו דערקלערן מיטן פשוטן ניכטערן שכל [3]. ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט זיך אָפן אַרויסצוזאָגן וועגן דער דאָזיקער פראַגע אין אַן אַרטיקל, וואָס איז געשריבן פאַר דעם דייטשן פובליקום, האָט מענדעלסזאָן באַשלאָסן דאָס צו טאָן אין אַ ספּעציעלן ווערק, וואָס ער האָט העכסט וואַרשיינלעך געשריבן אין העברעיש. וועגן דעם גיט אונז צו וויסן זיין בריוו פונם 15/XI 1771 צו זיין קרובֿ און פריינד אלקנה הערץ: „זיא פאַרלאַנגן, שרייבט דאָרט מענדעלסזאָן, אין איהרעם לעצטם שרייבן מייני האַנדשריפט נגד דת הנוצרים. איך מוז איהנען אבר זאגן, דש ערשטליך זאָלכעש ניט אים שטאַנד איזט פון איינעם אַנדרן גלעזן צו ווערדן, זאַ אונאָרדנטליך אונד אונצוזאַמענהענגענד שטייהט נאָך אַללעש דרין. צווייטנש מוז איך אויך דיזש גשטיהן (מודה זיין) דש איך דען פעסטן פאָרזאַץ האבע, זאָלכש נייוכאַלש אויש מיינן הענדן צו געבן, ומכ״ש איבער לאַנד צו שיקן. השיב״ה (השם יתברך ברוך הוא) געבי מיר מייני געזונדהייט ווידער, זאַ וויל איך זעהן וואַש דרויש צו מאַכן איזט״ [4].

מענדעלסזאָנס אָנווייזונג, אַז ער געפינט זיך ניט בקו הבריאות, איז אויך אַ דירעקטער פּועל-יוצא פון דעם צוויי-יאָריקן לאַפאַטער-שטרייט.

---

1 יובילעום-אויסגאַבע (1929), ב׳ XVI, 148.

2 זע אונזער ווערק, ב׳ II, 144.

3 אויך שפּינאָזע שרייבט אונטער אין זיין בריוו צו זיין פריינד היינריך אָלדענבורג, אַז „די קריסטן אַרגומענטירן מיט לויטער וווּנדער, ד״ה מיט אומזיסן, וואָס איז דער קוואַל פון יעדער שנאה און נידערטרעכטיקייט״ (מיר ציטירן לויט דער רוסישער איבערזעצונג, 1932, 215).

4 ב׳ XVI, 153. עס איז אונז אומבאַקאַנט, צי איז די דאָזיקע האַנטשריפט איינגעהיט געוואָרן אין מענדעלסזאָנס אַרכיוו און צי וועט זי פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער פולשטענדיקער יובילעום-אויסגאַבע.

מענדעלסזאָן האָט טאַקע געזיגט אין דעם ראָזיקן קאַמף, ער האָט אָבער
פאַר זיין נצחון טייער באַצאָלט. מיר ווייסן דאָך, אַז מענדעלסזאָן איז
בכלל ניט געווען קיין קעמפער־נאַטור. ביי די שוואַכע כוחות פון זיין
קרענקלעכן אָרגאַניזם האָט מענדעלסזאָן זיך געניטיקט אין א רויִקן,
פּעסט־רעגלאַמירטן לעבנסשטייגער. דער ענין לאַפאַטער האָט אָבער ביי
אים אויפגעפאָדערט א ריזיקע גייסטיקע אָנשטרענגונג, און זיין שוואַכע
נערוון־סיסטעם האָט ניט אויסגעהאַלטן. דער צוויי־יאָריקער קאַמף האָט
פּעליק רויִנירט זיין שוואַכן אָרגאַניזם. יאָרנלאַנג האָט ער דערנאָך גע-
ליטן די העפטיקסטע שמערצן. דאָס לייענען און שרייבן איז ביי אים
געווען פאַרבונדן מיט די שווערסטע אָנשטרענגונגען, און ער פלעגט אָפט
ליידן פון שטאַרקע שווינדל־אָנפאַלן. אין מאַי 1779 קלאָגט זיך מענ-
דעלסזאָן: „זה לי שמונה שנים ויותר — שוין העכער אכט יאָר, שאני
חלוש הכוחות עד מאוד, ולא אוכל עוד לצאת ולבוא כימי קדם — זינט
מיינע כוחות זיינען שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און איך קאָן שוין
ניט אַזוי אַרבעטן, ווי אַמאָל [1]. אויך אין דעם אַריינפיר צו זיינע „מאָר-
גענשטונדען”, וואָס זיינען דערשינען אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן,
ווייזט מענדעלסזאָן אָן: „זינט צוועלף ביז פינפצען יאָר געפין איך מיך,
נעמליך, אין דער לאַגע, וואָס איך בין ניט אימשטאַנד מיינע קענטע-
נישן צו דערווייטערן. עפּעס א מין נערוועןשוואַכקייט, פון וועלכער
איך לייד זינט יענער צייט, דערלויבט מיר ניט קיין שום גייסטיקע אָנ-
שטרענגונג”. בכן, אין משך פון די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן
איז ביי מענדעלסזאָנען זיין שאַפונגס־קראַפט געווען באַדייטנדיק אָפּגע-
שוואַכט. און אָט די ראָזיקע ביי אים נאָך פאַרבליבענע כוחות האָט מענ-
דעלסזאָן נאָך דעם לאַפאַטער־אינצידענט באַשלאָסן שוין מער ניט אָפּ-
געבן ווי פריער דער דייטשער קולטור, נאָר דער קולטור און נויטבאַ-
דערפענישן פון זיינע ברידער. און טאַקע ערשט א דאַנק מענדעלסזאָנס
טעטיקייט אין די לעצטע 15 יאָר פון זיין לעבן איז מענדעלסזאָן געוואָרן
דער אָנערקענטער פאָנען־טרעגער פון דער אויפקלערונג ביים דייטשן
יידנטום און עס איז געשאַפן געוואָרן די „מענדעלסזאָן־לעגענדע”, וואָס
מיר האָבן פריער דערמאָנט. וואָרעם דאָס, וואָס מענדעלסזאָן האָט גע-
שאַפן אויפן געביט פון יידישער קולטור און ווימן ביז די 70ער יאָרן
פונם 18טן י"ה, האָט א בערך קנאַפּן ווערט. אַמוויכטיקסטן איז געווען
דער אינטערעסאַנטער פרווו מצד דעם נאָך גאָר יונגן מענדעלסזאָן צו
גרינדן צוזאַמען מיט זיין חבר טוביה באָם אין 1750 א העברעיִשע

---

1 יובילעאום אויסגאַבע, XVI, 253.

וואָכנשריפט „קהלת־מוסר״ מיט דעם באַשטימטן צוועק צו דערוועקן אין דער יידישער יוגנט ליבע צו דער העברעיִשער שפּראַך און אינטערעס צו שיינעם סטיל. דער „קהלת־מוסר״ איז געשריבן אין אַ ריין ביבלי־שער שפּראַך מיט פיל „מליצה״, און זייער זעלטן איז דאָרט צו באַגע־גענען אַ תּלמודישן אויסדרוק [1]. די יונגע פאַרפאַסערס [2] ווענדן זיך צו זייערע לייענער מיט דער פאָדערונג מער אויפמערקזאַמקייט צו שענ־קען די שיינקייטן פון דער נאַטור, וואָס פאַרשאַפן דעם מענטשן אַזוי פיל האַרציקע פרייד; אויך באַקלאָגן זיי זיך דערויף, וואָס מען גיט זיך אַזוי ווייניק מי צו לערנען די פּראַכטפולע אומפאַרגלייכלעכע נאַציאָנאַלע שפּראַך [3].

אויסער אָריגינעלע אַרטיקלען, איז אויך אין ערשטן נומער פאַר־עפנטלעכט אין העברעיִשער איבערזעצונג אַ פראַגמענט אויס ערוואַרד יונגס „נאַכטליכע באַטראַכטונגען״.

די ערשטע העברעיִשע צייטונג האָט אָבער ניט געהאַט קיין אריכת ימים, און מער ווי צוויי נומערן זיינען ניט דערשינען. מענדעלסזאָנס ערשטער ביאָגראַף, יצחק אייכל (און נאָך אים ג. מענדעלסזאָן און מ. קיי־זערלינג), פאַרזיכערט, אַז אין דעם זיינען שולדיק די „פאַנאַטיקער״ (המקנאים), וואָס זיי איז דער סטיל און טאָן פונם „קהלת מוסר״ שטאַרק ניט געפעלן [4]. שוין דאָס אַליין, וואָס דער „קהלת מוסר״ איז געווען אַ נייע דערשיינונג „שלא שערום אבותינו״ — איז געווען שטאַרק פאַר־

---

1 דער „קהלת מוסר״ איז פון די גרעסטע יקר־המציאותן. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַ האַנטשריפטלעכער אָפּשריפט פון דעם עקזעמפּלאַר, וואָס געפינט זיך אין דער שטראַשון־ביבליאָטעק אין ווילנע. אין דער נייערער צייט (1928) האָט ם. אדלשטיין איבערגעדרוקט דעם „קהלת מוסר״ לויט אַ פאָטאָגראַפישער קאָפּיע אין דער יובל־שריפט פונם בודאַפּעשטער רבנים־סעמינאַר.

2 דעם באַדייטענדסטן טייל פון די אַרטיקלען אין „קהלת מוסר״ האָט פאַר־פאַסט מענדעלסזאָן. דריי פון די דאָזיקע אַרטיקלען, וואָס זיינען דערשינען אין דעם ערשטן נומער, זיינען איבערגעדרוקט אין „מאסף״ 1785.

3 „קהלת מוסר״, שער ב׳: ראיתי אזנו בני ישראל עזבו לשוננו הקדושה והיטב חרה לי; לא ידעתי איכה נהיתה הרעה הזאת. מה ראו על ככה ומה הגיע אליהם: להשליך ארצה עטרת גאות צבי תפארתם. הלא היא המבחר שבלשונות ודבר ד׳ במחזה אל עבדיו הנביאים בלשון עבר היה ובה הכין ד׳ וצר עולמו... ואין איש מתחזק להשיב הלשון על בֻּנָהּ כמשפט הראשון. וכי יאמרו כי בארבע רוחות השמים פני ד׳ חלקנו בארצות הגוים אשר לא ישמעו לשוננו — המענה הזאת תנדוף כהנדוף מוץ הרים לפני רוח קדים. הלא לעבדים ולשפחות נמכרו אבותינו בית המצרים, ועם כל זה לא שכחו לשונם כמאמר מכילתא בסדר שמות.

4 תולדות הרמבמ״ן, 1789, 13.

דעכטיק. ווי עס שיינט, האָבן די „פני" פארבאָטן דעם יונגן און דעמאָלט נאָך אומבאַקאַנטן ישיבה-בחור אוים דעסוי די צייטונג וויטער ארויסצוגעבן, און מענדעלסזאָן, וואָס איז בטבע קיין קעמפער נים געווען, האָט דעם באפעל הכנעהדיק דערפילט.

נאָך דעם דאָזיקן פרווו האָט מענדעלסזאָן אויף לאַנגע יאָרן פאַרלאָזן די העברעיִשע ליטעראטור. ער שרייבט אפילו אַ פירוש אויף דעם רמב״ם „מלות ההגיון", ער טראַכט אָבער נים אים צו פאַרעפנטלעכן און שענקט אַוועק דעם מאַנוסקריפט עפּעס אַ ירושלימער משולח, שמשון קליר, און יענער פאלט אויף אַ שכל און פאַרעפנטלעכט דעם פירוש (אין 1761) אונטער זיין אייגענעם נאָמען. ערשט 1769, ווען מענדעלסזאָנס נאָמען האָט שוין געקלונגען אין דער ברייטער אייראָפּעיִשער וועלט אַלס דער באַשאַפער פון „פעדאָן", האָט ער אויך דאָס יידישע לייענער-פובליקום מזכה געווען מיט אַ ווערק — אַ פירוש אויף „קהלת". אין דעם דאָזיקן ווערק איז אָבער שווער צו דערקענען דעם „פאָנען-טרעגער" און „אויפקלערער". בעת מען לייענט די אין אַלטמאָדישן סטיל געשריבענע הקדמה וועגן די פיר „דרכים" פון ביבל-עקזעגעטיק: וועגן פשט, דרוש, רמז, סוד, מיט דער באַמערקונג, אַז זיי אַלע זיינען לויטער אמת („וכולם דברי אלהים חיים") [1], ווילט זיך קוים גלויבן, אַז מיר האָבן פאַר זיך דעם אייראָפּעיִש-געבילדעטן שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך געשאַפן אַ גרויסן נאָמען אין דער דייטשער ליטעראטור מיט זיינע קריטיש-עסטעטישע אַרבעטן. דער פירוש איז אויסגעהאַלטן אין שטרענג קאָנסערוואַטיוון גייסט, און עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס איינער פון די אָנזאָגער און פיאָנערן פון דער השכלה-באַוועגונג, מענדעלסזאָנס אַ בן-דור, האָט געפונען פאַר נייטיק, אין קעגנזאַץ צו מענדעלסזאָנס פירוש, אָנצושרייבן אַ נייעם פירוש אויף דעם באַרימטן פעסימיסטיש-פילאָזאָפישן ביבל-ווערק. דער פאָלעמישער כאַראַקטער פונם ווערק לאָזט זיך הערן

---

1 לבאורי תורתנו הקדושה ארבעה דרכים והם: פשט, דרוש, רמז, סוד, וכלם דברי אלהים חיים, צדקו יחדו ואין זה סותר לדרכי השכל וההקשה או זר ונפלא בעיני התבונה האנושית... אחרי שאנו רואים מדרכי החכמה העליונה לכוון בפעולה אחת אל תכליות רבות כי זהו מגדר חחכמה העליונה בכלל, ואנו רואים במעשה היצירה ובפרט באיברי בעלי החי שיוצרם כוון באבר אחד אל כוונות שונות; דרך משל ברא האף להריח ולנשימה ולדחות הליחה העודפת וליפות תואר הפנים; ברא האויר לנשימת הבעל חי, להוליד הקול, לנשיבת הרוח, להורדת הגשם והטל ולהעלות שלהבת וכדומה, הרי אלו תכליות רבות במקצוע אחד וכן רבות. אם כן אינו רחוק שתכוון החכמה ההיא בדבור אחד אל כוונות רבות מתחלפות וכו' וכו'.

שוין אין זיין נאָמען — „תוכחת מגולה״ [1]. זיין פאַרפאַסער איז מרדכי גומפּעל בן יהודה ליב שנאַבער, דער אין זיין צייט באַוווסטער אַרצט, וואָס פלעגט זיך חתמענען אונטער זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק אין אייראָפּעאי-שע שפּראַכן: מאַרקוס געאָרג לעוויזאָן (פון זיין פאָטערס נאָמען ליב). די דאָזיקע האַלב פאַרגעסענע, אָבער אינטערעסאַנטע פיגור האָט געווים פאַרדינט, איר נאָמען זאָל פאַרצייכנט ווערן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און אויפקלערונג.

מרדכי גומפּעל שנאַבער איז געבוירן אין בערלין אין אַ חשובער פאַמיליע. זיין געבורטס-יאָר איז אומבאַקאַנט. מע קען זיך בלויז משער זיין, אַז ער איז געווען בערך אין איין עלטער מיט מענדעלסאָנען. תלמוד מיט זיינע מפרשים האָט שנאַבער געלערנט ביי מענדעלסאָנס רבין, ביים רב דוד פרענקל [2]. ווי ביי מענדעלסאָנען, אַזוי איז אויך שנאַבערס ערשטער וועגווייזער אויפן געביט פון וויסן געווען מיימונים „מורה נבוכים״. ער שטודירט פליסיק פילאָזאָפיע, נאַטורוויסנשאַפטן און באַ-זונדערס מעדיצין. בכדי זיך צו פאַרפולקומען אַלס אַרצט, לאָזט ער זיך אין די 60קער יאָרן פונם 18טן י״ה קיין לאָנדאָן, ווו ער אַרבעט ביים באַוווסטן כירורג יאָהן גונטער [3]. אין די יאָרן, וואָס שנאַבער האָט פאַר-בראַכט אין לאָנדאָן, האָט ער פאַרעפנטלעכט אין ענגליש אייניקע מעדי-צינישע ווערק (דאָס באַקאַנטסטע פון זיי: An essay on the bleed) און אויך אַ פאָרשונג וועגן רעליגיע [4]. שנאַבער האָט זיך דערוואָרבן אַזאַ גרויסן נאָמען אין דער מעדיצינישער וועלט, אַז דער שוועדישער קיניג גוסטאַוו דער צווייטער האָט איינגעלאַדן שנאַבערן קיין אופּסאַלאַ, ווו ער האָט פאַרנומען אַ קאַטעדרע אין דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט. אויפן קיניגס באַפעל זיינען אויך שנאַבערס מעדיצינישע ווערק איבערזעצט געוואָרן פון ענגליש אויף שוועדיש. שנאַבער האָט אָבער פאַרבראַכט אין שוועדן בלויז אייניקע יאָר. אין 1781 קערט ער זיך אום קיין דייטש-לאַנד, באַזעצט זיך אַלס פּראַקטיצירנדיקער אַרצט אין האַמבורג און דאָרט האָט זיך אויך פאַרענדיקט זיין לעבנסוועג (געשטאָרבן אין 1797).

ביי דער אינטענסיווער מעדיצינישער פּראַקטיק און זיין וויסנשאַפט-לעכער אַרבעט אויפן מעדיצינישן געביט האָט דאָך שנאַבער געפונען צייט

---

1 מענדעלסאָן ווערט אין דעם דאָזיגן ווערק ניט דערמאָנט ביים נאָמען, נאָר אַלס „החכם מברלין״.

2 זע תוכחת מגולה, דף ב׳ עמ׳ א׳.

3 זע תוכחת מגולה, דף ג׳, עמ׳ ב׳.

4 זע „יסוד תורה״, 3: בספרי „רוח הדת״ אשר חברתי בלשון ענגליש.

זיך צו פאַרנעמען מיט ריין־אויפקלערערישע אויפגאַבן צווישן זיינע ברידער. נאָך וווינענדיק אין לאָנדאָן האָט ער פאַרטראַכט א גרעסערע אַרבעט אין העברעיִש וועגן וויסנשאַפטלעכע פראַגן און רעליגיעזער פילאָזאָפיע [1]. דער ערשטער טייל פון דעם דאָזיקן ווערק איז דערשינען אין לאָנדאָן (1771) אונטערן טיטול „מאמר התורה והחכמה“, ווו עס ווערן געגעבן אין א פּאָפּולערער פאָרם אַלגעמיינע ידיעות וועגן מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און פיזיק. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז די פאָררעדע צו דעם „מאמר“. שטיצנדיק זיך אויף דעם רמב״ם (מורה נבוכים, III, קאַפּ׳ 41), שטרייכט שנאָבער אונטער, אַז די דערקלערונגען צו די געבאָטן פון דער תורה, די אָנווייזונגען, ווי אַזוי מ׳דאַרף מקיים זיין יעדע מצוה באַזונדער — דאָס אַלץ האָט משה רבנו דערפאַר איבערגעגעבן בעל פה, בכדי די חכמים פון די שפּעטערדיקע דורות זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו מאַכן זייערע תקנות, צו שאַפן „סייגים“ אָדער זיי אינגאַנצן מבטל צו זיין לויט די פאָדערונגען פון דער צייט און די אומשטענדן. אלא ניט, ווייזט שנאָבער אָן, ווען די תורה שבעל פה וואָלט פון דער התחלה אָן געווען בעסטגעזעצט און אין כתב פאַרצייכנט, וואָלט באָך אַלץ ווי פאַרשטיינערט געוואָרן און די חכמים פון די שפּעטערע תקופות וואָלטן דאָך געווען געבונדן אויף יעדן טריט און שריט און זיי וואָלטן ניט געווען בכוח צו מאַכן וועלכע ס׳איז תקנה, ווייל דאָס פּשוטע פאָלק וואָלט זיך דאָך געוואָלט רעכענען בלויז מיט דעם פעסטגעזעצטן, מיט דעם געשריבענעם וואָרט. איצט אָבער איז דאָס פאָלק מחוייב צו פאָלגן זיינע גייסטיקע פירער, וואָס זיי איז געגעבן דאָס רעכט אויסצוטייטשן לויט די דרייצן לאָגישע כללים (שלש עשרה מִדות) אַלע דינים און געזעצן פון דער תורה, נעמענדיק אין באַטראַכט די פאָדערונגען פון דער צייט (ויהיה בכחם זה לעשות גזירות וסייגים כפי מה שיגזור הזמן והמקום) [2].

---

1 ער האָט אויך דעמאָלט פאַרפאַסט א ווערק „ספר רפואות“, וואָס איז געבליבן אין כתב יד (זע תוכחת מגולה, דף י״ב, עמ׳ ב׳)

2 ס׳איז כדאי אויך אונטערצושטרייכן פאָלגנדיקן פּרט: ווי דער רוב פון די ערשטע משכילים, באַקלאָגט זיך אויך שנאָבער דערויף, וואָס כחמת דעם שלעכטן דערציִונג־סיסטעם איז זעלטן ווער פון דער יידישער יוגנט „באַהַבנט אין דער העברעיִשער שפּראַך“; פאַרגעסן איז די שפּראַך פון דער ביבל און מע רעדט אויף א „לשון עלגים“; מיר זיינען דאַדורך פאַרווילדעט און פאַרנאַרישט געוואָרן, און מיט שפּאָט און געלעכטער קוקן אויף אונז אַלע פעלקער זאָגן: רק עם סכל וקכן העם הזה! (וואָס פאַר א נאַריש און נישטיק פאָלק דאָס איז).

דעם זעלבן שטאַנדפּונקט זאָגט שנאַבער אַרויס אויך אין דעם צווייטן טייל פון זיין אַרבעט, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט מיט פיל יאָרן שפּעטער [1] אַלס פּירוש צום רמב״מ׳ס „אני מאמינס״. די גאַנצע יידישע דאָגמאַטיק, אַלע „אני מאמינס״ און עיקרים פון דער יידישער אמונה פאַסט שנאַבער צוזאַמען אין איין איינציקן זאַץ — ידיעת מציאת השם, די אָנערקענונג פון דעם איינציקן באַשעפער. בלויז דער געזעץ, פאַרזיכערט ער פון זיין ריין־ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט, איז דער פעסטער יסוד פון דער תורה, אָבער אַלע אַנדערע געבאָטן קאָנען מיט דער צייט געענדערט ווערן. און דאָס איז דערפאַר, ווייל דער גרונדזאַץ וועגן דעם איינציקן באַשעפער איז אַן אוניווערסאַלער, פאַר אַלע צייטן געוועלטיקנדיקער אמת. אַלע אַנדערע געבאָטן געהערן שוין אָבער צום געביט פון גלויבן, און אמונה־זאַכן ענדערן זיך דאָך מיט דער צייט, און „עס פּאַסירט דאָך, אַז מיר גלויבן היינט אין אַזוינע זאַכן, אין וועלכע מיר האָבן נעכטן ניט געגלויבט, און עס קען זיין, אַז מיר וועלן מאָרגן ווידער אויפהערן צו גלויבן״ [2].

אין פולן קעגנזאַץ צו מענדעלסאָנען איז שנאַבער פעסט איבערצייגט, אַז דעם אמת צו דערפאַרשן איז דער מענטש אימשטאַנד נאָר מיט דער הילף פון זיינע חושים און אַדאַנק זיי דערוווערבט עס דער לעבעדיקער מענטש זיינע באַגריפן; זיי, די חושים, שטעלן עס צו דעם נייטיקן רוי־מאַטעריאַל, וועלכן דעם מענטשנס שכל נוצט אויס פאַר זיינע החלטות און לאָגישע סברות [3].

כאַראַקטעריסטיש איז אויך פאָלגנדיקער פּרט. מענדעלסאָן איז, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, זיין גאַנץ לעבן געבליבן געטריי דעם

---

1 אין האַמבורג אין 1792 אונטערן טיטל „יסוד תורה״. געשריבן איז דאָס ווערק באַדייטנדיק פריער (זע תוכחת מגולה, דף ט׳ עמ׳ ב׳).

2 יסוד תורה, 2: לדעתי יש הבדל עצמי בין היסוד הזה מציאות השם יתעלה ובין כל יתר המצוות... כי כל יתר המצוות יכלו להשתנות לפי הזמן להיותם רק בענין האמונה. אבל היסוד הזה לא ישתנה אפילו שעה אחת להיותו אמת. דאָרטן, 13: כי ענין האמת אינו נופל תחת הזמן ולא משתנה ומה שבו אמת עתה יהית אמת לעולם... מציאות הבורא יתברך הוא אמת... אבל מהמלה אמונה... יש שתהיה האמונה בדברים אשר ישתנו וענינה נופלת תחת הזמן ונאמין לפעמים דבר היום לא האמינו אתמול ולא נאמינהו למחר...

3 דאָרטן, 11: כי אנו אין לנו ענין אחר לדעת האמת רק הבחנת החושים יחד, כי משפט השכל אשר ישפוט בעוד הנפש עם הבשר יסודתו — בהידיעה אשר קנה על ידי החושים. דאָרטן, 91: כי אף לדעת חחכם פלאטא שהמושכלות הותקעו בנפש האדם, אי אפשר להכחיש שהשכלת האדם בזה המציאות לא תבוא לו מבלי חשגת החושים.

לייבניץ־וואָלפישן פילאָזאָפישן סיסטעם [1]; ער האָט, אמת, מיטן גרעסטן רעספּעקט זיך פאַרהאַלטן צו דעם „אַללעס צערמאַלמענדען קאַנט", נאָר קאַנטס אין 1781 דערשינענע גאוניש ווערק „קריטיק דער ריינען פערנונפט" האָט ער, ווי ער גופא איז זיך אָפּנהאַרציק מודה, לחלוטין ניט פאַרשטאַנען [2]. שנאבער פון זיין זייט האַלט אָבער פאַר נייטיק צו באַקענען זיינע לייענער מיט קאַנטס גרונד־געדאַנק, אַז די צייט (און אויך דער רוים) איז ניט קיין אָביעקטיוו עקסיסטירנדיקע רעאַליטעט, און אויך ניט קיין אַבסטראַקטער באַגריף, נאָר די גרונד־באַדינגונג, ביי וועלכער דעם מענטשנס שכל איז ביכולת דעם מאַטעריאַל, וואָס ער באַקומט פון די הושים, סינטעטיש צו באַאַרבעטן אין אָנשויונגען און באַגריפן [3]. און טאַקע די דאָזיקע גרונד־באַדינגונג לייגט אויך שנאבער אלס יסוד פאַר דער מסקנא, אַז די גאָטהייט געפינט זיך אויסער וועלכן פאַרבאַנד מיט דעם צייט־באַגריף, שטיצנדיק זיך אויף קאַנטס פילאָזאָפישע הנחות, פלייסט זיך אויך שנאבער צו דערקלערן זיינע לייענער, אַז דער מענטש נעמט אויף מיט דער הילף פון זיינע חושים בלויז די דערשיינונגען, אָבער ניט „דעם תמצית פון יעדער זאַך" (דאָס דינג אַן זיך) [4].

שנאבערן האָט, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ניט באַפרידיקט מענדעלסזאָנס פירוש אויף „קהלת", און ער האָט אין קעגנזאַץ צו אים געשריבן אַן אייגענעם פירוש, אין וועלכן עס פילט זיך ערטערווייז די השפּעה פון קאַנטס קריטישער פילאָזאָפיע. און שנאבערס פּאָלעמיש ווערק איז פאַקטיש דער איינציקער אָפּקלאַנג, וואָס מענדעלסזאָנס פירוש האָט געפונען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. דער לאַפּאַטער־שטרייט, וואָס האָט אַזוי קאַטאַסטראָפאַל געווירקט אויף מענדעלסזאָנס געזונט־

1 מענדעלסזאָן גופא חייזט אָן אין זיינע „מאָרגענשטונדען", וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן, אַז מחמת זיין לאַנגיאָריקער נערוון־קראַנקהייט איז ער ניט אימשטאַנד צו פאַרנעמען זיך מיט פילאָזאָפישע שטודיען. „פיר מיך — איז ער דערביי מוסיף — שטעהט אַלזאָ דיעזע היסטאָריע (פילאָזאָפיע) נאָך יעצט אויף דעם פונקטע, אויף וועלכן זיע אום דאָס 75סטע יאָהר דיעזעס יאָהרהונדערטס געשטאַנדען האַט".

2 זע זיין בריוו צו עליזע ריימאַרוס: „איך פיר מיינען טייל מוס בעקענען, דאָס איך איהן (דעם פּראָפעסאָר פון דער „קריטיק דער ריינען פערנונפט") ניכט פערשטעהע" (געז' שריפטען, V, 706).

3 יסוד התורה, קאַפּ' 9; דאָרטן, 43: חכמי זמננו בֵאֲרו שהזמן בעצמו אינו ענין כלל, אפס הוא ערך הענינים המוחשים והמושגים זה אחר זה כמשיגים, ר"ל הציור אשר יציירם נפש האדם.

4 תוכחת מגולה, דף ב', עמ' ב'; דף י"א, עמ' א'.

צושטאַנד, איז אויך פון גרעסטן באַטייט פאַר מענדעלסאָנס ווייטערע ליטעראַרישע טעטיקייט. נאָך דעם דאָזיקן שטרייט איז ער געקומען צום באַשלוס — פון איצט אָן וועט ער אָפּגעבן זיינע אַזוי שטאַרק אָפּגעשוואַכטע כּוחות שוין ניט דער דייטשער קולטור, נאָר דער אויפקלערונג און די קולטורעלע באַדערפעניש פון זיינע ברידער [1].

און גראָד אין אָנפאַנג פון די זיבעציקער יאָרן האָט זיך אין די יידישע פּאַרמעגלעכע קרייזן פון דער בערלינער קהילה אַלץ בולטער געלאָזט מערקן דער דראַנג צו אויפקלערונג און בילדונג, און אַלץ דרייסטער לאָזט זיך הערן די שטים פון דער ראַדיקאַל-געשטימטער יוגנט. דרייסטער ווערט אויך מענדעלסאָן גופא, און דאָס לאָזט זיך באַמערקן אין דער פּאָזיציע, וועלכע מענדעלסאָן פאַרנעמט אין דער פראַגע וועגן „הלנת המתים״, וואָס איז אויפגעשוועמען אין 1772 דורך דעם פאַרבאָט, וואָס דער הערצאָג פון מעקלענבורג-שווערין האָט אַרויסגעגעבן, מען זאָל ניט טאָרן מקבר זיין אַ געשטאָרבענעם פריער פון דריטן טאָג נאָך זיין טויט [2]. די דאָרטיקע יידישע קהילות האָבן אָבער אין דעם דערזען אַ שווערע „גזירה״, ווייל דאָס איז דאָך קעגן דעם יידישן מנהג וואָס גיכער דעם בר-מינן צו קבורה צו ברענגען. האָבן די קהילות זיך געווענדעט צו מענדעלסאָנען, ער זאָל אין זייער נאָמען אָנשרייבן אַ ביטשריפט צו דער רעגירונג, זי זאָל „מבטל זיין די גזירה״, בכדי יידן זאָלן ניט זיין געצוווּנגען אָפּצוטרעטן פון מסורת אבות. מענדעלסאָן האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט זייער שליחות צו דערפילן, פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט אין דעם רעגירונגס-באַפעל קיין „גזירה״ ניט געזען, און ער פּרוּווט אפילו דערווייזן מיט אַ סך ציטאַטן אויס די „ראשונים״ און חז״ל, אַז „הלנת מתים״, ד״ה, מקבר זיין דעם מת ניט אין דעם טאָג פון דער פּטירה, שטימט כּלל ניט אין קיין סתירה מיט מסורת אבות. דאָ איז אַרויסגעטראָטן דער אונז שוין באַקאַנטער קנאי יעקב עמדן [3], ער האָט זיך מפוּח דער דאָזיקער פראַגע אַריינגעלאָזט מיט מענדעלסאָנען אין אַ לאַנגן ויכּוח, און דער פאַרפאַסער פון „פעדאָן״ האָט טאַקע דערביי אַרויסגעוויזן אַ גרויסע געניטקייט אין דעם אייגנאַרטיקן שו״ת-סטיל [4]. עמדן האָט אויף זיין ירגזונדיקן שטייגער געפאָדערט, אַז

1 אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט מענדעלסאָנס בריוו פונם 29סטן יוני 1779 צו הענינגסן (געדרוקט ביי מ. קייזערלינג: מאָזעס מענדעלסאָהן 1862, 522).

2 דעם טעקסט פון דעם הערצאָגס באַפעל, זע המאסף, תקמ״ה, 155.

3 זע אונזער ווערק, ב׳ V, ז׳ 243 — 247.

4 דעם דאָזיקן שו״ת-בריוו האָט מענדעלסאָן פאַרעפנטלעכט אין „המאסף״, II, 155, א. ח. איבערגעדרוקט אין געז. שר (1929), XVI, 154—168.

מענדעלסזאָן זאָל למען השם זען פועלן ביי די שררות, זיי זאָלן מבטל זיין די ביטערע „גזירה“, בכדי „גאָטס פאָלק זאָל ניט געננייטיקט זיין נאָכצוטאָן די מנהגים פון די אומות העולם“. מענדעלסזאָן אָבער דערוויזט אין זיין געלאָסן־רויִקן ענטפער, אַז אין דער דאָזיקער פראַגע דאַרף מען קודם כל זיך רעכענען מיט דער קאָמפּעטענטער מיינונג פון די דאָקטוירים.

מענדעלסזאָן האָט גוט פארשטאַנען, אַז ניט מיט ויכּוחים קאָן מען איבערציינגן דעם צד שכּנגדו — די וואָס שטעקן מיטביידע פיס אין דעם אַלטן מיטלאַלטערלעכן וועלט־באַנעם. ער, דער זון פון דער „אויפקלערער“־צייט, האָט געזען דערצו איין איינציקע תּרופה — בילדונג! דערציִען דעם יונגן דור ניט אויפן אַלטפרענקישן שטייגער, נאָר אין דעם מאָדערנעם אייראָפּעיִשן גייסט. דורך זיין איניציאַטיווע ווערט אין בערלין געגרינדעט (1778) די ערשטע יידישע פאָלקסשול „חנוך נערים“ (יידישע פריַישולע), ווו עס ווערן אונטערריכטעט ניט בלויז תּלמוד און ביבל, נאָר אויך דייטש און פראַנצויזיש און אַלגעמיינע לימודים. פאַר דער דאָזיקער שול פאַרפאַסט אויך מענדעלסזאָן (צוזאַמען מיט פרידלענדערן) אַ ספּעציעל לעזעבוך [1]. אין דעם זעלבן יאָר איז אויך מענדעלסזאָן צוגעטראָטן צו זיין ליטעראַרישן אונטערנעמען, וואָס איז געווען פון גרעסטן קולטור־היסטאָרישן באַדייט פאַר דעם דייטשן יידנטום: דאָס איז זיין דייטשע חומש־איבערזעצונג. אין דעם פראָבע־העפט, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל: „עלים לתּרופה“ (דערשינען אין 1778), דערקלערט מענדעלסזאָן: „ווען גאָט האָט מיר געגעבן בנים זכרים, און עס איז געקומען די צייט מיט זיי תּורה צו לערנען און באַקענען זיי מיט גאָטס לעבעדיקן וואָרט, ווי אין פּסוק שטייט, האָב איך פאַר מיינע צאַרטע קינדער וועגן אָנגעפאַנגען איבערצוזעצן די חמשה חומשי תּורה אויף דער ריינער דייטשער שפּראַך, ווי זי ווערט געברויכט אין דער היינטיקער צייט... גראָד האָט גאָט אַזוי געפירט, איך זאָל זיך באַקענען מיט ר׳ שלמה אוים דובנאָ און איך האָב אים איינגעלאַדן, ער זאָל לערנען מיט מיין איינציק געבליבענעם זון [2] דקדוק אַ שעה אין טאָג. און ווען ר׳ שלמה האָט זיך באַקענט מיט מיין תּורה־איבערזעצונג, איז זי אים שטאַרק געפעלן און ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים דערלויבן זי צו פאַרעפנטלעכן, בכדי דערמיט נוצן צו ברענגען דער שול־יוגנט. האָב איך דערויף מסכּים געווען“ [3]...

---

1 זע: געמיינדעבלאַט, 1929, נומ׳ 9, ז׳ 432, 436.

2 דער צווייטער זון איז צו יענער צייט געשטאָרבן.

3 אור לנתיבה, XXVIII (מיר צוסירן לויט דער ווילנער אויסגאַבע, 1849).

מענדעלסזאָן חזרט דאָס זעלבע איבער כמעט אין די זעלבע אויסדריקן אויך אין אַ פּריוואַטן בריוו (דאַטירט 25 מאַי 1779) צו דעם אויבנדערמאָנטן אביגדור לוי אויס גלאָגוי [1]. דאָך איז אויסער ספק, אַז דער פּאָרזיכטיקער מענדעלסזאָן זאָגט דאָ ניט אַרויס דעם גאַנצן אמת. קלאָרער און באַשטימטער זאָגט מענדעלסזאָן אַרויס, וואָס ער איז אויסן מיט זיין אויסגאַבע, אין אַ צווייטן בריוו, געשריבן אין דעם זעלבן 1779, נאָר אַדרעסירט צו זיינעם אַ קריסטלעכן פריינד— אויגוסט העניגס: „נאָך לאַנגע איבערלייגונגען בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז מיט דעם רעשט כוחות, וואָס זיינען מיר נאָך געבליבן, קאָן איך נוצן ברענגען מיינע אייגענע קינדער און אויך אַ באַדייטנדיקן טייל פון מיין נאַציאָן, אויב איך וועל זיי געבן אַ גוטע ביבל-איבערזעצונג מיט אַ געהעריקן פּירוש. דאָס וועט זיין דער ערשטער שריט אויפן וועג צו אויפקלערונג, פון וועלכער מיין נאַציאָן איז, ליידער, נאָך אַזוי דערווייטערט, אַז מען פאַנגט צייטנווייז ממש אָן צו צווייפלען אין דער צוקונפט פונם יידישן פאָלק" [2].

עס איז אויסער ספק, אַז מענדעלסזאָן האָט מיט זיין ליטעראַרישן אונטערנעמען געשטעלט פאַר זיך אַ דאָפּלטן ציל: 1) דורך זיין מיט יידישע אותיות געדרוקטע ביבל-איבערזעצונג דערלייכטערן די דייטשע יידן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער ליטעראַרישער דייטשער שפּראַך; 2) דורך זיין פּינקטלעכער איבערזעצונג און דעם קלאָרן סיסטע-מאַטישן „ביאור" געבן דעם אונטערוואַקסנדיקן דור די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די קלאַסישע פּאָעטישע שיינקייטן פון דעם ביבל-טעקסט און מיט די גראַמאַטישע אייגנאַרטיקייטן פון דער העברעיִשער שפּראַך; דערוועקן אין דער יידישער יוגנט דעם חשק אָפּצוקערן פון דעם פאַרדרייטן פּלפּול און טרוקענער סכאָלאַסטיק צוריק צו דער ביבל און צו דעם ביבל-סטיל. דערפאַר טאַקע איז מענדעלסזאָן אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט איבערזעצט דעם חומש, אויך שטאַרק געווען פאַרטאָן מיט דעם איבערזעצן דעם ספר תהלים. מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, ווי שטאַרק די דאָזיקע אויס דעם טיפן אַלטערטום אויפגעהיטע תפילות האָבן געווירקט אויף מענדעלסזאָנס רעליגיעזן געפיל; ער האָט זיי אָבער אויך זייער הויך געשעצט אַלס ערשטקלאַסישע מוסטערן פון לירישער פּאָעזיע. און אין זיינע בריוו צו פאַרשיידענע באַקאַנטע [3] שטרייכט ער טאַקע אונטער, אַז מיט דער תהלים-איבערזעצונג באַצוועקט ער דער עיקר צו-

---

1 געז' שריפטען, יובילעום-אויסגאַבע (1929), XVI, 162.

2 קייזערלינג, מאָזעס מענדעלסזאָן, 1862, 522.

3 זע, צום ביישפּיל, זיין בריוו צו מיכאַעליס (געז' שר'; 1844, V, 503–506).

צו געווײנען דעם לייענער, ער זאָל אין די תהלים־תפילות זעען קודם־כּל א מוסטער פון קלאַסישער „לירישער פּאָעזיע דער העברעער... אָהנע אויף דאָס פּראָפּעטישע אונד מיסטישע צו זעהען, דאָס זאָוואָהל קריסטליכע אַלס יודישע אויסלעגער נור דארום אין דען פּסאַלמען געפונדען, ווייל זי עס דארין געזוכט האבען; אונד נור דארום געזוכט האבן, ווייל זי וועדער וועלטוויזע נאָך קונסטריכטער געוועזן זינד".

נאָך איין זאַך האָט מענדעלסזאָן באַצוועקט מיט זיין ביבל־איבער־זעצונג: אויסמעקן אוים דעם יידישן לעבן „די יידיש־דייטשע מונדאַרט", ד״ה דעם יידישן דיאַלעקט, פאַרדרענגען אוים דער שול און פאַמיליע די אַלטע יידישע ביבל־איבערזעצונגען, ווי, צום ביישפּיל, די איבערזעצונג פון יקותיאל בליץ [1], וואָס איז לויט מענדעלסזאָנס מיינונג געשריבן „בלשון עלגים", מקולקל ומשחת מאוד, תגעל בה נפש הקורא היודע לדבר צחות" — אין אַ פאַרדאַרבענער און שרעקלעך־פאַרקריפּלטער שפּראַך, פון וועלכער עס עקלט יעדן לייענער, וואָס איז געוווינט צו ריידן אַ ריינע, ריכטיקע שפּראַך. ביי מענדעלסזאָנען אין די אויגן איז דער יידישער „זשאַרגאָן" געוועזן בלויז אַ מעכאַניש געמיש „דעם העברעיִשן מיט דעם דייטשען". „איך פירכטע, — שרייבט ער אין אויגוסט 1782 צו זיין באַ־קאַנטן ערנסט קליין [2], אז דער דאָזיקער זשאַרגאָן האָט ניט ווייניק מיט־געהאָלפן דער מאָראַלישער פאַרווילדונג פון דעם פּשוטן עולם (האָט ניכט ווייניק צור אונזיטליכקייט דעם געמיינעם מאַננעם בייגעטראַגען), און איך פאַרהאָף, אז דאָס, וואָס די לעצטע צייט האָבן מיינע ברידער אָנגע־פאַנגען צו באַנוצן די ריינע דייטשע שפּראַך, וועט האָבן אַ זייער גוטע ווירקונג"... „נור קיינע פערמישונג דער שפּראַכען!" — דערמיט פאַרע־דיקט מענדעלסזאָן זיין בריוו.

אָט דערצו האָט באַדאַרפט ניט ווייניק מיטהעלפן זיין קלאַסישע דייטשע חומש־איבערזעצונג, וואָס ער האָט באַשלאָסן צו דרוקן מיט יידישע אותיות.

בכדי צו פאַרווירקלעכן די צווייטע פון די אויבנדערמאָנטע אויפ־גאַבן — צו דערוועקן אין דער יידישער יוגנט דעם אינטערעס צו דער העברעיִשער שפּראַך און איר גראַמאַטיק, האָט מענדעלסזאָן געהאַלטן פאַר נייטיק צוציִען צו דער דאָזיקער אויסגאַבע דעם אויבנדערמאָנטן מדקדק און שפּראַך־פאָרשער שלמה דובנאָ.

---

1 חעגן בליצס ביבל־איבערזעצונג זע אונזער חערק, ב׳ VI, ז׳ 159—161.

2 געז׳ שר׳ 1844, V, 505—506.

3 זע אונזער חערק, ב׳ V, ז׳...

דער דאָזיקער מאַן, וועלכן מענדעלסאָן האָט געהאַלטן פאַר דעם פאַסנדדיקסטן און נויטיקסטן מענטשן, וואָס קאָן אים באַהילפיק זיין ביי זיין וויכטיקן ליטעראַרישן אונטערנעמען, פאַרדינט, מיר זאָלן זיך מיט אים נעענטער באַקענען. שלמה בן יואל דובנאָ איז געבוירן אין דער אַלטער וואָלינער שטאָט דובנאָ דעם 12טן אָקטאָבער 1738. דעם אינטערעס צו ביבלישער עקזעגעטיק און צו אַלץ, וואָס ס'האָט אַ שייכות צו ביבלישער שפּראַך־פאָרשונג, האָט אין דעם יונגן דובנאָ דערוועקט דער אונז שוין באַקאַנטער בעל „מרכבת המשנה״, שלמה חעלמאַ. אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט צום געליבטן לערער האָט דובנאָ פאַרעפנטלעכט (אין 1766) מיט וויכטיקע הערות און מיט אַ גרויס לויבליד פאַרויס חעלמאַס פאָרשונג וועגן טראָפּ און ניקוד „שערי נעימה״. צו יענער צייט געהערט אויך, וואַרשיינלעך, דובנאָס ערשטע זעלבשטענדיקע אַרבעט, אַ זאַמלונג העברעיִשע לידער — „יובל ונעמן״, וואָס זיינען געשריבן אין ריין־ביבלישן סטיל [1]. דובנאָ האָט אויך געשריבן אַ געוויסע צאָל דידאַקטישע און סאַטירישע לידער. עס פילט זיך אָבער ניט אין זיי דער ניצוץ פון דעם אמתן דיכטער [2]. גרויס איז אָבער זיין פאַרדינסט פאַר דער נייהעברעיִשער דיכטונג דערמיט, וואָס ער האָט איבערגעדרוקט משה חיים לוצאַטוס אַלעגאָרישע דראַמע „לישרים תהלה״, וועלכע איז דעם ברייטן לייענער־פּובליקום ביז דעמאָלט געבליבן אינגאַנצן אומבאַקאַנט, ווייל דער דיכטער האָט זי פאַרעפנטלעכט אין 1743 בלויז אין דער צאָל פון 50 עקזעמפּלאַרן. דובנאָ האָט זיך מיט איר צום ערשטן מאָל באַקאַנט אין די יאָרן (1767—1772), וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אַמסטערדאַם, וווּ ער האָט געאַרבעט אין די דאָרטיקע ביבליאָטעקן. אַנטציקט פון לוצאַטוס מייסטערווערק, האָט ער באַשלאָסן עס איבערצודרוקן, בכדי, ווי ער וויזט אָן אין דער פאָררעדע, עס זאָל דערוועקן אין דער יידישער יוגנט די

1 אין איינעם פון זיינע בריוו צו װאָלף היידענהיים שרייבט דובנאָ װעגן דעם דאָזיקן װערק: הוא חיבור קטן ע״ד מליצת המקרא ממש, כתבתיו בימי עלומי בעוד כפתי רעננה״. די ביבליאָגראַפן פירסט און צייטלין װייזן אָפילו אָן, אַז די דאָזיקע זאַמלונג האָט דובנאָ פאַרעפנטלעכט אין די 70סטער יאָרן. ש. סטאַניסלאַווסקי האָט אָבער דערוויזן, אַז די דאָזיקע מעלדונג איז נים ריכטיק, און „יובל ונעמן״ איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט (זע וואָסכאָד, 1893, X—XI, 246).

2 דאָך רעדט פראַנץ דעליטש אין זיין באַקאַנטן װערק (צ׳ געש׳ ד׳ יוד׳ פּאָעזיע, 118) װעגן דובנאָס לידער מיט אַ געװיסער התפּעלות: זיינע געדיכטע זינד חירקליך אין אויסדרוק העבּרעיִש, ביבליש אין דען בילדערן, מיטעלאַלטערליך אין ריים אונד פאַרזפאַרב, אונד אויך מייסטענטײלס יודענטימליך ...ים געגענשטאַנד דער בעהאַנדלונג.

ליבע צו דער ביבלישער שפּראַך און זי זאָל אויס די פּראַכטפולע שיינקייטן פון דעם דאָזיקן ווערק זיך איבערצייגן, אַז די הייליקע שפּראַך איז נאָך איצט אויך זאַפטיק און פריש און פול מיט יוגנטקראַפט" [1].

ווען דובנא איז דערנאָך אַריבערגעפאָרן פון אַמסטערדאַם קיין בערלין, האָט ער זיך באַפריינדעט מיט מענדעלסזאָנען. ער איז אויך געווען אַן אָפטער אַריינגייער אין מענדעלסזאָנס הויז, ווייל ער האָט אַ געוויסע צייט געגעבן מענדעלסזאָנס זון אונטערריכט אין העברעיִש. עס איז אויסער ספק, אַז דובנאָ האָט דערפאַר אַזוי היים אַגיטירט, מענדעלסזאָנס חומש-איבערזעצונג זאָל וואָס גיכער אויף דער וועלט דערשיינען, ווייל ער איז געווען פולשטענדיק איינשטימיק מיט מענדעלסזאָנען בנוגע דעם „יידיש-דייטשן דיאַלעקט". אויך דובנאָ האָט געהאָפט, אַז מענדעלסזאָנס איבערזעצונג וועט געלינגען צו פאַרדרענגען דעם „פאַרהאַסטן זשאַרגאָן".

מען דאַרף דערביי ניט פאַרגעסן, אַז די שפּראַך-וויסנשאַפט, די דיסציפלין, וואָס דערפאָרשט די שפּראַך און דאָס וואָרט אַלס באַשעפער און טרעגער פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, — איז נאָך דעמאָלט אין די קינדערשיכלעך געגאַנגען, און אַלס צעניאַריק קינד האָט זיך נאָך דעמאָלט אין זיין ריטער-שלאָס דערצויגן דער צוקינפטיקער גרויסער געלערנטער, וואָס האָט מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז קיין פאָלק איז ניט אימשטאַנד צו באַלעבן און באַפרוכפּערן אַ פרעמדע שפּראַך מיט זיין אייגענעם גייסט, סיידן ער אַרבעט דערביי איבער די דאָזיקע שפּראַך אין אַ גאַנץ אַנדערע [2]. אַלס געלערנטער פילאָלאָג-פּוריסט פון אַלטן שניט, האָט דובנאָ באַזונדערס מקפּיד געווען, אַז „יעדער מענטש, מיט וואָס פאַר אַ שפּראַך ער זאָל זיך ניט באַנוצן, איז מחויב זי אָפּצוהיטן פון וועלכע עס איז פאַרקריפּלונגען און טאָר זיך ניט דערלויבן אַזוינס, וואָס געפינט זיך אין סתירה מיט די געזעצן פון איר גראַמאַטיק" [3]. אויף דעם יידיש-דייטש האָט דובנאָ געקוקט ניט ווי אויף אַ יידישן דיאַלעקט, נאָר ווי אויף אַ דייטשע שפּראַך, וואָס יידן האָבן פאַרגרייזט און פאַרקריפּלט...

---

1 „לישרים תהלה" האָט ווירקלעך געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער ניי-העברעיִשער פּאָעזיע און פיל ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן לויט איר מוסטער.

2 וו. הומבאָלדט, איבער די פערשידענהייט ד' מענשליכען שפּראַכבויעס, 203.

3 זע דובנאָס הסכמה צו דער מוסטערהאַפטער אויסגאַבע פון דעם מחזור אויף שבועות (אין 1805), וואָס ס'האָט פאַרעפנטלעכט מיט דערקלערונגען און אַ דייטשער איבערזעצונג דער פאַרדינסטפולער מדקדק וואָלף הייַדענהיים: והקורא בכל לשון צריך להזהר מדברי שבוש שבאותו הלשון, ומדקדק באותו הלשון כמו שמדקדק בלשון הקודש.

שלמה דובנאָ האָט געגרן אָנגענומען מענדעלסזאָנס פאָרשלאָגן צו שרייבן פאַר זיין אויסגאַבע אַ פּירוש („ביאור״) צום חומש־טעקסט און אים אויך צו באַזאָרגן מיט אַ ספּעציעלן „תיקון סופרים״. מענדעלסזאָן גופא זאָגט עדות, אַז „דובנאָ האָט זיין ארבעט פולבראַכט מיט אויסערגעוויינ־לעכער גענויקייט... און האָט אַלץ מעגלעכעס געטאָן, בכדי עס זאָל אַרויס פון זיינע הענט אַ דבר מתוקן״ [1].

אין 1778 איז, ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אין אַמסטער־דאַם דערשינען אַ פּראָבע־העפט אונטערן נאָמען „עלים לתרופה״, ווו עס זיינען געווען אָפּגעדרוקט פראַגמענטן פון דער דייטשער איבערזעצונג און פונם „ביאור״ מיט אַ גרויסער הקדמה פון שלמה דובנאָ, ווו ער באַ־קענט מיט דעם כאַראַקטער און די אויפגאַבן פון דער גאַנצער אויסגאַבע.

די „עלים לתרופה״ האָבן אין די אינטעליגענטע קרייזן געמאַכט זייער אַ גרויסן רושם; דער משומד כריסטיאַן גאָטליב מאיער האָט אפילו דאָס גאַנצע ווערק איבערגעדרוקט אין דייטש (1780) אונטערן טיטול: „פּראָבע איינער יידיש־דייטשען איבערזעצונג דער פינף ביכער מאָזיס״. גאַנץ אַנדערש האָבן זיך אָבער פאַרהאַלטן די אָרטאָדאָקסישע קרייזן. נים געקוקט דערויף, וואָס די בערלינער רבנים האָבן געגעבן אויף מענ־דעלסזאָנס איבערזעצונג זייערע הסכמות [2], האָבן די אָרטאָדאָקסישע רבנים זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס חשד צו דער דאָזיקער אויסגאַבע. בראש פון די קעגנער, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן אַקעגן מענדעלסזאָנס איבערזעצונג און דעם „ביאור״, זיינען געשטאַנען דריי חשובע רבנים:

---

1 אור לנתיבה, XXX.

2 מענדעלסזאָן האָט די הסכמות פאַרעפנטלעכט דעמאָלט, ווען ס'איז דערשינען די איבערזעצונג פונם ספר „שמות״. מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַ־קענען מיט די אויטאָגראַפן פון די דאָזיקע הסכמות, ווייל זיי האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיט פילע דובנאָס האַנטשריפטן אין שמואל יוסף פינס ארכיוו, און פון דאָרטן זיינען זיי אַריבערגעגאַנגען צום געשיכטספאָרשער ש. גינזבורג, וואָס האָט ביז די לעצטע יאָרן געלעבט אין לענינגראַד. עס איז אינטערעסאַנט, וואָס אויך די בער־לינער רבנים, הירש לעווין און זיין זון שאול, וועגן וועלכן עס וועט נאָך ווייטער זיין די רייד, האַלטן פאַר נייטיק צו באַקלאָגן זיך אין זייערע הסכמות דערויף, וואָס די דייטשע יידן ריידן אויף אַ פאַרדאָרבענער שפּראַך און קענען נים ריידן „בשפת המדינה״. הירש לעווין שרייבט: ואנחנו עם בני ישראל אשר לא רגל על לשונו לשון מדינה ומדינה ככתבה וביותר יושבי הארצות האלו אשר כולם אשכנזים בשם ישראל... בלעגי שפה נדבר... ואין אתנו מבין ויודע אשורות לאשורו לפרש שיחו ללועזות...

זיין זון שאול באַקלאָגט זיך: בהגלות נגלות חרפת ישראל בין האומות אשר ילעיגו עלינו בראותם מלמדי המקרא לא די שספר תורת אלהים עמוקה ומכוסה מהם, עוד נבלה שפתם בלשון המדינה.

יחזקאל לאַנדא אויס פּראַג, דער האַמבורגער רב רפאל כהן (גבריאל ריסערס זיידע) און צבי הירש יעקב חריף אויס פיורדע, וועגן וועלכן שלמה מיימון רעדט מיט אַזאַ התפּעלות אין זיין „זעלבסטביאָגראַפיע" [1]. די דאָזיקע רבנים האָבן אין מענדעלסאָנס אויסגאַבע געזעען אַ שטיקל „חילול הקודש": זיי האָבן געפונען, אַז די „דייטשע חומש-איבערזעצונג פון משה אויס דעסוי" איז ניט אַזוי אויסן צו געבן די מעגלעכקייט לייכ-טער און בעסער צו פאַרשטיין דעם הייליקן טעקסט, ווי דער עיקר אויסצונוצן די תורת משה, די יוגנט זאָל וואָס גיכער באַהבנט ווערן אין דער דייטשער שפּראַך און דורך איר זיך באַקענען מיט דער קולטור פון די אומות העולם; און דאָס וועט דאָך לויט זייער מיינונג בלי ספק ברענגען צו ביטול התורה [2]. דער קנאי רפאל כהן האָט אפילו געוואָלט אַרויס-טרעטן קעגן דעם אונטערנעמען פון „משה אויס דעסוי" מיטן געוועהר פון „חרם". מענדעלסאָנען איז אָבער געלונגען דורך זיינע האַמבורגער פריינד צו פּועלן ביים דענעמאַרקער מלך (אונטער וועמענס מאַכט האַמ-בורג האָט זיך געפונען), ער זאָל זיך אונטערצייכענען אַלס „פּרענומע-ראַנט" אויף מענדעלסאָנס אויסגאַבע. אַ פּשיטא, אַז דער רב האָט שוין ניט געוואַגט אַריינצוּוואַרפן אין חרם אַן אויסגאַבע, וועלכע דער מלך גופא האָט באַוויליקט מיט זיין חתימה.

באַלד האָט אָבער אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן די צוויי הויפּט-אַנטיילנעמער פון דער אויסגאַבע גופא. ווי עס איז צו זען אויס דובנאָס בריוו צו מענדעלסאָנען פונם 22/IX 1780 [3], האָט שוין אין 1780 גע-הערשט צווישן זיי אַ געוויסער רוגז. מענדעלסאָן, וואָס האָט אויך גע-שעצט דובנאָס אַנטיילנעמען אין דער אויסגאַבע, איז געגאַנגען אויף אַלע מעגלעכע מאַטעריעלע הנחות, איז גרייט געווען פון דובנאָס וועגן זיך

---

1 וועגן דער השערה, אַז אויך דער ווילנער גאון זאָל האָבן זיך באַטייליקט אין דעם דאָזיקן פּראָטעסט, זע ביילאַגע, נומ׳ 1.

2 אַמבּולטסטן זאָגט דאָס אַרויס דער פּראַגער רב יחזקאל לאַנדא: בתרגומו זה היה קצת נכון אם היה מקדים שתרגום זה היא לגדולים שכב־ למדו וקראו ושנו; אבל עכשו שנשמע תרגום זה אצל קצת המבקשים דוקא ללמוד עם הילדים תרגום זה, ומתוך כך נהגוך הוא שהילדים תיכף בילדותם מוכרחים לבלות זמנם בספרי עמים כדי שיורגלו בלשון אשכנז כדי שילמדו אח"כ התרגום ההוא ונעשית תורתנו כשפחה המשמשת את לשון אשכנז שיתגשם בדור ופירוש המלות של לשוננו העברי אינם יודעים. („המאסף", 1786, 143. זע אויך צל"ח על ברכות, דף כ"ח, עמ׳ ב׳).

3 דער בריוו איז פאַרעפנטלעכט אין קצבאַקס „ישורון", III, 85 — 88, אי-בערגעדרוקט אין לעטעריסעס אויסגאַבע המאסף תקמ"ד, 120 — 122, 180 — 182 (1862) און אויך אין מענדעלסאָנס יובילעום אייגנאַבע, XVI, 258 — 261.

אָפּצוזאָגן פון וועלכן ס׳איז ריווח, וואָס די אויסגאַבע קאָן ברענגען [1]. מאַטעריעלע טובת הנאה האָט אָבער ניט געקאָנט ענדערן דובנאָס באַשלוס, — ער איז בכלל געווען אַ גרויסער מקפּיד אין געלט־פראַגן, ניט קוקנדיק אויף זיין שטאַרק געדריקטע עקאָנאָמישע לאַגע [2]; אין פרילינג 1781 זיינען זיך די צוויי שותּפים ענדגילטיק פונאַנדערגעגאַנגען. „איך ווייס ניט — שרייבט מענדעלסזאָן — אויס וואָסער סיבּה דובנאָ האָט באַשלאָסן מיך צו פאַרלאָזן און האָט זיך צוריק אומגעקערט צו זיין געבורטסלאַנד [3].

צי איז מענדעלסזאָנען ווירקלעך אומבאַקאַנט געבליבן די סיבּה, אויס וועלכער דובנאָ האָט אים פאַרלאָזן, איז שווער צו זאָגן. יעדנפאַלס, דובנאָ גופא רעדט וועגן דעם גאַנץ באַשטימט (אמת, שוין נאָך מענדעלסזאָנס טויט) אין זיין בריוו צו זיין פריינד, דעם אויבנדערמאָנטן מדקדק וואָלף היידענהיים. „זינט איך האָב בערלין פאַרלאָזן — שרייבט דובנאָ [4] — האָב איך ניט קיין שום מגע־ומשא מיט מענדעלסזאָנס יורשים. מיין יוגנט־לערער און רבּי דער דובנער רב נפתּלי הערץ האָט פאַרבייפאָרנדיק דורך בערלין מיר פאָרגעוואָרפן: בהתחברך עם אחזיהו פרץ ד׳ את מעשיך! * ער האָט מיך געשטראָפט, פאַר וואָס איך אַרבעט צוזאַמען מיט אַזעלכע, וואָס זייער גאַנץ טראַכטן איז עוקר מן השורש צו זיין די תּורה שבעל פּה. זיינע ווערטער האָבן אויף מיר געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל מיך דערווייטערן פון די דאָזיקע לייט און

---

1 זע ד. פרידלענדערס בריוו צו יוסף בן אליהו פעסעלעס קיין ווילנע: „איך פערזענלעך בין בייגעווען ביים דין־תּורה, וואָס מענדעלסזאָן מיט שלמה דובנאָ האָבן געהאַט ביים בערלינער רב. דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דובנאָ איז מחויב וויסער אָנטיילצונעמען אין דער חומש־אויסגאַבע, דער גאַנצער סכום, וואָס ס׳איז צוגעזאָגט געוואָרן פאַר די „פּרענומעראַנטן״, גייט אָבער אויף דובנאָס חשבון, אויסער אַ קליינעם טייל, וואָס קומט מענדעלסזאָנס ברודער שאולן (הכּרמל, VII, 36)

2 כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז דובנאָס אויבנדערמאָנטער בריוו צו מענדעלסזאָנען.

3 אור לנתיבה, XXX: רוח אחרת עברה עליו, לא ידעתי מה היה לו כי עזבני והלך לו אל ארצו.

4 דעם דאָזיקן בריוו, וואָס איז געשריבן דעם 8טן סיון 1789 אין אַמסטערדאַם, האָט צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין דייטשער איבערזעצונג ב. אויערבאַך אין זיין „געשיכטע דער איזראַעליטישען געמיינדע האלבערשטאַדט״, 1866, 179 — 183. דעם העברעישן טעקסט האָט געדרוקט א. ד. ליבערמאַן אין „אספת חכמים״, 1878, 13.

* דער פּסוק פון דער דאָזיקער היסטאָרישער פּראָזע (דברי הימים, ב׳, 20, 37): אַז דו האָסט זיך באַפריינדעט מיט רשעים, וועט גאָט זיך פון דיר אָפּווענדן.

וועל בערלין פארלאזן. מענדעלסזאנס איבערזעצונג איז טאקע א זייער געלונגענע און א נוצלעכע און איך גופא האב מיך משתדל געווען, זי זאל פארעפנטלעכט ווערן, נאר אייניקע פון די, וואס זיינען איינגעלאדן געווארן אנטיילצונעמען אין דער דאזיקער זייער וויכטיקער אויסגאבע, זיינען זייער חשודע מענטשן, ווייל זיי האבן פון זיך אינגאנצן אראפגעווארפן דעם עול פון דער תורה, און אויף זיי איז באמת געזאגט געווארן: סורו נא וכו׳"[1].

פארלאזנדיק בערלין האט דובנא דאך ניט אנגעווארן די האפענונג צו פארעפנטלעכן זיין פירוש („ביאור") אויף חומש[2]. ער האט זיך געלאזט קיין ווילנע, ווו ס׳איז אונטער דער השפעה פון דעם ווילנער גאון געווען וואך דער אינטערעס צום פארשן די ביבל-שפראך און איר גראמאטיק. ער איז זייער פריינדלעך אויפגענומען געווארן אינם הויז פון דעם ווילנער רבס איידעם, דעם אויבנדערמאנטן גביר און מעצענאט יוסף בן אליה פעסעלעס[3], און דער גאנצער ווילנער קרייז פון דעם גאונס תלמידים און מקורבים האבן זייער ווארעם אויפגענומען דובנאס פראיעקט ארויסצוגעבן די חמשה חומשי תורה מיט זיין ביאור.

הסכמות אויף דער דאזיקער אויסגאבע האט דובנא באקומען ניט נאר פון יוסף פעסעלעס און דעם באמעלעאן-ארטיקן משה מייזעלש[4], נייערט אויך פון די גדולי התורה, פון דעם באגרינדער פון דער וואלאזשינער ישיבה, ר׳ חיים וואלאזשינער, און פון זיין ברודער ר׳ זעלמעלע,

---

1 אספת חכמים, 13: „ומאז התרחקתי מבערלין אינני עוד את יורשי הרמבמ״ן במסורת הברית... מורי ורבי מנעורי הרב מדובנא נפתלי הירץ עבר דרך ברלין ויוכיחני: בהתחברך עם אחזיהו פרץ ד׳ את מעשיך, כי אני עושה את מלאכתי עם אלה אשר כל מחשבותם לעקור משורש את התורה שבע״פ. חזקו עלי דבריו ונתתי אומ־ כי אבדל מהחברה הזאת וארחיק נדוד מברלין..." נאכדעם, ווי ער דערמאנט מיט א שבח מענדעלסזאנס איבערזעצונג, פירט דובנא אויס: ואולם מקצת האנשים אשר נספחו לעזור למלאכה הנכבדה הזאת הנה הנם תרבות אנשים חשודים, כי פרקו מעליהם עול תורה ועל כמו אלה נאמר באמת וצדק: סורו נא וכוי...

2 אין מענדעלסזאנס אויסגאבע איז פארעפנטלעכט בלויז דובנאס פירוש אויף חומש „בראשית".

3 וועגן דער ראלע, וואס פעסעלעס האט געשפילט אין דעם באוווסטן קאמף צווישן דעם ווילנער קהל און דעם רב שמואל בן אביגדור (אונזער ווערק, צ׳ V, ז׳ 259), זע אונזער ארבעט „מלחמת הקהל בהרב האחרון" אין „העבר", II, (1918). זיין בריוו-וועקסל מיט פרידלענדער האט ש. י. פין פארעפנטלעכט אין „הכרמל". ווען דער „המאסף" האט אנגעהויבן ארויסגיין אין קעניגסבערג, האט פעסעלעס זיך אבאנירט אויף צוויי עקזעמפלארן.

4 מער באריכות וועגן מייזעלשן זע ביילאגע נומ׳ 2.

וואָס איז געווען באַשאַנקען מיט אַן אויסערגעוויינלעכן, ממש וווּנדער־באַרן זכרון [1].

בכדי צו האָבן די מאַטעריעלע מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו דער פאַר־טראַכטער אויסגאַבע, האָט דובנא זיך געלאָזט אין אַ רונדרייזע איבער פיל שטעט זאַמלען „פרענומעראַנדען״. ער האָט באַזוכט אַמסטערדאַם, האַנאָווער, קאָפּענהאַגען, פּראַג און פיל אַנדערע שטעט. צו דער דאָזי־קער רייזע האָבן אים פיל חשובע באַקאַנטע באַזאָרגט מיט רעקאָמענדיר־בריוו [2]. עס איז אים אויף זיין נסיעה געלונגען צונויפצוזאַמלען העכער 700 אַבאָנענטן, דאָך איז דער דאָזיקער סכום געווען צו קליין פאַר אַזאַ קאָסטשפּיליקע אויסגאַבע, און דובנאס „ביאור״ אויף גאַנץ תורה איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט [3].

דערפאַר אָבער איז מענדעלסזאָנען געלונגען, ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן, צו דערפירן זיין אויסגאַבע ביז צום סוף. נאָכדעם ווי דובנא האָט אים פאַרלאָזן, האָט ער געמוזט זוכן נייע מיטאַרבעטער פאַרן „ביאור״. ער גופא האָט געשריבן דעם „ביאור״ אויף ספר „שמות״ און אויף די לעצטע צוויי סדרות פון ספר „דברים״ (האזינו, ברכה), וווּ ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף זייער פּאָעטישן סטיל. דעם פּירוש צו די איבעריקע ספרים האָבן געשריבן דריי פון מענדעלסזאָנס מקורבים, וועגן וועלכע עס וועט זיין די רייד אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען. אין משך פון 1780—1783 איז דערשינען אונטערן טיטל „נתיבות השלום״ מענדעלסזאָנס קלאַסישע תורה־איבערזעצונג, פאַרזאָרגט מיט אַ נייעם פּירוש און אויסגעצייכנטער הקדמה. מענדעלסזאָנס באַדייטנדיקע ליטע־ראַרישע באַגאַבונג און פיינער עסטעטישער געשמאַק אַנטפּלעקן זיך דאָ אין זייער גאַנצן גלאַנץ. אין דער איבערזעצונג פילט זיך די אמתע מייסטער־האַנט, וואָס פאַרשטייט, ווי איבערצוגעבן אין אַן אַנדער שפּראַך די אומפאַרגלייכלעכע שיינקייטן פון דעם „ספר הספרים״. מענדעלסזאָן פלייסט זיך צו גיין אויפן דרך הפשט, איבערצוגעבן דעם טעקסט ווערטלעך,

1 וועגן ר׳ זעלמעלעס געפּאַלטיקן זכרון ווערן דערציילט פיל לעגענדן. באריכות וועגן אים זע זיין ביאָגראַפיע „תולדות אדם״, פאַרפאַסט פון דעם מגיד יחזקאל פייוועלס.

2 מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט די דאָזיקע רעק־קאָמענדיר־בריוו, וויל אויך זיי געפינען זיך אינם ארכיון פון ש. גינזבורג. דאָרט ווערט עפּעס אונטערגעשטראָכן, אַז „המדקדק הגדול״ שלמה דובנא האָט בדעה אַרויס־צוגעבן חמשה חומשי תורה מיט אַ נייעם פּירוש, אָבער „בלי טייטש של ר׳ משה דעסוי״.

3 שלמה דובנא איז געשטאָרבן אין אַמסטערדאַם דעם 23טן יוני 1813. ער האָט געלאָזן אַ זייער ווערטפולע ביבליאָטעק. איר קאַטאַלאָג „רשימת ספרי רש״ד״ איז געדרוקט אין 1814.

געטריי; אים געלינגט אָבער אויך קונציק אײַנצופלעכטן ערטערווײַז דאָס טראַדיציאָנעלע, וואָס איז באַהויכט מיט דרוש, מיט מסורה און דאָך ניט צו שטערן דערבײַ דעם אַלגעמיינעם סטיל. עס איז אויסער ספק, אַז צווישן דער גרויסער צאָל ביבל־איבערזעצונגען פאַרנעמט מענדעלסזאָנס „נתיבות השלום", אַדאַנק זײַן גענויקייט, זײַן געטאַקטער פאָרם און האַרמאָנישער פשטות, אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ. אַ גרויסע ליטעראַרישע דערגרייכונג איז אויך די ברייטע העברעיִשע הקדמה, וואָס טראָגט אַ ספּעציעלן טיטל „אור לנתיבה". דאָ איז שוין ניטאָ קיין זכר פונם „מליצה"־סטיל, וואָס לאָזט זיך נאָך אַזוי שטאַרק פילן אין מענדעלסזאָנס יוגנט־ווערק „קהלת מוסר"; מיט זײַן קלאָרער געמאָסטענער און פײַן געפאָרמטער שפּראַך דערמאָנט דער „אור לנתיבה" דעם קלאַסישן סטיל פון מיימונים „משנה תורה".

עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס דער „נתיבות השלום" האָט אַרויסגערופן אַזאַ התפּעלות אין די פּראָגרעסיווע קרייזן, און מען האָט אים באַזונגען אין פּראָזע און פּאָעטישע לויב־לידער. דער דאָזיקער אויסגאַבע איז באַשערט געווען צו בילדן אַ גאַנצן עטאַפּ אין דער קולטור־געשיכטע ניט נאָר פון די דײַטשע ייִדן, נייערט אויך פון דעם מזרח־ייִדנטום [1]. אין משך פון צוויי־דריי דורות איז מענדעלסזאָנס איבערזעצונג מיטן „ביאור" געווען דער וויכטיקסטער, אויב ניט דער איינציקער מקור, וואָס אַדאַנק אים האָט די ייִדישע יוגנט ניט נאָר געלערנט צו שעצן די פּאָעטישע שיינקייטן פון דעם ביבל־טעקסט און צו פאָרשן מיט ליבע די העברעיִשע שפּראַך און איר גראַמאַטיק, נאָר צו דער זעלבער צײַט אויך זיך באַקענט מיט דער דײַטשער שפּראַך און דורך איר — באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו דערנעענטערן צו דער אייראָפּעיִשער קולטור.

אין זײַן בריוו צו אביגדור לוי אוים גלאָגוי שרײַבט מענדעלסזאָן דעם 22 אַפּריל 1784: „נור, ליידער, האָט אונס די געוועהנליכע מעטאָדע דברי הנביאים והמשוררים הקדושים צו לערנען, זאָ ווייט פון דעם ריכטיגן געפיהל דער שיינהייט אונד ערהאַבענהייט אַבגעפירט, דאַש איך קוים אויף אחד בעיר ושנים במשפחה רעכנען קאַן" [2]. ער מעלדעט דערפאַר, אַז ער האָט בדעה „אויך נביאים וכתובים הערויס צו געבן, אם יגזור ד' ויהי נועמו עליו" [3]. עס איז אים שוין אָבער ניט באַשערט געווען דעם דאָזיקן וואונטש צו פאַרווירקלעכן, די לעצטע צען יאָר פון

---

1 ספּעציעל פאַרן פּויליש־רוסישן ייִדנטום איז מענדעלסזאָנס תּורה־איבערזעצונג איבערגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע אין 1836 — 1838, און דערנאָך, צוזאַמען מיט דער איבערזעצונג פון דער גאַנצער ביבל, אין ווילנע אין 1848 — 1853.

2 יובילעום־אויסגאַבע (1929), ב', XVI, 292.

3 דאָרטן, 296.

זיין לעבן האָט דער קרענקלעכער מענדעלסזאָן געמוזט אָפּגעבן זיינע שוואכע כוחות אנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן, וואָס זיינען אַלע, בלויז מיט איין אויסנאַם, ענג פאַרבונדן מיט ריין יידישע אינטערעסן און פּראָבלעמען. בעת די פּרייסישע רעגירונג האָט געשטעלט דער יידישער קהילה די פאָדערונג, זי זאָל צושטעלן אַ פּאַסנדיק האַנטבוך, וואָס זאָל באַקענען די רעגירונגס-באַאַמטע מיט די יידישע רעליגיעזע געזעצן און מנהגים, האָט דער בערלינער רב זיך געווענדעט צו מענדעלסזאָנען מיט דער ביטע, ער זאָל אָנשרייבן דאָס געפאָדערטע ווערק. און צו דעם צוועק האָט מענדעלסזאָן פאַרפאַסט זיין „ריטואַל-געזעצע דער יודען״ (1778), אַ מין „קיצור שולחן ערוך״ אין דייטש. דאַנק דעם גרויסן נאָמען, וואָס מענדעלסזאָן האָט אַלס שריפטשטעלער און דענקער זיך דערוואָרבן אין דער קריסטלעכער וועלט, האָבן פאַרשיידענע יידישע קהילות (און ניט זעלטן אויך פּריוואַטע פּערזאָנען) אין אַ שעת צרה גלייך זיך געווענדעט צו מענדעלסזאָנען, ער זאָל זיין זייער מליץ יושר, און גאַנץ אָפט פלעגט טאַקע מענדעלסזאָנען געלינגען אַרויסצוהעלפן יידישע קהילות פון שווערע גזירות, ווי גירושים און עלילת דם. טיפּיש אין דער הינזיכט איז דער בריוו, מיט וועלכן די דרעזדענער קהילה האָט זיך געווענדעט [1] צו מענדעלסזאָנען אין סעפּטעמבער 1777, בעת עס איז איבער איר געהאַנגען די גזירה פון גירוש. אין דעם בריוו ווערט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן מענדעלסזאָנס באַדייט, וואָס אַ דאַנק אים קאָנען שוין די אומות העולם ניט שפּאָטן פון די יידן און דערקלערן מיט חוזק, אַז זיי זיינען ווילדע, אומוויסנדיקע מענטשן, מיט אַ פאַרגרעבטער און פאַרקריפּלטער שטאָטערער-שפּראַך, — אַט זעען זיי דאָך, אַז מיר זיינען ניט נידעריקער פון זיי, און אויך ביי אונז געפינען זיך מענער, וואָס שטייען אויף די העכסטע שטאַפּלען פון אייראָפּעיִשער קולטור (אשר בך נתפאר, כי גלות מעלינו חרפת רבים עמים, אשר חרפונו כל היום לאמור: בזה לך, לעגה לך, עם עמקי שפה, שה נאלמה, נלעג לשון אין בנה! ועתה יוָדע לגוים לעינינו כי לא אלמן ישראל, כי לא נופל מהמוהם ומהמונם) [2].

---

1 יובילעום-אויסגאַבע (1929, באַנד XVI, 236).

2 כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער אַריינפיר, מיט וועלכן הייזעלס תלמיד, דוד האַגענהאַאַר, פאַנגט אָן זיין בריוו צו מענדעלסזאָנען: מורה הנבוכים בחובת הלבבות, ואבן עזרא ומאור עינים ומקור חיים הוא לאלפים ולרבבות... נשיא אלקים בתוכינו, עטרה לאומתנו, המליץ בעדינו, הקל עול גלותינו, שר הויכוח ועושה צדקות עם כל בשר ורוח... פילוסוף אלקי, נבון לחש יועץ וחכם חרשים, מבחר האישים וכו׳ (יאָרטן, 206).

אין 1779 האָבן זיך די עלזאַסער יידן געווענדט צו מענדעלסזאָנען, ער זאָל אויפן גרונד פון די מאַטעריאַלן, וואָס זיי האָבן אים דערביי צוגעשיקט, פאַרפאַסן אַ „מעמואַר", ד"ה אַ באַגרינדעטע ביטשריפט, וואָס זיי ווילן דערלאַנגען דעם פראַנצויזישן שטאַאַטסראַט וועגן באַשענקען די פראַנצויזישע יידן מיט גלייכבאַרעכטיקונג. מענדעלסזאָן האָט, ווי עס שיינט, זיך געפילט ווייניק מסוגל צו שרייבן אַזעלכע אָפיציעלע דאָקו־מענטן, — איז ער אָבער געפאַלן אויפן גליקלעכן געדאַנק צוצוציען צו דער דאָזיקער אַרבעט זיין יונגן פריינד, דעם טיכטיקן רעגירונגס־באַאַמטן כרי־סטיאַן דאָם. דאָם, וואָס האָט אַדאַנק זיין נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט מענדעלסזאָנען זיך פאַרהאַלטן זייער טאָלעראַנט צו יידן, האָט מסכים גע־ווען אויף מענדעלסזאָנס פאָרשלאָג; ער האָט אָבער באַדייטנדיק פאַר־טיפט די פאַר אים געשטעלטע אויפגאַבע און פון אַ ספּעציעלער ביט־שריפט פאַרן פראַנצויזישן שטאַאַטסראַט איז אויסגעוואַקסן אַ זעלב־שטענדיק ווערק „איבער די בירגערליכע פערבעסערונג דער יודען" [1], אַן אינטערעסאַנטער קולטור־דענקמאָל פון דער „אויפקלערונגס"־תקופה, ווו עס ווערט געמאַכט דער ערשטער פּרווו אָביעקטיוו און סיסטעמאַטיש צו באַטראַכטן פון היסטאָרישן שטאַנדפונקט די יידן־פראַגע.

מענדעלסזאָן האָט זייער וואַרעם באַגריסט דאָמס ווערק. ער האָט אָבער געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוטרעטן קעגן צוויי פון דאָמען אַרויסגע־שטעלטע טעזיסן: 1) אַז מחמת זייער רעכטלאָזער לאַגע געפינען זיך די יידן אויף אַ נידעריקער מאָראַלישער מדרגה און 2) אַזוי ווי די רעגי־רונג אָנערקענט די יידישע אמונה, דאַרף דער יידישער רעליגיעזער פאַרוואַלטונג געגעבן ווערן דאָס רעכט אויסצושליסן די ווידערשפּעניקע און אומגעהאָרכזאַמע מיטגלידער [2]. ווידעראַמאָל אויף מענדעלסזאָנס פאָרשלאָג האָט זיין פריינד ד"ר מאַרקוס הערץ איבערזעצט אין דייטש מנשה בן ישראלס אַפּאָלאָגעטיש ווערק "Vindiciae Judaeorum„ (רעטונג דער יודען). און מענדעלסזאָן שרייבט צו דער דאָזיקער אויסגאַבע (דערשינען אין 1782) אַ גרויסע פאָררעדע, אין וועלכער ער שטעלט זיך אָפּ באַריכות אויף דאָמס אויבנדערמאָנטע טעזיסן. מיט ביטערן סאַר־קאַזם רעדט מענדעלסזאָן וועגן דער צביעות פון דער קריסטלעכער גע־זעלשאַפט, וואָס רויבט אָפּ ביי די יידן אַלע מענטשלעכע רעכט, פאַרצוימט

---

1 צום ערשטן דערשינען אין 1781

2 Über die bürgerliche Verbesserung d. Juden, 1781, 124: So wie jede kirchliche Gesellschaft müsste auch die jüdische das Recht der Ausschliessung auf gewisse Zeiten oder immer haben.

פאר זיי אַלע וועגן, וואָס פירן צו קולטורעלע און נוצלעכע באַשעפטי־
קונגען און שטעלן דערנאָך אַרויס די דורך דעם אַרויסגערופענע אָפּגע־
שטאַנענקייט און פאַרווילדונג אַלס מאָטיוו אויף ווייטערע אונטערדריקונג.
„מאַן פעהרט פאָרט, — שרייבט מענדעלסזאָן מיט צאָרן, — אונז פאָן
אַללען קינסטען, וויססענשאַפטען אונד אַנדערען ניטצליכען געווערבען אונד
בעשעפטיגונגען דער מענשען צו ענטפערנען; פערשפערט אונז אַלע
וועגע צור ניטצליכען פערבעססערונג, אונד מאַכט דען מאַנגעל אַן קולטור
צום גרונדע אונזערער פערנערן אונטערדריקונג. מאַן בינדעט אונז די
הענדע, אונד מאַכט אונז צום פאָרוואורפע, דאַס וויר זי ניכט געברויכען״ [1].

בנוגע צום צווייטן דאָמס אויבנדערמאָנטן טעזיס, קאָן מענדעלסזאָן
בכלל ניט באַגרייפן, ווי קען מען עס ערנסט ריידן וועגן „קירכליכע רעכטע,
קירכליכע געוואַלט אונד מאַכט״? ווי קאָן בכלל זיין די רייד וועגן
צוואַנג דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך וועגן דברים שבלב, וועגן מיינונגען און
באַגריפן מכוח „אייביגע אמתען״ [2]. די אמתע געטלעכע רעליגיע וועט זיך
ניט דערלויבן אויסצונוצן געוואַלט און שטראָפמיטלען בנוגע צו איבערציי־
גונגען און מיינונגען; איר קראַפט און געווער — איז דאָס לעבעדיקע
וואָרט, די גייסטיקע מאַכט פון איבערצייגונג. און עס איז בלויז צו
באַדויערן, וואָס אַלע פעלקער געפינען זיך נאָך ביז אויף היינטיקן טאָג
אין דעם טרויעריקן טעות און מיינען, אַז די אמונה קאָן געוועלטיקן
בלויז דורך אייזערנע מאַכט, אַז מיט רדיפות און פאַרפאָלגונגען קאָן
מען ברענגען צו גליקזעליקייט, און דעם באַגריף פון געטלעכער ליבע
קאָן מען פרעדיקן און פאַרשפרייטן מיט הילף פון האַס און אונטער־
דריקונג [3].

אויף דער קריסטלעכער געזעלשאַפט האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן
רושם דער דעוויז, וואָס מענדעלסזאָן, דער ייד, האָט אָפן אַרויסגעשטעלט,
אַז די קירכע טאָר ניט אויסנוצן קיין שום צוואַנגמאַכט בנוגע צו אירע
מיטגלידער; ווייל אויפן געביט פון רעליגיעזע איבערצייגונגען דאַרף
גילטן די פולשטענדיקע פרייהייט. נאָך אין דעם זעלבן יאָר (1782),
באַלד נאָכדעם ווי די „רעטונג דער יודען״ איז פון דרוק אַרויס, איז
דערשינען אַן אַנאָנימע בראָשור „דאַס פאָרשען נאָך ליכט אונד רעכט״,
ווו דער אומבאַקאַנטער פאַרפאַסער ווייזט אָן, אַז מענדעלסזאָן גראָבט
דאָרט אונטער מיט זיין דעוויז די יסודות פון תורת משה, ווו די אמונה

---

1 געז. שריפטען, 1844, III, 183.
2 דאָרטן, 197.
3 דאָרטן, 202.

שטיצט זיך דאָך, לויט דעם אנאָנימס מיינונג, הויפּטזעכלעך אויף דער צוואנג-מאכט פון דער מלוכה. און ווי לאַפאַטער בשעתו, שטעלט אויך דער אומבאַקאַנטער מענדעלסזאָנען די סאַרקאַסטישע פראַגע: „צי וויל דאָס ניט באַווייזן, אַז איר שטייט איצט גאַנץ נאָענט צו דער קריסט-לעכער אמונה?“.

מענדעלסזאָן האָט זיך גלייך אָפּגערופן אויף דעם אַנאָנימס אויפ-פאָדערונג, — און אין יאָר 1783 איז דערשינען זיין פונדאַמענטאַל ווערק „ירושלים“ מיטן אונטערקעפּל: „איבער די רעליגיעזע מאַכט דעם יודענטומס“. איידער מיר וועלן באַקענען מיטן אינהאַלט פון דעם דאָזיקן ווערק, איז אָבער נייטיק קודם כל זיך אָפּצושטעלן אויף אייניקע פּרטים פון מענדעלסזאָנס וועלט-באַנעם און זיין שטעלונג צו די אויפקלערער און ראַציאָנאַליסטן פון זיין צייט.

מיר האָבן שוין צום שלום פונם ערשטן קאַפּיטל אָנגעוויזן, אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס מענדעלסזאָן האָט אַבסאָלוט ניט געקענט איינ-שטימען מיט פיל הנחות „דער הערנן ענציקלאָפּעדיסטען“, האָט אים דאָך געצויגן צו זיי, ווי צו געטרייע מיטקעמפער אויפן געביט פון העכסט וויכטיקע לעבנס-פּראָבלעמען. אים האָט געצויגן צו די פראַנצויזישע ראַציאָנאַליסטן און פריידענקער פון זיין צייט, ווייל זייער לערע האָט צעשמעטערט די אַלט-מיטלאַלטערלעכע פעסטונג און קאָנסעקווענט גע-פירט צו דער שטאָלצער פּראָקלאַמירונג פון מענטשלעכער פולבאַרעכטי-קונג, צו דעם באַרוישנדיקן, פילפאַרשפּרעכנדיקן דעוויז: פרייהייט, גלייכ-הייט און ברידערלעכקייט פאַר אַלע, וואָס טראָגט אַ „מענשען-געשטאַלט“. ווי אַ ישועה-בשורה האָט דער דאָזיקער דעוויז געמוזט קלינגען אין די אויערן פון די רעכטלאָזע יידן, ווייל ער האָט דאָך אַלס לאַגישער פּועל-יוצא געטראָגן אין זיך די אָנערקענונג פון מענטשלעכע רעכט אויך פאַר יעדן יידן, אַלס גלייכן מיטגליד פון דער אַלמענטשלעכער משפּחה. מענדעלסזאָן דאַנקט די השגחה, וואָס ער האָט זוכה געווען צו דערלעבן צום סוף פון זיינע יאָרן דעם „גליקלעכן צייטפּונקט“, ווען די „ר ע כ ט ע ד ע ר מ ע נ ש ה י י ט“ (געשפּיצירט ביי מענדעלסזאָנען) ווערן אָנערקענט אין זייער „אמתן פאַרנעם“[1]; ווען מען וואַרפט אָפּ אַלע פאַראורטיילן און מען פלייסט זיך קודם כל „דען מענשען אַלס מענשען צו בעטראַכטען“[2]...

דער אויפקומענדיקער נייער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט גע-קעמפט קעגן די צוימען און מויערן פון דעם אַלטן פעאָדאַלן סדר און

---

1 ערשטער זאַץ אין דער פאָררעדע צו „רעטונג דער יודען“.

2 זע זיין בריוו צו לעסינגן, געז. שר., 1844, 195.

געשטרעבט צו בויען א פרייע ליבעראל=אינדיווידואליסטישע געזעלשאפט. די פאר זייערע פאליטישע און מענטשלעכע רעכט ראנגלענדיקע בורזשואזע שיכטן האבן געקעמפט קעגן ירושהדיקן יחוס און היסטארישע פריווילעגיעס אין נאמען פון דעם פולבארעכטיקטן יחיד, דעם גרונד=זייל פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט. „דאס מענשליכע געשלעכט — שרייבט מענדעלסזאן העניגגסן — איסט קיין פיר זיך בעשטעהענדעס וועזען. עס בעשטעהט פיל מער אוס איינצעלנען מענשען“. און אלע „איינצעלנע מענשען“ זיינען גלייך! דאס האט געקלונגען, ווי אן אפענבארונג. אמת, דעם „יחיד“, דעם באגריף „מענטש“, האבן די אויפקלערער געגעבן גאנץ אבסטראקטע פארמען. מען האט ארויסגעשטעלט דעם טעזיס, אז די מענטשלעכע נאטור איז „גוט און פארנינפטיק פון געבורט“, קאליע געמאכט האבן זי בלויז די פאראורטיילן און די ליגנערישע צביעות פון די גלחים און קולטוס=טרעגער. און גאנץ אינם גייסט פון די פראנצויזישע אויפקלערער דערקלערט אויך מענדעלסזאן: „דער מענש פארשעט נאך ווארהייט, ביליגט דאס גוטע אונד שענע, וויל אללעס גוטע אונד טהוט דאס בעסטע“ [1]. קעמפנדיק פארן דעוויז, אז אלע זיינען גלייך די, וואס טראגן א „מענשען=געשטאלט“, האבן די ראציאנאליסטן און אויפקלערער פון יענער צייט ניט געוואלט באמערקן די אייגנארטיקייטן און ספעציפישע פארמען, וואס עס לייגן ארויף אויף דעם יחיד, דעם אינדיווידואום, זיין היסטארישער עבר, די קולטור=נאציאנאלע סביבה, אין וועלכער ער איז אויסגעוואקסן. זיי האבן זיך בלויז באנוגנט דערמיט, וואס זיי האבן באזונדערס אונטערגעשטראכן די אפגעזונדערטקייט און פארפרעמדקייט, וואס עס האבן געבוירן רעליגיעזער האס און קנאישער פאנאטיזם. אט דאס נאיווע, אנטי=היסטארישע צונויפמישן פון גאנץ פארשיידענע דערשיינונגען און באגריפן דריקט זיך אמבולטסטן אויס אין איינעם פון די שענסטע און איידלסטע קולטור=דענקמעלער אויס יענער תקופה — אין לעסינגס „נאטאן דער ווייזע“. מיט פאטאס ווענדעט זיך דער קלוגער נתן צום טעמפלהער:

Wir haben beide
Uns unser Volk nicht auserlesen. Sind
Wir unser Volk? Was heisst denn Volk?
Sind Christ und Jude eher Christ und Jude,
Als Mensch? Ach! wenn ich einen mehr in Euch
Gefunden hätte, dem es g'nügt, ein Mensch
Zu heissen!

1 מאָרגענשטונדען, 146 (געזאַמעלטע שריפטען, חיענער אויסגאַבע, 1838).

רערפון נעמען זיך די דיסאָנאַנסן און ווידערשפּרוכן אין מענדעלס־זאָנס וועלט־באַנעם. ער שטייט שטאַל און אייזן פאַר דעם רעליגיעזן ריטוס, ער זעט אין דעם קיום המצוות, אין דעם ווילנס־אַקט, וואָס דריקט זיך אויס אין די רעליגיעזע צערעמאָניעס — אַ גרויסע דערציִונגס־קראַפט, אַ פאַרבינדונגס־רינג, וואָס פאַראייניקט דעם יידישן קיבוץ. נאָר גלייך דערביי האַלט מענדעלסזאָן פאַר נייטיק אַרויסצושטעלן אויך דעם ראַציאָנאַליסטיש־אוטיליטאַרן מאָטיוו: באשר דאָס מוז געטאָן ווערן צו־ליב דער ספּעציעלער מיסיע, וואָס באַשטייט אין דעם קאַמף מיט די „פלאַגעגייסטער דער פערנונפט" — מיט דעם אַנטראָפּאָמאָרפיזם און דעם גלויבן אין פּילגעטעריי. און בכלל — איז מענדעלסזאָן מוסיף אין דעם ריין ראַציאָנאַליסטישן נוסח — דאַרפן די מנהגים האָבן אַ ראַציאָנאַליסטישן אונטערגרונד, און מען דאַרף אויפסניי אויפקלערן און מאַכן פאַר־שטענדלעך דעם טעקסט פון דער הייליקער שריפט, וואָס איז אומפאַר־שטענדלעך געוואָרן „דורך הייכעליי (צביעות) אונד פּפאַפען־ליסט" [1]. ריין אינטויִטיוו קומט מענדעלסזאָן צו דער איבערצייגונג, אַז אין אמונה־זאַכן שפּילט די הויפּט־ראָלע ניט דער שכל און די לאָגישע סברות, נאָר דאָס האַרץ און דאָס געפיל. ער אָנערקענט די נייטיקייט אפילו פון אַזעלכע ריטועלע געזעצן, וואָס האָבן שוין אָנגעוואָרן זייער נוצלעכקייט, וואָרעם ער געפינט, אַז זיי האָבן נאָך דורך דעם ניט פאַרלוירן זייער באַדייט „אַלס באַנד דער פעראייניגונג" [2], נאָר צו דער זעלבער צייט פאַר־בלייבט ער אַ געטרייער תלמיד פון דעם „מורה נבוכים"־באַשעפער און געפינט זיך אונטער דער השפעה פון זיינע מיטצייטלער — די פראַנצויזישע „אויפקלערער". אין זייער נוסח אַפּעלירט ער אַלץ צום „שליכטען, געזונדען מענשענפערשטאַנד", באַקלאָגט זיך, אַז „אַבערגלויבע אונד פּפאַפענליסט" האָבן „דען געזונדען מענשנפערשטאַנד אין פערווירונג גע־בראַכט" [3]. פּלייסט ער זיך דערפאַר צו דערווייזן אויפן ראַציאָנאַליסטישן שטייגער די נוצלעכקייט און דעם שכלדיקן מהות פון דעם יידישן ריטוס. אים, דעם ראַציאָנאַליסט און מיימוני־פאַרערער, איז טייער די מסורת אבות, די יידישע אמונה מיט אירע מנהגים, און — עס געשעט דאָס גרויסע וואונדער! ער אַנטפּלעקט אין תורת משה, אין דעם יידנטום, דאָס לויטער ראַציאָנאַליסטישע, דעם גאַנצן וועלט־באַנעם פון וואָלף־לייבניצעס

---

1 זע זיין אינטערעסאַנטן בריוו צו האָמבערגן (געז' שר' 1844, ב' V, 669.

2 דאָרטן.

3 אַן די פריינדע לעססינג'ס, 511 (זעמטליכע ווערקע, וויענער אויסגאַבע, 1838).

סיסטעם. מיט שטאָלץ דערקלערט מענדעלסזאָן בשעת זיין שטרייט מיט לאַפאַטער־באַנגע, אַז אין דער יידישער אמונה זיינען ניט פאַראַן אַזעלכע דאָגמען, וואָס זאָלן זיך געפינען אין כתירה מיטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד [1]. ער געפינט אפילו, אַז אַזאַ פרייער דענקער, ווי שפּינאָזע, האָט ביי זיין פילאָזאָפישן סיסטעם געקאָנט רויִק בלייבן „איין אָרטאָדאָקסער יודע", און זיין לערע איז צום יידנטום פיל נעענטער, „אלס די אָרטאָדאָקסע לערע דער קריסטען" [2]. מענדעלסזאָן אַנטדעקט אין תורת משה דעם העכסטן אידעאַל פון די „אויפקלערער" — די „פערנונפטרעליגיאָן..." באַזונדערס אינטערעסאַנט אין דער הינזיכט איז מענדעלסזאָנס בריוו, וואָס ער האָט געשיקט בשעת דעם לאַפאַטער־שטרייט צו זיין קרוב און פריינד אלקנה הערץ דעם 22/VII 1771. אין דעם צווייטן באַנד פון אונזער ווערק (ז' 146) האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם ראַציאָנאַליסט אויס דעם 13טן יאָרהונדערט, ניסן בר משה אויס מאַרסעל, ווי יענער דערציילט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל, אַז די קריסטלעכע געלערנטע וואַרפן אים אין אַ פּאָלעמיק פאָר, אַז „אַלץ, וואָס אייער לערער משה זאָגט אין זיין תורה", אין דעם אַלץ „גלויבט דאָך אויך און דאָס זאָגט דאָך אויך דער פילאָזאָף". „זיי מיינען — פירט ניסן בר משה אויס — דערמיט אונזער תורה צו דערנידעריקן; זיי פאַרשטייען ניט, אַז, אַדרבא, זיי מאַכן זי דערמיט גרויס, וואָרעם דער דת און דער פאַרשטאַנד זיינען דאָך ביידע פון איין גאָט געגעבן, ניט ווי די קריסטן אין זייער גרויס נאַרישקייט מיינען, אַז דער תמצית און תוך פון יעדער אמונה באַשטייט דווקא אין דעם, וואָס מען דאַרף גלויבן אין ווילדע אומגעלומפּערטע מעשיות, וואָס דער שכל מוז זיי אָפּלייקענען". ממש אין דעם זעלבן טאָן שרייבט אויך מענדעלסזאָן אין דעם אויבנדערמאָנטן בריוו [3], בעת ער באַרירט די פּאָלעמישע אָנפאַלן פון דעם פּאַמפלעטיסט קעלבעלע:

„איברהויפּט פלעגן נוצרים ובפרט טהעאָלאָגן גאָר לייכט יעמאַנד דעש דעיִסמוס צו באַשולדיגן, ווייל איהרי גאָפנבאַרטע רעליגיאָן (ד״ה די

---

1 Unsere Vernunft kann ganz gemächlich von den ersten sichern Grundbegriffen der menschlichen Erkenntnis ausgehen und versichert sein, am Ende die Religion auf eben dem Wege anzutreffen. Hier ist kein Kampf zwischen Religion und Vernunft, kein Aufruhr unserer natürlichen Erkenntnis wider die unterdrückende Gewalt des Glaubens".

2 אן די פריינדע לעסינג'ס, 504 (זעמטליכע ווערקע, וויענער אויסגאבע, 1838).

3 יובילעום־אויסגאבע (1929), ב' XVI, 151—150.

קריסטלעכע) גאר ערשרעקליך פיל צו דר נאטירליכן הינצו צו טוהן האט, דש איבר אונד ווידר די פרנונפט איזט. אבל ברוך ד׳ אשר נתן לנו תורת אמת * מיר האבן קייני עיקרים די נגד השכל או למעלה מן השכל זיין. מיר טוהן נישט מער הינצו צו דר נאטירליכן רעליגיאן אלש מצוות וחקים ומשפטים ישרים ת״ל. אבל עיקרי ויסודי דתנו מיוסדים על אדני השכל ומסכימים עם החקירה והרעיון האמיתי מכל צד, בלי סתירה ומחלוקת כלל וכלל. וזהו מעלות דתנו האמתי והאלהי מעל כל שאר דתות הכוזבות **. הנוצרים ווערדן אללי אונזרי עיקרים דעש דעיסמוס או נאטוראליסמוס בשולדיגן... ולא אאריך בזה כי בכל אלה דבר שפתים אך למותר ***. בני עמנו זאלטן ביליג דיזש אללעש פון זעלבשט איינזעהן, כי היא תהלתנו ותפארתנו וכל ספרי חכמינו מלאים מזה״ ****.

מענדעלסזאנס דור האט בכלל געהאט א גאנץ קנאפן באגריף וועגן היסטארישער אנטוויקלונג. א זון פון א טיפיש-אנטיהיסטארישער עפאכע, האט מענדעלסזאנען לחלוטין געפעלט די היסטארישע פערספעקטיוו, דער חוש פאר געשיכטלעכער עוואלוציע. און מיט דער פאר אים אזוי כאראקטעריסטישער אפנהארציקייט קלאגט ער זיך אין א בריוו צו אבטן: „וואס ווייס איך פאן געשיכטע? וואס נור דען נאמען פון געשיכטע האט, שטאאטס-געשיכטע, געלעהרטענגעשיכטע, האט מיר ניעמאלס אין דען קאפף וואלען״ [1].

מ׳דארף דערביי געדענקען, אז אין דעם דור פון די „אויפקלערער״ איז דער גאנצער היסטארישער פראצעס פון דער מענטשלעכער קולטור-אנטוויקלונג געווען אנערקענט אלס טרויעריקער טעות, אלס פאררדיסלעכער אפקער אויף פאלשע וועגן, איבער וועלכע עס האט געבלאנדזשעט דאס מענטשן-געשלעכט. ערשט איצט, — האבן זיך און אנדערע גע-

---

* אבער געלויבט איז גאט, וואס ער האט אונז אן אמתע תורה געגעבן.

** אבער די עיקרים און די דאגמען פון אונזער דת שטיצן זיך אויף די גרונדזיילן פונם שכל און שטימען פולשטענדיק צוזאמען מיט די לאגישע אויספירן פונם ריכטיקן פארשער-געדאנק; עס קומט דערביי ניט פאר קיין שום שטרייט און סתירה. ט׳ט אין דעם איבערשטייגט אונזער ריכטיקער געטלעכער דת די אלע איבעריקע פאלשע אמונות.

*** איך וועל וועגן דעם ניט מאריך זיין, וואָרעם אין אזעלכע פראגן זיינען רייד איבעריק.

**** וואָרעם דאס איז אונזער לויב און אונזער באצירונג און אלע ווערק פון אינזערע חכמים זיינען פול דערמיט.

1 געז׳ שר׳ 1844, V, 342.

טרייסט די „אויפקלערער“, — נאָכדעם ווי עס זיינען אויסגעפּאָרשט גע־
וואָרן די גרונד־אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור, איז ענדלעך
געמאַכט געוואָרן אַ סוף צו די אַלע טרויעריקע טעותן און בלאָנדזשע־
נישן; אויפגעדעקט און דערקלערט איז איצט מיטן קלאָרן מענטשלעכן
שכל דער אַבסאָלוט־ריכטיקער סדר, און אַלע פאָראורטיילן, אַלע אומגע־
רעכטיקייטן וועלן פאַרשווינדן פאַר די ליכטיקע שטראַלן פון דעם אייביקן
שכל און אייביקער גערעכטיקייט. עס האָט זיך דעמאָלט גערעכט, אַז
דער פרייער קריטישער געדאַנק האָט גרינדלעך צעשטערט דעם אַלטן
טעאָלאָגישן בנין; אַלע יסודות פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַלע
גלויבונגען און באַגריפן זיינען אויפסניי אויסגעפּאָרשט און זייער ווערט
אָפּגעשאַצט. די נייע קרעפטן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער אַרענע
פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיינען אַרויסגעטראָטן אונטער דער פאָן
פון פּאָזיטיוון וויסן. זייער דעוויז איז געווען—אויפקלערונג, די העכסטע
גאָטהייט — דער שכל. די עמאַנציפּאַנעלע פאַקטאָרן האָט מען געשאָנקן
גאַנץ ווייניק אויפמערקזאַמקייט: זיי, האָט מען גערעכנט, געפינען זיך
בלויז אין אונטערגרונד און זיי שפּילן אַ גאַנץ אונטערטעניקע ראָלע.
בלויז דער אַבסאָלוטער שכל איז אָנערקענט געוואָרן אַלס אַליינהערשער
און באַפעלער. און אַלץ, וואָס וויל לעבן, וואָס וויל קעמפן פאַר זיין
ווייטערדיקער עקסיסטענץ, — מוז קודם־כל אָפּגעבן דין וחשבון אָט פאַר
דעם העכסטן אַליינהערשער, מוז דערווייזן די ראַציאָנעלע מאָטיוון
פון זיין עקסיסטענץ...

עס דאַרף דערפאַר כלל ניט חידושן, וואָס מענדעלסזאָן, וועלכער
האָט זיך געפילט פעסט צונויפגעבונדן מיט דעם טראַדיציאָנעלן יידנטום,
איז ביי די דעמאָלטיקע צושטענדן דאָך ניט געווען אימשטאַנד דאָס היסטאָ־
רישע יידנטום וויסנשאַפטלעך צו באַלייכטן. ער האָט אין אים געזען
ניט אַ פּראָדוקט פון אַ קאָמפּליצירטן היסטאָרישן פּראָצעס, ניט אַ לע־
בעדיקן נאַציאָנאַלן וועלטבאַנעם, וואָס ענדערט זיינע פאָרמען אין משך
פון זיין אָרגאַנישער אַנטוויקלונג — נאָר אַלס אַ פאַרגליווערטע, פאַר
אַלע צייטן פעסט באַשטימטע און שטרענג־באַגרענעצטע דערשיינונג. און
דאָך — האָבן ניט פאַרלוירן אַ באַשטימטן אינטערעס די אידעען און
הנחות, וואָס מענדעלסזאָן זאָגט אַרויס אין זיין „יערוזאַלעם“, און דאָס
דאָזיקע ווערק האָט בלי ספק אַ באַדייטנדיקן קולטור־היסטאָרישן ווערט
אַלס דענקמאָל פון יענער אייגנאַרטיקער, ווען אויך סתירות־פולער
תקופה.

אינם ערשטן טייל פון זיין ווערק שטעלט זיך מענדעלסזאָן אָפּ
אויף דער ראָלע פון דער מלוכה־מאַכט און דער קירך פון דער מענטש־

לעבער געזעלשאַפט. ער שטרייכט שאַרף אונטער די גרענעצן פון זייער קאָמפּעטענץ און פון זייערע פונקציעס. די מלוכה, ווייזט מענדעלסזאָן אָן, פאָדערט פון אירע מיטגלידער—האַנדלונגען, די אמונה אָבער—געזינונגען און אינעווייניקסטע איבערצייגונגען. עס איז קלאָר, פירט מענדעלסזאָן אויס, אַז ביי דברים שבלב, ביי אינערלעכע איבערצייגונגען און גלויבונגען, קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן באַפעלן, וועגן צוואַנגמיטלען. דאָס איינציקע געווער, מיט וועלכן די קירך קאָן זיך באַנוצן, איז — דאָס וואָרט, דאָס וואָרט פון ליבע, פון טרייסט, פון איבערצייגן. שאַרף און באַשטימט שטעלט מענדעלסזאָן אַרויס דעם פּרינציפּ, אַז די מלוכה דאַרף זיין פולשטענדיק אָפּגעטיילט פון דער קירך, און ער שטרייכט דערביי אויפן בולטסטן אופן אונטער, אַז די מלוכה־מאַכט דאַרף כלל ניט אינטערעסירן דער גלויבן און די רעליגיעזע אָנשויונגען פון אירע בירגער, און אַז גלויבנס־אונטערשייד קען בשום אופן ניט באַטראַכט ווערן אַלס מניעה בירגערלעכע רעכט צו געניסן. פאַר מענדעלסזאָנען איז קלאָר, אַז די מלוכה דאַרף אַרויסשטעלן אַלס איר דעוויז — פולשטענדיקע טאָלעראַנץ, פרייהייט פון געדאַנק און גלויבן; און די קירך דאַרף ניט פּרעטענדירן אויף קיין עולמישע רייכטימער (masset sich auf kein irdisches Gut ein Recht), און האָט דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיט קיין שום אַנדער מאַכט, ווי מיט דער מאַכט פון איבערצייגן [1].

אין דעם צווייטן טייל פון זיין ווערק שטרייכט מענדעלסזאָן באַזונדערס אונטער דעם טיפן אונטערשייד, וואָס עקסיסטירט צווישן דעם קריסטלעכן גלויבן און דעם יידישן. דאָס קריסטנטום איז די רעליגיע פון גלויבן, דאָס יידנטום — די רעליגיע פון טאָן. דאָס קריסטנטום, וואָס גייט אַרויס פון דעם גרונדזאַץ, אַז דער יחיד קען גליקזעליק ווערן נאָר אַדאַנק דעם גלויבן, לייגט דאָס הויפּט־געוויכט אויף די דאָגמען, זעט אין זיי דעם וויכטיקסטן פאַקטאָר פון אוניווערסאַלן, אויסשליסלעכן באַדייט; דאָס יידנטום אָבער איז די רעליגיע פון אַקטועלן לעבן און טאָן; די געזעצן און דער ריטוס זיינען בלויז סימבאָלן פון ווילנסאַקטן. די תורת משה אונטערשיידט זיך ראַדיקאַל, לויט מענדעלסזאָנס אינטערפּרעטאַציע, פון דעם קריסטנטום דערמיט, וואָס זי טוט ניט באַפעלן, מען זאָל גלויבן אין די אָדער יענע דאָגמען, זי באַפעלט בלויז דערפילן די געזעצן און געבאָטן, וואָס דערהייבן דאָס מענטשלעכע לעבן, קריצן איין אין דעם מענטשלעכן זכרון דעם געטלעכן ווילן און דערוועקן דעם דראַנג צו די געהעריקע מעשים, וואָס ברענגען צום צייטלעכן און איי־

---

[1] געזאַמ. שר. 1844, III, 283.

ביקן גליק [1]. „אונטער אלע פארשריפטן און פאראָרדענונגען אין תורת משה, — שטרייכט מענדעלסזאָן אונטער, — איז נישטאָ קיין איינציקע, וואָס זאָל באפעלן: דו זאָלסט גלויבען! אָדער ניכט גלויבען! נאָר אלע הייסען: תעשה או לא תעשה — זאָלסט טון, אָדער ניכט טון!" [2] מיט קללות און מיט שטראָפן טרעט די תורה ארויס ניט פאר ניט גלויבן (Unglaube), נאָר פאר ניט דערפילן, פאר פארברעכערישע מעשים (Unthaten) [3].

מען מאכט, פארזיכערט מענדעלסזאָן, צו אָפט דעם טעות — און מען מישט צוזאמען גאנץ פארשיידענע באגריפן: די אויף אן איבערנאטירלעכן אופן אנטפלעקטע געזעצגעבונג נעמט מען אָן פאר אן איבערנאטירלעכע רעליגיע-אָפענבארונג. דאָס יידנטום ווייסט אָבער ניט פון קיין התגלות-רעליגיע אין דעם זין, ווי עס איז אָנגענומען אין דער קריסטלעכער וועלט. די יידן פארמעגן בלויז א געטלעכע געזעצגעבונג, זייערע אבות זיינען געגעבן געוואָרן בלויז רעליגיעזע דינים, באפעלן און לעבנס-כללים, וואָס פירן דעם מענטשן צו גליקזעליקייט [4]. די דאָזיקע געזעצן דערלייכטערן טאָקע משיג צו זיין די „אייביקע אמתן": די דאָזיקע אמתן נייטיקן זיך אָבער ניט, ניסים ונפלאות זאָלן זיי באשטעטיקן, און ניט דורך אָפענבארונג זיינען זיי ספּעציעל דעם יידישן פאָלק געגעבן געוואָרן — דער גאנצער קולטור-מענטשהייט זיינען זיי אויף אייביקע צייטן געגעבן דורך דער נאטור-רעליגיע [5], דורך דעם באוווסטזיין, וואָס רוט אין הארצן פון יעדן פארנינפטיקן מענטשן. אין די אייביקע געזעצן דארף מען ניט בלויז גלויבן, זיי זיינען „פערנונפטגעזעצען", זיי שטיצן זיך אויפן מענטשלעכן שכל. און מיט שטאָלץ דערקלערט מענדעלסזאָן: „איך וויל ניט אָנערקענען קיין אַנדערע אייביקע אמתן, ווי בלויז אזעלכע, וואָס ניט בלויז דער מענטשלעכער שכל איז אימשטאנד זיי משיג צו זיין, נייערט קענען אויך דורך מענטשלעכע קרעפטן באשטעטיקט און אויפגעהיט ווערן" [6].

---

1 געז. שר. 1844, III, 311.

2 דאָרטן, 321.

3 דאָרטן, 352.

4 זע אויך מענדעלסזאָנס „אָן די פריינדע לעסינגס": אויך איסט דאס יודענטום קיינע געאָפענבארטע רעליגיאָן, זאָנדערן געאָפענבארטעס געזעץ (זעמטל' ווערקע, חיענער אויסגאבע, 1838, 510.

5 דאָרטן 311: Diese offenbaret der Ewige uns, wie allen übrigen Menschen, alle Zeit durch Natur und Sache, wie durch Wort und Schriftzeichen.

6 דאָרטן: Ich erkenne keine andere ewige Wahrheiten, als die

מענדעלסזאָנס אידעיִשער קעגנער, דער פאַטעטישער און מיסטיש=
געשטימטער יאָהאַן האַמאַן, איז ניט גאַנץ אומגערעכט, בעת ער שטרייכט
אזוי אָפּט אונטער מענדעלסזאָנס טאָפּלזייטיקייט: פון איין זייט „ראַציאָ=
נאַליסט אונד סאָפיסט", „פערנינפטיגער אופקלערער", און פון דער אַנ=
דערער — „שטאָקיודע". אַלס מיימונים א באַגייסטערטער פאַרערער און
מיטצייטלער פון די „אויפקלערער" און ראַציאָנאַליסטן, פרווט מענדעלס=
זאָן דערווייזן, אַז אין דער יידישער אמונה איז קיין שום ווידערשפרוך
צווישן שכל און גלויבן ניט פאַראַנען. ער פלייסט זיך אויף ריין ראַציאָ=
נאַליסטישן אופן צו באַגרינדן די נייטיקייט און „פאַרנינפטיקייט" פון
דעם יידישן ריטוס, ער רעדט אין דעם ראַציאָנאַליסטישן נוסח וועגן די
פאַרקריפלונגען און די מיספאַרשטענדעניש, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן
דורך „די נאַרישקייט פון די מענטשן" (Thorheit der Menschen); נאָר
אין דער זעלבער צייט שטרייכט אויך מענדעלסזאָן אונטער, אַז די „געֿ=
זעצן, פאַרשריבטן, געבאָטן און לעבענסרעגעלן" פון תורת משה דאַרפן
בלייבן אומפאַרענדערלעך און זיינען חל אויף אייביקע צייטן אויף יעדן
מיטגליד פון דעם יידישן פאָלק, ווייל דער געזעצגעבער איז דאָך גאָט
אַליין; ניט אַלס גאָט דער באַשעפער און רעגירער פון דער וועלט, נאָר
אַלס אלוהי ישראל, אַלס הערשער און באַפעלער פון דעם יידישן קיבוץ,
מיט וועלכן ער האָט אַן אייביקן בונד געשלאָסן, און געגעבן האָט ער זיי=
נע געזעצן עפנטלעך און אויף אַן אויסערגעוויינלעכן ווּנדערפולן אופן [1].
און ווייל גאָט דער באַשעפער איז אויך דער האַר און באַפעלער פון דער
יידישער אומה, דערפאַר האָט ביים יידישן קיבוץ דאָס בירגערלעכע
א הייליקן און רעליגיעזן לבוש, „אונד יעדער בירגערדיענסט וואַר צוגלייך
איין וואָהרער גאָטטעסדיענסט" [2].

און אפילו נאָכדעם — ווייזט מענדעלסזאָן אָן — ווי דאָס יידישע
פאָלק האָט פאַרלאָרן זיין בירגערלעך=פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, קענען
דאָך די באַטרעפנדיקע געזעצן ניט אָפּגעשאַפט ווערן, זאָל זיין אפילו, אַז
זיי האָבן אין דער התחלה געטראָגן א ריין ציוויליכן כאַראַקטער.
וואָרעם — „וואָס גאָטט געבונדען האָט, קאַן דער מענש ניכט

---

der Menschlichen Vernunft nicht nur begreiflich, sondern durch menschliche Kräfte dargethan und bewährt werden können.

1 געז. שר. III, 350: Und er gab seinen Gesetzen die feuerlichste Sanction, öffentlich und auf eine nie erhörte, wundervolle Weise, wodurch sie der Nation und allen ihren Nachkommen als unabänderliche Pflicht und Schuldigkeit auferlegt worden sind.

2 דאָרטן, 350—352.

לעזען!״ 1. און מענדעלסזאָן, דער ראַציאָנאַליסט, איז אָפנהאַרציק מודה: אין דער אמתן זע איך נים איין, ווי אַזוי קענען די, וואָס זיינען אין יעקבס הויז געבאָרן, זיך „אויף אירגענד איינע געוויסענהאַפטע ווייזע״ באַפרייען פון דעם געטלעכן געזעץ, וואָס זיי האָבן בירושה באַקומען פון זייערע אבות 2.

נאַטירלעך, קאָן יעדערער אויספאָרשן און באַטראַכטן יעדעס געזעץ באַזונדער, אַרויסזאָגן דערביי זיין השערה, אַז עס איז פּיליכט געווען געבונדן מיט דעם באַשטימטן אָרט, צייט און אומשטענדן, און קאָן פּיליכט מיט דער צייט, ביי אַנדערע אָרט און אומשטענדן, אויך געענ־דערט ווערן, אָבער — „שוואַך אונד קורצזיכטיג איסט דעם מענשענס אויגע״. ווער קאָן זאָגן: „איך בין אין דאס היילינטום נאָטעס געקאָממען, האבע דאס סיסטעם זיינער אבזיכטען גאַנץ דורכשויעט, אונד וואס איה־נען מאסס אונד ציעל אונד גרענצע צו באַשטימען?״ 3.

בלויז גאָט אַליין, וואָס האָט מיט אונזערע אבות זיין בונד גע־שלאָסן און עפנטלעך זיי זיינע געזעצן באַפוילן, בלויז ער קאָן אונז „זיינען ווילען דאַריבער צו ערקענען צו געבען״ 4.

מענדעלסזאָן דער אויפקלערער און מענדעלסזאָן דער „שטאָקיודע״ וויסט זייער גוט, אַז ער שטייט אויף דער שוועל פון אַ נייער תקופה, ווען נייע שטרעמונגען און אומשטענדן שטעלן די שטרענגע פאָדערונג: צופּאַסן דעם יידישן וועלט־באַנעם און רעליגיעזן לעבנסשטייגער צו די תביעות פון דעם מאָדערנעם קולטורעלן לעבן. און ער, דער מאַן, וואָס שטייט על פרשת דרכים, אויפן שיידוועג פון צוויי וועלטן, געפינט, אַז „דעם הויזע יאַקאָבס״ קאָן „קיין קלוגערע עצה״ נים געגעבן ווערן, ווי אָט וואָסערע: „פּאַסט אייך צו צו די זיטן און דעם סדר פון דעם לאַנד, אין וועלכן איר וווינט; אָבער האַלט זיך אויך פעסט ביי דער רעליגיע פון אייערע אבות. טראָגט דעם טאָפּלטן יאָך אַזוי גוט, ווי איר קענט. געוויס איז אייך שווער צו דערפילן אַלע פאָדערונגען פון דעם בירגערלעכן לעבן בעת איר האַלט געטריי די געבאָטן פון דער אמונה;

---

1 געז. שר. 1844, III, 356.

2 דאָרטן.

3 נאָך בשעת זיין שרייט מיט לאַפאַטער־באַגגע האָט מענדעלסזאָן דערקלערט:
Andere Völker können ihre Gesetze nach den Zeiten, Umständen, Bedürfnissen und Bequemlichkeiten abändern, aber mir hat der Schöpfer selbst Gesetze vorgeschrieben, sollte ich, schwaches Geschöpf, mich erdreisten nach meinem Dünkel diese göttlichen Gesetze abzuändern?

4 געז׳ שר׳ III, 358.

דערצו פילט זיך נאָך דאָס מקיים זיין די רעליגיעזע געבאָטן ביי גאַנץ אַנדערע ציַיטן און אומשטענדן אַלס באַדייטנדיק שווערערע לאַסט, ווי אין די פֿאַריקע דורות. האַלט זיך דאָך פעסט, ניט קוקנדיק אויף דעם אַלץ, שטייט אומדערשיטערט אויף דער וואַך און דערפילט די אויפגאַבע, וואָס די השגחה האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט" [1].

מענדעלסאָנס ווערק, ווי עס ווערט אויפן שאַרפסטן אופן פראָקלאַמירט דער דעוויז פון טאָלעראַנץ און גלויבנספרייהייט, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דער קריסטלעכער וועלט. די באַדייטנדיקסטע דענקער פון יענער צייט האָבן עס ענטוזיאַסטיש באַגריסט. מיראַבאָ האָט דערקלערט, אַז מענדעלסאָנס „ירושלים" פאַרדינט, מע זאָל עס איבערזעצן אויף אַלע שפּראַכן", און עמנואל קאַנט האָט געשריבן מענדעלסאָנען באַלד נאָך דעם דערשיינען פון זיין ווערק: „איך האַלט דאָס דאָזיקע בוך פאַר דעם אָנזאָג פון אַ גרויסער רעפאָרם, וואָס וועט, אמת, ערשט ביסלעכווייז און לאַנגזאַם פאַרווירקלעכט ווערן, אָבער ניט בלויז בנוגע אייער נאַציע אַליין, נאָר אויך פאַר אַלע אַנדערע פעלקער" [2].

אין דער העברעיִשער ליטעראַטור האָט מענדעלסאָנס „ירושלים" בשעתו אַ גאַנץ קנאַפּן אָפּקלאַנג געפונען. בלויז דער שוין אין ערשטן קאַפּיטל דערמאָנטער אברהם מולדולה האָט אים אין „מאסף" אַ לויבליד געזונגען [1] און יצחק אייכל האָט אין זיין מענדעלסאָן־מאָנאָגראַפיע איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון „ירושלים" [3]. ערשט שפּעטער, שוין נאָך מענדעלסאָנס טויט, האָבן זיך געלאָזט הערן פון יידישע שריפטשטעלער קריטישע באַמערקונגען צו מענדעלסאָנס געדאַנקען וועגן דעם מהות און באַדייט פון דער יידישער אמונה. אין העברעיִש איז מענדעלסאָנס ווערק דערשינען ערשט מיט פילע יאָרצענדלינגע שפּעטער [4].

---

1 געז. שר., III, 355.

2 Ich halte dieses Buch für die Verkündigung einer grossen, obzwar langsambevorstehenden und fortrückenden Reform, die nicht allein Ihre Nation, sondern andere treffen wird.

2 המאסף, תקמ"ה, פ"ד.

3 אייכלס פולשטענדיקע העברעיִשע „ירושלים"־איבערזעצונג האָט קיין סאַך לעגער ניט געפונען און איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט.

4 דורך גאָטלאָבער אין 1867, און דורך גרינבוים־פיאָדאָראָף אין 1876.

דריטער קאַפּיטל

דער קולטורעלער באַדײַט פֿון מענדעלסזאָנס חומש־איבערזעצונג.—נפֿתּלי הירץ װײזעל אַלס בעל־לשון און מדקדק. יוסף דעם צחײַסנס „סאָלערצנץ־עדיקס". — װײזעל אַלס השׂכּלה־קעמפֿער. — זײַן אױפֿרוף „דברי שלום ואמת". — זײַן פּראָגראַם װעגן קינדער־דערציִונג. — דער קאַמף פֿון די אָרטאָדאָקסן קעגן װײזעלס אױפֿרוף. — די קעניגסבערגער חברה „דורשי לשון עבר" און איר צײַטשריפֿט „המאסף". דאָס פּראָגראַם פֿון די „מאספים". — דער באַדײַט פֿון דער צײַטשריפֿט. — דער „מאסף" װערט אַריבערגעטראָגן פֿון קעניגסבערג קײן בערלין.

מיר האָבן שוין אין פֿריִקן קאַפּיטל אָנגעװיזן אויף דעם קולטור־היסטאָרישן באַדייט פֿון מענדעלסזאָנס חומש־איבערזעצונג. זי איז געוואָרן דער אָנהאַלטפּונקט פֿאַר די נייע שפּראַצונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער יידישער גאַס אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן י"ה, דער ערשטער וויכטיקער עטאַפּ אין דער געשיכטע פֿון דער השׂכּלה־באַוועגונג. די טענדענצן, וואָס זיינען אַזוי בולט אין מענדעלסזאָנס אונטערנעמונג: רעפֿאָרמירן די דערציִונג־סיסטעם, איינפֿלאַנצן ליבע צו דער ביבל־שפּראַך און דערוועקן דעם דראַנג נאָך אייראָפּעיִשער בילדונג — זיי זיינען עס געוואָרן די גרונטדעזיסן, די וויכטיקע „אַני־מאַמינס" ביי די „השׂכּלה"־קעמפֿער. לויט מענדעלסזאָנס איניציאַטיווע איז נאָך אין 1778 געגרינדעט געוואָרן אין בערלין אַ „יידישע פֿריישולע" (חינוך נערים), ווו די קינדער האָבן געלערנט אויסער ביבל און תּלמוד אויך דייטש, פֿראַנצויזיש און אַנדערע וועלטלעכע למודים. און אין דער זעלבער צייט, ווען ס׳איז דערשינען מענדעלסזאָנס חומש־איבערזעצונג, האָט איינער פֿון די מיטאַרבעטער, וואָס האָבן מענדעלסזאָנען מיטגעהאָלפֿן נאָך שלמה דובנאָס אָפּפֿאָרן דעם „ביאור" צו פֿאַרענדיקן,[1] נפֿתּלי הירץ (האַרטוויג) וויזעל, פֿאַרעפֿנטלעכט אַ קליינע שריפֿט פֿון צוויי דרוקבויגן, וואָס ווערט מיט רעכט באַטראַכט אַלס דער ערשטער מאַניפֿעסט פֿון דער יונגער

---

[1] זע אויבן, ז׳ 28, הערה 3.

השכלה־באוועגונג, אלס ערשטער גרונדשטיין פאר דער נייער העברעאישער אויפקלערונגס־ליטעראטור.

נפתלי הירץ ווייזעל[1] שטאמט פון פוילן; זיין עלטער־זיידען יוסף רייז אוים באר (פאדאליער געגנט) איז על פי נס געלונגען צו ראטעווען זיין לעבן בשעת דער שרעקלעכער קאזאקישער שחיטה אין 1648, ווו עס איז אומגעקומען זיין גאנצע פאמיליע[2]. יוסף רייז האט זיך באזעצט אין אמסטערדאם, ווו ער איז נתעשר געווארן. זיינע לעצטע יארן האט ער פארבראכט אין דער בראנדענבורגער שטאט וועזעל (דערפון דער פאמיליע־נאמען). נפתלי ווייזעלס זיידע, משה, און אויך זיין פאטער יששכר־בער, זיינען געווען רייכע הויף־ליוועראנטן („לפני מלכים יתיצב", ווי ווייזעל שרייבט וועגן זיין פאטער). נפתלי הירץ איז געבארן געווארן אין האמבורג, נאר ווען ער איז נאך געווען א קליין קינד, איז די גאנצע פאמיליע אריבערגעפארן קיין קאפענהאגען. יששכר־בער, דער רייכער ליוועראנט ביים הויף פונם דענעמארקער מלך, האט געגעבן זיין זון א טראדיציאנעלע דערציאונג און צו פינף יאר האט דער קליינער נפתלי שוין געלערנט גמרא און דווקא די הארבע מסכת קדושין[3]. אים האט אבער געגליקט, וואס גראד אין 1735, ווען ער איז אלט געווען צען יאר, האט זיך אין קאפענהאגען באזעצט אויף א שטיק צייט דער נע־ונדניק, דער בעל „צוהר התבה" שלמה זלמן הינא[4], און יענער האט באקענט דעם וויסנסבאגעריקן ייִנגל מיט די כללים פון דקדוק און דערוועקט אין אים די ליבע צו דער ביבל־שפראך. א געוויסע השפעה האט אויך געהאט אויף דעם יונגן ווייזעל דער בארימטער רב ר' יונתן אייבעשיץ, אין וועמעס ישיבה ווייזעל האט געלערנט אין די יונגע יארן. דער לעבנסשטייגער פון דעם רייכן הויף־יידן, די ברייטע האנדלס־פארבינדונגען, וואס די ווייזעלס האבן געפירט מיט פירשטן און שררות, האבן עס גורם געווען, וואס יששכר־בערס בכור, נפתלי הירץ, האט אויך באקומען געוויסע וועלטלעכע ידיעות. ער גופא דערציילט אין זיין „דברי שלום ואמת", ווי אזוי דער פאטער זיינער

---

1 די וויכטיקסטע קוועלן וועגן ווייזעלס לעבן און טעטיקייט זיינען אנגעוויזן אין אונזער ארטיקל אין דער יידיש־רוסישער ענציקלאפעדיע (V, 528). עס דארפן נאך צוגעגעבן ווערן: י. קלויזנער, היסטוריה של הספרות העברית החדשה, I, 88 — 130; ל. לעהרן, אויס דעם יודישען קולטור־קאמפפס (יארבוך „די יידישע ליטעראריש געזעלשאפט", XII, 165 — 197).

2 זע דברי שלום ואמת, II, 54 (מיר ציטירן לויט דער ווינער אויסגאבע פון 1827; גן נעול, I, פארריעדע.

3 דברי שלום ואמת, II, 55.

4 זע אונזער ווערק, V, ז' 177 — 180.

האט אמאל פאר אים אין די יונגע יא־ן אויפגעדעקט אן איראפעישע לאנדקארטע און אים באקאנט מיט דער געאגראפישער לאגע פון פארשיידענע שטעט און מדינות. אלס מיטהעלפער אין דעם פאטערס געשעפטן האט דער יונגער וויזעל זיך באקאנט מיט אייניקע איראפעישע שפראכן — דייטש, פראנצויזיש, דעניש און האלענדיש [1]. אמת, זיינע ידיעות אין די דאזיקע שפראכן זיינען געווען גאנץ אויבנאויפנדיקע. ווי ווייניק ער איז געווען באהבנט אפילו אין דער דייטשער שפראך, זאגט עדות זיין אומבאהאלפענע און שטארק פארגרייזטע העברעישע איבערזעצונג פון מענדעלסזאנס ענטפער לאפאטערן [2]. אבער שוין גאר אין די יונגע יארן האט נפתלי הירץ, אנטייל נעמענדיק אין דעם פאטערס געשעפטן, זיך קונה שם געווען אלס טיכטיקער און פעיקער סוחר. ער האט נושא חן געווען ביים באוווסטן בערלינער הויף־באנקיר אפרים־פייטל, און יענער האט פארבייפארנדיק קאפענהאגען באשטימט נפתלי וויזעלן פאר זיין שטעל־פארטרעטער אין דער גרויסער האנדלסשטאט אמסטערדאם. דארט האט ער זיך באקאנט מיט משה־חיים לוצאטוס תלמיד, דעם דיכטער דוד פראנקו מענדעס און דורך אים נאענט זיך צונויפגעגאנגען מיט דער דארטיקער פארטוגעזיש־ספרדישער קהלה. ער איז געווען אנטציקט פון די ספרדישע קינדערשולן און חדרים, ווו די יוגנט האט באקומען א פיל מער נארמאלע דערציִונג, ווי אין די דייטש־פוילישע קיבוצים. אלס פייטלס שטעלפארטרעטער האט וויזעל געהאט די געלעגנהייט צו באזוכן בערלין, און דארט האט ער זיך פערזענלעך באקאנט (1761) מיט מענדעלסזאנען [3]. דער וויסנסבאגעריקער וויזעל האט זיך ניט געוואלט באנוגענען בלויז מיט מסחר־געשעפטן, — ער האט אויך געחלומט צו ווערן א סופר בישראל. פארליבט איז ער געווען אין דער ביבל־שפראך, און זיין גאנצע פרייע צייט האט ער אפגעגעבן שפראך־פארשונג. אין 1765—6 זיינען דערשינען די ערשטע צוויי טיילן פון זיין פילאלאגישן ווערק „הלבנון" (טראגט אויך דעם ביינאמען „גן נעול") [4]

---

1 זע ד. פרידריכספעלד, זכר צדיק, 2.

2 זע װעגן דעם: י. קלויזנער, ציס. ח. 48 — 49. דאס אייגענע לאזט זיך אויך באמערקן אין װיזעלס איבערזעצונג (צום כוף צווייטן טײל „דברי שלום ואמת"). די שלוס־זאצן פון מענדעלסזאנס פארריידע צו מנשה בן ישראלס אפאלאגעטישער שריפט „תשועת ישראל". מענדעלסזאנס זאץ Noch keine Geistlichkeit so aufgeklärt איבערזעצט װיזעל „חוקרי הרוחות עדן לא הטהרו למדי"

3 זע מענדעלסזאן „יובילעום־אויסגאבע", ב׳ XVI, 61.

4 דער דריטער טײל, װי אויך װיזעלס איבעריקע פילאלאגישע װערק „מעין גנים" און „מגדל הלבנון" זײנען געבליבן אין מאנוסקריפט.

וועגן סינאָנימען (שמות נרדפים) אין דער ביבל. אָבער אפילו אויף זיין געליבטן פאַרשונגס-געביט איז וועזעל געבליבן ניט מער ווי א דילעטאַנט, און זיינע פילאָלאָגישע פאַרשונגען האָבן אפילו פאַר יענער צייט געהאַט א גאַנץ קנאַפּן וויסנשאַפטלעכן ווערט. זייער איינציקע מעלה איז די שפּראַך: א לייכטע, קלאָרע און איינפאַכע; אָבער אויך די מעלה גייט לאָבוד דורך דעם פאַרפאַסערס געוואַלדיקער באַרעדעוודיקייט. דער מינדסטער געדאַנק ווערט ביי אים ממש דערטרונקען אין א ים פון איבעריקע ווערטער, אומנייטיקע טענות און בויך-סברות. און דערביי מאַכט ער נאָך יעדעס-מאָל מיט א נאַיווער מינע אויפמערקזאַם דעם לייענער: „וואורך דברים אשר שנאתי" — איבעריקע רייד האָב איך פיינט.

אלס געשעפטסמאַן האָט וועזעל געהאַט אין אַמסטערדאַם גרויס דער-פאָלג; אלס געניטער מבין אויף טייערע שטיינער האָט ער זיך דער-וואָרבן א היבש פאַרמעגן, פאַרלאָזן שפּעטער די שטעלע אין פּייטלס געשעפט, געגרינדעט אַן אייגנס, און סוף די זעכציקער יאָרן איז ער אריבערגעפאָרן צו זיין פאַטער קיין קאָפּענהאַגען, דאָרט באַלד חתונה געהאַט און געוואָרן א פאַמיליען-פאַטער. אין אייניקע יאָר אַרום האָט אָבער וועזעל ביי א געלט-קריזיס זיין פאַרמעגן אָנגעוואָרן, געמוזט דער-פאַר ווידער אָננעמען א שטעלע ביי דער פירמע פּייטל, און צו דעם צוועק איז ער אריבערגעפאָרן (1774) קיין בערלין. אין 1775 האָט ער דאָרט פאַרעפנטלעכט זיין פּירוש אויף מסכת אבות „יין לבנון", נאָר א גרויסן שם אלס „מליץ" און בעל לשון האָט ער זיך דערוואָרבן מיט א צווייטן ווערק, וואָס איז דערשינען אין א פאָר יאָר אַרום. נאָך אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך באַקענט דורך לוטערס ביבל-איבערזעצונג מיט דעם אַפּאָקריפישן בוך „חכמת שלמה". דער יונגער וועזעל איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון דעם ווערק; ער איז בכלל ניט מסופק געווען, אז דעם „חכמת שלמה" האָט אָנגעשריבן ניט קיין אנדערער ווי שלמה המלך בכבודו ובעצמו; האָט ער באַשלאָסן אומצוקערן דאָס ווערק צו זיין ערשטן קוואַל, „מן החול אל הקודש", און מיט גרויס התמדה עס איבערזעצט פון פראַנ-צויזיש[1] אין ריין ביבלישן סטיל. דעם טעקסט האָט ער באַגלייט מיט אברייטן פּירוש „רוח חן" און פאַרעפנטלעכט אין בערלין אין 1777[2].

---

1 זע פרידריכספעלד, ז. וו., 14.

2 דאָרטן. לויט בן-יעקב און וו. ציטלין איז דאָס ווערק דערשינען ערשט אין 1780 (אפשר איז דאָס די צווייטע אויסגאַבע?). דאָס ווערק איז מערערע מאָל איי-יעדרוקט געוואָרן. אין 1822 איז דער „חכמת שלמה" דערשינען אין שקלאָוו צוזאַמען מיט א יידישער איבערזעצונג.

אין בערלין איז וויזעל זיך נאָענט צונויפגעגאַנגען מיט מענדעלס־זאָנען און זיינע פריינד. ער איז געווען שטאַרק אַנטציקט פון דער אַרטיקער רעפאָרמירטער יידישער שול „חנוך נערים", און ווען מענדעלס־זאָן האָט אָנגענומען דעם באַשלוס אַרויסצוגעבן אין 1778 אַ פּראָבע־העפט („עלים לתרופה") פון זיין חומש־איבערזעצונג, האָט וויזעל דאָרט פאַרעפנטלעכט אַן ענטוזיאַסטישן אַרטיקל „מהלל רֵעַ" מיט אַ לאַנגן לויב־געזאַנג דערביי, ווו ער באַקלאָגט זיך אויף דעם ווילדן סדר פון קינדער־דערציִונג ביי יידן אין די דייטש־פּוילישע קיבוצים: מען לערנט מיט קינדער האַרבע און טיפע ענינים נאָך איידער דער תּלמיד באַקומט וועלכע ידיעות אין דער העברעיִשער שפּראַך, און דערצו באַנוצט מען זיך נאָך ביי די לימודים ניט מיט דער לאַנד־שפּראַך, נאָר מיט דעם פאַר־דאָרבענעם זשאַרגאָן, וואָס איז נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן די שיינ־קייטן פון די כּתבי הקודש. ער טוט אָבער פאַרהאָפן, אַז מענדעלסזאָנס איבערזעצונג מיט דעם „ביאור" דערצו וועלן שטאַרק מיטהעלפן צו דער־וועקן אין די הערצער פון דער יידישער יוגנט די ליבע צו דער העברעיִ־שער שפּראַך און דעם אינטערעס צו די פּאָעטישע שיינקייטן פון דער ביבל:

כִּי רוֹעֵיהֶם עָלֶיךָ יִסְמֹכוּ
אֶל רֶגֶל הַמְּלָאכָה הַצֹּאן יֵלֵכוּ
וּמִן הַבְּאֵר חָפַרְתָּ יִשְׁתּוּ מָיִם
חֵן מְלֶיךָ יִהְיֶה לָהֶם כַּצֹּהַר,
הַמְּלִיצָה תִּטְהַר בַּשַּׁחַק לָטֹהַר –
עַתָּה לִלְמוֹד עִבְרִית יִתְּנוּ יָדָיִם.

גראָד אין יענער צייט האָט וויזעל פאַרלאָרן די שטעלע ביי דער פירמע פייטל (די פירמע האָט דאָס געשעפט געשלאָסן) און ער און זיין פילקעפּיקע פאַמיליע 1 האָבן געלעבט אין דחקות. דאָ איז אים געקומען צו הילף דער רייכער דוד פרידלענדער און אויך מענדעלסזאָן מיט זיין חומש־איבערזעצונג. נאָכדעם ווי שלמה דובנא איז אָפּגעפאָרן, האָט מענדעלסזאָן פאַרגעלייגט וויזעלן, ער זאָל אָנשרייבן דעם „ביאור" צו ספר „ויקרא". וויזעלס „ביאור", וואָס איז פון דרוק דערשינען סוף אויגוסט 1781, ליידט, ווי אַלע פריערדיקע וויזעלס ווערק, פון איין און

1 וויזעל איז געווען אַ מטופל מיט זעקס קינדער.

דעם זעלבן חסרון: א פארפלייצונג פון איבעריקע רייד. און איינער פון זיינע קריטיקער [1] באמערקט גאנץ ריכטיק, אז „דארט ווו רש״י און אבן עזרא באנוגענען זיך מיט איין אדער צוויי ווערטער, פארט וויזעל גאנצע דרוק-בויגנס״. דאך האט וויזעלס פירוש נושא חן געווען אין די משכילישע קרייזן. אן אומפארגלייכלעך גרעסערן דערפאלג האט אבער אין די דאזיקע קרייזן געהאט וויזעלס א צווייט ווערק, וואס איז דערשינען אין איניקע חדשים ארום. דאס דאזיקע קליינע חיבורל [2] וואס האט אנגעמאכט אזא גוואלטיקן רעש אין דעם רבנישן וועלטל, איז ענג פארבונדן מיט דעם קיסר יוסף דעם צווייטנס „טאלעראנץ-פאטענט״, וואס איז דערשינען דעם 19טן אקטאבער 1781.

ווי זיין מיטצייטלער פרידריך דער צווייטער, איז אויך יוסף דער צווייטער אוים עסטרייך געווען א טיפישער פארשטייער פון דעם „אויפגעקלערטן אבסאלוטיזם״. מיט געוואלט האט ער אין נאמען פון הומאניזם און אויפקלערונג געשטרעבט אויפצוצווינגען די דייטשע קולטור אויף די אלע פארשיידנשפראכיקע אומות, וואס האבן זיך געפונען אונטער זיין ממשלה. אלס אנהענגער פון דער פיזיאקראטישער שיטה, וואס לערנט, אז נאר אין דער ערד איז דער מזל ברכה, נאר זי, וואס באשענקט מיט די מתנות פון דער נאטור, איז דער איינציקער קוואל, דער הויפט-גרונד פון דער מלוכה-ווירטשאפט, — האט יוסף דער צווייטער געקוקט אויף די יידן, וואס באארבעטן ניט די ערד מיט זייערע הענט, ווי אויף א שעדלעכן און אומנוציקן עלעמענט. בכדי צו פארהיטן, „דער דאזיקער שעדלעכער״ עלעמענט זאל ניט וואקסן אין צאל („פֶּן יִרְבּוּ״), האט ער ארויסגעגעבן דעם שטרענגסטן באפעל, קיין ייד זאל ניט האבן דאס רעכט חתונה צו האבן אן דער דערלויבעניש פון די העכערע באאמטע [3]. פאר דער דאזיקער דערלויבעניש האט מען געמוזט באצאלן א גרויסן קאפ-שטייער, און ווער עס האט עובר געווען אויף דעם באפעל, האט מען קאנפיסקירט זיין גאנץ פארמעגן [4]. בכדי צו באשיצן דעם וווילשטאנד פון די פויע-

---

1 מענדעלסזאן אויס האמבורג. פני תבל, 140.

2 עס האלט בסך הכל 36 זייטלעך אין 32^0.

3 זא חירד היעמיט זאמענטליכען יודען אויף דאס שערפסטע, אויך אונטער קאנפיסקאציאן דעס גאנצען פערמעגענס אונד נאך בעשאפענהייט לייבעססטראפע אונפעריזאגט זיין, עס זיי אין — אדער אויסער קאהרדאן טרויען צו לאססען, אהנע פארלויפיג פאן דען גובערנעמענט אללהיר די ערלויבניס ערהאלטען אונד דיא פארגעשריבענע טאקסע ערלעגט צו האבן.

4 באריכות חעגן דעם זע ד״ר א. בראחירס גרינדלעכע ארבעט: יוסף השני ויהודי גאליציע״ (השלוח, XXIII, 35 — 38).

רים, וואָס באַארבעטן די ערד, האָט יוסף דער צווייטער אַרויסגעטריבן פון די דערפער אַלע יידישע אַרענדאַרן און אַרויסגעגעבן אַ פאַרבאָט, יידן זאָלן ניט מאָרן האַלטן אין אַרענדע ניט נאָר גיטער, נייערט אויך מילן, בראָווערס (פאַר ביר און מעד) אאַז״וו. און אויף אַזאַ אופן איז מיט אַמאָל רויִנירט געוואָרן אַ גאַנץ דריטל יידישע באַפעלקערונג אין גאַלי־ציע. אויפן באַפעל פון דעם זעלבן „אויפגעקלערטן״ קיסר זיינען אין 1773 אַרויסגעטריבן געוואָרן אַלע „בעטליודען״, ד״ה, אַלע יידן, וואָס זיי־נען ניט אימשטאַנד געווען צו באַצאָלן דעם ספּעציעלן קאָפּ־שטייער („טאָלעראַנצגעביר״). יעדעס יאָר איז אַ נייע פּאַרטיע יידן דערקלערט געוואָרן פאַר „בעטלער״ און מען האָט זיי אויס דעם לאַנד פאַרטריבן [1]. אמת, יוסף דער צווייטער האָט פּראָיעקטירט צו באַזעצן יידן אויף ערד און מאַכן פון זיי „נוצלעכע״ בירגער. די פאַראָרעמטע יידישע מאַסע האָט מיט ענטוזיאַזם זיך אָפּגערופן אויף דעם דאָזיקן פּראָיעקט, און אין משך פון עטלעכע יאָר וועגדן זיך טויזנטער יידישע פאַמיליעס צו דער רעגירונג מיט דער בקשה, מען זאָל זיי געבן די מעגלעכקייט איבערצו־גיין אויף ערד־אַרבעט [2]. עס זיינען אָבער דערויף ניט אַסיגנירט גע־וואָרן די נייטיקע סומען און די געלטגירעקע און טאָלענטלאָזע באַאַמטע האָבן זיך פיינדלעך פאַרהאַלטן צו דעם גאַנצן אונטערנעמען [3], — אין דערפון גאָרניט אַרויסגעקומען. אויף אַזאַ אופן זיינען אין משך פון יוסף דעם צווייטנס צען־יאָריקער רעגירונג רויִנירט געוואָרן די עקאָנאָמישע יסודות פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע; קיין נייע זיינען ניט געשאַפן געוואָרן, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס אין משך פון גאַנצע דורות געוועלטיקט די מאָוּמדיקע אָרעמקייט אין דער דאָזיקער אומגליקלעכער מדינה. אמת, צו די יידן, וואָס זיינען גרייט געווען אָנ־צונעמען די דייטשע קולטור, אָוועקוואַרפן די „אַבערגלויבישע״ יידישע אמונה מיט אירע „ווילדע״ מנהגים און ווערן „נוצלעכע״ מיטבירגער — איז יוסף דער צווייטער געווען אַ „מלך חסד״. ער האָט פאַר זיי גע־עפנט די טירן פון די בעסערע רעגירונגס־שולן, די יידישע דאָקטוירים און יוריסטן האָבן באַקומען גלייכע רעכט מיט זייערע קריסטלעכע קאָ־לעגן, זיי האָבן אפילו געקענט האָפן צו פאַרנעמען אַ באַאַמטן־שטעלע ביי דער רעגירונג...

---

1 אין משך פונם ערשטן יאָר נאָכן „טאָלעראַנץ־פּאַטענט״ (אין 1782) האָט מען אַלס „בעטל־יידן״ אַרויסגעטריבן 1192 נפשות (זע בראַזיר, צ. ארב. 39).

2 באַלאַבאַן, יידן אין פוילן, 38 — 43.

3 זע ביי בראַווירן, ציט. ארב. דאָרטן, 334, 338 — 342.

עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, אַז ווען עס איז דערשינען דעם „רוימישן קיסרס" טאָלעראַנץ־פּאַטענט מיטן פּראָיעקט צו רעפאָרמירן די קינדער־דערציִונג בײַ ייִדן, גרינדן ספּעציעלע ייִדישע נאָרמאַל־שולן מיט דײַטשן אונטערריכט און לערנען מיט די קינדער די יסודות פון עטיק און פּראַקטישער מאָראַל אויפן יסוד פון ספּעציעל דערצו געשאַפענע לערנבי־כער, — האָבן דערויף געקוקט מיט חשד ניט בלויז די אָרטאָדאָקסישע קרײַזן, נאָר אַפילו דער פּאַרפאַסער פון „פעדאָן" און „ירושלים". אין דעם עסטרײַכישן קיסרס, מיט הומאַניסטישע פראַזן באַפּוצטן עדיקט האָט דער קלוגער מענדעלסזאָן באַמערקט די פאַרבאָרגענע טענדענץ פון צוואַנגס־אַסימילאַציע און מיסיאָנערישע „פאַרברידערונג". „וואס זאָללען אונז נאָרמאַלשולען — שרײַבט מענדעלסזאָן, — ווען וויר ניכט געווערבע טרייבען אונד בעדיענונגען האָבען קעננען? גראָססען דאנק פיר אַללע טאָלעראַנץ, ווען מאַן דאַבײַ נאָך איממער אַן גלויבענספעראייני־גונג אַרבײַטעט" [1]. און אין אַ צווייטן בריוו קערט זיך מענדעלסזאָן ווידער אום צו דער זעלבער פראַגע: „פאָן דער טאָלעראַנץ, וועלכע אין אַללען צײַטונגסבלעטערן זאָ זעהר הערשט, האָבע איך בײַ ווײַטעם נאָך די גינסטיגע מײַנונג ניכט, די זי דאַפאָן צו ערקענען געבען. זאָ לאַנגע נאָך דאָס פעראייניגונגס־סיסטעם אים הינטערהאַלטע לויערט *, שײַנט מיר דיעזע טאָלעראַנץ־גלײַסנערײַ ** נאָך געפעהרליכער אַלס אָפע־נע פערפאָלגונג... דעסטאָ נעטיגער ווערע עס דאָך אין דיעזעם פאַלע, דאַסס דאָס קלײַנע הײַפלײַן *** דערער, וועלכע ניכט בעקעהרען, אויב ניכט בעקעהרט זײַן וואָללען, זיך צוזאַמענדרענגע אונד פעסט אַן אײַנאַנדער שליעסע" [2].

גאַנץ אַנדערש האָט זיך פאַרהאַלטן דער נאַיִוו־גוטמוטיקער ווייזעל. ער האָט דווקא לויט זײַן וועלט־באַנעם געהערט צום רעכטן פליגל פון די „משכּילים". ער איז געווען אַ גאָטספאָרכטיקער מענטש; אין זײַנע פּירושים אויף דעם ביבל־טעקסט האַלט ער זיך געטרײַ אין דער אָנגענו־מענער מסורה, צו די ראַציאָנאַליסטישע אידעען פון יענער צײַט האָט ער זיך פאַרהאַלטן גאַנץ קאַלט, און ער גופא האָט אָנגעוויזן: „די אַל־טע זײַנען מיך חושד אַלס מחדש, און די נײַע רעכענען מיך פאַר אַ

---

1 געזאַמעלטע שריפטען, 1844, 671. געשפּרייזט פון מענדעלסזאָן גופא.

* אים הינטערהאַלטע לויערט — עס איז פאַרשטעקט באַהאַלטענערהייט.

** גלײַסנערײַ — צביעות.

*** דאָס קלײנע קופּקעלע.

2 דאָרטן, 676 — 677.

אָנהענגער פונם אַלטן״ 1. ער איז אין געוויסער מאָס געווען אַ געפילמענטש, מיט אויפגערייצטע נערוון און מיט אַ שפּאָר ביסל נאַיִון פּאַטאָס און סענטימענטאַלער השתפכות הנפש. דערצו איז ער נאָך אויסגעוואַקסן אין דער סביבה און טראַדיציעס פון הויף־יידן, מיט זייער געוואַלטיקער התבטלות פאַר שררות און פירשטן. דעם עסטרייכישן קיסרס „טאָלעראַנץ־פּאַטענט״ האָט געבראַכט וויזעלן אין גרויס התפעלות. ער, וואָס איז געווען אַזוי זיכער, אַז „לישר תועים דַי בְּאִיש אֶחָד רַב שֶׂכֶל״ * און „במשול איש חכם יחדל עם מהיות פרוע״ ** 2 — ער האָט גלייך דערזען פאַר זיך פאַרווירקלעכט זיין אידעאַל וועגן רעפאָרמירטער קינדער־דערציִונג, און וועלכער ער האָט געזען די אמתע גאולה פאַרן יידישן פאָלק. אין שווער־וואָגיקע, אָביסל הילצערנע סטראָפן האָט ער גלייך געגומען באַזינגען דעם עסטרייכישן קיסרס גוטסקייט, זיין „ליבע״ צום פאָלק ישראל, וואָס ער וויל באַפרייען פון קנעכטישער שאַנד:

גַּם אַתֶּם בֵּית יַעֲקֹב עֲנֻנַת יָאזֶף הַזְכִּירוּ!

כִּי זָכַר עַם דָּל, לוֹ עוֹלְלוֹת הִשְׁאִירוּ.

וַיֹּאמַר: שׁוּבוּ, אָגוֹל מֵעֲלֵיכֶם חֶרְפַּתְכֶם...

וויזעל האָט זיך אָבער דערמיט ניט געוואָלט באַנוגענען. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אויפצוקלערן די יידן פון די עסטרייכישע מדינות, זיי זאָלן פאַרשטיין, מיט וואָס פאַר אַ פרייד זיי דאַרפן באַגריסן די נייע נאָרמאַל־שולן און ווי דאַנקבאַר זיי דאַרפן זיין דעם הומאַנעם קיסר, וואָס וויל זיי באַפרייען „מחשך הסכלות״ (פינסטערניש פון אומוויסן).

אין אָנפאַנג 1782 3 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין קונטרס „דברי

---

1 פני תבל, 241.

* אַרויספירן פאַרבלאָנדזשעטע איפן ריכטיקן וועג — גענוגט איין מאַן מיט גרויסן פאַרשטאַנד.

** ווען עס געוועלטיקט אַ מענטש מיט חכמה — הערט אויף דאָס פאָלק פאַרווילדעט צו זיין.

2 אין וויזעלס לויב־ליד לכבוד יאזעפוס השני (המאסף, תקמד, קס״ד, קע״ה).

3 אויף דער אויסגאַבע איז ניט אָנגעוויזן ניט קיין דאַטע און ניט דער אָרט פון דרוק. עס איז אָבער באַוווסט, אַז שוין אין חודש מערץ איז דער קאַמף קעגן וויזעלס פלוגשריפט געווען אַזוי ווייט פאַרשאַרפט, אַז דער מיניסטער פאַר אויפקלערונג האָט געהאַלטן פאַר נייטיק זיך אַריינצומישן. אויך ווייסן מיר, אַז שוין צוויי וואָכן נאָך פסח (10 טעג אין אייר) איז שוין געווען פאַרטיק וויזעלס צווייטע פלוגשריפט, וואָס האָט גאַנצע פינף דרוק־בויגן. ווען מען נעמט אין אַכט דעם דעמאָלטיקן גאַנץ לאַנגזאַמען פּאָסט־און ביכער־פאַרקער, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז וויזעלס ערשטע פלוגשריפט איז דערשינען ניט שפּעטער פון יאַנואַר 1782.

שלום ואמת" [1], וואָס ווערט מיט רעכט פאַררעכנט פאַרן ערשטן עפנט־לעכן מאַניפעסט פון דער יונגער השכּלה־באַוועגונג. אין דער דאָזיקער פּלוג־שריפט באַווייזן זיך גאַנץ בולט אי די מעלות, אי די חסרונות פון דער השכּלה־ליטעראַטור פאַר דער ערשטער תּקופה: דער פּאַטאָס און התלהבות פאַר אויפקלערונג און אייראָפּעיִשע בילדונג פון איין זייט, און פון דער אַנדערער — דאָס התבּטלות פאַר די טרעגער פון דער וועלטלעכער מאַכט, דער פעסטער גלויבן אין דער הומאַניטאַר־פּראָגרעסיווער ראָלע פון דעם „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם". מיט גרויס התפּעלות רעדט וויזעל וועגן דער לייטזעליקייט פון די אויפגעקלערטע מאָנאַרכן פון זיין צייט: וועגן דעם „רוימישן קיסר" יאָזעף דעם צווייטן, וועגן פרידריך דעם צווייטן אויס פּרייסן און יעקאַטערינע דער צווייטער [2], וואָס האָבן קאָרעספּאָנדירט מיט די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן און ניט געקאַרגט קיין פראַזן וועגן גלייכבאַרעכטיקונג און מענטשן־ליבע. מען דאַרף דער־ביי נעמען אין באַטראַכט, אַז ביי די דעמאָלטיקע סאָציאַלע צושטאַנדן האָבן די אינדוסטריעל־קאַפּיטאַליסטישע שיכטן, ווי אויך די געזעלשאַפט־לעכע מיינונג נאָך ניט פאַרגעשטעלט אין די דייטשע מדינות קיין שום פּאָליטישע מאַכט [3]: האָבן דערפאַר די יידישע בורזשואַזע און אינטע־ליגענטע קרייזן זייער גאַנצע האָפענונג וועגן פאַרבעסערונג פון זייער רעכטלעכער לאַגע געמוזט שטיצן בלויז אויף די „מלכי חסד", אויף די הומאַנע געפילן פון די „אויפגעקלערטע" זעלבסטהערשער. דערמיט דער־קלערט זיך דער פאַר דער גאַנצער השכּלה־ליטעראַטור אַזוי כאַראַקטע־ריסטישער הכנעהדיקער הורא־פּאַטריאָטישער טאָן, אין וועלכן וויזעלס פּלוג־שריפט איז געשריבן. אויך דער פון דער שפּעטערער השכּלה־לי־טעראַטור באַקאַנטער דעוויז, וואָס האָט געפונען זיין קלאַסישן אויסדרוק אין גאָרדאָנס פערז: היה אדם בצאתך ויהודי באהלך — געפינט שוין זיין גאַנץ קלאָרן אויסדרוק אין „דברי שלום ואמת", ווו עס ווערט

---

1 דער פולער טיטל: דברי שלום ואמת לקהל עדת ישראל, הגרים בארצות ממשלת הקיסר הגדול האוהב את בני האדם ומשמח את הבריות יאזעפוס השני יר"ה. מאת נפתלי הירץ ווייזל.

2 דאָרטן, 57 — 58. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער ערשטער אויסגאַבע „דברי שלום ואמת", נאָר ווייל זי איז ניט פּאַגינירט, ציטירן מיר לויט דער ווינער אויסגאַבע פון 1827.

3 ווי אַזוי דער „אויפגעקלערטער" פרידריך דער צווייטער האָט זיך פאַר־האַלטן צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, זאָגן עדות זאַלגנדיקע שורות אין זיין בריוו צו וואָלטערן: Mais les hommes ne sont pas faits pour la verité. Je les regarde comme une horde de cerfs dans le parc d'un grand seigneur, et qui n'ont d'autre fonction que le peupler et remplir l'enclos.

דערקלערט, אז „לשון הקודש ענין בפני עצמו, ולשון אשכנזי ענין בפני עצמו; זה לדברי קודש האמונה והתורה, וזה לדברי העולם בעסקי משא ומתן ומנהגי בני האדם ולחכמות הנמוסיות והטבעיות והלמודיות". די קינ־דער־דערציִונג — דערקלערט וויזעל — דאַרף צעפאַלן אויף צוויי באַזונ־דערע טיילן: דאָס ערשטע — ללמוד תורת האדם, מען דאַרף קודם־כל באַקענען דאָס קינד מיט וועלטלעכע למודים, וואָס אָן זיי קאָן קיין מענטש ניט אויסקומען, דהיינו — דרכי המוסר והמדות הטובות ודרך ארץ, דאַן עלעמענטאַרע ידיעות אי פאַרן פּראַקטישן לעבן, אי ביים בּאַרשן די תורה מיט אירע דינים, וויכטיקע וויסנס־צווייגן, ווי געשיכטע, געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, בּאָטאַניק, כעמיע, מעדיצין אאז״וו.

די דאָזיקע ידיעות זיינען נייטיק יעדן מענטשן, וואָס אָן זיי איז ער ניט ווערט צו טראָגן דעם נאָמען מענטש. ליידער, ווייזט וויזעל אָן, איז פאַראַן אַ פאָלק אויף דער וועלט, און דווקא דאָס פאָלק, וואָס האָט אַמאָל געהייסן אַן עם חכם ונבון, און איצט איז עס פאַרגרעבט און אומוויסנדיק. אמת, ניט מיר זיינען אין דעם שולדיק — דאָס איז די ירושה פון דעם ביטערן גלות, פון דער שנאה און שרעקלעכע רדיפות, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין אין לאַנגן משך פון דורות. אָבער איצט האָבן מיר דערלעבט גאַנץ אַנדערע צייטן. איצט געפינען מיר זיך אונ־טער דער רעגירונג פון מלכי צדק, וואָס פאַרהאַלטן זיך מיט ליבע צו אַלע פעלקער אָן גלויבן־אונטערשייד. זעט, אָט זיצט אויפן „רוימישן טראָן" אַ גרויסער און הומאַנער קיסר, וואָס באַגליקט זיינע אונטערטאַ־נען מיט געזעצן פון חסד און רחמים, און מיט זיין גרויס לייטזעליקייט האָט ער אויך ניט פאַרגעסן אין דעם גערודפטן פאָלק ישראל און האָט באַשלאָסן זיי ארויסצוהעלפן פון גייסטיקער ווילדקייט און אָפּגעשטאַנענ־קייט...

אַלס סוחר און געשעפטסמאַן טוט וויזעל אויף יעדן טריט און שריט דערמאָנען, ווי וויכטיק ס׳איז צו קענען די לאַנדשפּראַך און צו זיין אימ־שטאַנד צו פירן אויף דער דאָזיקער שפּראַך די געשעפטלעכע קאָרעס־פּאָנדענץ [1]. אויסגעוואַקסן אין דער פאַמיליע פון רייכע הויף־יידן, ווערט וויזעל ניט מיד איבערצוחזרן, ווי וויכטיק ס׳איז צו באַהערשן די דייטשע שפּראַך, בכדי צו זיין אימשטאַנד צו באַווייזן זיך אין די פירשטלעכע הויפן און צוניפּצוריידן זיך מיט גרויסע באַאַמטע און שררות (ויהיו מבאי חצרות השרים... ומביאה אותו בהיכל מלך... ודברו עם נכבדי עמים...

1 דאָרטן, 49 א״וו.

למצוא חן בעיני אדם ובעיני מלך ושרים) 1. װײזעל װײסט זײער גוט, מיט װאָס פאַר אַ ביטול מע פאַרהאַלט זיך אין די „חצרות השרים" און אויך אין די הײזער פון די פשוטע דײטשע „פיליסטער" צו דער ייִדישער אויסשפּראַך, צום „מאַשעלן". מיר זײנען געװאָרן — קלאָגט זיך װײזעל — צו געלעכטער און צו שאַנד צװישן אַלע פעלקער, װײל מיר זײנען עלגי שפה, מיר מאַכן זיך צו שפּאָט יעדעס מאָל, װען מיר רײדן מיט די שררות אָדער מיט די סוחרים פון די אומות העולם" 2. און יעדעס בלעטל אין „דברי שלום ואמת" איז פול מיט גאַליקער שנאה און פאַראַכטונג צום ייִדישן „זשאַרגאָן". װי מענדעלסזאָן, אַזױ באַטראַכט אויך װײזעל די שפּראַך פון די אַשכּנזישע ייִדן ניט אַלס אַ ספּעציעלן דיאַלעקט, נאָר אַלס פאַראומרײניקטע און פאַרקריפּלטע דײטשע שפּראַך, אַלס טרויעריקן פאַקטאָר פון שרעקלעכער גײַסטיקער דעמאָראַליזירונג. „בית ישראל ערלי שפה" — רופט װײזעל אויס מיט פאַרביטערונג; די רײנע דײטשע שפּראַך איז בײ אונז אין מויל פאַרקריפּלט און פאַרדאָרבן געװאָרן (שהלשון האשכנזי מסורסת ומבולבלת בפינו, מדרך שפת אשכנזי בדרך בוקה ומבולקה). װי איז מעגלעך — טענהט װײזעל — אַ װעלכע ס'איז נאָרמאַלע דערציִונג, אַז בײ אונז זײנען אי די תלמידים, אי די מלמדים כבד־פּה'ס, באַנוצן זיך מיט אַ מגושם־פאַרדאָרבענעם געמיש פון פאַרקריפּלטע װערטער 3.

די שנאה צום פאַרדאָרבענעם „זשאַרגאָן" איז בײַ װײזעלן אַזױ גרױס געװען, אַז ער פאַרגעסט צײטנװײז זיך צו רעכענען מיט געװיסע, אַלעמען באַקאַנטע פאַקטן. אַזױ, אַשטײגער, פאַרזיכערט ער, אַז װײל מיר רײדן די שפּראַך פון דעם לאַנד, װוּ מיר װױנען, פאַרשטײט ניט דאָס ייִדישע ייִנגל קײן אײן אײנציק העברעיִש װאָרט 4. װײזעל מאַכט זיך דערבײ כלא ידע, אַז אין דעם פאַרהאַסטן „זשאַרגאָן", װעלכן „מיר רײדן", געפינען זיך אין די פילע הונדערטער העברעיִשע װערטער. „תדברו מעתה צחות" — רופט װײזעל אויס מיט פּאַטאָס, — פון איצט אָן דאַרפט איר רײדן אויף אַ רײנער שפּראַך. „תדברו צחות!" — דער דאָזיקער דעװיז קלינגט פון אַלע בלעטלעך „דברי שלום ואמת". נאָר מיט דער

---

1 דברי שלום ואמת, 11, 17 א"ח.

2 דאָרטן, 50.

3 דאָרטן, 19; גם התלמידים גם הרב עלגי לשון... ומקצת מלין נשחתים שיתרגמו בהן.

4 אנו מדברים בשפת העם שאנו יושבים בארצו, ואין הנער מבין אפילו מלה אחת עברית (דאָרטן, 28).

הילף פון א ריינער אויסגעבילדעטער שפראך, פארזיכערט ווייזעל, קאן מען ערשט גרינדלעך אויסלערנען די העברעישע שפראך, וואס זי דארף דאך, לויט ווייזעלס פראגראם, זיין דער גרונדשטיין פון דעם צווייטן טייל למודים אין די נארמאלשולן — „תורת ד׳״. דער פארגרעבטער זשארגאן, פארזיכערט ווייזעל, איז דאך ניט אימשטאנד איבערצוגעבן די שיינקייט און פאעטישע קראפט פון דער ביבל-שפראך. דערפאר, שטרייכט ווייזעל מערערע מאל אונטער, ווי נאר דאס קינד וועט אין די פון קיסר יאזעף דעם צווייטן פראיעקטירטע נארמאל-שולן באקומען די עלעמענטארע ידיעות אין וועלטלעכע חכמות, דארף מען מיט אים לערנען תורת משה מיט דער הילף פון מענדעלסזאנס אויסגעצייכנטער פאעטישער דייטשער איבערזעצונג. אדאנק דער דאזיקער איבערזעצונג וועט דאס קינד גרינדלעך זיך באקענען מיט ביידע שפראכן (וללמדם היטב שתי הלשונות) [1].

ווייזעל האלט אויך פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, ווי ריכטיק און נוצלעך ס׳איז די אין דעם „טאלעראנץ-פאטענט״ ארויסגעשטעלטע פאדערונג, אז פאר די יידישע נארמאל-שולן דארפן געשאפן ווערן ספעציעלע לערנביכער (קאטעכיזיסן) אויף צו באקענען די קינדער מיט די יסודות פון דער יידישער אמונה און מאראל. אין אונזער תורה שבכתב און תורה שבעל פה, דערקלערט ווייזעל, זיינען די דאזיקע יסודות איבערגעגעבן אין אזא טיפער און פארהוילענער פארם, אז זיי זיינען צו הארב פארן קינדערשן פארשטאנד. ער געפינט אויך ווייניק פאסיק דערצו די אלטע מוסר-ספרים. עס דארפן דערפאר געשאפן ווערן צו דעם צוועק [2] נייע „ספרי מוסר השכל, על פי הפילוסופיאה המסכמת אל השכל״, און מיט זייער הילף וועלן זיך די קינדער באקענען מיטן ליכט פון דער תורה און מיט די אוצרות פון „חכמה ומוסר״ [8].

---

1 דברי שלום ואמת, 12, 15, 16, 18, 20 א״ח. ווייזעל האט אבער א טעות געהאט. דער „אויפגעקלערטער״ יאזעף דער צווייטער האט דווקא ניט געוואלט, אז אין די נארמאל-שולן זאל מען מיט די יידישע קינדער לערנען חומש מיט מענדעלסזאנס איבערזעצונג און „ביאור״, און דאס אויס דעם טעם, וואס דער „רוימישער קיסר״ האט חושד געווען מענדעלסזאנען, אז ער איז א „נאטוראליסט״, און יאזעף דער צווייטער איז געווען אנטשיידן דאקעגן, „זיינע יידן זאלן ווערן נאטוראליסטן״.

2 ויותר על זה צריכה עדתנו לחבר ספרים חדשים באמונות ודעות

3 ווייזעל גופא האט טאקע באלד אליין פארפאסט אזא לערנבוך (געדרוקט אין בערלין 1785) אונטערן טיטל „ספר המדות והוא ספר מוסר השכל״, וווּ ער פלייסט זיך צו דערקלערן די „אורחות הנפש״ און די „כוחות הנפש״ לויט „די געזעצן פונם מענטשנס גלייכן פארשטאנד״ (כפי חקית השכל הישר הנטוע בכלנו). ווייזלס ווערק איז געווען ריין פונם מיטלאלטערלעכן אבערגלויבן, מיט וועלכן עס איז

ווייזעלס „דברי שלום ואמת" איז מיט גרויס התפעלות אויפגענו־מען געוואָרן אין די פּראָגרעסיווע קרייזן. עס איז גלייך איבערזעצט געוואָרן אויף פראַנצויזיש [1], דערנאָך האָט עס אליה מורפורגו איבערזעצט אויף איטאַליעניש [2] און דוד פרידלענדער אויף דייטש [3]. די איטאַליענישע קהילות, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער עסטרייכישער ממשלה, האָבן זיך גלייך אָפּגערופן אויף ווייזעלס אויפרוף און דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט צו גרינדן ביי זיך „נאָרמאַלשולן"; דערפאַר אָבער האָט אין די רבנישע קרייזן פון די פּוילישע קהילות ווייזעלס אויפרוף אַרויס־גערופן אַ געוואַלדיקן רעש.

מיר האָבן שוין פריער געזען, אויס וועלכע מאָטיוון דער באַוווּסטער פּראָגער רב, ר' יחזקאל לאַנדאַ, איז אַרויסגעטראָטן קעגן מענדעלסזאָנס חומש־איבערזעצונג [4]: ווייל די דאָזיקע איבערזעצונג איז געשריבן אין אַ הויכדייטשער מאָדערן־ליטעראַרישער שפּראַך, וואָס איז צו האַרב און ניט פאַרשטענדלעך פאַר די יידישע קינדער, וועט מען בכן מוזן מיט זיי קודם־כל פיל צייט פאַרטאָן אויף איינצושטודירן די דייטשע שפּראַך און אירע גראַמאַטישע כללים. דער לימוד התורה וועט דערביי בלייבן אין אַ זייט, און די דייטשע שפּראַך וועט זיין דער עיקר [5]. איצט האָבן די אָרטאָדאָקסישע רבנים דערזען אין ווייזעלס פּלוגשריפט אַ באַשטעטיקונג צו ר' יחזקאלס לאַנדאַס השערה. לויט ווייזעלס פּראָגראַם דאַרף מען דאָך לערנען קודם־כל וועלטלעכע לימודים (נמוסיות ודרך ארץ) און אויך תורת משה דאַרף דאָס קינד לערנען מיט מענדעלסזאָנס איבערזעצונג אויס

אַזוי איבערגעפילט, אַשטייגער, דער „ספר חסידים". ער איז אויך פריי פון דער בליענער מרה שחורה און אימהדיקן שרעק, וואָס הענגט איבער אַזוינע ווערק, ווי „שבט מוסר" אָדער „קב הישר". עס פעלט אָבער אויך אין אים דאָס, וואָס די עלטערע מוסר ספרים האָבן פאַרמאָגט אין אַזאַ ברייטער מאָס — דער האַרציקער פּאַטאָס, דאָס התלהבות פון מסירת נפש. ווייזעלס „ספר המדות" איז בכלל — „ניט הייס און ניט קאַלט". ער איז אוטיליטאַריש־באַלעבאַטיש, מיושב־שכלדיק און פאַר־וואַסערט מיט ניין מאָס מליצהדיקע רייד, ווי דער שטייגער איז ביי ווייזעלן.

1 אין פּאַריז, 1782.

2 אין גאָריציא, 1783. אין דעם קאַמף, וואָס האָט אויסגעבראָכן נאָך דעם דערשיינען פונם „דברי שלום ואמת", האָט אליה מורפורגו אַלס ווייזעלס הייסער פּאַר־טיידיקער געשפּילט אַן אַקטיווע ראָלע (זע וועגן דעם א. ריבקינדס ספּעציעלן אַרטיקל אין דעם זאַמלבוך צום אָנדענק פון אברהם־זלמן פריידוס. ניו־יאָרק, 1930, 138 — 159.

3 בערלין, 1798.

4 אין זיין הסכמה אויף זוסמאַן גליגאַס חומש־איבערזעצונג.

5 זע אויבן, ז' 59.

דעם טעם, וואָס מיט דער הילף פון דער דאָזיקער איבערזעצונג וועט דער תּלמיד זיך אויסלערנען בּיידע שפּראַכן, אי העבּרעיִש, אי דייטש [1]. באַזונדערס אויפגעבּראַכט האָט די אָרטאָדאָקסישע רבּנים וויזעלס אַ זייער טאַקטלאָזע פראַזע. מיר האָבּן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז וויזעל איז לויט זיין וועלט-באַנעם געווען אַ גאָטספאַרכטיקער, רעליגיעז-געשטימטער מענטש. זיינע ידיעות אין ווּיסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען זיינען געווען גאַנץ אויבּנ-אויפנדיקע און סיסטעמלאָזע, נאָר אַלס טיפּישער דילעטאַנט און אויטאָ-דידאַקט, איז ער געווען אַזוי נתפּעל פון אייראָפּעיִשער בּילדונג און וועלטלעכן וויסן, אַז ער האָט אין זיין אויפרוף, איבּערפּראַזירנדיק אַ בּאַ-קאַנטן תּלמודישן אויסדרוק, זיך דערלויבּט אַרויסצוטרעטן מיט אַזאַ דער-קלערונג: אַ תּלמיד חכם, וואָס איז אפילו בּקי אין תּלמודישן וויסן, נאָר ער האָט ניט קיין שום ידיעות אין נמוסיות ודרך-ארץ, ד״ה אין אַלץ, וואָס געהערט צו עולמישער בּילדונג — איז ער ערגער פון אַ נבלה [2]. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די אָרטאָדאָקסישע רבּנים, בּפרט די רבּנים פון די פּוילישע מדינות [3], האָבּן אין וויזעלס אויפרוף געזען ניט קיין „דברי שלום ואמת״, נאָר געוואַלדיקע חוצפּה, רשעות און אפּיקורסות. אָפּגעשטאַנענע, אַלטפרענקישע, אידעיִש אָפּגעצוימטע פון דער אַרומיקער וועלט און אירע פאָדערונגען, האָבּן זיי אין וויזעלס אַרויסטריט דערזען די גרעסטע געפאַר פאַר דעם קיום הדת, און זיין אויפרוף איז בּיי זיי פאַררעכנט געוואָרן פאַרן שרעקלעכסטן אויפרייס-מאַטעריאַל, וואָס קאָן אָן רחמנות צעשטערן דעם גאַנצן אַלטן, פון דורות געהייליקטן לעבּנ-שטייגער. האָבּן זיי געהאַלטן פאַר זייער חוב אָנצוגורטן זייערע לענדן און אַרויסצוטרעטן קעגן דעם געפערלעכן שונא...

בּראש פון וויזעלס קעגנער זיינען אַרויסגעטראָטן: דער פריער שוין דערמאָנטער פּראָגער רב, ר׳ יחזקאל לאַנדאַ, און דער רב אויס ליסע דוד-טֶבֿיל, וואָס צוריק מיט עטלעכע יאָר האָבּן זיי דווקא בּיידע געגעבּן זייערע הסכמות אויף וויזעלס „יין לבנון״, ווו זיי קאַרגן ניט קיין תּהילות ותשבּחות דעם מחבּר, ווי דער שטייגער איז אין הסכּמות [4].

---

1 זע אויבּן, ז׳ 90.

2 דברי שלום ואמת, צום שלוס פונם ערשטן קאַפּיטל: כל תלמיד חכם (שהוא היודע חקי אלהים ותורתיו), שאין בו דעה (נמוסיות ודרך ארץ) נבלה טובה ממנו... כי הוא מבזה את תורתו ונמאס אל הבריות.

3 זע מענדעלסזאָנס בּריוו צו וואָלפן; אויס אַללען געגענדען פּאָלענס כורען דיע בּאַנשטראַהלען איבּער איין צוזאַממען (מענדעלסזאָנס ווערק, 1844, נומ׳ 602).

4 אייניקע פאָרשער (ל. לעווין, י. קלויזנער א״א) בּאַהויפּטן אַפילו, אַז בּראש פון וויזעלס קעגנער איז אויך געשטאַנען דער ווילנער גאון, מיר פאַרהאַלטן זיך אָבּער צו דער דאָזיקער בּאַהויפּטונג מיט אַ געוויסער ספּיקות. זע בּיילאַגע, נומ׳ 1.

ווייזעלס קעגנער האָבן זיך אָבער געפונען אין אַ גאַנץ שווערער לאַגע. דער פּראַגער רב האָט דאָך אַלס עסטרײַכישער אונטערטאַן ניט געקאָנט אַרויסטרעטן בּיד רמה אַנטקעגן זײַן קיסרס „טאָלעראַנץ־פּאַטענט"; אויך דער ליסער רב, אַלס פרידריך דעם צווייטנס אונטערטאַן, האָט מורא געהאַט אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן פּראָיעקטן, וואָס באַצוועקן צו רעפאָרמירן די אַלטפרענקישע יידישע שול. האָבן זיי דערפאַר די גרונד־פראַגע וועגן גרינדן נאָרמאַלשולן כמעט ווי פאַרשוויגן, כלאחר יד בלויז אָנגעוויזן, אַז די לאַנדשפּראַך איז טאַקע אַ חיוב צו קענען, און גלייך דערנאָך אָנגעפאַלן אויף ווייזעלן, ווי אויף אַ „פּושע ישראל" און מסית ומדיח, באַנוצנדיק זיך דערבײַ מיט דעם זעלבן געווער, מיט וועלכן עס האָט זיך באַנוצט יעקב עמדן אין זײַן קאַמף קעגן יונתן אייבעשיץ: זלזולים, קללות און חרמות. דעם ליסער רבס דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן קעגן ווייזעלן, איז איבערפילט געווען מיט אַזוינע זלזולים, ווי: איש רשע, איש עני בדעת, הדיוט שבהדיוטים, רש ונקלה, מדיח ילדים, שוטה, רשע וגם רוח אאז"וו אאז"וו.

דער ליסער רב מיט זיינע מיטהעלפער האָבן אויך געהאַלטן פאַר נייטיק זיך צו ווענדן צום בערלינער רב ר' הירשל לעווין, ער זאָל ווירקן אויף ווייזעלן, יענער זאָל חוזר בתשובה זיין, אַ ניט — זאָל מען אים מעניש זיין. הירשל לעווין איז געווען אַ טאָלעראַנטער מענטש און כלל ניט קיין איש מלחמה; ווייזעלס טאַקטלאָזער אויסדרוק וועגן „תלמיד חכם שאין בו דעה" האָט אים אָבער, ווי עס שיינט, שטאַרק אויפגעבראַכט, דערצו האָט ער נאָך אויס ספּעציעלע מאָטיוון געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסצוטרעטן אין דער דאָזיקער פראַגע שטרענג קריגעריש. זיין אייגענער זון איז, ווי מיר וועלן ווייטער זען, „נתחמץ" געוואָרן, פאַרבאַרגענערהייט געהאַלטן מיט די משכילים און איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ גיפטיקן פּאַמפלעט קעגן ווייזעלס קעגנער. האָט דער אַלטער רב געפלייסט זיך צו דערווייזן, אַז ער גופא שטייט געטריי אויף דער וואַך און איז גרייט צו קעמפן קעגן די „פּורצי גדר". ער האָט פאַרגעלייגט די פּרנסים און די טובי־העיר, אַז באַם ווייזעל וועט וועלן אויך ווייטער אַרויסטרעטן מיט זיינע אויפרופן, דאַרף מען אים צווינגען, ער זאָל פאַרלאָזן בערלין. מיט ירגזון שרייבט וועגן דעם מענדעלסזאָן (דעם 17 אַפּריל 1782) צו דוד פרידלענדער: „איך לאָז שוין אַלץ אָן אַ זייט, און איך וויל מיך ניט אַריינלאָזן אין הקירות, ווער ס'איז דאָ גערעכט. איך טראַכט נאָר: וואָס וועלן דערויף די קריסטן זאָגן? וואָס וועלן זיי זיך טראַכטן, ווען זיי וועלן דערזען, אַז מיר דערלויבן זיך אַזוי צו רודפן אַ שריפטשטעלער און פאַרווערן אים אָפן זיינע געדאַנקען אַרויס־

צוזאָגן״ [1]. און פאַר אַן אַנדערן באַקאַנטן, דעם סעקרעטאַר פון דער טריעסטער קהילה, יוסף גאַליקע, גיסט מענדעלסאָן אויס זיין ביטער האַרץ וועגן די רדיפות, וואָס ס׳האָט אויסצושטיין זיין „ליבער פריינד ר״ה הירץ וויזל״: „דער דאָזיקער מאַן וואַנדלט שטענדיק אין די וועגן פון אמת, האָט קיינמאָל זיך ניט דערלויבט ניט מיטן וואָרט און ניט מיט קיין מעשים צו פאַרקערעווען אין אַ זייט אויף פאַרפּירערישע שטעגן. און איצט, ווי נאָר ער האָט געפּרוווט מיט „דברי שלום ואמת״ שטאַרקן די שלאַבעריקע הענט און אויפוועקן די, וואָס זיינען פאַרזונקען אין דרימל פון פוילקייט, זיינען אויף אים אויפגעשטאַנען קריגערישע מענטשן, פאַר־ביטערן אים דאָס לעבן און טוען אים רודפן, גלייך ער וויל, חס ושלום, אַפּווענדן די גאַנצע יידישע עדה פון זייער גאָט אין הימל. אָט אַזוי וויט איז דערגאַנגען די נאַרישקייט פון די פאַרפינסטערטע מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין באַגריף, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי״ [2].

וויזעל איז אָבער ניט געבליבן אַן באַשיצער. אים זיינען געקומען צו הילף די „אויפקלערער״, די קעמפער פאַר אייראָפּעיִשער בילדונג. זיי זיינען נאָך אַפילו דעמאָלט געווען ניט אַזוי גרויס אין צאָל, דאָך האָבן זיי זיך געפונען אין אַ גינסטיקערער לאַגע, ווי דער צד שכנגדם, די אָרטאָדאָקסן. מיר ווייסן דאָך, ווי אין די אַמאָליקע דורות, בעת עס האָט אויסגעבראָכן דער קאַמף צווישן די מיימוניסטן און זייערע קעגנער, האָבן די פריידענקער געהאַלטן פאַר פּאַסיק זיך צו ווענדן נאָך הילף אין זייער אידעען־קאַמף צו דער רעגירונגס־מאַכט [3]. דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט אין דער פּראָוואַנס אין אָנפאַנג 14טן י״ה, האָט זיך אויך איבער־געחזרט אין סוף 18טן י״ה אין דער רעזידענץ פון פּרייסן. מיר האָבן, — דערקלערט מיט גרויס נחת־רות, מיט פיל יאָרן שפּעטער, דוד פרידלענדער, — געבראַכט די זעמטלעכע רבנים צום שווייגן, ניט דורך ראיות, נאָר דורך פורכט״ [4]. די אויפגעקלערטע האָבן זיך געווענדעט צום בילדונגס־מיניסטער ציידליץ מיט דער ביטע, ער זאָל זיך אַריינמישן און ניט

---

1 מענדעלסאָנס שריפטען, 1844, V, 594.

2 והנה ידיד נפשי הרב ר״ר הירץ חיזל שי׳, הנודע והמפורסם... הוא מעודו מתהלך בדרך תמים לא נטה ללכת בארחות עקלקלות לא במדרש ולא במעשה; ועתה כמעט התעורר לחזק ידים רפות ולהקיץ הישנים שינת העצלה בדברי שלום ואמת, וקמו עליו בעלי שטנה וימררוהו וירדפוהו מנוחה כאילו ח״ו הסית והדיח את כל עדת ישראל מאביהם שבשמים; עד כה הגיעה אולת חסרי לב אשר לא ידעו בין ימינם לשמאלם... (יובילעום־אויסגאַבע, XVI, 281 — 282).

3 זע אונזער ווערק, ב׳ III, 114.

4 מענדעלסאָנס ווערק, 1844, V, 593.

דערלאזן, ווייזעל זאל גערודפט ווערן. אין דער התחלה האט ציידליץ זיך באנוגנט בלויז מיט א פריוואטן בריוו צום ראש פון דער יידישער קהילה, דעם רייכן דניאל איטציג, יענער זאל אים דערקלערן, פארוואס רודפט מען עס דעם שריפטשטעלער ווייזעלן; עס איז דאך ניט קיין יושר, מען זאל פארפאלגן א מענטשן בלויז דערפאר, וואס ער האט א נוצלעך בוך אנגעשריבן [1].

באלד דערנאך איז ארויסגעטראטן ווייזעל גופא. ער איז כלל ניט געווען קיין קעמפער-נאטור, און אים האט שטארק דערשראקן דער רעש, וואס זיין פלוגשריפט האט ארויסגערופן אין די ארטאדאקסישע קרייזן. באלד נאך פסח 1782 האט ער ארויסגעלאזט א צווייטע שריפט „רב טוב לבית ישראל" [2], ווו ער פלייסט זיך צו פארענטפערן, אז מיטן זאץ: „תלמיד חכם שאין בו דעה וכו'" האט ער כלל ניט בדעה געהאט צו באליידיקן די תלמידי חכמים, וואס באזיצן ניט קיין אלגעמיינע בילדונג. די דאזיקע שריפט איז לפנים געשריבן אלס ענטפער אויף א בריוו, אין וועלכן די פארשטייער פון דער טריעסטער קהילה זאלן האבן ביי אים אנגעפרעגט, פארוואס זיינען עס די פוילישע רבנים אזוי אויפגעבראכט אויף זיין „דברי שלום ואמת" [3].

אין א מער רואיקן טאן חזרט ווייזעל איבער די זעלבע טעזיסן, וואס ער האט ארויסגעשטעלט אין זיין ערשטער פלוגשריפט. ער ברענגט ראיות פון דברי רז"ל און פון אזוינע גדולים אויס דעם מיטלאלטער, ווי דער רמב"ם, אברבנאל א"א, אז מען מעג זיך פארנעמען אויך מיט וועלטלעכע חכמות און אז קענען די לאנדשפראך און ניט ריידן אויף א פארדארבענעם זשארגאן איז אי זייער נוצלעך צו מסחר און אנדערע געשעפטן, אי מען געווינט דורכדעם חן און גרויס כבוד ביי די אומות העולם. און אלס ראיה ווייזט ווייזעל דערביי אן, ווי שטארק עס זיינען געאכפערט ביי די שרים און גרויסע חכמים אזוינע געבילדעטע מענער, ווי מענדעלסזאן, ד"ר הירץ וכדומה.

די צווייטע שריפט האט אבער דאך ניט געשטילט די געמיטער. דערויף זאגט עדות דער אפיציעלער רעסקריפט, מיט וועלכן דער מיניסטער

---

1 זע קייזערלינג, מענדעלסזאן.

2 אונטער פאלגנדיקן פולן טיטול: תשובה לאנשי חיל יראי אלהים, חכמים ונבונים, קצינים ורוזנ"ם, הקהל הקדוש מאחינו בני ישראל אשר בעיר טריעסט יע"ה, על כתב יושר אשר כתבו לנו, בהגיע אליהם מכתבנו דברי שלום ואמת. ושם התשובה הזאת רב טוב לבית ישראל מאת נפתלי הירץ הי"ול.

3 אז די דאזיקע אנפראגע מצד דער טריעסטער קהלה איז לא היה ולא נברא, ווערט קלאר אויס ווייזעלס פארענטפערונגס-בריוו, וואס ער האט געשיקט צו די פארשטייער פון דער דאזיקער קהלה (דער בריוו איז פארעפנטלעכט אין כרם חמד. I, 5 – 7).

ציידליץ האט געהאלטן פאר נייטיק זיך צו ווענדן דעם 4טן יולי 1782 צו די „העררן אבער־לאנדעס עלטעסטען אונד פארשטעהער דער בערלינער יודענשאפט״. ער ווייזט דארט אן, ווי ער האט באקומען צו וויסן, אז עס ווערט גערודפט דער פארפאסער פון דער שריפט „דברי שלום ואמת״. „איך האב — שרייבט דער מיניסטער ווייטער — וועגן דעם חוקר ודורש געוועזן, עס איז מיר אבער ניט געלונגען צו דערגיין דעם ריכטיקן אמת. ווייל איך בין זיכער, אז די פארשטייער פון דער קהילה פארשטייען דאך אויסער ספק, ווי וויט מען דארף שעצן אזא נוצליכן און געבילדעטן מענטשן, וואס פרעדיקט וויסן און אויפקלערונג, לכן בעט איך ביי אייך מיר מיטצוטיילן, ווי די זאך האלט, בכדי מיר זאלן וויסן, ווי צו אכטן אזא מאן, וואס האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו פארשפרייטן בילדונג און גוטע דערציִונג ביי יידן״.

נאך דעם דאזיקן רעסקריפט האבן שוין די רבנים פארלארן דעם מוט צו פארווערן וויזעלן דרוקן זיינע אגיטאציאנס־שריפטן. אין 1784 האט וויזעל אומגעשטערט ארויסגעגעבן אין בערלין זיין דריטן אויפרוף „עין משפט״ [1], ווו ער פארעפנטלעכט די „פסקים״, אין וועלכע איטאליע־נישע רבנים פון פינף קהילות דערקלערן, אז זיי זיינען מיט אים איין דעה אין דער פראגע וועגן קינדער־דערציִונג. אייניקע פון די איטאליענישע תלמידי חכמים זיינען געקומען אין אזא התפעלות, אז זיי האבן וויזעלן אין שירים באזונגען, און וויזעל דרוקט די דאזיקע שירים צוזאמען מיט זיין ענטפער — אויך אין פערזן פון דעם זעלביקן מעטער.

באלד דערנאך איז דערשינען וויזעלס פערטע אגיטאציאנס־שריפט „רחובות״ [2] אין וועלכער ער רעדט ארום מער באריכות זיין דערציִונגס־פראגראם און פירט א לאנגע פאלעמיק מיט זיין ענערגישסטן קעגנער, דעם ליסער רב, דוד טביל [3].

---

1 דער פולער טיטל פון דער פלוגשריפט: מכתב שלישי כתוב לאחינו בני ישראל בכל מקומות מושבותיהם, ד׳ יגן עליהם, כתובים בו משפטי אמת, מפי שבעה משיבי טעם, כולם חכמים גדולים, גאונים ורבנים כוללים, מורים הוראות בקהלות קדושות שבעה איטליא יע״א אשר שפטו בחכמת לבם בדבר התלונות שהלינו מקצת מאחינו בני ישראל על מכתבנו דברי שלום ואמת. קראנו שם המכתב הזה עין משפט.

2 דער פולער טיטל: „מכתב רביעי כתוב גם הוא לאחינו בני ישראל, ד׳ יגן עליהם, הוא יפרש דברי המכתב הראשון, ויורה כי אמריו צדקו יחדיו אין בהם נפתל ועקש ויוסף לדבר עוד בענין סדר הלמוד וגדול הבנים ולפי שהקורא בו יתהלך בו ברחבה גם עתה הרחיב ד׳ לנו על פי עדותן של חכמים וסופרם הנזכרים במכתב השלישי, על כן קראנו שם המכתב הזה רחובות. מאת נפתלי הירץ ווייזל, ברלין, בדפוס האינשטיטוס חנוך נערים, ברלין.

3 אין די שפעטערע אויסגאבן זיינען אלע פיר פלוגשריפטן געדרוקט צוזאמען אונטערן אלגעמיינעם טיטול: „דברי שלום ואמת״.

דער קאַמף, וואָס האָט אויסגעבראָכן צוליב מענדעלסזאָנס תורה־איבערזעצונג און וויזעלס „דברי שלום ואמת", איז געווען דער שטורעם־סיגנאַל, וואָס האָט אויפגעמונטערט די משכילים און אויפקלערער, זיי זאָלן זיך פאַראייניקן און אָרגאַניזירן אַרום אַ באַשטימטן צענטר. עס איז דעמאָלט ביי זיי רייף געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן אַ פעריאָדישע אויסגאַבע, וואָס זאָל דינען אַלס טריבונע פאַר דעם יונגן דור מיט זיינע נייע תביעות און שטרעבונגען. די טרעגער פון די דאָזיקע נייע שטרע־בונגען האָבן אין זייער גרעסטן טייל געשטאַמט פון פאָלגנדיקע צוויי סאָציאַלע שיכטן: 1) גבירישע יונגעלייט, קינדער פון רייכע יידישע באַנקירן, פאַבריקאַנטן און גרויסע סוחרים, 2) לערער און דערציער אין רייכע יידישע הייזער און אין די נייע רעפאָרמירטע שולן.

אַלס טיפּישע פאָרשטייער פון דער ערשטער גרופּע זיינען די ברידער פרידלענדער אויס קעניגסבערג, און פון דער צווייטער — איציק אייכל, לערער אין דעם הויז פרידלענדער, אהרן וואָלפסזאָן, לערער אין דער ווילהעלם־שולע, און הירץ האָמבערג, וואָס איז אין משך פון דריי יאָר געווען קינדער־דערציער ביי מענדעלסזאָנען.

אין אָנפאַנג 1783 (ז' טבת תקמ"ג) האָבן אין קעניגסבערג אַ גרופּע יונגע לייט געגרינדעט אַ געזעלשאַפט „חברת דורשי לשון עבר" — ליבהאָבער און פאַרערער פון דער העברעיִשער שפּראַך, מיט דעם צוועק צו שאַפן אַ העברעיִשע מאָנאַטסשריפט [1] לויט דעם מוסטער פון דער דעמאָלטיקער זייער פּאָפּולערער „בערלינער מאָנאַטסשריפט". מאַ־טעריעל געשטיצט האָבן די אונטערנעמונג אייניקע קעניגסבערגער יידישע גבירים [2].

קודם־כל האָבן זיך די „דורשי לשון עבר" געווענדעט צום פאַרפאַ־סער פון „דברי שלום ואמת". אים, אַלס מיטאַרבעטער פון מענדעלסזאָנס „ביאור", האַלטן זיי פאַר נייטיק גלייך אָנצווייזן, אַז זיי ווילן געטריי פאָלגן מענדעלסזאָנס אויפרוף, צוריקצוקערן צו דער ביבל און איר שפּראַך און לויט מענדעלסזאָנס מוסטער צו באַשעפטיקן זיך אַלס „ביאוריסטן" — אַלס דערקלערער און אויסטייטשער פונם ביבלישן טעקסט. „ניט לאַנג — דערקלערן זיי אים אין זייער בריוו — האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרופּע יונגע משכילים, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען תורניים און אַ טייל באַזיצן

1 אין דער התחלה האָבן זיי פאַרטראַכט אַ וואָכנשריפט, נאָר לויט וויזעלס עצה האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל.

2 זע „נחל הבשור": הסכימו איזה גבירי קהלתנו יקירי הרוח המתנדבים בעם לתת סך מסוים לתמוך את החבורה הזאת.

פרעמדע שפראכן, גריכיש, לאטיין, אויך מאָדערנע דערצו, און זיינען בקי אין פאַרשיידענע צווייגן פון וויסן — און זיי האָבן צוזאַמען באַשלאָסן צו שטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע אַלזייטיק אויסצופאָרשן די אייגנאַרטיקייטן פון דער העברעיִשער שפּראַך, צו באַלייכטן און דערקלערן דעם טעקסט פון דער ביבל על דרך הפשט... זייער גאַנצער ציל און ווונטש איז — וואָס מער צו פאַרשפּרייטן צווישן אונזער פאָלק אונזער הייליקע שפּראַך און צו באַווייזן איר שיינקייט אַלע פעלקער. בכדי דאָס צו פאַרווירקלעכן, שרייבן זיי ווייטער, האָבן זיי באַשלאָסן צו גרינדן אַ פּעריאָדישע צייטשריפט, און זיי ווענדן זיך קודם־כל צו אים, דעם אָנערקענטן מייסטער, מיט דער בקשה, ער זאָל זיי מזכה זיין מיט זיינע שירים און פילאָזאָפישע אַרבעטן. מיט כרייד האָט וויזעל באַגריסט זייער אונטערנעמונג, נאָר געדענקענדיק זיין אייגענע טרויעריקע דערפאַרונג, וואָרנט ער די יונגע רעדאַקטאָרן, זיי זאָלן זיין שטאַרק געהיט, ניט דרוקן קיין עראָטישע לידער פון עמנואל הרומים שטייגער, אויך ניט קיין ליבע־דערציילונגען און למען השם ניט פאַרעפנטלעכן קיין סאַטירישע זאַכן, וואָס טוען יענעם פאַלאַכן און באַשפּאָטן. „דבש וחלב יהיה תחת לשונכם" — האָניק און מילך זאָל פון אייער צונג טריפן...

אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז דערשינען דער פּראָספּעקט פון דער נייער אויסגאַבע („נחל הבשור") מיט פאָלגנדיקע חתימות: איצק אייכל, שמעון פרידלענדר, מענדל ברעסלויא און זנוויל פרידלענדער [1].

דער פּראָספּעקט איז מודיע „יעדן משכיל, וואָס דורשט נאָך אמת און פאָדערט וויסן", אַז ס׳וועט אינגיכן אָנהייבן דערשיינען אַ מאָנאַטשריפט „המאסף", וואָס וועט באַשטיין פון פאָלגנדיקע פינף אָפּטיילונגען: 1) שירים און פּאָעטישע אָפּהאַנדלונגען. און די רעדאַקטאָרן האַלטן דערביי פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז קיין עראָטישע לידער (שירי החשק והעגבים) וועלן זיי ניט דרוקן. אויך וועלן אין זייער צייטשריפט קיין אָרט ניט געפינען אַזעלכע לידער, ווו עס ווערן לויט פרעמדע מוסטערן דערמאָנט ביי זייערע נעמען גריכישע און רוימישע געטער. 2) אָפּהאַנדלונגען וועגן שפּראַכפאָרשונג, עקזעגעטיק און אַנדערע וויסנשאַפטן, אויך וועגן מאָראַלישער און פיזישער דערציִונג. 3) תולדות גדולי ישראל — ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענער „אונזערער נאַציאָן". 4) תולדות הזמן — „נייַקייטן", וואָס קומען פאָר אין יידישן לעבן אין פאַרשיידענע לענדער. 5) בשורת ספרים חדשים — מעלדונגען וועגן ניי־דערשינענע ווערק.

---

1 דער סאַרטאַסער פונם „נחל הבשור" איז געווען איציק אייכל.

דער „נחל הבשור" פאַרענדיקט זיך מיט אַן אויפרוף צו דער יידי־שער יוגנט: „זייט ווייזן, אונזערע האַרציק־געליבטע ברידער, אַז ניט צוליב כבוד און אויך ניט אויס מאַטעריעלע צוועקן שאַפן מיר אונזער צייט־שריפט — מיר האָבן רק אייך אין זינען, מיר ווילן בלויז אייך באַהיל־פיק זיין! קומט־זשע אונז אַנטקעגן! בלייבט ניט טויב צו די פאָדע־רונגען פון דער נייער צייט, פון דער צייט פון בילדונג און אויפקלערונג. לייענט אויפמערקזאַם אונזער אויסגאַבע, זייט אירע געטרייע פריינד. זעט, ווי אַלע פעלקער שטרעבן נאָך וויסן, טראַכטן טאָג און נאַכט וועגן קינ־דער־דערציִונג, וועגן בילדונג פאַר זייער יוגנט — ווי קאָנען מיר דערביי רויִק זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? זעט, עס זיינען אויפגעשטאַנען צווישן אונז מענער פון גרויס וויסן, זיי ווילן אונז פירן אין די שטעגן פון תורה און חכמה — און מיר וועלן זיך אָפּווענדן פון זיי און ניט פאָלגן זייערע רייד פון אמת? שטייט אויף, ברידער אונזערע! שליסט צוזאַמען אייערע רייען, מיט פעסטע טריט לאָזט אייך זוכן די אוצרות, וואָס זיינען טייערער פון די גרעסטע רייכטימער, און געטרייע וועכטער, מענער פון אמת און וויסן, וועלן אונזער וועג באַלייכטן".

צום סוף פונם „נחל הבשור" פאָלגט נאָך אַ דייטשע „נאָכשריפט", אין וועלכער עס ווערט געמעלדעט, אַז אין דער צייטשריפט וועלן אויך אין אַ באַזונדערער ביילאַגע געדרוקט ווערן דייטשע אָפּהאַנדלונגען „בזאָנדרס דיא ערציהונג בטרעפנדע".

אין חודש תשרי תקמ"ד (סעפּטעמבער 1783) איז דערשינען 1 דער ערשטער נומער פון דער צייטשריפט „המאסף", וואָס האָט געהאַט אַ גע־וואַלדיקע השפּעה אויף די ערשטע צוויי דורות פון דער השכלה־תקופה. דער „מאסף" איז געווען אַזוי באַליבט, אַז ווען ער איז געוואָרן אַ יקר המציאות, פלעגן די משכּילים מיט ליבע אָפּשרייבן די וויכטיקסטע אַר־טיקלען, און די רעדאַקטאָרן פון די „בכּורי העתים" האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק איבערצודרוקן פאַר זייערע לייענער דעם „מבחר המאסף". דאָדורך באַקומט דער „המאסף" פאַר דעם ליטעראַטור־פאָרשער אַ באַזונדערן קול־טור־היסטאָרישן באַדייט, ניט געקוקט דערויף, וואָס דער ליטעראַרישער ווערט פון דער דאָזיקער צייטשריפט איז אַ גאַנץ קליינער. אַמשוואַכסטן איז דווקא די אָפּטיילונג, מיט וועלכער די בעלי „המאסף" האָבן באַזונ־דערס שטאָלצירט — די אָפּטיילונג פון לידער און שיינער ליטעראַטור.

נפתלי הירץ וויזעל באַקלאָגט זיך אין זיין „דברי שלום ואמת"

---

1 אונטער פאָלגנדיקן שער־בלאַט: המאסף לשנת התקמ"ד, כולל שירים ומכתבים אשר נאספו ונקבצו יחד על ידי אנשי חברת דורשי לשון עבר בקעניגסבערג.

ן, סוף קאפ. 7), וואס ביים דייטש־פוויקישן יידנטום האט זיך שוין זינט „כמה דורות“ קיין איין באדייטנדיקער דיכטער ניט באוויזן. ער דערקלערט דאס דערמיט, וואס די יוגנט לערנט ביי מלמדים „עלגי לשון“, וואס זיינען ניט אימשטאנד צו דערוועקן ביי די תלמידים די ליבע צו די פאעטישע שיינקייטן פון דער ביבל. ווען אבער די קינדער וועלן אין די שולן גרינדלעך לערנען די העברעישע שפראך און זיך באקענען מיט דער תורה מיט דער הילף פון מענדעלסזאנס פאעטישער איבערזעצונג, איז צו האפן, אז עס וועלן זיך ביי אונז ווידער באווייזן „שוררים ודוברי צחות“.

די גרינדער פונם „המאסף“ זיינען געווען מיטגלידער פון „חברת דורשי לשון עבר“. זיי האבן ניט נאר גרינדלעך שטודירט מענדעלסזאנס חומש־איבערזעצונג, נייערט א טייל פון זיי האבן פארטגעזעצט מענדעלס־זאנס ארבעט: האבן אויך איבערזעצט ביבלישע ביכער און באגלייט דעם טעקסט מיט א נייעם „ביאור“. און דאך איז ווייזעלס האפענונג דער־ווייל ניט מקוים געווארן. צווישן די דאזיקע „דוברי צחות“ האט זיך קיין איינציקער דיכטער ניט באוויזן. דער „ארי שבחבורה“ — נפתלי הירץ ווייזעל גופא, האט געדרוקט אין „מאסף“ „געלעגענהייטסגעדיכטע“, לויבגעזאנגען לכבוד די „מלכי צדק“ — דעם פרייסישן פרידריך, דעם עסטרייכישן יאזעפום און דעם פראנצויזישן לודוויג דעם זעכצענטן, אדער שירים ותשבחות זיינע פריינד דוד פרידלענדער, איציג און אנדערע. נאר אין די אלע לידער איז ניטא קיין פונק פון אמתער פאעזיע; בלויז אין זיין עלעגיע אויף דעם טראגישן טויט פון יונגן דוכס לעאפאלד [1] געפינען זיך א פאר סטראפן, וואס מאכן א געוויסן רושם. און דאך געפינען זיך ווייזעלס שוואכע און לעבלאזע דיכטונגען אויף אן אומדערגרייכבארער הייך אין פארגלייך מיט די איבעריקע לידער, וואס פארפלייצן די בלעט־טער פון דעם „המאסף“. נעמט מען דערביי אין באטראכט, אז די דא־זיקע קינדערש־אומבאהאלפענע, שטייף־הילצערנע פערזן, וואס געפינען זיך גאנץ אפט אין פולער סתירה מיט די עלעמענטארע פארדערונגען פון צעזור און מעטריק, האבן געשריבן קעמפער פאר שיינקייט און פיינעם געשמאק כמעט פופציג יאר נאך דעם דערשיינען פון לוצאטוס „לישרים תהלה“, — דאן ערשט באקומט מען א קלארן באגריף, צו וואס פאר א נידעריקער מדרגה עס איז דערגאנגען דאס ליטעראַרישע שאפן און דער פאעטישער געשמאק ביים יידיש־דייטשן קיבוץ אין 18טן י״ה [2]. די איינ־

---

1 המאסף, תקמ״ה, 143.

2 אין דעם „המאסף“ פון די שפעטערע יארן (תק״ן, 95), ווען די טענדענצן פונם זשורנאל האבן זיך מערקלעך געענדערט, קלאגט זיך איינער פון זיינע מיטאר־

ציקע פון די אין „מאסף" פאַרעפנטלעכטע לידער, וואָס האָבן אַ געוויסן באַדייט, געהערן אָדער עלטערע דיכטער פון די פריִערדיקע דורות, ווי, צום ביישפיל, גבירולס באַקאַנט ליד „בכלות ייני" 1 און אַ פּאָר לידער פון משה אבודיענטו אויס דעם 17טן י"ה, אָדער זיי זיינען איבערגעדרוקט פון דער לידער-זאַמלונג „אלה בני הנעורים", וואָס ס'האָט פאַרעפנטלעכט די בעלי-המאספים אַ מיטצייטלער, דער איטאַליענער אפרים לוצאַטו. געבאָרן אין סאַן-דניאל אין דער איטאַליענישער פּראָ-ווינץ פריִולי אין אַ רייכער חשובער פאַמיליע (אין 1729), האָט אפרים לוצאַטו פאַרבראַכט אַ גליקלעכע פריילעכע יוגנט און באַקומען אַ זאָרג-פעלטיקע דערציִונג. די איטאַליענישע ליטעראַטור האָט ער באַטראַכט אַלס אייגענע, און זי האָט אין אים דערוועקט דעם פרייען דראַנג צו פּאָעטישן שאַפן. זיין באַליבטסטע פּאָעטישע שאַפונגס-פאָרם איז געווען דער סאָנעט. באַרוישט פון דער נאַטור-פּראַכט און פול מיט יוגנטלעכער פרייד, גיסט ער אויס זיין גליק-געפיל אין קלינגענדיקע פערזן (זע זיין סאָ-נעט „מי אנכי ומי ביתי"); אויך די ליבע און פרויען-שיינקייט באַזינגט ער אין אַזוינע קונסטרייכע סאָנעטן, ווי „חנה אילת חן", „נפשי אשר עד כה", „אם האדון צהוב", „מי זאת המעונגה", „ילדה יפה אחת". דער יונגער דיכטער פאַרשטייט אָבער אויך האַרמאָניש צו פאַרבינדן די ריין איטאַליענישע פאָרמען מיט טיפע נאַציאָנאַלע געפילן און מאָטיוון, און ער שאַפט אַזוינע האַרציקע לידער, ווי „חג האסיף", „עד אן אלהים" און „על הר ציון ששמם"... זיינע לידער האָט לוצאַטו געזונגען בלויז אין די יונגע יאָרן. זינט ער איז אָבער געוואָרן אַ פּראַקטישער אַרצט (מעדיצין האָט ער שטודירט אין פּאַדואַ), האָבן אים, ווי ער גופא ווייזט דערויף אָן, די מוזען פאַרלאָזן. שוין אין די מיטעלע יאָרן, האָט ער אין לאָנדאָן, ווו ער איז געווען אָנגעשטעלט אַלס אַרצט אין אַ יידישן

בעסער: „תשתפך עלי נפשי בזכרי המנהג הרע אשר יתנהגו בני ישראל בימינו לחבר תמיד שירים וחרוזים לאין מספר ואין אחד מהם יודע דבר מכל מלאכת השיר. מה לכם אחי ורעי ולמלאכת השיר? הכולכם תהיו משוררים"? דערביי ניצט אויס די רעדאַקציע גופא די געלעגנהייט און קלאָגט זיך אין אַ ספּעציעלער הערה, אַז מען באַוואַרפט זי יעדן טאָג מיט גאַנצע פעק „חרוזים ושירים פחותי ערך". ווענדעט זיך דערפאַר די רעדאַקציע צו אירע פריינד און אונטערשטיצער מיט דער ביטע, זיי זאָלן זי ניט אַזוי באַלעסטיקן מיט שירים, נאָר בעסער צושיקן וויסנשאַפטלעכע און אינפאָרמאַטיווע אַרטיקלען און נאָטיצן.

1 זע אוגזער ווערק, ב', I, ז' 64.

שפּיטאָל, פאַרעפנטלעכט (אין 1768) די אויבנדערמאָנטע זאַמלונג יוגנט-לידער „אלה בני הנעורים״ [1].

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס די בעלי „המאספים״ האָבן פון לו-צאַטוס זאַמלונג איבערגעדרוקט אין זייער צייטשריפט ניט קיין ליבע-לידער און אויך ניט קיין נאַציאָנאַלע, נאָר ריין-דידאַקטישע. דידאַקטישע לידער זיינען בכלל געווען זייער באַליבט ביי די רעדאַקטאָרן פון דעם „המאסף״, און זיי האָבן אין זייער צייטונג אָפּגעגעבן אַ ספּעציעלע אָפּ-טיילונג פאַר „משלי מוסר״ — פאַבעלן און משלים. אָט דער ליטעראַ-רישער זשאַנר, וואָס איז שוין זינט לאַנגע דורות אַזוי באַליבט ביי יידן, איז געווען דאָס איינציקע געביט, וווּ די בעלי „המאספים״ האָבן זיך דערלויבט, ווען אַפילו אין גאַנץ ווייכער פאָרם, אַרויסטרעטן מיט דער פייל פון סאַטירע קעגן זייערע אידעיִשע קעגנער. אין דער פאַבל „הכוכב, העבים והרוח״ ווערט דערציילט וועגן אַ גלאַנצנדיקן שטערן, וואָס האָט אויפגעשיינט פון צפון. האָבן די וואָלקנס זיין גלאַנץ ניט געקאָנט פאַר-טראָגן און האָבן באַשלאָסן אים צו באַדעקן, בכדי די וועלט זאָל זיין ליכטיקן שיין ניט דערבליקן. האָט אָבער אַ שטורעם-ווינט אויסגע-בראָכן, די טונקעלע וואָלקנס צעזייט און צעשפּרייט, און דער שטערן איז ווידער אין זיין גאַנצער פּראַכט דערשינען [2]. די פאַבל „האשה והדבורה״ (דאָרטן, תקמה, 95) איז געווענדעט קעגן די, וואָס וואָרענען, מען זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט ווויסנשאַפטן, און אַן אַנדער פאַבל פאַרענדיקט זיך מיט דעם פּעסימיסטישן מוסר השכל: תוסיף חכמה תוסיף שנאה, תוסיף דעת תוסיף קנאה; אך כסיל ובער ישבו שאנן בחושך הבערות כבצל רענן״ [3] (דאָרטן, 335).

פיל אויפמערקזאַמקייט האָבן אויך די בעלי „המאספים״ געשענקט דער פּאָעטישער פּראָזע. „דוברי צחות״ — איז דאָך געווען זייער אידעאַל, און זייער אויפגאַבע, וואָס זיי האָבן פאַר זיך געשטעלט, איז געווען — אויפלעבן די העברעיִשע שפּראַך, שאַפן אַ נייעם אמת ליטעראַרישן סטיל.

---

1 די אויסגאַבע איז דערשינען בלויז אין הונדערט עקזעמפּלאַרן און איז איצט אַ יקר המציאות. מיר ברענגען דערפאַר דעם פולן טיטל: אלה בני הנעורים ילידי הרופא אפרים לוצאטו, כנוח עליו רוח השיר בימי עלומיו מאז בארץ איטאליאה, ואביהם התל בם וישליכם אל ארץ אחרת כיום הזה, והמה בכים ומשוטטים בחוצות לונדון וגם צדה לא עשו להם. אפרים לוצאטו איז געשטאָרבן אין לאָזאַנ(?)ר אין 1792.

2 המאסף, תקמ״ד, 150.

3 וואָס מער דערהערנסט חכמה, אַלץ גרעסער ווערט קעגן דיר די שנאה, וואָס מער וויסן, אַלץ מער קנאה. נאָר אומפאַרשטאַנדיקע נאַראָנים זיצן זיך רויִק אין דער פינסטערניש און אומוויסן, ווי אונטער אַ גרינעם זאַפטיקן שאָטן.

די השכּלה־טרעגער האָבן בשעתם שטאַרק באַוואונדערט די דערפאָלגן פון דעם „המאסף" אויף דעם געביט. דער אָביעקטיווער ליטעראַטור־היסטאָריקער קאָן אָבער דערמיט ניט אינגאַנצן מסכּים זיין. אמת, אויפן ערשטן קוק קאָן אויסוויזן, אַז מיט זייער התפּעלות פאַר דער העברעיִשער שפּראַך דערמאָנען די בעלי המאספים דעם גרויסן אינטערעס צו דער ביבל־שפּראַך, וואָס די יידישע אינטעליגענץ האָט אַרויסגעוויזן אין דער ערשטער בלי־תּקופה פון אַראַבישער קולטור. דער רעשיקער אויפבלי פון דער אַראַבישער שפּראַך, די הייליקע שפּראַך פונם איסלאַם, האָט געהאַט די ווירקונג, וואָס יידן האָבן זיך מתקנא געווען און האָבן זיך געפלייסט צו ברענגען צו אַזאַ הויכן מצב אויך זייער הייליקע שפּראַך, די שפּראַך פון דער ביבל. אונטער דער השפּעה פון דער רייכער און שיינער אַראַבישער שפּראַך און איר ליטעראַטור האָבן אויך די שפּאַנישע יידן זיך באַזונדערס אָנגעהויבן צו אַ נטערעסירן מיט די ריין פּאָעטישע אוצרות פון דער ביבל און איר שפּראַך, און עס איז ביי זיי נולד געוואָרן דער ווונטש צו פּרוּוון שאַפן אויך אויף דער שפּראַך פון תּנ״ך ניט נאָר רעליגיעזע פּאָעזיע, נייערט אויך וועלטלעכע פּאָעטישע ווערק, און זיך טאַקע דערביי באַנוצן מיט אַראַבישע פאָרמען און כּללים פון מעטריק און צעזור. מיר ווייסן אויך, אַז דער גלענצנדיקער בלי־תּקופה פון דער העברעיִשער פּאָעזיע און שיינער ליטעראַטור איז ביים שפּאַנישן יידנטום פאַרויסגעגאַנגען די קלאַסישע וויסנשאַפטלעכע שפּראַך־פאָרשונג. די יידישע פילאָלאָגן מיט אבן ג'נאח בראש האָבן, אמת, אויף זייער פאָרשונגס־אַרבעט געקוקט ווי אויף אַ מיטל צו אַ פעסטבאַשטימטן ציל: אויספאָרשן די שפּראַך פון זייער נאַציאָנאַלן הייליקטום, די כּתבי הקודש, בעסער צו פאַרשטיין און צו דערקלערן דעם פּשט פון דער תּורה [1]. זיי האָבן אָבער ניט נאָר געהאָלפן בעסער צו פאַרשטיין דעם פּשט פון די „דורך גאָט אַנטפּלעקטע כּתבי הקודש", נייערט אַגב געלייגט דעם יסוד פון דעם גלענצנדיקן אויפבלי פון דער העברעיִשער פּאָעזיע. אויך די בעלי „המאספים" האָבן פיל זיך אָפּגעגעבן מיט פילאָלאָגישע פאָרשונגען, האָבן אין זייער צייטשריפט פאַרעפנטלעכט אין די צענדליקע אַרטיקלען וועגן ביבל־עקזעגעזע און שפּראַך־פאָרשונג; און ווען אַפילו אין די דאָזיקע אַרטיקלען לאָזט זיך ניט זעלטן באַמערקן גאַנץ אויבנאויפיקער דילעטאַנטיזם, מוז מען דאָך געדענקען, אַז צווישן די המאסף־מיטאַרבעטער האָבן דאָך אייניקע זיך קונה שם געווען [2] אַלס

1 זע אונזער ווערק, ב׳ I, 42 — 43.

2 וועגן דעם אין די פאָלגנדיקע קאַפּיטלען.

פאַרפאַסער פון מיכטיקע האַנט-און לערנביכער. אַלס „ביאוריסטן" האָבן די בעלי המאספים, ווי אבן גנאח'ס מיטצייטלער בשעתם, פיל זיך אָפּגעגעבן מיט דעם דערקלערן דעם טעקסט פון די „דורך גאָט אנטפּלעקטע כתבי הקודש". דער רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט, יצחק אייכל, האָט געשריבן אַ „ביאור" אויף „משלי"; דער צווייטער רעדאַקטאָר, אהרן וואָלפסזאָן, האָט איבערזעצט אויף דייטש און באַזאָרגט מיט אַ „ביאור" דעם ספר איוב און מלכים; יואל לעווע (בריל) האָט פאַרעפנטלעכט מענדעלסזאָנס דייטשע תהלים-איבערזעצונג מיט אַן אייגענעם „ביאור" און מיט אַ גרויסן אַריינפיר וועגן העברעישער פּאָעזיע, אויך האָט ער איבערזעצט און געשריבן אַ „ביאור" אויף ספר יונה; אין מאסף גופא האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ביאור אויף שירת דבורה [1], און צוזאַמען מיט וואָלפסזאָנען האָט ער געשריבן אַ ביאור אויף חמש מגילות.

דערמיט פאַרענדיקט זיך אָבער די אַנאַלאָגיע. די יידישע אינטעליגענץ פון אַראַבישן שפּאַניע, געפינענדיק זיך אונטער דער שטאַרקער השפעה פון דער אַראַבישער קולטור, האָט זיך געפליסט, און טאַקע מיט גרויס דערפאָלג, צו ברענגען די פרעמדע אוצרות פון קולטור און וויסן אונטער דער השגחה און שליטה פון דעם רעליגיעזן יידישן געדאַנק, זיי אָרגאַניש צו פאַרבינדן מיט דעם אייגענעם נאַציאָנאַל-קולטורעלן שאַפן. די מענער פון יענער תקופה האָבן געקוקט אויף די העברעישע שפּראַך ווי אויף אַן אָרגאַניש גאַנצע זאַך פאַרן לאַנגן משך פון איר אַנטוויקלונג. זיי האָבן זיך געפליסט זי צוצופּאַסן צו די נייע, פיל קאָמפּליצירטערע פאָדערונגען, אויסנוצנדיק דערביי דעם וואָרט-מאַטעריאַל פון דער שפּעטערער תלמודיש-מדרשישער ליטעראַטור. אויך האָבן זיי זיך ניט געשראָקן פאַר נייע וואָרט-בילדונגען, בכדי צו זיין אימשטאַנד אויסצודריקן די נייע באַגריפן און געדאַנקען. די „מאספים" אָבער, וואָס האָבן שטענדיק געטענהט, אַז זייער הויפט-צוועק איז צו דערהייבן די העברעישע שפּראַך, וואָס „וואַלגערט זיך אין שטויב פון פאַרלאָזנקייט און אין די מיסטן פון שאַנד" [2], האָבן פאַקטיש געשטרעבט צוריקצוקערן אויף אַ געקינסטעלטן אַנטי-היסטאָרישן אופן צו דער ריינער אַנטיקער ביבלשפּראַך, וואָס זאָל זיין פריי פון אַלע שפּעטערע ענדערונגען און באַרייכערונגען בנוגע צו וואָרטבוי און וואָרט-שטאָף. עס לאָזט זיך דאָ פילן די בולטע טענדענץ איבערצורייסן מיט געוואַלט דעם זיי אַזוי פאַראַכטן

---

1 דאָרטן, תקמ"ח, 322—324.

2 זע די מודעה צום שלוס פונם ערשטן יאָרגאַנג: אך כל מגמתנו להרים קרן שפת יהודה השוכנת באפר השכחה ובאשמות הבזיון (המאסף, תקמ"ד, 192).

„זשאַרגאָן" און מיט די געשמאַקלאָזע באַרבאַריזמען פון דעם רבנישן סטיל פֿון יענער צייט. אויך מוז מען נעמען אין באַטראַכט, אַז ווען אַפילו דער „המאסף" האָט, כּל־זמן ער איז דערשינען אין קעניגסבערג, זיך ניט דערלויבט קיין שום שאַרפע אויסדריקן קעגן די אָרטאָדאָקסן און דעם אַלטן שטייגער לעבן, דאָך מאַכט זיך שוין דאָרט באַמערקבאַר דאָס גאַנץ קאַלטע פאַרהאַלטן פון די בעלי המאספים צו דער תּלמודישער ליטעראַ־טור. אין דעם „המאסף" איז געווען אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע רובריק פאַר „תּולדות גדולי ישראל", וווּ עס זיינען געווען געדרוקט ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענער, וואָס האָבן חוץ יידישן וויסן באַזיצט אויך אין אַ ברייטער מאָס אייראָפּעיִשע בילדונג, ווי, אַשטייגער, דער רמב"ם, דאָן יצחק אַברבנאל, יוסף דעל מעדיגאָ, מנשה בן ישראל. דאָרט איז אויך פאַרעפנטלעכט געווען אַ ספּעציעלער אַרטיקל וועגן „דעם נוצן פון גע־שיכטע און מיט איר פאַרבונדענע וויסנשאַפטן" (דאָרטן, תקמ"ד, 9—14, 25—30). ווען איינער האָט זיך אָבער געווענדעט צו די רעדאַקטאָרן פונם „המאסף" מיט דער פראַגע, ווער איז אייגנטלעך געווען דער קיסר אַנטונינוס, וואָס האָט לויט דעם תּלמוד געלערנט „מפּי רבנו הקדוש", האָבן יענע געענטפערט: „מיר קאָנען דערויף זאָגן: מאי דהוה הוי! וואָס גייט דאָס אונז אָן, וואָס דאַרפן מיר זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע חקירות פון אַמאָליקע צייטן?" 1. מיט דער תּלמודישער תּקופה האָבן די בעלי „המאספים" קיין חשק ניט געהאַט זיך צו אינטערעסירן.

די בעלי המאספים גופא זיינען אָבער אַליין אויך אויסגעוואַקסן אין די אַלטפרענקישע ישיבות, געאָטעמט די לופט פון פּלפּול און סכאָ־לאַסטיק, און אַלס „אויפקלערער" און משכּילים זיינען זיי דורכגעדרונגען געווען מיטן טרוקענעם גייסט פון אוטיליטאַרישן ראַציאָנאַליזם. פרעמד זיינען פאַר זיי פאַקטיש געווען די קלאַסישע פרישקייט און נאַיִווע פּשטות פון דעם ביבלישן דערציילערישן נוסח, ווי אויך דער התלהבותדיקער פּאַטאָס פון די נביאישע טריבונען. אויס דעם רייכן וואָרטשטאָף פון דעם „ספר הספרים" זיינען זיי געווען אימשטאַנד צו שאַפן בלויז אַ מאָזאַיִש געשפּין, אָבער ניט קיין לעבעדיק אָרגאַניש געוועב. אָן דעם אמתן פּאָעטישן חוש האָבן זיי מעכאַניש אויפגעזאַמלט אין גאַנצע הויפנס ביבלישע מעטאַפאָרן און ריידנסאַרטן, און געשאַפן אויף אַזאַ אופן דעם פּרעטענציעזן, מליצהדיק־וואַסערדיקן סטיל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דור המאספים.

ס'איז העכסט כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַפילו אין דעם קאַמף, וואָס

---

1 המאסף, תקמו, 183

די בעלי „המאספים״ האָבן געפירט פאַרן אויפלעבן פון דער העברעיִשער שפּראַך, לאָזט זיך גאַנץ שאַרף הערן דער באַקאַנטער „לייטמאָטיוו״, וואָס קלינגט אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען פון די יידישע „אויפ־קלערער״: מה יאמרו הגוים — וואָס וועלן אַנדערע זאָגן! דער אונז שוין באַקאַנטער מרדכי שנאַבער [1], בעת ער באַהאַנדלט אין דעם „המאסף״ די פראַגע וועגן דעם סיסטעמאַטישן שטודירן די העברעיִשע שפּראַך, טרעט ער קודם־כל אַרויס מיט פאָלגנדיקער טענה: וואָס וועלן זאָגן די פעלקער, צווישן וועלכע מיר וווינען, בעת זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז זיי זיינען מער באַהבנט אין דער העברעיִשער שפּראַך, ווי מיר יידן? [2].

נאָך בולטער ווי אין וויזעלס „דברי שלום ואמת״ אַנטפּלעקט זיך אין דעם „המאסף״ די התפעלות פאַר דעם „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם״. אין פּאַטעטישע לויבלידער ווערן דאָרט באַזונגען דער הומאַניזם און די לייטזעליקייט ניט בלויז פון דעם „מלך חסד״, וואָס האָט דעם „טאָלעראַנץ־עדיקט״ אַרויסגעגעבן, נאָר אויך פון לודוויג דעם 16טן און פון דעם פּרייסישן פרידריך, וואָס האָט מיט זיינע יידנפיינדלעכע געזעצן דערמאָנט, לויט דעם אויסדרוק פון דעם ענגלישן היסטאָריקער וויליאַם פּרעסקויט, די פינסטערסטע צייטן פון דער וועסטגאָטישער רעגירונג [3]. אין טאַלענטלאָזע, הינקענדיקע פערזן ווערט באַזונגען פרידריכס געבאָרן־טאָג (המאסף, תקמ״ד, 65—69) און זיינע גבורות, וואָס ער באַווייזט אין דער מלחמה (דאָרטן, תקמ״ה, 17—20); און ווען דער דאָזיקער „מלך חסד״ איז געשטאָרבן, ברעכט דער „המאסף״ אויס אין אַ ביטער געוויין און באַקלאָגט „דאָס פאַריתומטע פאָלק ישראל״. „מיר זיינען ניט אימשטאַנד — לייענען מיר אין דעם קלאָג־אַרטיקל — איבערצודערציילן פרידריכס גרויסע מעשים. מיר וועלן בלויז דערמאָנען די גרויסע גענאָדן, מיט וועלכע ער האָט אונז, יידן, באַגליקט, בכדי דו, מיין פאָלק, זאָלסט וויסן און פאַר־שטיין, ווער מען דו האָסט היינט פאַרלאָרן״!

אמת, ווי שטאַרק די בעלי־המאספים האָבן זיך געפלייסט אין זייער פּאַטריאָטישער התפעלות אַרויסצוגעפינען די „טובות און חסדים״, וואָס דער פאַרשטאָרבענער מלך האָט געטאָן פאַר יידן, האָבן זיי דאָך באַוויזן בלויז צו דערמאָנען, אַז אין דער רעזידענץ־שטאָט פונם „אַלטן פריץ״ האָבן געלעבט און געשאַפן אַזוינע גדולי ישראל, ווי מענדעלסזאָן

---

1 זע אויבן, קאַפּ׳ 2.

2 המאסף, תקמ״ד, 185: ומה יאמרו הגוים אשר סביבותינו בהתוכחם עמנו בלשון אשר הכרתם בה יותר גבורה מהכרתנו.

3 זע יאָלאָחיק, געשיכטע דער יודען אין קעניגסבערג.

און מרדכי הערץ, און אַ סך יידישע גבירים וווינען אין בערלין אין פּראַכטפולע פּאַלאַצן, און האָבן דאָס רעכט פריי צו פירן זייערע מסחרים און געשעפטן [1].

אָט דער דאַזיקער הורא־פּאַטריאָטישער טאָן לאָזט זיך אויך שטאַרק הערן אין אַלע אַרטיקלען, וואָס באַהאַנדלען אין דעם קעניגסבערגער „המאסף" די שול־פראַגע.

די אויפגאַבע פון דער שול איז צו דערציִען נוצלעכע בירגער און פּאַטריאָטן. מאַראַל און עטיק באַקומען אויך אין די שולפּראָגראַמען אַ בולטע אוטיליטאַר־שטאַאַטלעכע באַפאַרבונג. און גאַנץ שאַרף ווערט אונטערגעשטראָכן דער געדאַנק, אַז יידן דאַרפן, ווי ווייט מעגלעך, דער־ווייזן, אַז זיי זיינען ראוי און פּאַרדינען די לייטזעליקייט פון דער מלוכה. „איצט, אין אונזערע טעג — לייענען מיר אין אַן אַרטיקל וועגן קינדער־דערציִונג — האָט אויפגעשיינט די זון פון גערעכטיקייט און דער־לייזונג איבער דעם נידערגעשלאָגענעם און אומגליקלעכן פאָלק, — וואָרעם גאָט האָט דערוועקט די הערצער פון די מושלים און זייערע יועצים, זיי זאָלן זיין לייטזעליק צו אונז. דערפאַר איז דער ערשטער חוב פון די עלטערן, זיי זאָלן געבן זייערע קינדער אַ ריכטיקע דערציִונג, איינפלאַנצן אין זיי די זוימען פון מדות טובות און גוזעצלעכקייט, כדי זיי זאָלן זוכה זיין דעם חסד פון די שרים און זאָלן זיין ווערט, ראוי און פּאַסיק דעם דאָזיקן חסד צו געניסן" [2].

ניט ווייניקער אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט דער גאַנץ לאַנ־

---

1 ניט מיט קיין קלענערן פּאַטאָס האָט דער „המאסף" באַקלאָגט דעם טויט פון יאָזעפוס דעם צווייטן: „הוא הרים נאות ישראל מערמת עפר ויביאהו אל חדרי המדע והאושר לקחת חלק בו כאחד אנשי עמו. הוא שם את לבו הטהור עלי ילידי בני ישראל ויפקד פקידים להוליכם אל בית הספר למען סקל לפניהם דרך למצוא טובה וגדולה בארץ (דאָרסן, 1790, 88—89). אפילו אין פיר יאָר אַרום נאָך דעם עסטרייכישן קיסרס טויט טוט אַ מאסף־מיטאַרבעטער אין פּאַטעטיש־מליצהדיקע פערזן באַקלאָגן דעם פּריצייטיקן טויט פון דעם דאָזיקן „מלך חסד", וואָס האָט אַזוי פיל „גוטס" געטאָן דער יידישער באַפעלקערונג. „נדבקה לשוני לחכי — רופט ער אויס מיט פּאַטאָס, וגרוני נחר, רבו דמעות עיני ועצמו אנחותי לבי בזכרי גויעתך!" (דאָרסן, 1794, 70).

2 דאָרסן, תקמ"ד, 133—134: עתה בא מועד, אשר זרחה שמש צדקה ומרפא לנדכא לבב ועם האומלל, כי העיר ד' את רוחו בלבב מושלים ויועצי ארץ להטיבם ולחנותם, לכן ראשית חובת האבות היא להדריך ולנהל בניהם בדרך ישרה, לנטוע בם צמחי מידות טובות ונמוסיות, כדי שיזכו לחסר השרים ויהיו מתוקנים ראוים והגונים לקבלו

גער ארטיקל „דברי חכמה ומוסר״, וואס איז געשריבן אין פארם פון צוועלף געשפרעכן צווישן דעם לערער און זיינע תלמידים [1].

דער פארפאסער פונם ארטיקל, דער אונז שוין באקאנטער אליה מורפורגו אוים איטאליע, דערקלערט זיך אלס פייערדיקער פארערער פון דעם רמב״ם און צום שלום זאגט אן דער לערער זיינע תלמידים, „זיי זאלן גלויבן אין אלץ, אין וואס ס׳האט געגלויבט דער אחרון הגאונים בזמן וראשם בחשיבות הרמב״ם ז״ל. אט דער אזוי שטארק מיימוניסטיש־געשטימטער לערער דערקלערט אין סענטימענטאל־פאטריאטישן טאן וועגן די התחיבותן פון די אונטערטאנען צו זייער מלך, וואס איז דאך צו זיין פאלק „כאב לבנים וכנשמה לגוף״. און ווייל דעם מלכס אלע געדאנקען זיינען „לטובת עמו״, דארפן אויך די אונטערטאנען טאן רק זיין רצון, בלינד פאלגן אלע זיינע באפעלן, ניט אפטרעטן פון זיי אויף קיין איינ־ציקן טריט [2].

ס׳איז כאראקטעריסטיש, וואס צווישן די „צייטפראגן״ (תולדות הזמן) ווערט אין דעם „המאסף״ געשענקט כמעט ניט ווייניקער אויפ־מערקזאמקייט, ווי דער קינדער־דערציִונג, אויך דער פראגע וועגן „הלנת המתים״. מיר האבן שוין פריִער אנגעוויזן [3], ווי אזוי די דאזיקע פראגע איז אויפגעשווומען אין 1772 נאך דעם באפעל, וואס דער הערצאג פון מעקלענבורג־שווערין האט ארויסגעגעבן, מען זאל ניט טארן מקבר זיין א געשטארבענעם פריִער פונם דריטן טאג נאך זיין טויט. ווייל די אר־טאדאקסן האבן אין דעם דערזען א שווערע „גזירה״, איז ביי די אויפ־קלערער די פראגע וועגן „הלנת המתים״ געווארן אויף יארן לאנג אן אקטועלע קאמף־פראגע. די רעדאקטארן פונם „המאסף״ האבן אין זייער צייטשריפט פארעפנטלעכט דעם גאנצן חליפת־מכתבים, וואס ס׳האבן גע־פירט בנוגע דער דאזיקער פראגע מענדעלסזאן מיט ר׳ יעקב עמדן. אויך האבן זיי פארעפנטלעכט אן אפענעם בריוו צום ד״ר מרדכי הערץ, ער זאל אלס פאכמאן ארויסזאגן זיין קאמפעטענטע מיינונג וועגן דער דאזי־קער פראגע. ד״ר הערץ האט דערויף געענטפערט מיט א ספעציעלער בראשור „אן די הערויסגעבער דעם העברעיִשן זאמלערס איבער די פריִע בעערדיגונג דער יודען״, 1787 [4]. די בעלי המאספים האבן זיך אבער דערמיט ניט באנוגנט. אין אייניקע יאר ארום האט יואל בריל וועגן דער

---

1 המאסף, תקמ״ו, 131—137, 147—156,164—176.

2 זע ביילאגע, נומ׳ 3.

3 אויבן, ז׳ 52.

4 געדרוקט אלס ביילאגע צום המאסף (1788); איבערגעדרוקט אין 1789 מיט אייניקע הוספות.

דאָזיקער פּראַגע פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעל „שרייבן אַן די ווירדיגן מיטגלידער זעמטליכער לעבּליכן אונד וואָהלטעהטיגן חברות גמילות חסדים“ [1]. גלייך נאָך אים איז אויך איצק אייכל אַרויסגעטראָטן מיט זיין בראָשור: „איזט נאָך דעם יידישן געזעטצע דאָס איבּערנאַכטן דער טאָדטען ווירקליך פערבּאָטן?“ [2]. און אַ דריטער מיטרעדאַקטאָר פונם „המאסף“, אהרן וואָלפסזאָן, האָט אויסגענוצט פאַר דער דאָזיקער קאַמף־פּראַגע די טראַדיציאָנעלע פּורים־שפּילן [3].

עס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס, וואָס די פּראַגע וועגן מקבּר זיין טויטע איז געוואָרן אַ בּרענענדיקע לעבּנס־פּראַגע [4]. דאָס איז אָבּער כאַראַקטעריסטיש ניט אַזוי פאַרן „המאסף“, ווי פאַר דעם דעמאָלטיקן יידישן אָפּגעשטאַנענעם, אַלטפרענקישן לעבּנסשטייגער מיט זיין בּלינדן פּחד פאַר אַלץ, וואָס טראָגט ניט דעם שטעמפּל פון מסורת אבות, פון לאַנג אָנגענומענעם נוסח. טיפּיש איז אין דער הינזיכט פאָלגנדיקער פּרט: אין די זיבּעציקער יאָרן פונם 18טן י״ה האָט אין מערב־אייראָפּע אַלץ מער פאַרשפּרייטונג געפונען דאָס פון פיל „ערצטע רעקאָמענדירטע גאַראַנטיע־און קאַמפּסמיטל קעגן דער שרעקלעכער פּאָקן־קראַנקהייט — אינאָקולאַציע, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם איינשפּריצן דעם געזונטן

---

1 בּערלין, בּדפוס חברת חנוך נערים, 1794. געדרוקט אויף קאָסטן פון אייניקע מיטגלידער „דער געזעלשאַפט דער פריינדע“, און איז גראַטיס צעשיקט געוואָרן (זע המאסף, VII, 160).

2 געדרוקט אַלס בּיילאַגע צום „המאסף“, 1797, איז דערשינען אויך בּאַזונדער.

3 אין בּרעסלוי איז געשטאָרבּן אַ חשובער גביר ערב שבּת, אייניקע טעג פאַר פּורים. האָט מען זיך געאײַלט אים וואָס גיכער צו קבורה בּרענגען, איידער דער שבּת קומט אָן. דאָס האָט פאַרדראָסן די אָרטיקע משכּילים, און פּורים צו דער סעודה, ווען עס זיינען צום רב געקומען אַ קאָמפּאַניע פאַרשטעלטע פּורים־שפּילער, האָט זיך צווישן זיי בּאַוויזן אהרן וואָלפסזאָן איינגעהילט אין תכריכים מיט אַן אויפשריפט אויפן רוקן: „איך בּין עס פלוני בּן פלוני, וואָס איז געלעגן אין חלשות און די קבורה־לייט האָבּן מך אַ לעבּעדיקן בּאַגראָבּן. מיר איז אָבּער מיט גאָטס הילף געלונגען זיך פונם קבר צו בּאַפרייען, און איצט שטיי איך פאַר אייך, איר זאָלט זיך אַ מוסר נעמען (זע ש. בּערנפעלד, דור תהפוכות, 93). אויך אין זיין פאָלעמישער שריפט „שיחה בּארץ החיים“ בּאַהאַנדלט וואָלפסזאָן די פּראַגע וועגן „הלנת המתים (המאסף, VII, 132, 357—360).

4 אפילו דער קורלענדער דאָקטאָר אַבּרהם בּערנהאַרד (געבּוירן אין 1730) האָט געפונען פאַר נייטיק צו פאַרעפנטלעכן צוויי בּראָשורן וועגן קבורת מתים בּײַ יידן: 1) Observation sur l'enterrement prématuré de Juifs, 1799; 2) Bemerkungen über das Beerdigen der jüdischen Leichen, 1802 (זע ב. קאַגאַנאָוויטש אין „יוואָ־בּלעטער“, V, 54).

מענטשן דעם פּאָקן־גיפט, וואָס מען האָט גענומען פון אַ פּאָקן־קראַנקן, וועלכער האָט בערך לייכט איבערגעטראָגן די דאָזיקע קראַנקהייט.

אין די יידישע קרייזן האָט מען זיך אויך פאראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן מיטל. די פראַגע איז אָבער דאָ נישט געשטעלט געוואָרן וועגן דער נוצלעכקייט און וועגן דעם ווירקונגסגראַד פון דער אינאָקולאַציע. מען האָט קודם־כל באַדאַרפט פאַרענטפערן די פראַגע, צי געפינט זיך ניט דאָס דאָזיקע מיטל אין סתירה מיט אַ וועלכן ס'איז סעיף פונם שולחן ערוך. און משה מענדעלסזאָן בכבודו ובעצמו האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו שיקן אין דער רעדאַקציע פונם „המאסף" אַ גאַנץ לאַנגע שו״ת פון איינעם אברהם בן שלמה אוים האַמבורג, ווו עס ווערט מיט גרוים בקיאות דערוויזן, אַז על־פּי־דין מעג מען זיך באַנוצן מיט דעם דאָזיקן קאַמף־מיטל און די בעלי „המאסף" האָבן טאַקע די דאָזיקע שו״ת גלייך אָפּגעדרוקט 1.

דער ליטעראַרישער ווערט פון דעם „המאסף" פאַר די דריי יאָר, וואָס ער איז דערשינען אין קעניגסבערג, איז, ווי מיר זעען, אַ גאַנץ קליינער, דאָך בילדעט ער אַ גאַנצע תקופה אין דער ניי־העברעיִשער ליטעראַטור. שוין דער פאַקט גופא, וואָס עס האָט זיך באַוויזן אויף דער יידישער גאַס „אַ פעריאָדישע צייטשריפט מיט עולמישן אינהאַלט, ווו עס ווערן באַהאַנדלט ניט עניני טומאה וטהרה, נאָר מען באַזינגט גאָר די זון מיט דעם פרילינג, עס ווערט דערציילט וועגן וועלטלעכע פראַגן, אָדער וועגן ניי דערשינענע ביכער — דאָס אַליין פאַר זיך איז שוין געווען אַ גרויס געשעעניש, וואָס האָט אויפגערודערט דעם פאַרגליווערטן לעבנסשטייגער און אריינגעבראַכט אַביסל פרישע לופט אין דער שטיקנדיקער סביבה. זאָל זיין ניט מיט אַ גאַנץ געניטער האַנט, אָבער דאָך איז דורכגעבראָכן געוואָרן אַ פענסטער אין דער פאַרמרה־שחורהטער געטאָ־וואַנט, און מען האָט באַקומען צו זען, ווען אפילו בלויז פון דער זייטן און ניט גאַנץ דייטלעך, נייע האָריזאָנטן פון אייראָפּעיִשן פאַרנעם. ניט געקוקט דערויף, וואָס פיל וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען שמעקן אין דעם „המאסף" מיט דילעטאַנטיזם, און די מוסטערן פון שיינער ליטעראַטור, וואָס ווערן דאָרטן געגעבן, זיינען גאַנץ אָפט קינדעריש־אומבאַהאָלפן — דאָך האָט דער „המאסף" געוועקט אין זיינע לייענער ליבע צו שיינקייט און אינטערעס צו דער אַנטיקער ביבל־וועלט מיט אירע קולטורעלע אוצרות... און אין דעם איז טאַקע געלעגן דער סוד פון זיין געוואַלדיקער פּאָפּולאַריטעט אין די שפּעטערדיקע השכלה־צענטרען. די גאַלי־

1 המאסף, תקמ״ה, 5—15.

ציאָנער משכּילים האָבן זיך ניט באַנוגנט דערמיט, וואָס זיי האָבן, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אין די 20ער יאָרן פונם 19טן י"ה איבערגעדרוקט אין זייער צייטשריפט („בכּורי העתּים") דעם „מבחר המאסף", נאָר אַפילו באַדייטנדיק שפּעטער. שוין אין די זעכציקער יאָרן, האָט זייער אָנגעזעענסטער דיכטער, מאיר הלוי לעטערים, זיך פאַרמאָסטן איבערצודרוקן דעם גאַנצן המאסף „עס זאָל קיין שורה ניט פעלן" [1].

דאָס יאָר 1786 איז געווען דאָס לעצטע, אין וועלכן דער „המאסף" איז דערשינען אין קעניגסבערג. דאָס דאָזיקע יאָר האָט פאַרצייכנט צוויי טויט-פאַלן, וואָס זיינען געווען פון גאַנץ גרויסן באַדייט פאַר די ביּיסטיקע שטרעמונגען ביי די יידישע פּראָגרעסיווע קרייזן אין די פּרייּסישע פּראָווינצן. דעם 4טן יאַנואַר איז געשטאָרבן משה מענדעלסזאָן, וועלכן די בעלי „המאספים" האָבן ממש פאַרגעטערט. נאָך ביי זיין לעבן האָבן זיי דערקלערט, אַז „ממשה עד משה לא קם כּמשה" [2] און צום שלום פונם דריטן יאָרגאַנג פאַרזיכערן זיי, אַז זיי וועלן גיין אין זיינע וועגן און וועלן געטריי אָפּהיטן זיין לערע און זיינע אידעען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט: „על התּורה ועל העבודה בדת האמתּית" [3]. אַלס געטרייער אָנהענגער פון דער יידישער מסורה, האָט מענדעלסזאָן מיט זיין אויטאָריטעט בלי-ספק געווירקט אויף די מער לינקס געשטימטע „אויפ-קלערער" און זיי אָפּגעהאַלטן פון צו ראַדיקאַלע שריט. אין דעם זעלבן יאָר איז אויך געשטאָרבן דער „אַלטער פריץ" — דער פּרייסישער קיניג, פרידריך דער צווייטער, וואָס זיינע באַגרענצונגס-געזעצן קעגן יידן האָט דער באַרימטער מיראַבאָ, וועלכער האָט אין יענער צייט באַזוכט בערלין, אַטעסטירט אַלס „קאַניבאַלישע געזעצן". ווי נאָר ס'האָט דעם פּרייסישן טראָן באַשטיגן פרידריכס ברודער-זון, האָט ביים פּרייסישן יידנטום אויפ-געלעבט די האָפענונג, אַז יענער וועט דערלייכטערן זייער רעכטלאָזע לאַגע. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ „רעפאָרם-באַוועגונג", און די „פּני" פון די בערלינער און פון אַנדערע גרויסע קהילות האָבן קודם-כּל דער-לאַנגט פּעטיציעס דער מאַכט, זי זאָל פאַרגרינגערן די לאַסט פון די

---

1 לעטעריס האָט באַוויזן בלויז איבערצודרוקן (1862) דעם ערשטן באַנד המאסף. אין דער פאָררעדע הערט אָנגעוויזן: והנה ספרי המאסף יודפסו אי"ה על ידי בשלמותם... לא יחסר בהם דבר, אף שורה אחת... כּי גם דברים קטנים אשר יקטן ערכּם לעת כּזאת לא אמנע מן הקוראים אשר נכספה נפשם להיות בידם ספר המאסף שלם בכל חלקיו וכליל בהדרו כּאשר יצא לאור בעצם וראשונה בלי לגרוע ממנו דבר או חצי דבר.

2 זע אויבן, ז' 19.

3 המאסף, תקמ"ו, 212.

שווערע באַגרענצונגס־געזעצן. צו דער זעלבער צייט האָבן די רייכע און אינטעליגענטע קרייזן געפּלייסט זיך, ווי נאָר מעגלעך, צו דערווייזן, אַז זיי זיינען מיט זייער התנהגות און לעבנסשטייגער געווים ווערט צו גע־נאָדן פון די „מלכי צדק״, און אַז זיי האָבן פולשטענדיק פאַרדינט, מען זאָל זיי באַשענקען מיט פולע מענטשלעכע רעכט. עס איז דערפאַר קיין חידוש נים, וואָס די קעניגסבערגער „חברת דורשי לשון עבר״ האָט צום סוף 1786 באַשלאָסן צו פאַרברייטערן איר פּראָגראַם, און אין דעם לעצטן העפט פון דער צייטשריפט ווערט געמעלדעט, אַז די חברה ווערט מגולגל אין אַ נייע גרעסערע געזעלשאַפט „שוחרי הטוב והתושיה״ (די געזעלשאַפט צו בעפערדרונג דעם גוטן אונד עדלן). די אַרויסגעבער פון „המאסף״ מאַכן אַ הפסקה אויף אַ יאָר צייט, ווייל זיי האָבן באַ־שלאָסן אַריבערצוטראָגן די צייטשריפט אין אַ נייעם צענטער — אין דעם הויפּט־צענטער פון די יידישע „אויפקלערער״ — בערלין. דער קאַמף פאַר „השכלה״ טרעט אַריבער אין אַ נייע פאַזע...

פערטער קאפּיטל

השׂכּלה און אסימילאַציע. — אַלע צרות נעמען זיך פון „רעליגיעזע פאַראורטײלן״ — דער חעלטבאַנעם פון די בעלי „המאספים״. — זײער קאַמף קעגן די רבנים. — מענדל ברעסלוי׳ס „אויפרוף״ און וואָלפסזאָנס פּאַמפלעט „שיחה בארץ החיים״. — די פּראָטעסטן קעגן דעם „המאסף״. — דעם „מאסף׳ס״ אונטערגאַנג. — אהרן וואָלפסזאָן און זײן „ישורון״. — דער דעחיז „מה יאמרו הגויים״. — „די מענדעלסזאָנישע השׂכּלה״. — מענדעלסזאָנס פאַרהאַלטן צו אידעישע קענער, זײן אָפּאָרטוניזם. — מענדעלסזאָנס „תלמידים״. — הערץ האָמבערג אַלס מענטש און „אויפקלערער״. — דוד פרידלענדער אַלס קעמפער פאַרן „שׂכל הישר״. — זײן קאַמף פאַר גלײכבאַרעכטיקונג. — פרידלענדערס פאַרהאַלטן צום טראַדיציאָנעלן ײדנטום; זײן שׂנאה צו „מיסטיק״ און „צערעמאָניאַל־געזעצע״. — די „שמד־מגפה״ (כויף־עפּידעמיע). — די ײדישע פרויען און די בערלינער סאַלאָנען. — דער נצחון פונם שׂכל און דאָס אויפלײכטן פון די הערצער. — די השפעה פון זשאַן זשאַק רוסאָ און פון די ראָמאַנטיקער.

נאָך אין 1770 האָט אַ יונגער קריסטלעכער יחסנדיקער רײזנדער, נאָכדעם ווי ער האָט באַזוכט קעניגסבערג, מיט גרויס התפּעלות באַוואונדערט די געבילדעטע און מיט זײער פײנעם געשמאַק ממש איבעררײַשנדיקע פרויען, וואָס ער האָט דאָרט באַגעגנט אין די רײכע ײדישע הײזער [1]. נאָך מער זײנען אָנגעזעענע אויסלענדער איבעררײַשט געוואָרן, בעת זײ האָבן אין די 80ער יאָרן באַזוכט די פּרײסישע רעזידענץ און דאָרט זיך באַקענט מיט די רײכע ײדישע פאַמיליעס. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אַז די רײכע ײדישע סוחרים־און פאַבריקאַנטן־פאַמיליעס זײנען געווען ניט בלויז די אָנזאָגער פון דער קאַפּיטאַליסטיש־בורזשואַזער אַנטוויקלונג אין דער פּרײסישער מדינה, — זײ זײנען אויך געווען דאָס „זעמלמעל״ פון דער בערלינער געזעלשאַפט, דער גלאַנץ און שײנדל פון דער דאָרטיקער אינטעליגענץ. דער אַלטפרענקישער בערלינער קריסטלעכער בירגערשטאַנד מיט זײן גאַנץ קלײנצאַליקער שיכט גרויסהענדלער האָט נאָך געלעבט לויטן אַלטן שטײגער און האָט אין קײן שום פאַל זיך ניט געקאָנט פאַרגלײכן מיט די לוקסוס־רײכע הײזער פון ײדישע

1 זע יאָלאָחיץ, געשיכטע דער יודען אין קעניגסבערג, 1867, 93—92.

באנקירן און נעגאציאנטן, וואס האבן געפירט מיט אויסלאנד גרויסע געשעפטן און זיך געפונען אין גאנץ נאענטע באציונגען מיט דער פראנצויזישער קאלאניע [1].

די יוגנט פון דעם מיטעלערן און העכערן קריסטלעכן אדל, וואס האט אין דער תחלה געהאט באציונגען מיט די ייִדישע באנקירן בלויז וועגן געלט־זאכן, האט שפעטער אנגעפאנגען גערן צו פארברענגען די פרייע צייט אין די סאלאנען פון די ייִדישע באנקירערס פרויען און טעכטער. מענדעלסזאן האט נאך מער פארלייכטערט און געשטארקט דעם דערנענטערונגס־פראצעס, וואס האט געגעבן דער ייִדישער יוגנט די מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט דער קריסטלעכער וועלט און מיט דער אייראפעישער קולטור. מיט שטאלץ דערקלערט דער קעניגסבערגער „המאסף״ [2], אז „די ייִדישע טעכטער ריידן אלע געלויפיק די אייראפעישע שפראכן (דייטש און פראנצויזיש) און דאס ייִדיש איז זיי אינגאנצן פרעמד״. צו גרויס איז געווען דער קאנטראסט צווישן דעם לעבנס־לוסטיקן בערלין אין פרידריך דעם גרויסנס צייטן, בפרט נאך אין די הפקריש־אויסגעלאסענע יארן פון פרידריך־ווילהעלם דעם צווייטנס רעגירונג — מיט דעם אסקעטיש־מיטלאלטערלעכן יידנטום. און פון יענער זייט רייַן האט אלץ דייטלעכער און הילכיקער זיך געלאזט הערן דאס געדונער פון דעם אנקומענדיקן שטורעם. די אידעען פון די פראנצויזישע ענציקלאפעדיסטן און „אויפקלערער״ זיינען געווארן אלץ פאפולערער ביי דער ייִדישער אינטעליגענץ אין בערלין. באזונדערס אויסגענומען האט דארט וואלטער; זיינע שארף־שפיציקע ווערטלעך האבן שטארק נושא חן געווען ביי דער ייִדישער יוגנט, וואס איז אויפגעצויגן געווארן אויף די שכלדיקע איינפאלן פון די תלמודישע מפרשים און די בעלי הפלפול. „וואלטער — ווייזט אן דער געשיכטספארשער גרעץ — האט אין די ייִדישע הייזער געהאט פיל מער אנהענגער, ווי אין די דייטשע״. אבער אויך די ווירקונג און די פועל־יוצאות פון די אויס פראנקרייך אימפארטירטע אידעען זיינען ביי דער ייִדישער געזעלשאפט געווען גאנץ אנדערע, ווי ביי דער קריסטלעכער. די הומאניטארע אידעען, וואס זיינען אימפארטירט געווארן פון די סענא־ברעגן צו די ברעגן פון דער שפרעע, האבן געוועקט אין די פראגרעסיווע שיכטן פון דער דייטשער געזעלשאפט דעם דורשט נאך בילדונג און אויפקלערונג. נאר דורך דעם, וואס דער דייטש האט זיך דערווארבן אייראפעישע בילדונג, איז ער פון

---

1 זע י. פירסט, העבריעטע הערץ, 1858, 126, 128.

2 המאסף, תקמ״ו, 139: בנות ישראל היודעות כלן לדבר צחות בלשון העמים ולא יכירו לדבר יהודית.

א דייטש קיין פראנצויז ניט געווארן; ער האט ניט באדארפט דערביי זיך אפזאגן פון זיין נאציאנאלן עבר, פארלירן די אייגנארטיקייטן פון זיין אינדיווידואליטעט. אדרבא, דאס דערוואכטע גייסטיקע באוווסטזיין און די התפעלות פאר די אויפקלערונגס-אידעען האבן אויפגעמונטערט די קולטורעלע נאציאנאלע כוחות און ניט ווייניק מיטגעהאלפן דעם שטארקן וווקס פון דער יונגער דייטשער ליטעראטור. אמת, די ראציאנאליסטישע אידעען פון די פראנצויזישע ענציקלאפעדיסטן און וואלטערס גאליקע סארקאזמען האבן אין געוויסע דייטשע אינטעליגענטע קרייזן ארויסגערופן א פיינדלעך געפיל צו די טראדיציאנעלע רעליגיעזע מנהגים און צייטנווייז אויך צו דער אמונה גופא. אדאנק דער פרייזיניקער קריטיק האבן די ראציאנאליסטיש-געשטימטע אינטעליגענטן אנגעפאנגען צו זען אין דער אמונה בלויז א שעדלעכן און אפגעלעבטן אנדענק פון די אמאליקע פינסטערע דורות. אבער אויך דער דייטשער ראציאנאליסט און פריי-גייסט, פארהאלטנדיק זיך מיט ביטול צו דער טראדיציאנעלער רע-ליגיע, האט, נאטירלעך, דורך דעם ניט אויפגעהערט צו זיין א דייטש, א באוווסטזיניקער טרעגער פון דער דייטשער קולטור. גאר אנדערש איז אבער געווען די לאגע ביי יידן. די אמונה האט דאך דעמאלט געגאלטן אלס איינציקער פאקטאר, וואס האט אויסגעטיילט דעם יידן פון דער גאנצער ארומיקער סביבה און ארויפגעלייגט אויף אים דעם כאראקטע-ריסטישן שטעמפל. ווישט אבער דער ייד פון זיך אפ דעם דאזיקן שטעמפל און וויל מער ניט אנערקענען איבער זיך די מאכט פונם רע-ליגיעזן פאקטאר — ווערן דערמיט ווי איבערגעריסן די פעדים, וואס האבן אים פארבונדן מיטן יידנטום, און ער בלייבט כחוץ לגדר — פון יענער זייט גרעניץ. און דער איינזייטיקער ראציאנאליזם פון יענער תקופה האט דאך געצווונגען דעם יידישן פריידענקער, ער זאל אפווארפן פון זיך די רעליגיעזע מסורה און אלץ, וואס קען ניט בארעכטיקט ווערן דורך לאגישע סברות און ווערט ניט באשטעטיקט דורך דעם שכל-הישר. מען דארף נאך דערביי נעמען אין באטראכט פאלגנדיקן פאקט: די בא-פרייונגס-אידעען, וואס האבן אין פראנקרייך געבראכט צו די נייע עשרת הדברות — צו דער „דעקלאראציע פון מענטשלעכע רעכט" — זיינען א לאגישער פועל-יוצא פון די תביעות און באדערפענישן, וואס ס'האט דארט דערשפירט דער יונגער, עקאנאמיש-אויסגעוואקסענער בירגערלעכער „דריטער שטאנד". דעם שטאטישן פראנצויזישן בירגערטום איז צו ענג געווארן דער אלטפרענקישער פעאדאלער סדר, — האט ער אינסטינקטיוו, מיט דער גאנצער קראפט פון זיינע יונגע אנגעזאמלטע כוחות, גע-שטרעבט צו צעשטערן די אפגעלעבטע לעבנספארמען און דערשלאגן

זיך צו פּאָליטישער מאַכט. ווי ווייט זיינען געווען פון די דאָזיקע פאָדערונגען די יידישע טרעגער פון דער יונגער בורזשואזיע, די אָנזאָגער פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין פּדייסן. ביי זיי האָבן טאַקע געפּוינען אַ געווויסן אָפּקלאַנג די פראַנצויזישע באַפרייַונגס־אידעען; אָבער נישט וועגן אַ נייעם סדר, נים וועגן פּאָליטישער מאַכט־דערגרייכונג האָבן זיי געשטרעבט, — זיי האָבן בלויז געחלומט, און דאָס אַלס געשאַנק פון די לייטזעליקע „מלכי חסד״, וועגן די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט. אין פולן קאָנטראַסט מיט זייער עקאָנאָמישער מאַכט האָבן די בערלינער יידן געלעבט אונטער דעם שווערן דרוק פון דערנידערנדיקע, ממש מיטלעלטערלעכע באַגרעניצונגען. מענדעלסזאָנס קינדער, וואָס זיינען געווינט געווען צו זען אין דער היים, מיט וואָס פאַר אַ יראת הכבוד עס פאַרהאַלטן זיך צו זייער פאָטער די גלענצנדיקסטע טרעגער פון אייראָפּעיִשער קולטור, — ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן אויף די בערלינער גאַסן, פלעגן זיי גאַסן־יונגען נאָכלויפן מיט שטיינער און זיי נאָכשרייען אַלס זידל־וואָרט: „יידישקעס, יידישקעס!״ [1].

עס איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך, אַז די אויפקלערונגס־אידעען, דער אַפּיקורסישער גייסט און פּראָטעסט קעגן די גייסטיקע קייטן, וואָס אייראָפּע האָט באַקומען בירושה פון דעם מיטלאַלטער — בעת זיי זיינען אַריינגעדרונגען אין דאָס יידישע געטאָ, האָבן זיי דאָרט אָנגענומען גאַנץ אייגנאַרטיקע פאָרמען. דערצו כוז מען נאָך געדענקען, אַז די פראַנצויזישע באַפרייאונגס־אידעען האָבן בכלל געקאָנט אַריינדרינגען אין דער פּרייסישער רעזידענץ־שטאָט בלויז אין אַ ספּעציעלער באַלייכטונג. פרידריך דער צווייטער האָט טאַקע געשמט אַלס פרייַדענקער, נאָר טאַקע אונטער זיין רעגירונג האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט דער פּרינציפּ פון „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם״. דער קריטישער געדאַנק האָט אונטער דער ממשלה פון דעם דאָזיקן „פרייַדענקער״ נים געטאָרט אויפהייבן זיין אַנאַליטיש מעסער קעגן דעם סאָציאַלן סדר, ער האָט אים געקאָנט אויסנוצן בלויז אויפן געביט פון אמונה־פראַגן. „דערציילט מיר נים — שרייבט לעסינג מיט צאָרן ניקאָלאַין — וועגן דער בערלינער פּרעסע־ און געדאַנקען־פרייהייט. די גאַנצע פרייהייט באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס איר קאָנט פריי זידלען וויפיל איר ווילט און אויבן נאַרישסטן שטייגער די אמונה. עס וועט באַלד קומען דערצו, אַז אַן אָרנטלעכער מענטש וועט זיך פשוט שעמען אויסצונוצן אַזאַ מין פרייהייט... זאָל אָבער עמיצער פּרוּוון אין בערלין אַרויסטרעטן אַלס פאַרטיידיקער פון בירגערעכט, זאָל

---

1 מענדעלסזאָנס געזאַממעלטע שריפטען, 1844, V, 567.

ער זיך אונטערשטיין אויפצוהייבן זיין שטים, ווי דאָס געשעט, אַשטייגער, אין פראַנקרייך און אין דענעמאַרק, קעגן דער דעספּאָטישער אונטערדריקונג, — דעמאָלט וועט איר גלייך זיך איבערצייגן, וואָסער לאַנד איז אַמשטאַרקסטן פאַרקנעכטעט אין גאַנץ אייראָפּע".

אָט די דאָזיקע אייגנאַרטיקע „פרייהייט", וואָס האָט געוועלטיקט אין פרידריכס רעזידענץ=שטאָט, האָט עס ניט וויניק גורם געווען, די יידישע „אויפקלערער" זאָלן אָננעמען אַ גאַנץ פיינדלעכע פּאָזיציע בנוגע צו אמונה=פראַגן און מסורת אבות. ביי דעם איינזייטיקן ראַציאָנאַליזם פון יענער צייט איז גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס זיי האָבן אין זייער טראַדיציאָנעלן לעבן און אין די רעליגיעזע „פאָראורטיילע" געזען די אויסשליסלעכע סיבה פון זייער פאַרקנעכטונג און דערנידערונג. וואָלטערס באַקאַנטע פראַזע: ecrasez l'infâme — פאַרטיליקט דעם אָבערגלויבן, האָט געפונען אַ באַזונדערס שאַרפן אָפּקלאַנג אין די יידישע אינטעליגענטע קרייזן. דערצו מוז מען נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז ביי יעדן גייסטיקן איבערברוך בכלל איז אין דער התחלה, ווען דאָס זעלבסטבאַוווסטזיין און דער קריטישער געדאַנק פאַנגען ערשט אָן צו דערוואַכן — דערשפּירט מען קודם=כל דעם דרוק פון דער נאָענטסטער סביבה. די ענגע צוימען פון דער אַלטפרענקישער פאַמיליע און דעם אַלטן לעבנשטייגער פילן זיך אין התחלה פיל שמאַרציקער, ווי די סאָציאַלע און פּאָליטישע אונטערדריקונג; דערפאַר טאַקע ווערט אין דער אָנפאַנגס=תקופה פון גייסטיקער דערוואַכונג דער גאַנצער אימפעט פון פּראָטעסט און קאַמף אויסגעגאָסן קודם=כל אויף דעם אָפּגעלעבטן לעבנסשטייגער, אויף מסורת אָבות, אויף דעם, וואָס די זיידעס און באָבעס האָבן געבאָטן. עס דאַרף אונז דערפאַר ניט חידושן, וואָס אפילו אַזאַ טיפער דענקער און שאַרפער באַאָבאַכטער, ווי שלמה מיימון, דערקלערט אויך צוזאַמען מיט די איבעריקע יידישע „אויפקלערער", אַז „די שווערע פּאָליטישע און מאָראַלישע לאַגע פון דעם יידישן פאָלק האָבן גורם געווען די רעליגיעזע פאָראורטיילן". קינדער פון רעכטלאָזן געטאָ, מענטשן פון גייסטיקער פאַרקנעכטונג, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אונטער דעם דריקנדיקן יאָך פון דעם פאַרשטאַרטן רבנות — זיינען זייער וויניק געווען צוגעפּאַסט צו זעלבשטענדיקער קריטיש=היסטאָרישער אָפּשאַצונג. די גאַנצע אַלטע ירושה, אויסער דער ביבל, וואָס איז דאָך געווען זייער הויך געשעצט אין דער קריסטלעכער וועלט, — אַלץ איז דערקלערט געוואָרן פאַר אָפּגעלעבט און רעאַקציאָנער, און אויפן מזבח פון „אויפקלערונג" זיינען זיי גרייט געווען בריטוויליק מקריב צו זיין אַלע מכורות פון דער יידישער אומה.

אַט דאָס איז געווען דער „אני מאמין" פון די קרייזן, צווישן וועל־ כע עס האָבן אין בערלין געלעבט און געאַרבעט די גרופּע ליטעראַטן, וואָס האָבן אין סוף 1787 אויפסניי אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבן דעם „המאסף": איציק אייכל, אהרן וואָלפסזאָן, דוד פרידלענדער, יואל בריל א"א. זיי האָבן נאַטירלעך ניט געהאַט די מעגלעכקייט גלייך אָפן אַרויס־ צוטרעטן מיט זייער „אני מאמין", בכדי ניט אָפּצושרעקן זייער אודיטאָ־ ריע און ניט צו דערוועקן דעם גרימצאָרן פון די ראשי הקהלה, וואָס האָבן נאָך געהערט צום אַלטן דור. אין דעם אויפרוף צו די „בחורי בני ישראל", וועלכן די רעדאַקטאָרן פון דעם „המאסף" האָבן פאַרעפנט־ לעכט אַלס פאָררעדע צו דער באַנייטער צייטשריפט, דערציילן זיי, ווי שטאַרק מען איז אויף זיי אָנגעפאַלן בלויז דערפאַר, וואָס איין מיטאַרבעטער האָט זיך דערלויבט צו ריידן אינם „המאסף" מיט אַן איראָנישן שמייכל וועגן די דרשנים, וואָס ווילן אָנשרעקן דעם עולם מיט אַזוינע „גוזמאות, ווי חבוט הקבר און מלאכי זעם", וועלכע טוען קאַטעווען די לייבער פון די רשעים „מיט אייזערנע קאַמען און שפּיצי־ קע ריטער" [1]. בכדי צו שטילן דעם ירגזון פון די אָרטאָדאָקסן, האָבן זיי געמוזט אָפּדרוקן נכתלי הערץ וויזעלס לאַנגן און וואָסערדיקן אַרטיקל „חקור דין" [2], וווּ יענער באַווייזט מיט ציטאַטן אויס מנשה בן ישראלס „נשמת חיים" און אויס נאָך אַזעלכע קוועלן, אַז דאָס, וואָס די חכמי התלמוד דערציילן „וועגן דעם גיהנום און די מצרי שאול" — יש להם יסודות בשכל האדם" (דאָרטן, 165).

דאָך טרעטן שוין די רעדאַקטאָרן פון בערלינער „המאסף" גאַנץ באַשטימט אַרויס אין זייער אויפרוף [3] אונטער דער פאָן פון מאָדערנעם וועלט־באַנעם און אַלגעמיינעם וויסן און שטעלן פאַר זיך אַלס הויפּט־ ציל: „להאיר עיני בחורי העם". „וויסן"! אין דעם דאָזיקן דעוויז דערמאָנט יעדעס מאָל דער „מאסף"; החכמה היא נשמת העולם — וויסן איז די נשמה פון דער וועלט; אָן וויסן קאָן די וועלט קיין קיום ניט האָבן,— שרייבט דער „מאסף" אונטער [4]. „חכמת הטבע—נאַטורוויסנשאַפט,— דערקלערט איינער פון די גרינדער פונם „המאסף", מענדל ברעסלוי,—

---

1 המאסף, תקמ"ו, 124.

2 המאסף, תקמ"ח, 97—111, 145—165. חייזעל פאַרזיכערט דערביי אויף זיין שטייגער, אַז ער מאַכט דאָס גאַנץ בקיצור, און גלויבט, אַז ער שרייבט אַ גאַנץ קורצן אַרטיקל („מאמר הקצר הזה").

3 דער פאַרפאַסער פונם אויפרוף איז געווען איציק אייכל.

4 המאסף, תקמ"ט, 24.

דאס איז דער לייטער, וואס שטייט אויף דער ערד און זיין שפיץ שפארט אן אין די הימלען [1]. בעת אין דעם „מאסף" פון די קעניגסבערגער יארן האט דעם וויכטיקסטן פלאץ אין דעם וויסנשאפטלעכן טייל פארנומען עקזעגעטיק, פירושים אויף הארבע פסוקים אינם ביבלישן טעקסט, פארנעמט שוין אין דעם „המאסף" פון די שפעטערע יארן דעם אויבנאן חכמת הטבע — נאטורוויסנשאפט. דער טיכטיקער פיזיקער ברוך לינדא [2] דרוקט אין „המאסף" א גאנצן זאץ נאטורוויסנשאפטלעכע ארטיקלען (וועגן פיזיק און געאגראפיע), וועלכע זיינען אין א פארגרעסערטן פארנעם און צוזאמען מיט אייניקע נייע קאפיטלען דערשינען אין א באזונדערער אויסגאבע „ראשית למודים" (1789), וואס האט שטארק אויסגענומען ביים לייענער־פובליקום [3]. אויך אהרן האללע דרוקט א גאנצע צאל ארטיקלען וועגן זאאלאגיע און באהאנדלט אין פארם פון א ויכוח צווישן צוויי חברים אלדד און מידד פארשיידענע פראגן וועגן פיזיק.

אלץ דרייסטער ווערט דער טאן פון „המאסף". די בעלי „המאספים" ווילן שוין מער נית דערהילן ווייזעלם וווּנטש — ניט צו דרוקן קיין וויין־ און ליבע־לידער. אהרן האלע שרייבט א וויין־ליד צו פורים, ווו די געסט ווערן אויפגעפאדערט:

סבאו, ידידים, סבאו —
הנה יין ושכר!
שתו ושכרו רעים
מנשף עד השחר [4]

און דער צווייטער מיטרעדאקטאר, יואל לעווע, באזינגט אין לוסטיקע סטראפן דעם זיסן רויש פון ליבע־פריידן (מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים). „אן ליבע און אן וויין — פרעגט דער קאריפיי פונם געזאנג — וואס האבן מיר גאר אין לעבן?" און דער גאנצער כאר ענטפערט:

לבד אהבה ולבד יין
כל חדותנו!

---

1 המאסף, תק"ן, 312.

2 געבארן אין האנאווער אין 1759, געשטארבן אין בערלין אין 1849.

3 דער „ראשית למודים" האט אויסגעהאלטן 4 אויפלאגעס. אין 1830 איז דערשינען דער צווייטער טייל (חמשה שערים בחכמת הטבע"). ביידע טיילן צוזאמען זיינען דערשינען אין 1869. עס האט זיך אויך געפינען א פלאגיאטאר — א געוויסער שמעון מקרומניא, וואס האט באגנבעט לינדויא'ס פאפולער ווערק, דערפון א בוך געמאכט און עס פארעפנטלעכט אונטערן נאמען „עמוד השחר", כולל חכמות עצומות" (ז' „המאסף" 1790, 285—288).

4 באטרינקט אייך, פריינד, באטרינקט אייך! אט איז וויין און ביר! טרינקט און שיכורט, חברים, פון אוונט ביז באגינען! (המאסף, תקמ"ט, 161—164).

טיפּיש איז אויך דאָס ליד „פּתי יאמין לכל דבר" פון יהודה ייטלש, וווּ עס ווערט אָפּגעלאַכט פון די, וואָס גלויבן אין פאַנטאַסטישע לעגענדעס, וועלכע זײַנען סותר דעם ניכטערן מענטשלעכן שׂכל. „דו גלויבסט אין יעדע נאַרישקייט און אין מעשׂיות פון אַלטע ווײַבער; גלויבסט אין נסים ונפלאות, וואָס מענטשן האָבן אויסגעטראַכט, נאָר קיינער האָט זיי מיט זײַנע אויגן ניט געזען. דו גלויבסט אַלץ, ווײַל — פּתי יאמין לכל דבר!" [1]

מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל ווערט דערציילט אַ מעשׂהלע וועגן אַ ווערעמל, וואָס האָט זיך אײַנגעגראָבן אין אַ שטיק קעז. אָט דאָס קלײנע נישטיקע ווערעמל איז בײַ זיך אַזוי זיכער, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן רק פון זײַנעטוועגן. עס גיסט דער רעגן, די זון טוט שײַנען, עס שפּראָצן גראָזן און געוויקסן — דאָס אַלץ בכדי די קי זאָלן האָבן פּאַשע, זאָלן קאָנען מילך געבן, און דער מענטש טוט וועגן איר זאָרגן, טוט זי מעלקן, בכדי צו דערגרייכן דעם העכסטן ציל — דעם קעז צו באַשאַפן, אין וועלכן מיר, ווערעמלעך, טוען הויזן און אונזער דערנערונג געפינען. „אנחנו מבחר היצורים — רופט אויס דאָס ווערעמל — מיר זײַנען די אויסדערוויילטע פון אַלע באַשעפענישן, מיר זײַנען דער ענדציל ואחרית רצון היוצר!"... דעם ווערעמל איז אָבער ניט באַשערט געווען די רעדע צו פאַרענדיקן. אַ מענטש איז צום טיש צוגעגאַנגען, האָט מיט אַ מעסער אַ שטיק קעז אָפּגעשניטן, צום מויל גענומען און — אײַנגעשלונגען צוזאַמען מיטן ווערעמל, דעם מבחר היצורים [2]...

אין לידער און אין פּראָזע ווערט אין „המאסף" געפירט אַ גע־פּלאַנטע קאַמפּאַניע קעגן דעם בלינדן יראת הכּבוד און התבטלות פאַר די אָנגענומענע אויטאָריטעטן. אײנער פון די מיטאַרבעטער פרעגט אין „המאסף" אַ שאלת תם: צי איז טאַקע אין דער אמתן אַ חוב זיך צו האַלטן בלינד בײַם אַלטן כּלל, וואָס די חז"ל האָבן אַרויסגעשטעלט: אחרי רבים להטות? מיר ווייסן דאָך זייער גוט, אַז דעם אמת ווייסן בלויז יחידים, און דער המון, דער רוב — בלאָנקעט איבער פאַלשע וועגן [3]. און אהרן האַלע באַשטעטיקט טאַקע אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל [4], אַז יענער מיט דער שאלת תם איז טאַקע גערעכט: הדין עם השואל, כי האמת תמצא רק

---

1 המאסף, תק"ן, 320, איבערגעדרוקט אין ייטלש „בני הנעורים", 145.

2 דאָרטן, תקמ"ט, 321 - 323.

3 דאָרטן, 65.

4 דאָרטן, 303—312.

בפי המעטים, ובפי הרבים השקר — דעם אמת קען מען געפינען נאר ביי געציילטע מענטשן; דער רוב, די מאסע איז אבער פון אים גאנץ ווייט...

אליץ שארפער לאזט זיך אין דעם „המאסף" הערן דער איינגע-האלטענער צארן און די פארבארגענע שנאה צו די ארטאדאקסישע רבנים, צו די „כת הצבועים וכת החנפים"; און מיט א פארביסענעם סארקאזם ווערט געשטעלט די בייזע פראגע: „אז די פאסטעכער טוען בלאנדזשען און טאפן ווי די בלינדע אין מיטן העלן טאג און קאנען דעם ריכטיקן וועג ניט געפינען,—וואס זאלן, נעבעך, די טשערעדעס טאן?" [1] און דער טאן פונם „המאסף" ווערט אלץ מער קריגערישער, וואס ווייטער עס אנטוויקלען זיך די היסטארישע געשעענישן פון יענער זייט ריין אין דעם, אונטער די דונערן פון דער רעוואלוציע אויפגערודערטן פראנקרייך.

די געשעענישן אין פראנקרייך האבן געמאכט א געוואלדיקן רושם ניט בלויז אויף די פראנצויזישע, נאר אויך אויף די דייטשע יידן. אין די פאטעטישע רעדעס, וואס האבן זיך געלאזט הערן אין דער „אסאמבלע נאסיאנאל" (נאציאנאלע פארזאמלונג) וועגן פרייהייט און ברידערלעכקייט, האבן אין די אינטעליגענטע קרייזן פון דער יידישער באפעלקערונג דער-וועקט די שענסטע האפענונגען. א מעצער איינוווינער, אברהם שפייאר, האט אין הארבסט 1789 פארעפנטלעכט אויף יידיש-דייטש א ספעציעלע „באשרייבונג פון דער פערענדערונג אודר אויפרוהר אין פראנקרייך וואז מאן נענט רעוואלוסיאן", בכדי צו געבן דעם יידישן לייענער די מעג-לעכקייט זיך צו באקענען מיט די רעוואלוציאנערע געשעענישן אין פראנקרייך, און גלייך נאך דעם, ווי די דאזיקע „באשרייבונג" איז פון דרוק דערשינען, טרעט דערזעלבער אברהם שפייאר צו צו א נייער אויס-גאבע: אין משך פון קארגע זעקס מאנאטן (נאוועמבער 1789 — אפריל 1790) גיט ער ארויס א וועכנטלעכע „צייטונג", ריכטיקער א ביולעטען, אין וועלכן ער גיט יעדע וואך א באריכט וועגן די וויכטיקסטע געשעע-נישן, וואס זיינען פארגעקומען אין דעם רעוואלוציאנערן פאריז [2].

---

1 המאסף, תקמ״ט, 266: אם הרועים יכשלו וימששו כעורים בצהרים מבלי מצוא דרך הישר, מה יעשו העדרים?

2 שפייארס „באשרייבונג", ווי אויך זיין „צייטונג", זיינען פון די גרעסטע יקר המציאותן. עס איז באקאנט בלויז איין אויפגעהיטער עקזעמפלאר, וואס געפינט זיך אין דער ביבליאטעק פון יידישן טעאלאגישן סעמינאר אין ניו-יארק. מיר האבן זיך באנוצט מיט ד״ר י. שאצקיס אויספירלעכן באריכט, וואס ער גיט וועגן דער דא-זיקער אויסגאבע אין די „יִוואָ-בלעטער", 1931, II, 49—71.

אויך דער „המאסף" דערציילט אין א פאטעטישן טאן [1] וועגן דעם, וואס עס קומט פאר אין דער „אסאמבלע נאסיאנאל", ווי אזוי דאס רעוואלוציאנערע פאלק האט די באסטיליע צעשטערט און ווי אזוי „אחינו היהודים הדרים בעיר מלכות פאריז" האבן דערזען „די שטארקע האנט, וואס האלט די וואגשאל פון צדק און משפט און טוט גוטעס אלע מענטשן גלייך". די בעלי „המאסף" איבערזעצן אויף העברעיש די פעטיציע וועגן גלייכבארעכטיקונג, וואס דאס פאריזער יידנטום האט דערלאנגט, און זיינען דערביי מוסיף: זאל דאס זיין א צייכן פאר די קינדער פון ישראל, אז עס איז געקומען די צייט פון שיינע האפענונגען, וואס זאגן אונז אן, אז מען קאן אפשר אינגיכן דערווארטן בעסערע און גליקלעכערע טעג פאר „עדת ישראל המפוזר ומפורד בין העמים". עס ווערט געמעלדעט וועגן גרעגוארס יידנפריינדלעכע, הומאנע רעדע, און אויך די מעלדונג פארענדיקט דער „מאסף" מיט די ווערטער: „און מיר שטייען און האפן אויף גאטס הילף".

אין אנפאנג 1790 באזינגט אויף די בלעטער פונם „המאסף" דער עלזאסער תושב משה ענסהיים די פרייהייט און רעליגיעזע טאלעראנץ. דער דיכטער פארזיכערט, אז „אויסגעלאשן איז דער פלאם פון האס, און זיכער און רואיק איז יעדערער, וואס גערעכט איז זיין טאן" [2]; אין פאטעטישע סטראפן גיסט ער אויס זיין התפעלות פאר דער נאציאנאל-פארזאמלונג, אין וועלכער עס זיצן „גערעכטע געזעצגעבער, וואס האבן זיך געשטעלט א דענקמאל אויף אייביקע צייטן, און די קומענדיקע דורות וועלן זיך מיט זיי בענטשן" [3].

---

1 המאסף, תקמ"ט, 368—372.

2 כָּבְתָה לַהֶבֶת הַמַּשְׂטֵמָה
כָּל עוֹשֶׂה טוֹב נָכוֹן בָּטוּחַ.

3 אַשְׁרֵיכֶם זוֹרְעִים לִצְדָקָה
דוֹר אַחֲרוֹן בָּכֶם יִשְׁתַּבֵּם,
הִנֵּה הִצַּבְתֶּם לָכֶם יָד
שָׁם יִכּוֹן עוֹלָם בְּרִית
עַם גְבְרָא בָּכֶם יִתְבָּרֵךְ
יַעַן קַמְתֶּם לַעֲמוֹד בַּפֶּרֶץ
עֵקֶב טוֹב תִּהְיוּ לִתְהִלָּה
כִּימֵי שָׁמַיִם עַל הָאָרֶץ

מיט גרויס פרייד איז דער „המאסף" מודיע, אַז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט דעקרעטירט גלייכבארעכטיקונג פאַר די יידן, וואָס וווינען אין פראַנקרייך; און די מעלדונג, אַז פּופּציק יידישע יונגעלייט זיינען געקומען מיט די קאָקאַרדעס אויף די היטלען גרייט צו קעמפן פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און פאַר דעם פאַטערלאַנד, — ווערט אין „מאסף" באַגלייט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „ווי גרויס איז, גאָט, דיין גענאָד!.. די קינדער פון דיין פאָלק ישראל וועלן שוין מער ניט זיין ווי פרעמדע אין זייערע אויגן, זיי וועלן ביי זיי גערעכנט ווערן ווי ברי־דער, און גלייכע רעכט וועלן זיי האָבן מיט זיי. באַגרייפט דאָס און פאַרשטייט, איר אַלע אונזערע ברידער אין אַלע לענדער, ווו איר וווינט, אַז נאָר מיט דעם מערן פון וויסן וועט אויך איר דער־הייבן ווערן און אייער לאַגע וועט זיך בעסערן; אויס־געלייזט און געהאָלפן וועט איר ערשט דעמאָלט ווערן, ווען די גאַנצע ערד וועט באַדעקט ווערן מיט פאַר־שטאַנד און וויסן" 1.

די גייסטיקע פאַסטעכער, די אָרטאָדאָקסישע רבנים, האָבן אָבער זיך געשראָקן פאַר רעפאָרמעס, פאַר אַלץ, וואָס געפינט זיך אין סתירה מיט מסורת אבות. איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס דער טאָן, אין וועלכן דער „מאסף" רעדט וועגן די „רועי ישראל", ווערט וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער און פיינדלעכער. מענדל ברעסלוי אויס קעניגסבערג [2], איינער פון די גרינדער פון „חברת דורשי שפת עבר" און דעם „מאסף" און פאַרפאַסער פון דעם אַלעגאָרישן דראַמאַטישן געדיכט „ילדות ובחרות" (1786) — איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ לאַנגן אויפרוף, וואָס טראָגט דעם מאָטאָ: „בית יעקב לכו ונלכה באור וכו'", צו די „רבני וגאוני ארץ היושבים על כסא הדין". ער געפינט, אַז נאָר בלינדע קאָנען איצט ניט באַמערקן, ווי גאָר איינגיכן וועט וויסן און חכמה זיין דער גרונדשטיין פון דער וועלט און די בעסטע שטיצע פון אונזער צייט. אַלע חכמי האומות טוען דאָך איצט אונז יידן דערקלערן שלום און פריינדשאַפט. דערפאַר דאַרפן אויך מיר „מאמיני דת משה וישראל" אָפּראַמען אַלע שטרויכלשטיינער און שטערונגען, וואָס ליגן אויף אונזער וועג. זאָל אייך

---

1 המאסף, 188: „פינו זאת אחינו בני ישראל בכל מקומות מושבותיכם ודעו, כי ברום החכמה תרום כבודכם, וברבות הדעה תרבה טובתכם, לא תושעון ולא תגאלון עד כי מלאה הארץ דעה" (ספּייצ'רט אינם „המאסף").

2 געבאָרן בערך 1760. געשטאָרבן אין 1829.

ניט פארדריסן, ווענדעט זיך ברעסלוי צו די „רועי ישראל״, וואס איך האב די העזה אייך אפן ארויסצוזאגן דעם אמת. די אומות העולם זאגן דאך אזוי אויך, אז די חכמי ישראל פארהאלטן זיך מיט שפאט און ביטול צו יעדן איינעם, וואס גארט און פארשט נאך אמת. ווענד איך מיך צו אייך, ראשי עדת ישורון, קוקט אייך אויפמערקזאם צו צו די ווונדערבארע מעשים, וואס קומען פאר אין איצטיקע טעג... איר טארט ניט שטיין פונדערווייטן, אויף אייך ליגט דער חוב צו שטיצן און שטארקן די בעסטע פארשטייער פון אונזער פאלק, וואס טראכטן וועגן טובת הכלל און שטרעבן ארויסצופירן אונזער פאלק אויפן וועג פון וויסן, כדי דורכדעם צו דערלייכטערן אונזער לאגע״.

אביסל פארשטעלט, דאך איז זיך גאנץ לייכט אנצושטויסן, אז ברעסלוי פאדערט פון די רבנים, זיי זאלן מיטהעלפן די יידישע כלל־טוערס, וואס האבן דעמאלט געקעמפט פאר רעפארמעס און פאר דער־לייכטערן די יידישע רעכטלעכע לאגע. ער לייגט אויך פאר, די „ראשי בית יעקב״ זאלן זיך פארזאמלען און ערנסט באטראכטן, ווי אזוי צו דער־לייכטערןביים פאלק דעם עול פון ריטועלע באגרענצונגען (להקל מעליהם הנוספות). מיר דארפן — שטרייכט ברעסלוי אונטער — יעדע זאך אויספארשן לויט דעם מענטשלעכן שכל; אויף דעם דרך זיינען דאך אויך די חכמי התלמוד געגאנגען: אלץ האבן זיי קריטיש באלויכטן מיט דעם שארף פון דעם שכל און עס איז זיי אפילו אויפן געדאנק ניט געקומען אין חרם ארייצוווארפן ר׳ שמעונען דערפאר, וואס יענער האט מתיר געווען „בשר עוף בחלב״, ד״ה, אז דאס פלייש פון אן עוף מעג מען קאכן אין מילך. דערציילט דאך די גמרא, אז א בת־קול האט אויף בית הילל און בית שמאי אויסגערופן: אלו ואלו דברי אלהים חיים! דאס וויל באווייזן, אז מיר דארפן ביי אלע פראגן גיין מיטן אייגענעם שכל, אלץ פריי אויספארשן און באלייכטן, ניט ווי די אקסן אין אקער בלינד, אן פארשטאנד פאלגן נאכן פירער...

קודם־כל — שטרייכט ברעסלוי אונטער — מוז מען רעפארמירן דעם סדר פון קינדער־דערציִונג, „וואס איז ביז איצט געווען אזוי ווילד און העסלעך״. באזונדערס דארף מען זען פארשפרייטן אין אונזער פאלק נאטור־וויסנשאפטן, וואס זיינען דאך דער גרונדשטיין פון יעדן וויסן. ער ווייסט, די רבנים האבן מורא, אז ווען די יוגנט וועט באקו־מען מאדערנע דערציִונג — „יצאו לתרבות רעה״, און זיי ווייזן טאקע דערביי אן אויף געוועזענע ישיבה־בחורים, וואס פלעגן פארברענגען טעג און נעכט איבער תלמוד און פוסקים, אבער ווי נאר זיי האבן זיך באַ־קענט מיט מאדערנע וויסנשאפטן, האבן זיי אינגאנצן כון זיך אפגעווארפן

דעם עול פון דער תורה און געלאָזט זיך אויף קרומע וועגן. זאָלן אָבער די רבנים וויסן, אַז אין דעם איז טאַקע דער עיקר שולדיק די שלעכטע דערציִונג, וואָס די דאָזיקע ישיבה־בחורים האָבן אין דער יוגנט געגאָסן. מען האָט זיי אויפגעצויגן אין ווילדן אָבערגלויבן, מען האָט זיי פאַר־געזאָגט די נאַרישסטע לעגענדעס, וואָס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, און פאַרזיכערט, אַז דאָס איז לויטער אמת. מען האָט זיי געסטראַשעט, אַז ווער עס פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפטן, פאַר דעם איז שוין אָנגע־גרייט דער גיהנום און ער איז אַ פאַרפאַלענער אויף אייביק. דערפאַר טאַקע, ווען זיי האָבן זיך באַקענט מיט דעם מאָדערנעם וויסן, זייערע אויגן האָבן זיך געעפנט, ווען זיי האָבן דערזען, ווי פאַרנאַרישט און פאַר־פינסטערט זיי זיינען פריער געווען, — האָבן זיי זייער גאַנצן צאָרן אויס־געגאָסן אויף זייערע מלמדים און דערציער. זיי האָבן ניט געקאָנט זיי מוחל זיין די אומזיסטע פאַרלאָרענע בעסטע יונגע יאָרן, זיי זיינען גע־קומען צום באַשלוס, אַז „מאשריהם מתעים" — אַז זייערע וועגפירער האָבן זיי פאַרפירט. האָבן זיי דאַן מיט האַס און מיט ביטול אָפּגעוואָרפן פון זיך אַלץ, וואָס זיי האָבן אין דער יוגנט געלערנט, און געלאָזט זיך אויף נייע, פרעמדע וועגן...

זעט — רופט אויס ברעסלוי מיט פאַרביטערונג — די פעלקער, וואָס אַרום אונז, גייען אין די ריכטיקע וועגן, זיי פליסן זיך וואָס גיכער צו דערוווייטערן דעם שקר פונם אמת, זיי פּרעדיקן הומאַניזם און מענטשן־ליבע; אפילו מיט אונז, וואָס מיר זיינען ביי זיי פריער געווען אַזוי פאַרהאַסט, טוען זיי איצט פרידן שליסן. און ביי אונז — מיר מוזן זיך דאָך שעמען און באַהאַלטן פאַר בושה! ביי אונז הערט מען נאָר רדיפות און קריגערייען, אונזערע פירער טוען פאַר יעדער קלייניקייט באַוואַרפן מיט די פיילן פון „חרם"; נישטאָ צווישן אונזערע פרעדיקער און דרשנים אַזוינע פאַרשטענדיקע מענער, וואָס זאָלן זיין אימשטאַנד צו ווייזן דעם פאָלק דעם ריכטיקן וועג און באַקענען אים מיט דעם, וואָס ס'איז נוצלעך און נייטיק...

באַלד נאָך ברעסלויס אויפרוף איז אין „המאסף" דערשינען אַ שאַרפע קריטיק [1] קעגן דעם מוסר־ספר „מרפא לשון", וואָס ס'האָט פאַרפאַסט דער אונז שוין באַקאַנטער האַמבורגער רב רפאל כהן. דער רעצענזענט באַנוגנט זיך ניט דערמיט, וואָס ער טרעט אַרויס אין אַ זייער

---

[1] המאסף 1790, ז' 362—380. די רעצענזיע איז דערשינען אָנאָנים. מיר זיינען זיך אָבער משער, אַז עס האָט זי געשריבן שאול בערלין, וועגן וועלכן מיר וועלן ווייטער ריידן באריכות.

שארפן און בייזן טאן קעגן דעם פארפאסער פון „מרפא לשון״ און רופט דערביי אויס מיט כעס: און אזא פארשוין, וואס פארשטייט אפילו ניט קיין פירוש המילות, האט די העזה צו זיין א פירער פונם פאלק! וואס וועלן דערויף זאגן די אומות, צווישן וועלכע מיר וווינען? ער נוצט דערביי אגב אויך אויס די געלעגנהייט בכלל אנצופאלן אויף די „חכמי תלמודים״, וואס „מלאכת הדקדוק״ „תועבה בעיניהם״, און קלאגט זיך אויף די היינטיקע „ראשי עם״, וואס טוען פאראכטן אלע וועלטלעכע חכמות, און טאקע דורך זיי, דורך די דאזיקע „ראשים״, איז דאס פאלק ישראל געווארן צו שפאט און צו שאנד ביי אלע פעלקער; מיט פאראכטונג און געלעכטער זאגט מען וועגן אונז: עם נָבָל ולא חכם! א נידער-טרעכטיק נאריש פאלק!

מיט דעם אלץ האט זיך אבער נאך ניט באנוגנט דער הויפט-רעדאקטאר פונם „המאסף״ — אהרן וואלפסזאן [1], און ער טרעט ארויס מיט א ספעציעלן פאמפלעט „שיחה בארץ החיים״ [2], פול מיט האס און מיט שפאט קעגן די „מאשרים מתעים״, קעגן די פינסטערע „מורדי אור״, וואס פאראכטן בילדונג און וויסן. וואלפסזאן דערציילט, ווי דארט, „בארץ החיים״ — אויף יענער וועלט באגעגנט דעם רבנו משה בן מיימון איינער פון די ניט לאנג פארשטארבענע דייטשע רבנים. וואלפסזאן רופט אים ניט אן ביים נאמען, ער וויזט אבער אן, אז יענער האט ביים לעבן געגאלטן אלס „גדול בישראל״ און האט בשעתו געשאסן פעך און שוועבל אויף מענדעלסזאנס „ביאור״ און תורה-איבערזעצונג. מיט ביטול באגעגנט דעם אשכנזישן רב דער רמב״ם: „איך קען דיינע לאנדסלייט, איך ווייס, ווי שלעכט דערצויגן זיי זיינען, און ווי ווילד און אומגעלומפערט עס זיינען זייערע מעשים. זיי קענען אפילו ניט ריידן א ריינע געזעצמעסיקע שפראך, ווי מענטשן דארפן ריידן״ [3]. עס פארוויקלט זיך א לאנגער צווייגעשפרעך צווישן די צוויי יידישע רבנים: צווישן דעם בעל „יד החזקה״ און דעם „גדול הדור״, דעם „פטיש החזק״ אויס דעם סוף 18טן י״ה, וואס האט אפילו געפרוווט מאכן א פירוש אויף דעם „יד החזקה״. מיט בייסנדיקער איראניע שילדערט וואלפסזאן, ווי אפגעשטאנען, ווי לעבערלעך נישטיק ס׳איז דער אשכנזי-שער רב אקעגן דעם הויך-געבילדעטן ספרדי. בעת יענער רעדט וועגן

1 פון סוף 1790 פאנגט אן אהרן בן וואלף האלע אונטערצייכענען זיינע ארטיקלען מיטן נאמען וואלפסזאן.

2 המאסף, ב׳ VII, 54—67, 120 - 158, 203—227, 279—360.

3 דארט, 55: גם לא למדו לשונם דבר נכוחה וצחות כמשפט. דער דאזיקער „חטא״ ווערט איבערגעחזרט אויך ווייטער, ז׳ 324.

לאָגיק און פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, ענטפערט דער אַשכּנזישער רב מיט נאַרישע פּשטלעך און ווילדן פּלפּול, אָדער ער ברענגט אַ מאמר אויס דעם „זוהר", וועלכן וואָלפסזאָן באַגלייט אין אַ ספּעציעלער הערה מיט פּאָלגנדיקן פּאַטעטישן אויסרוף: „ווער פון אונז וועט זיך נים שעמען און זיין פּנים וועט נים פלאַמען פאַר בושה, לייענענדיק אַזאַ מאמר און נאָך פיל אַנדערע, מיט וועלכע עס איז פול דער „זוהר" [1]. און פול מיט צאָרן, רופט אויס דער רמב"ם: „יע, איך זע, ער (דער אַשכּנזישער רב) איז נאָך נים ריין געוואַשן פון זיין שמוץ, פאַרמאַכט זיינען זיינע אויגן פון צו זען און פאַרשטאָפּט זיין האַרץ צו פאַרשטיין ד'" און ער מוסרט דעם רב: „הסיר דעות נפסדות מקרבך, למוד דעת את ד' באמת" [2].

און דער דיאַלאָג ווערט נאָך דערביי באַגלייט מיט הערות פון וואָלפסזאָנען גופא, אייניקע געשריבן אין העברעיש און אַנדערע אין דייטש מיט יידישע אותיות. מיט אַ שטעכיקן שמייכל ווייזט ער אָן אויף „די דענקונגסאַרט אייניגער רבנים אונזערעס צייטאַלטערס", וואָס די גרעסטע באַליידיקונג איז ביי זיי, ווען מען דערמאָנט זיי וועגן דקדוק. זייער האַס און עקל צו דקדוק — דערציילט וואָלפסזאָן — איז אַזוי גרויס, אַז איינער פון זיי האָט אַפילו אום שבת הגדול גע-האַלטן אַ ספּעציעלע דרשה וועגן דעם; ער האָט אָנגעוויזן, אַז „יעדער רשע איז אַ מדקדק", און דערביי זיך באַרימט, אַז ער גופא האָט קיינ-מאָל קיין דקדוק נים געלערנט. ווייטער דערציילט וואָלפסזאָן, ווי ער אַליין האָט אַמאָל בייגעוועזן, ווי מען האָט מיט גרויס פּאַראַד מקבר געווען אויפן הייליקן אָרט אַ גרויסן קאַרפּ. דעם דאָזיקן קאַרפּ האָט אַ חשובע הויז-פרוי געקויפט לכבוד שבת. ביים אויפשניידן דעם קאַרפּ האָבן זיך פון אונטערן מעסער געלאָזט הערן געוויסע טענער, און דער פרומער הויז-פרוי האָט זיך געדאַכט — זי הערט עפּעס אַ קול, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין אירע אויערן ווי „שמע ישראל". אויסער זיך איז זי גלייך געלאָפן צום מרי דאתרא, און יענער האָט גלייך איינגעזען, אַז דער פיש איז געווען אַ גלגול; האָט ער באַפוילן, מען זאָל דעם קאַרפּ מיט גרויס כבוד ברענגען צו קבר ישראל [3].

דער דיאַלאָג צווישן דעם רמב"ם מיטן אַשכּנזישן רב ווערט מיט אַמאָל איבערגעריסן. עס באַווייזט זיך מיט גרויס פּאַראַד אין דער באַ-גלייטונג פון אַ ליכטיקן מלאך דער פאַרפאַסער פון „פעדאָן" און „מאָר-

---

1 המאסף, ב. VII, 149.

2 דערהייטער פון דיר דיינע שעדלעכע דעות און לערן ריכטיק גאָט צו דערקענען.

3 דאָרטן, 153.

גענשטונדען״ — משה מענדעלסאָן. מיימוני דערפרייט זיך זייער, ער האָט אָן קושט זיין נייעם חבר. מענדעלסאָן דערקענט גלייך דעם אשכנזישן רב, — יענער האָט אים דאָך גערודפט ביים לעבן... „כדוב שכול פגש בי לבלעני״ — קלאָגט זיך מענדעלסאָן; און ווען מיימוני ווייזט אָן, אז ער פּרוּווט ווי ווייט מעגלעך ווירקן אויף דעם דאָזיקן קעגנער זיינעם, יענער זאָל ענדערן זיין גייסט און באַפרייען זיך פון זיינע שעד־לעכע דעות, רופט מענדעלסאָן אויס מיט פאַרביטערונג: היהפוך כושי עורו ונמר חברבורותיו! ווי דער נעגער קאָן זיין הויט ניט ענדערן און דער לעמפּערט זיין פלעקיקע פעל, נאָך וויניקער קאָן געמאָלט זיין יענער זאָל זיך ענדערן. אומזיסט טוסטו דיינע רייד אויסברענגען, דיינע ווער־טער וועלן גאָר ניט העלפן, וואָרעם טיף, ווי מיט אַן אייזערנעם גריפל און מיט אַ פען פונם שאַרפסטן שטיין, איז אין זיין האַרץ איינגעקריצט די נאַרישקייט און אומוויסנקייט. זי קאָן פון דאָרט ניט אָפּגעמעקט ווערן, סיידן עס וועט גאָטס וואונדער געשען״ [1].

און ווייטער קלאָגט זיך מענדעלסאָן פאַרן רמב״ם: אָט אַזוי איז זייער נאַרישער שטייגער: ריכטיקע וועגן מיידן זיי אויס און בלאָנקען איבער קרומע שטעגן. זיי אינטערעסירט ניט צו באַגרייפן יעדע זאַך לויט איר ריכטיקן מהות, זייער גאַנצער ווונטש און פאַרלאַנג איז בלויז צו באַווייזן זייער חריפות, זייער גענִיטקייט אין בויען און צעשטערן, אין פלאַנצן און אויסוואָרצלען; פון שפּינוועבס טוען זיי גאַנצע טורעמס בויען, וואָס הענגען אין דער לופטן און פונם לייכטסטן בלאָז ווערן זיי צעשוווּמען און פאַרשווונדן.

אַלס ביאוריסט און איבערזעצער פון ביבלישע ביכער [2] גייט וואָלפסזאָן אָפּ אין זיין פאַמפלעט פיל אָרט דעם קאַמף קעגן מענדעלס־זאָנס חומש־איבערזעצונג. כאַראַקטעריסטיש איז דערביי פאָלגנדיקער פּרט: וואָלפסזאָן ווייזט אָן אין אַ הערה, אז די רבנים (היושבים על מדין) זיינען מחויב אַרויסצוגעבן אַ באַפעל, אַז יעדער דאַרף כתפלל זיין „בלשון ארצו אשר ידע ויבין״, ד״ה — אויף דער לאַנדשפּראַך, וואָס ער באַזיצט און פאַרשטייט. מען דאַרף אָבער דערביי קיין טעות ניט האָבן. עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן דעם, אַז יעדער דאַרף מתפלל זיין אויף דער שפּראַך, וואָס ער רעדט און פאַרשטייט, — דער עיקר איז מתפלל זיין אויף דער לאַנדשפּראַך. ווען דער אשכנזישער רב דערקלערט מענדעלסאָנען, אַז די פריערדיקע ביבל־איבערזעצער האָבן זיך ביי זייער

---

1 המאסף, VII, 213.

2 הענגן דעם — אין היסטאָרישן קאַפּיטל.

איבערזעצונג באַנוצט „בלשון המורגל בבני ישראל בארץ אשכנז ולכן הקורא ירוץ בו" (מיט דער שפּראַך, וואָס איז גילטיק ־בײַ די ייִדן אין דײַטשלאַנד, און דערפֿאַר איז זי דעם לייענער לײַכט פֿאַרשטענדלעך), — דערווידערט דערויף מענדעלסאָן מיט כּעס: ולא מצאתי שבוש לשון יותר כמו בתרגום אשכנזי אשר היה לבני ישראל טרם הוצאתי תרגומי לאור — איך האָב נאָך אַזאַ פֿאַרגרײַזטע שפּראַך ניט געזען, ווי אַט די דײַטשע איבערזעצונג, וואָס ייִדן האָבן געהאַט ביז איך האָב מײַן איבערזעצונג פֿאַרעפֿנטלעכט [1]. און וואָלפֿסאָן גופֿא ווײַזט דערבײַ אָן אין אַ ספּעציעלער הערה, אַז על דרך כּלל קאָן מען זאָגן, דאָס בנוגע די אַלע דײַטשע איבערזעצונגען, מיט וועלכע ייִדן האָבן זיך באַנוצט ביז ס'איז דערשינען „התרגום מאדוננו רמב"מן", איז זייער צוגעפּאַסט דער אַלטער דרוש פֿון די חכמי התלמוד: בזוי אתה מאוד שאין להם לא כתב ולא לשון. און טאַקע זיי — רופֿט וואָלפֿסאָן אויס מיט פּאַטאָס — די דאָזיקע איבערזעצונגען האָבן אונז פֿאַרוויסט און דאָס הויז יעקב געבראַכט צו שאַנד, ווײַל פֿון זיי האָבן מיר זיך פֿון קינדהייט אָן צוגעוווינט צו ריידן ווילד און פֿאַרדאַרבן (מתוכם למדו מנעוריהם לדבר תועה).

צום שלום ווענדט זיך מענדעלסאָן צום רמב"ם, אָנווײַזנדיק אויפֿן אשכּנזישן רב: „דו זעסט איצט, ווי גערעכט איך בין געווען בעת איך האָב אָנגעוויזן, אַז טיף אין זײַן האַרצן איז אײַנגעקריצט נאַרישקייט און אומוויסנקייט... זיי בלאָנדזשען אין דער פֿינסטער, זיי ווייסן ניט און פֿאַרשטייען ניט, אין וואָס זיי וועלן שטרויכלען, און ווילן ניט הערן די שטימע פֿון פֿאַרשטאַנד, וואָס איר איינציקער ווונטש איז דאָך צו עפֿענען בלינדע די אויגן און זייער פֿינסטערניש מיט ליכט צו דערפֿילן" [2]...

וואָלפֿזאָנס פּאַמפֿלעט האָט מיט זײַן שאַרפֿן טאָן געמאַכט אַ גע־ווייסן רושם [3]. קעגן דער ראַדיקאַלער ריכטונג פֿון דעם „מאסף" זײַנען אַרויסגעטראָטן ניט בלויז אַזוינע פֿרומאַקעס, ווי דער ווינער משגיח על

---

1 המאסף, ב. VII, 237 — 288.

2 דאַרטן, 290.

3 וואָלפֿסאָן האָט אין דער התחלה געהאַלטן בסוד, אַז ער איז דער פֿאַר־פֿאַסער פֿונם פּאַמפֿלעט, און ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זײַנער אַ באַקאַנטער האָט אים פֿלומרשט באַקומען פֿון אײנעם, וואָס איז שוין געווען אַ נוטה למות, און יענער האָט אַרויסגעזאָגט דעם ווונטש, אַז נאָך זײַן טויט זאָל מען זײַן ווערק פֿאַר־עפֿנטלעכן. ערשט נאָך דעם, ווי מען איז פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן אָנגעפֿאַלן אויף דעם פּאַמפֿלעט, האָט וואָלפֿסאָן זיך מודה געווען און עפֿנטלעך דערקלערט: אני אני הוא המחבר אותה מראשיתה ועד תכליתה (דאָרטן, 300).

השוחטים דוב בער [1], נאָר אויך מענדעלסזאָנס א הייסער חסיד, דער יונגער נחמן ב״ר שמחה ברש [2], א געוועזענער מיטאַרבעטער פונם „מאסף״ גופא. שוין אין 1791 טרעט שאַרף אַרויס קעגן דעם „מאסף״ דער באַוווסטער השכלה־כּרעגער מענדל לעפין אין זיין פראַנצויזישער בראָשור [3]. „אָבער די, — רופט אויס מיט באַרביטערונג לעפין, — וואָס האָבן איט (דעם „מאסף״) ווייטער געפירט, דענקענדיק, אַז זיי זיינען מער אויפגעקלערט, האָבן פערזענלעך זיך שלעכט געפירט און האָבן עפנטלעך אָנגעגריפן אין זייער זשורנאַל די שוואַכע זייטן פון די רבנים, דורך וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן די אַלגעמיינע פּאַראַכטונג פון פאָלק און זיינען ענדלעך געוואָרן ניט מער טאָלעראַנט, ווי די אָרטאָדאָקסישע פאַנאַטיקער, וועמען זיי האָבן אויסגעלאַכט״ [4]. ניט ווייניקער שאַרף איז אַרויסגעטראָטן דער געבילדעטער אַרצט ברוך בן יונה יטלים, וואָס האָט מיטגעאַרבעט אין די ערשטע יאָרגענג „המאסף״. אין זיין קונטרס „האורב״, וואָס איז דערשינען אין 1795 אונטערן פּסעוודאָנים פּנחס חנניהו ארגוזי די סילוא ס״ט, שטרייכט יטלים אונטער, אַז דער „המאסף״ פון די לעצטע יאָרן גע־פינט זיך ניט אין קיין שום אידעיִשער קרבות מיט דעם פריִערדיקן „המאסף״. לויבנדיק די ערשטע יאָרגענג „המאסף״ ביזן טאָג אַריין, פּאַרזיכערט דער פּראָפעסאָר, אַז די דאָזיקע צייטשריפט איז שוין פון לאַנג אָנטשוויגן גע־וואָרן. איצט איז אַרויסגעטראָטן אַ קאָמפּאַניע פון גאָר אַנדערע מענטשן, זיי גיבן זיך אויך אויס אַלס מיטגלידער פון „חברת שוחרי הטוב והתושיה״ און נוצן אויס די פּאָפּולערע פירמע „המאסף״ פאַר זייער אויסגאַבע, וואָס איז מיט איר חוצפּישן טאָן לחלוטין פּרעמד דעם רויִקן און געלאַ־סענעם „המאסף״ פון די אַכציקער יאָרן. ולא יקרא עוד המאסף, — רופט יטלים אויס מיט כּעס, — ניט „המאסף״ דאַרף די דאָזיקע אויסגאַבע הייסן, נאָר „האספסוף״ [5].

---

1 חאַלפּזאָנס ענטפער אויף דוב־בערס אָנפאַלן זע המאסף VII.

2 חעגן אים — אין איינעם פון די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען.

3 זע אונזער חערק, ב׳ V, 326. די דאָטע איז דאָרט ניט ריכטיק אָנגעגע־חיזן. די בראָשור איז דערשינען אין 1791 אויך דער דרוקאָרט איז פאַלש אָנגעוויזן: שאַלאָניקי אַנשטאָט חין.

4 מ. עריק, עטיודן צו דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע, 142—143.

5 האורב, 5: ולא יקרא עוד „המאסף״ כי אם יקרא שמו בישראל „האספסוף״, כי האספסוף אשר בקרבם אספו וחברו חבר משחית נועם מליצה הקדושה ויתאוו תאוה במותרות שאינו מוכן להם וילונו על עבדי ד׳ ולא ידעו מאי דקאמרי רבנן. וקראתי שם המחברת הזאת „האורב״, כי במערכת מלחמה בא האורב אחר המאסף, ואנכי אורב להם מפה ומפה ואכה ואכתם עד פי נפלו. ועם עוד יעשו כהנה וכהנה להתל בחכמים ובחסידים וילעיגו בשפה רפה אנכי האורב אקום מהרה ממק׳מי ואמחצם.

איך וועל קעמפן קעגן זיי — דערקלערט ברוך יטלים — ביז זיי וועלן פאלן! ס'איז שוין אבער פאקטיש געווען נאך אלעמען. די זעלבע פאליטישע און סאציאלע געשעענישן, וואס האבן געצווונגען דעם „מאסף" צו ווערן אלץ דרייסטער און קריגערישער — זיי האבן עס אויך אין א גרויסער מאס גורם געווען, וואס דער „מאסף" האט געמוזט פאלן; קודם-כל אויס דעם וויכטיקן גרונד, וואס ער איז געבליבן אן אן אודיטאריע. שוין אין סוף פונם זעקסטן יארגאנג (הארבסט 1790) קלאגט זיך די רעדאקציע, אז „די אנצאל דער סובסקריבענטען האט זיך מערקליך פערמינדערט". זי איז דערפאר געצווונגען צו פארוואנדלען דעם „מאסף" פון א חודש-זשורנאל אין א ניט-פעריאדישע צייטשריפט. פון צייט צו צייט וועט זי ארויסגעבן א העפט פון זעקס דרוקבויגן, און פיר אזעלכע העפטן וועלן אויסמאכן א גאנצן באנד. און ווי באלד די צאל סובסקריבענטן וועט זיין ניט ווייניקער פון 200, פארשפרעכט די רעדאקציע „נאך אונזערן בעסטמעגליכסטן קרעפטען" די צייטשריפט „פראמפט פארטצוזעצען".

עס האט אבער געדויערט גאנצע פיר יאר ביז ס'איז דערשינען דאס ערשטע העפט פון דער ניט-פעריאדישער אויסגאבע. די רעדאקציע איז שוין געווען א נייע: שוין ניט אייכל און בערלין, נאר אהרן וואלפסזאן און יואל לעווע, וואס זיינען ביידע געשטאנען אן דער שפיץ פון דער ווילהעלם-שול אין ברעסלוי [1]. יעדעס יאר איז דערשינען בלויז צו איין העפט, אזוי, אז דער זיבעטער באנד האט זיך געצויגן גאנצע פיר יאר (1794—1797). צום סוף פון דעם דאזיקן באנד ווערט אין א קארעספאנדענץ אויס אמסטערדאם [2] געבראכט די בשורה, אז דעם צווייטן סעפטעמבער 1796 איז אין האג אנגענומען געווארן דער דעקרעט וועגן יידישער גלייכבארעכטיקונג אין דער באטאווישער רעפובליק. און עס

---

1 די ווילהעלם-שולע איז געגרינדעט אין 1791.

2 עס איז כמעט א־יסער ספק, אז די קארעספאנדענץ האט צוגעשיקט צבי הערש מאילפעלד, וואס האט אין צוויי יאר ארום, אין 1799, פארעפנטלעכט אין העברעישער איבערזעצונג אונטערן נאמען „דברי נגידים" די אלע רעדעס, וואס זיינען פארגעקומען אין דער באטאווישער נאציאנאל-פארזאמלונג, איידער ס'איז אנגענומען געווארן דער דעקרעט וועגן יידישער גלייכבארעכטיקונג. כאראקטעריסטיש איז דער לאנגער אריינפיר (פתיחה) פונם איבערזעצער. ער פילט זיך גליקלעך, וואס דער גרויסער זאץ „ואהבת לרעך כמוך" ווערט איצט פארווירקלעכט דורכן דעוויז „פרייהייט, גלייכהייט און ברודערשאפט". איצט, אז מען האט אונז געגעבן אלע רעכט, דארפן אויך מיר מיט ליבע און פריינדשאפט זיך פארהאלטן צו די פעלקער, צווישן וועלכע מיר וווינען; אלס פולבארעכטיקטע בירגער דארפן מיר קודם-כל ניט זיין מער אפגעזונדערט און אומוויסענד. מיר זיינען מחויב צו דערוועקן וואס מער וויסן און וועלטלעכע בילדונג.

איז זייער סימפּטאָמאַטיש, וואָס גלייך נאָך דעם אין דייטשער איבערזעצונג פאַרעפנטלעכטן דעקרעט וועגן דער עמאַנסיפּאַציע פון יידן אין דער באַטאַווישער רעפּובליק פאָלגט די דערקלערונג פון דער רעדאַקציע, אז די צאָל „דער סובסקריבענטען״ איז געפאַלן די לעצטע צייט פון 150 ביז 120. ביי אַזאַ נישטיקן סכום קאָן די צייטשריפט ניט עקסיסטירן. די רעדאַקציע וויל אָבער האָפן „דאס אונזערע צייטשריפט פאָן דעם בעסערן טיילע דער נאַציאָן אונטערשטיצט אונד אויפרעכט ערהאַלטען ווערדען ווירד״; און עס וועלן זיך געפינען 200 פּערזאָן, וואָס וועלן יערלעך מנדר זיין אויף דער צייטונג צו צוויי טאָלער. „דער ערפאָלג מוס עס צייגען — לייענען מיר אינם שלוס פון דער דערקלערונג — אָב וויר אונס צו פיל געשמייכעלט האָבען אָדער ניכט״ 1.

די געוויּנטשטע 200 פּערזאָן האָבן זיך ניט געפונען, און דער „המאסף״ האָט געמוזט אונטערגיין. פאַר די מעסיקע קרייזן איז דער „המאסף״ פון די 90ער יאָרן געווען שוין צו ראַדיקאַל, און די, וואָס זיינען געווען איין דעה מיט וואָלפסזאָנען — זיי האָבן שוין געהאַלטן אַ העברעיִשע צייטשריפט אינגאַנצן פאַר איבעריק. מען מוז דאָך דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז די אונטער דונערן פון דער רעוואָלוציע פּראָקלאַמירטע „דעקלאַראַציע פון די מענטשלעכע רעכט״ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם יידישן געטאָ אויף אַ גאַנץ אויסטערלישן אופן. דער דעוויז: „פריי־הייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט״ האָט לאָגיש געפירט צו דער פאָדערונג פון גלייכבאַרעכטיקונג אויך פאַר יידן, אָבער פאַר יידן סתם, אַלס מענטשן, אַלס מיטגלידער פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער משפחה — ניט אַלס פאָרשטייער פון אַן אָפּגעזונדערטן קיבוץ, אַלס אָנהענגער פון אַן אמונה, וואָס איז דאָך „פול מיט פאָראורטיילן״. עס האָט זיך אויסגעוויזן אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווי באַלד דער ייד וויל אָנטייל־נעמען אין דעם נייעם סדר און ווערן אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער אַלמענטשלעכער משפחה — דאַרף ער פון זיך אַראָפּוואַרפן דאָס אַלטע, אָפּגעלעבטע און ניט ראַציאָנעלע, ד״ה, ער דאַרף זיך אָפּזאָגן פון די מסורת אבות און זיך שטעלן אונטער די ליכטיקע פליגלען פון דעם אַלמענטשלעכן שכל... מען דאַרף נאָך דערביי נעמען אין באַטראַכט אָט וואָס פאַר אַ זייער וויכטיקן פאַקט: אין יענער צייט, אין דער תקופה פון קאָסמאָפּאָליטיזם און עקסטן ראַציאָנאַליזם, האָט דער באַגריף נאַציע אינגאַנצן זיך צונויפגעגאָסן מיטן באַגריף שטאַט, מלוכה. די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן, אַ שטייגער, דערקלערן דאָס וואָרט Nation אויף

1 המאסף, VII, 404.

אַזאַ מין אופן: „אַ זאַמלוואָרט, מיט וועלכן עס ווערט באַצייכנט אַ באַדייטנדיקער סכום מענטשן, וואָס לעבן אויף אַ טעריטאָריע מיט פעסטבאַשטימטע גרעניצן און געפינען זיך אונטער דער ממשלה פון איין און דערזעלבער רעגירונג [1]. עס איז דערפאַר געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווי באַלד דער ייד וויל זיך פאַרברידערן מיט דער נייער וועלט, גאַרט צו ווערן אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, דאַרף ער אָראָפּוואַרפן פון זיך דאָס אַלטע, אָפּגעלעבטע, אַלץ, וואָס זונדערט אים אָפּ און טיילט אים אויס פון דעם קיבוץ. און אָפּגעזונדערט האָט דאָך דעם יידן די אמונה, די יידישע רעליגיע, וואָס אונטער איר האָט מען דעמאָלט פאַקטיש געמיינט די גאַנצע נאַציאָנאַלע קולטור פונם היסטאָרישן יידנטום. וועגן אַן אָביעקטיוו-קריטישן קוק אויף דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אמונה, וועגן איר ראָלע און באַדייט אין דעם וווּקס פון דער נאַציאָנאַלער קולטור — וועגן דעם אַלץ האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין אין יענער אַנטי-היסטאָרישער תקופה...

עס איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס די „אויפקלערונגס"-באַוועגונג האָט אין די אינטעליגענטע יידישע קרייזן אין בערלין באַלד אָנגענומען שאַרף אַסימילאַטאָרישע פאָרמען. בײַ אַזעלכע אומשטענדן איז אַזאַ אָרגאַן, ווי דער „המאסף", וואָס פּראָפּאַגאַנדירט „אויפקלערונג" אויף דער טראַדיציאָנעלער ביבל-שפּראַך, געוואָרן אַ גאַנץ איבעריקע זאַך, — אים האָט דערטרונקען די שטורמישע כוואַליע פון אַסימילאַציע [2]. אַ גאַנץ אייגנאַרטיק געמיש פון נאַיִווער התפּעלות און הכנעהדיקער התבטלות, פון דורשט נאָך וויסן און האַסטיקן געיעג נאָך פאַרגעניגנס און לעבנס-פריידן — באַמערקט זיך אַזוי בולט אין דער דאָזיקער שטורמישער אָנפאַנג-תקופה פון דער אַסימילאַציע-באַוועגונג. מיטן ברען פון פריש-געפאָרמטע חסידים האָבן די יידישע אויפקלערער אַרויסגעוויזן זייער התבטלות פאַר דער קריסטלעכער געזעלשאַפט און פאַר איר וועלט-באַנעם, אָן קריטיק איבערגענומען; אַלס תורה מסיני — אויך די באַגריפן, וואָס יענע האָט געהאַט וועגן דעם היסטאָרישן יידנטום. זייער טיפּיש איז אין דער הינזיכט די דייטשע בראָשור „ישורון", וואָס ס'האָט פאַרעפנטלעכט דער אונז שוין באַקאַנטער רעדאַקטאָר פונם „המאסף", אהרן וואָלפסזאָן.

---

1 Encyklopédie etc. tom XI, Neufchatel, 1765: Nation... mot collectif dont on fait usage pour exprimer une certaine etendue de pays renfermée donc de certaines limites et qui obéit au même gouvernement.

2 ערשט אין צוועלף יאָר אַרום, שוין בײַ אַנדערע באַדינגונגען, איז דער „המאסף" אויף אַ קורצער צייט ווידער תחית המתים אויפגעשטאַנען.

אין דעם דאָזיקן ווערק, וואָס איז פאַרטראַכט געוועזן אַלס פּאַרטיידיקונגסשריפט קעגן אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן, גיט דער פאַרפאַסער צו, אַז די, וואָס ווערן דערצויגן אויף דעם עוואַנגעליום, מוזן זיין אידעאַל-טוגענדהאַפטע מענטשן, באַשר דאָס עוואַנגעליום איז דאָך איבערפולט מיט סענטענצן, וואָס פּרעדיקן לויטער מענטשנליבע; די אָבער, וואָס זיינען אויפגעצויגן אויפן תּלמוד, מוזן זיין מאָראַליש דעגראַדירטע מענטשן. וואָלפסזאָן געפינט דערפאַר, אַז די רעגירונג זאָל באַשטימען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל אויפמערקזאַם אויספאָרשן דעם תּלמוד און די מדרש-ליטעראַטור, און איר דאַרף אויך געגעבן ווערן די באַפולמעכטיקונג אויסצומעקן אַלע שטעלן, וואָס זי וועט אויסגעפינען אַלס שעדלעכע און ניט פּאַסיקע [1].

אויפגעוואַקסן אין גייסטיקער פאַרקנעכטונג אינם רעכטלאָזן געטאָ, זיינען די יידישע אויפקלערער ניט געווען אימשטאַנד פריי און זעלבשטענדיק קריטיש צו אַנאַליזירן און געהעריק אָפּצושאַצן די ווערטן פון זייער היסטאָרישן עבר. וואָלטערס אַ מינדסטע סאַרקאַסטישע באַמערקונג בנוגע דער רעליגיע בכלל און דעם יידישן דת בפרט פלעגט ביי די יידישע אויפקלערער פון בערלין אָנגענומען ווערן אַלס תּורה מסיני. אַלץ, וואָס ס'איז געווען פאַרבונדן מיט מסורה און מיטן טראַדיציאָנעלן יידנטום, האָט שוין ביי זיי דערמיט אַליין געגאָלטן אַלס אַלטפרענקיש און אָפּגעלעבט, און נאָר דאָרט, „אויף יענער זייט", אין דער קריסטלעכער וועלט, האָט פאַר זיי געשיינט אין איר גאַנצן כישופדיקן גלאַנץ די געטין פון אויפקלערונג...

„מה יאמרו הגוים?" „למה יאמרו הגוים?" — דאָס איז געווען דער גרונד-מאָטיוו ביי די יידישע אויפקלערער פון דער „בערלינער שולע". בכדי נושא חן צו זיין ביי די אומות העולם און אויפגענומען צו ווערן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, האָבן זיי אַלץ געטאָן, אַבי צו זיין ענלעך צו „יענע", צו זיין גלייך מיט „אַלע". „מען האָט, — באַמערקט וועגן דער דאָזיקער תּקופה דער געשיכטספאָרשער גרעץ, — זיך געשטעלט די אויפגאַבע אויסצוואָרצלען אויס דעם יידישן לעבן און די יידישע מנהגים אַלץ, וואָס קאָן באַליידיקן דעם פיינעם געשמאַק, אַלץ, וואָס מאַכט דעם

1 אין זיין „שיחה בארץ החיים", חו וואָלפסזאָן טרעט זייער שאַרף אַרויס קעגן „זוהר", כאָטש ער אָנערקענט אפילו, אַז עס געפינען זיך אין אים אויך „דברים רבים טובים ונכוחים מאוד", — זאָגט ער אויך צרויס דעם חוגטש: טוב לנו מאוד אם יעמול איש אחד אשר מלא אותו אלהים בחכמה ובתבונה להוציא הספר הזה יקר מזולל ולהבדיל בין קודש לחול למען נקבל ממנו אך הטוב ואת הרע לא נקבל וצדקה תהיה לו מאת ד' כי הרים מכשול מדרך עמו (המאסף, VII, 346).

יידן לעכערלעך. אָבער צוזאַמען רערמיט האָט מען אויך אָפּגעוואָרפן אַלץ, וואָס מען האָט ניט געקאָנט דערקלערן על פּי שכל, אַלץ, וואָס האָט געטראָגן אַ נאַציאָנאַלן שטעמפּל און איז פאַרבונדן מיט זכרונות וועגן גרויסע געשעענישן פונם היסטאָרישן עבר. באַזונדערס האָט מען זיך געפּלייסט צו דערווייטערן אַלץ, וואָס האָט געקאָנט בײַ די קריסטן אין די אויגן אַרויסשטעלן די יידן אַלס אָפּגעזונדערטן קיבוץ. דער גרעסטער קאָמפּלימענט, וואָס מ'האָט געקאָנט מאַכן אַ פאַרשטייער פון דער דאָזיקער שטרעמונג, איז געווען: זאָגן יענעם, אַז „עס איז אים ממש אוממעגלעך צו אונטערשיידן פון אַ קריסט, ניט מיט זיין אויסערן אויס-זען, ניט מיט זיין גאַנצער התנהגות"...

און דאָס כאַראַקטעריסטישע איז דערביי, וואָס די דאָזיקע באַוועגונג איז אַריין אין דער געשיכטע אונטער דעם אויבערקעפּל: „די מענ-דעלסזאָנישע אויפקלערונג". די דאָזיקע טרעגער פון אַסימילאַציע און גייסטיקער מימיקריע האָבן געגאָלטן אַלס מענדעלסזאָנס תּלמידים און אָנ-הענגער, און זיי גופא האָבן געהויבן אין די הימלען דעם „יידישן סאָקראַ-טעס" אַלס זייער וועגווייזער און גייסטיקן פירער. אויפן ערשטן קוק קלינגט עס ממש ווי אַ פּאַראַדאָקס, אַזוי דיאַמעטראַל פאַרשיידן איז געווען מענדעלסזאָנס וועלטבאַנעם און זיין גאַנצע התנהגות אין פאַרגלייך מיט די אידעען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין דעם אויבנציטירטן וואָלפסזאָנס „ישורון". און דאָך איז דאָס כלל ניט קיין צופאַל, קיין קאַפּריז פון דער געשיכטע; עס איז אַ לאָגישער און גערעכטער גזר פון דער השגחה, אַ באַלערנדיקע אילוסטראַציע צו דעם אַלטן פּראָבלעם וועגן „שכר ועונש"...

מענדעלסזאָן פאַרענדיקט זיין „ירושלים" מיט באַגייסטערטע שורות, ווו ער רעדט מיט אַזאַ התלהבות וועגן „אונזער שענסטן אוצר" (unser edelstes Kleinod) — פרייהייט פון געדאַנק. אין דער ליטעראַ-טור און אין לעבן איז מענדעלסזאָן געווען דער איידעלער ריטער, וואָס האָט געטריי געדינט דעם אידעאַל — פרייהייט פון געדאַנק, וואָרט און איבערציייגונג. זיינע מיטצייטלער טוען מיט התפּעלות דערמאָנען, ווי טאַקטיש און קלוג מענדעלסזאָן פלעגט אַרויסווייזן זיין טאָלעראַנץ צו אידעיִשע קעגנער, צו מענטשן, וואָס זייער וועלט-באַנעם איז אים געווען פרעמד און פיינדלעך. ביי מענדעלסזאָנס ווייכן כאַראַקטער האָט אָבער די טאָלעראַנץ ניט זעלטן איבערגעטראָטן די געווינטשטע גרעניצן און איז דערגאַנגען ביז — פּרינציפּלאָזיקייט. מענדעלסזאָנס נאָכגיביקייט האָט אים צייטנווייז געמאַכט פאַרגעסן דעם באַקאַנטן כלל, אַז טאָלעראַנץ דאַרף ניט פאַרווישן די דיסטאַנץ פון וועלט-באַנעמען, טאָר ניט איבער-

גיין אין אפארטוניזם. לעסינג, דער קריגערישער קעמפער פאר טאלע־ראנץ און גערענקען־פרייהייט, ווייזט טאקע אן, ווען אפילו אין גאנץ ווייבע ווערטער, אויף זיין פריינדס חולשה, וואס יענער „פלייסט זיך אין אלץ צו זען אויך די גוטע זייט" 1. מענדעלסזאן האט ניט נאר זיך גע־חברט מיט מענטשן פון אנטקעגנגעזעצטע וועלט־באנעמען, ער האט אויך געפונען פאר פאסיק אנצופארטרויען אט די אים, לויט זייערע טענדענצן און שטרעבונגען, גאנץ פרעמדע מענטשן, יענע זאלן אין לעבן פארווירקלעכן די אים טייערע און ליבע אידעאלן. ער פלעגט אזוי אפט איבערחזרן, אז מענטשן קאן מען משפטן בלויז פאר זייער „טוען אונד לאססען", מען קאן אבער ביי זיי ניט צונעמען די מעגלעכקייט פריי צו „דענקען אונד רעדען". ער האט אבער דערביי ניט זעלטן פארגעסן, אז פרינציפן און איבערצייגונגען זיינען דאך אויך מחייב צו געוויסע מעשים...

עס איז דערפאר זייער אינטערעסאנט אין דער הינזיכט געגוי צו בא־טראכטן מענדעלסזאנס פריינדלעכע באציונגען צו זיינע צוויי נאענטסטע „תלמידים און נאכפאלגער", וואס האבן געשפילט א גאנץ באדייטנדיקע ראלע אין דער ערשטער תקופה פון דער „בערלינער אויפקלערונג". די דאזיקע צוויי זיינען — הערץ האמבערג און דוד פרידלענדער.

אויפגעצויגן אין א פרעסבורגער ישיבה, איז האמבערג אין לאנגן משך 1 פון זיין לעבן פארבליבן א פארביטערטער שונא פון דעם רבנישן יידנטום און זיינע אפיציעלע פארטרעטער. דאס איז געווען א גאנץ מיטלמעסיק באגאבטע נאטור, מיט אן איינזייטיקן און קורצ־זיכטיקן שכל פון גאנץ קליינעם פארנעם. דערצו האט ער נאך געהאט א הארץ — טרוקן ווי א פאראיאריקער לולב, אן א פונק רוח הקודש און דערהייבנדיקע עמאציעס. אלץ, וואס ס׳האט זיך געפונען אויסער די ענגע גרעניצן פון פראקטיש ניכטערנעם אוטיליטאריזם, האט האמבערג מבטל געווען אלס נישטיקע און שעדלעכע זאכן. עס איז שווער צו דערקלערן, מיט וואס דער יונגער האמבערג האט נושא חן געווען ביי מענדעלסזאנען און געווארן אן אפטער באזוכער פון זיין הויז. נאכדעם ווי שלמה דובנא איז זיך צעזאגנגען מיט מענדעלסזאנען און פארלאזן בערלין, האט מענדעלסזאן האמבערגן אנפארטרויט, יענער זאל שרייבן

---

1 ס׳איז אינטערעסאנט, וואס אויך שלמה מיימון זאגט נאך מענדעלסזאנען אלס ש ב ח, אז יענער האט „פארשטאנען די קונסט אויסצוגעפינען די ג ו ט ע ז י י ט פון יעדן מענטשן און פון יעדער געשעעניש". (לעבנסגעשיכטע, 379, ציטירט לויט דער יידישער איבערזעצונג).

1 האמבערג איז געבארן אין ליבען (נעבן פראג) אין 1749, געשטארבן אלס זקן מופלג אין פראג 1841.

דעם „ביאור" צו חומש „דברים" [1]. מענדעלסאָן, ווי מיר זעען דאָס גאַנץ דייטלעך אויס זיינע בריוו [2], האָט זייער גוט געוווסט, אַז בנוגע דער פראַגע, ווי אַזוי מען דאַרף אָפּשאַצן דעם באַדייט פון קולט און קיום המצוות אין דעם יידישן לעבן — גייט ער זיך דיאַמעטראַל פונאַנ־דער מיט זיין יונגן פריינד הערץ האָמבערג. און דאָך האָט ער אין דעם ביט געזען קיין שום מניעה, ער זאָל גראָד אים, האָמבערגן, אָנפאַר־טרויען די דערציִונג פון זיין זון יוסף, אין וועלכן ער האָט געוואָלט איינפלאַנצן פּיעטעט און ליבע צו דער טראַדיציאָנעלער אמונה און צו די מנהגים פון די אבות...

אין 1782, באַלד נאָך דעם דערשיינען פון יאָזעף דעם צווייטנס „טאָלעראַנץ־עדיקט", האָט האָמבערג פאַרלאָזן מענדעלסאָנס הויז און זיך געלאָזט קיין עסטרייך, האָפנדיק, אַז אים וועט געלינגען צו באַקומען אַ וועלכע ס'איז רעגירונגס־שטעלע. און מענדעלסאָן האָט אים ביים געזעגענען געשענקט זיין בילד מיט דער אויפשריפט: „מיין פריינד, מיין זון, דער צווייטער פאָטער פון מיין זון". נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעוועזן אַ יאָר אַלס לערער אין טריעסט, האָט האָמבערג זיך אומגעקערט קיין ווין, און איז באַלד באַשטימט געוואָרן אַלס אינספּעקטאָר איבער די יידישע „נאָרמאַל־שולען". אין משך פון אַ קורצער צייט האָט ער מיט זיין התנהגות, זיך דערוואָרבן אַלגעמיינע שנאה ביים אָרטאָדאָקסישן יידנטום. אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דאָס טראַדיציאָנעלע יידנטום באַשטייט פון לויטער „פּאָראָורטיילען" און אַז די רעגירונג איז די ליכטיקע טרעגערין פון פּראָגרעס און קולטור [3], האָט האָמבערג גע־האַלטן פאַר נייטיק דורכצופירן די „אויפקלערונג" ביי יידן דורך צוואַנג־

---

1 אין פיל יאָרן אַרום (1817) האָט האָמבערג פאַרעפנטלעכט זיינעם אַ פירוש אויף גאַנץ תורה און אויך אויף ירמיהו און איוב (אונטערן נאָמען „הכורם").

2 זע: געזאַמעלטע שריפטן, 1844, V, 669 און ווייטער.

3 בכדי צו געבן אַ באַגריף וועגן האָמבערגס הורא־פּאַטריאָטיזם, ברענגען מיר אַ פּאָר ציטאַטן אויס זיין לערנבוך „אמרי שפר": המלך אינו נמהר בדבריו ובמעשיו, אבל נועץ תחלה ביועציו וחכמיו, ושוקל עצתם היטב ברוח בינתו העמוקה מאוד (לב מלכים אין חקר!) ואחר גוזר אמ־ וחיק... והנה הכתוב אומר: „לב מלכים ביד ד', אל כל אשר יחפוץ יטנו", ואם כן כל פקודות המלך הן חפץ השם יתברך... חכמת המלך רבה היא עד מאוד, שרצון המלך וחפצו אינו כי אם להטיב ולהועיל לאנשי ארצו, ושמצות המלך היא בעצת ד'... ואין רשאי לחקיר ולדרוש אם טובה היא הפקודה היוצאת מלפני השליט אם לא... כל מדיני נאמן רוח ונקי כפים, בוטח בתום לבבו על צדקת וחסד מלכו, שלא יגזור דבר שאינו טוב ומועיל לאנשי ארצו.. הק־ש ברוך הוא ברצונו הקדוש הוא מושיב מלכים לכסא, והם שליחי ממשלתו לעשית משפט בארץ ולהנהיג לאומים במישרים...

און געוואַלד־מיטלען. אין 1788, אַ פּאָר יאָר נאָכדעם, ווי ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די באַוווּסטע „יידנאָרדנונג״, וואָס האָט אַזוי גרינדלעך רויִנירט די עקאָנאָמישע עקסיסטענץ פון דעם יידישן קיבוץ אין גאַליציע און העכער הונדערט טויזנט יידן געוואָרפן אין תהום פון הונגער און נויט, — האָט האָמבערג פאַרעפנטלעכט אין לעמבערג „אויף אַללערהעכסטע פעראָרדנונג״ אַן אויפרוף צו די רבנים (אגרת אל רועי שה פזורה ישראל) [1]. לויבנדיק ביז אין טאָג אַריין די גרויסע חסדים, וואָס עס טוט מיט יידן דער „אויפגעקלערטער״ קיסר יאָזעף, דערקלערט אַגב האָמבערג, אַז ער ווענדט זיך דערפאַר צו די פירער פונם פאָלק און ניט צום פאָלק גופא, צום „המון״, וואָרעם דער המון באַשטייט דאָך אויס לויטער מענטשן, וואָס טאַפּן אין דער פינסטער און „זיי זיינען ניט ווערט, מען זאָל אויף זיי פּטרן אַפילו אַ מינדסטע רגע. און ס׳האָט שוין דערויף פון לאַנג געזאָגט אַ געוויסער חכם: ווער עס וויל איבערציִיגן נאַראָנים און וויַיס־מאַכן די הויט פון אַ נעגער — דער פּטרט זיין מי אומזיסט״ [2]. און אויך צו די רבנים ווענדעט ער זיך בלויז דערפאַר, ווייל ער איז ביי זיך אַן ענו און ווייל זיי געבן די בחירה, זיי זאָלן קאָנען מיטן גוטן ווילן דערפילן די באַפעלן פונם לייטזעליקן קיסר. וועלן זיי דאָס אָבער ניט טאָן, איז ער זיי פאַראויס מַתרה, אַז ער וועט וועגן ד׳עם גלייך מודיע זיין די שררות, וואָס זיינען קרוב למלכות, און ווי יענע וועלן גוזר זיין, אַזוי וועט עס בלייבן״ [3].

די „רועי ישראל״ האָבן פאַרשטאַנען האָמבערגס „אָנצוהערעניש״, און זיי האָבן געפירט קעגן אים אַן עקשנותדיקן קאַמף, ווי קעגן אַ מסור און „עוכר ישראל״. אין זעקס יאָר אַרום, נאָכדעם ווי האָמבערג האָט זיך איבערצייגט, ווי קליין און נישטיק ס׳איז דער דערפאָלג פון די נייע יידישע נאָרמאַל־שולן, האָט ער זיך געווענדעט צו דער עסטרייכישער רעגירונג מיט אַ „מעמאָריאַל״, ווי אַזוי דורכצופירן אויפן שטרענגסטן אופן די רעליגיעזע רעפאָרם ביי דער יידישער באַפעלקערונג. אין דעם „מעמאָריאַל״ ווערט מיט ירגזון אָנגעוויזן, אַז די יידן צייכענען זיך באַזונדערס אויס מיט אַזעלכע חסרונות, ווי געוואַלדיקע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע גאוה, — דאָס אַלץ מוז אויסגעוואָרצלט ווערן. צווישן די

---

1 פאַרעפנטלעכט אויך אין דעם „המאסף״ (תקמ״ח, 222 — 236).

2 המאסף 1788, 235: אליכם חכמי ישראל ונביני עמי, לא אליהם שמתי דברתי ואינם כדאי לבלות רגע אחר בשבילם, כי כבר אמר החכם: המוכח עם שוטים והרוצה להלבין עור כושי, שניהם טרחתם אבדו.

3 דאָרטן, 236: ואם לא יכונו דבריכם אז אערוך מלים מלבי אשר מצאה נפשי. ואשלחם אל הדרת השרים היושבים ראשונה בשלכת, ואשר יגזורו הם היא יהיה לנו לעינים.

אנדערע נאציאנאל=יידישע חסרונות ווערט באזונדערס אונטערגעשטראכן זייער אויסגעלאסנקייט אין געשלעכטלעכן פארקער („דעם געשלעכטס=טריבע מער ערגעבען אלס קריסטען"). אויף דער רעגירונג ליגט דער חוב אפצוררייניקן דאס יידנטום פון דעם שמוץ, מיט וועלכן עס איז באדעקט. יאזעף דעם צווייטנס מילדע מאסרעגעלן — פארזיכערט האמבערג — האבן זייער ציל ניט דערגרייכט. בכדי צו מאכן א סוף מיט דער יידישער אפגעזונדערטקייט, דארף מען, לויט האמבערגס פעסטער איבערצייגונג, קודם=כל מבטל זיין די גייסטיקע מאכט ־ין די רבנים. דער רבנים=אמט איז ניט נאר איבעריק — ער איז, פארזיכערט האמבערג, שעדלעך. זיי, די רבנים, זיינען עס שולדיק אין דער מאראלישער פארווילדונג פון דער יידישער באפעלקערונג. דאס טוען זיי, די רבנים, אין די תשובה=טעג און אויך שבת און אין די יום=טוב=טעג זיך ווענדן צו גאט מיט דער תפילה, ער זאל זיך נוקם זיין פאר דאס פארגאסענע בלוט פון זיינע געטרייע קנעכט. די פאלקס=פירער דארפן באשטימט ווערן דורך דער רעגירונג. מען דארף פארמאכן אלע ישיבות אין לאנד און לאזן נאר איין העכערע יידישע שול אין פראג; די העברעיִשע שפראך דארף מען אינגאנצן לאזן „אויסער געברויך". די לערער אין דער דאזיקער הויכשול דארפן באשטימט ווערן, לויט האמבערגס פראיעקט, דורך די נארמאל=שול=לערער, ד"ה, דורך האמבערגן און זיינע מיטהעלפער [1], וואס אונטער זייער השגחה דארפן זיך שטענדיק געפינען אלע לערער פון דער הויכשול. מען דארף אויך פארבאטן די יידישע שפראך אין דער שול; עס דארף אויך געשאפן ווערן א ספּעציעלער קאמיטעט, וואס זאל אויפסניי דורכקוקן אלע העברעיִשע און יידישע ביכער, און יעדער אויסדרוק, וואס קאן דערוועקן רעליגיעזן פאנאטיזם אדער אבערגלויבן און פאראורטיילן, דארף גלייך אויסגעמעקט ווערן. האמבערג גופא האט געפונען פאר נייטיק צו קומען צו הילף די צענזארן און רעוויזארן, „דאמיט זיע געגען דיע פיעלען מיט אבערגלויבען אונד פארטיי=גייסט אנגעפילטען יודישען ביכער אמט האנדעלן קעננען", און האט פאר זיי צונויפשטעלט א רייסטער פון יידישע רעליגיעזע ביכער, וואס זיינען לויט זיין מיינונג פול מיט אבערגלויבן און גיפטיקער שנאה צו אנדערע פעלקער. „איבער די יידישע ביכער — דערקלערט דער דאזיקער קריגערישער אינספעקטאר פון די יידישע נארמאל=שולן — זאל איין Auto da fé געמאכט ווערדען!" [2].

1 Die Lehrer dieser Hoher Schule werden von den Normalschullehrern gewählt, unter deren Aufsicht sie stehen.

2 מער באריכות וועגן האמבערגס טעטיקייט זע: די אויפן יסוד פון א־־.

דעם דאזיקן „אויפקלערער" האט עס אויך די יידישע פאלקסמאסע געהאט צו פארדאנקען, וואס אין סוף 18טן י״ה (1795) איז פעסטבא־שטימט געווארן; דער איר אזוי פארהאסטער „ליכטשטייער", בכדי צו דעקן די נייטיקע הוצאות אויף אויסצוהאלטן די נארמאלשולן מיט זייערע לערער.

אין דער קריגערישער טעטיקייט פון הערץ האמבערג אנטפלעקן זיך אמבולטסטן די כאראקטעריסטישע פרטים, וואס האבן זיך אויך שפעטער ניט זעלטן געלאזט באמערקן ביי א געוויסן סארט „אויפקלע־רער": זייערע טענות, אז מען דארף מיט געוואלד אויסבילדן די „פינסטע־רע" מאסע, זייער קנעכטישע התפעלות פאר דער „אויפגעקלערטער רע־גירונג". דאס אלץ האט ניט געשטראמט פון לויטער אידעישע קוואלן, פון ריין „אויפקלערערישע" פרינציפן, נאר איז געווען אין א גאנץ נאָ־ענטער קרבות מיט עכט מאטעריעלע פניות: אויסזיכטן אויף א לע־רער־שטעלע אין די שולן, אדער אויף אנדערע פרנסה־קוואלן. באזארגן די שולן מיט לערנביכער און געהעריקע קאטעכיזיסן, וואס זאלן פריי זיין פון „פאראורטיילן", איז אויך געווען ניט קיין שלעכט נעבן־פארדינסטל. אין דער פון האמבערגן פראיעקטירטער הויכשול האט מען זיך געזאלט באנוצן טאקע מיט האמבערגס רעליגיעז־עטישע לערנביכער און קאטעכי־זיסן: דעם העברעישן „אמרי שפר" (1802) און דעם דייטשן „בני ציון" 1. דאס לעצטע לערנבוך איז געווארן באזונדערס פארהאסט ביי דער יידישער באפעלקערונג אין בעהמען און גאליציע. אין משך פון צענדליקע יארן האט די יידישע יוגנט געליטן פון דער אייגנארטיקער „גזירה", אז דאס רעכט צו גיין אונטער דער חופה האבן חתן־כלה באקומען נאר אונטער דעם תנאי, אויב זיי האבן גוט איינגעחזרט האמבערגס „בני־ציון". נאר דאס גרינדלעכע שטודירן די כללים פון דעם דאזיקן קאטעכיזיס האט געקאנט גאראנטירן, אז דאס יונגע חתונה־פאר איז גוט באהבנט אין די יסודות פון מאראל און רעליגיע... עס דארף דערפאר כלל ניט חידושן, וואס

כיוו־קוועלן געשריבענע ארבעט פון ג. וואלף „דיע פערזוכע צור ערריכטונג איינער ראבינערשולע אין עסטערייך" (צייטשריפט פ. ד. „געשיכטע דער יודען", 1890, V);
מ. באלאבאן ד. ז. אין יאהרבוך פ. יידיש. Herz Homberg i szkoły Josefińskie dla żydów w Galicyi (1906). געשיכטע אונד ליטעראטור, 1916, 189—221; אויך
א. ה. וויס, זכרונותי, 33—36.

1 Bnei Zion, ein religiös. moralisches Lehrbuch für die Judend israelit. Nation (1812) אויך ביים ליכט־שטייער, וואס די רעגירונג האט איינגע־פירט לויט האמבערגס איניציאטיוו, האט דער „אויפקלערער" האמבערג „אפגעלעקט א ביינדל": די יידישע אונטערנעמער, וואס האבן דעם דאזיקן שטייער גענומען אין ארענדע, האבן זיך מתחייב געווען אים צו צאלן צוויי פראצענט פון דער הכנסה.

האָמבערגס נאָמען איז איינגעקריצט געוואָרן אין זכרון פונם פשוטן פאָלק אלס „מסית ומדיח“, און עס צירקולירן אין גאליציע פיל לעגענדעס, וואָס שילדערן דעם פאַרפאַסער פון „בני ציון“ [1] אלס „מומר להכעיס“, וועלכער פלעגט בפרהסיא אויסלאַכן די פון פאָלק פאַרהייליקטע מנהגים.

פון אַן אַנדער שניט איז געווען מענדעלסאָנס צווייטער „תלמיד“ — דוד פרידלענדער. ער האָט ניט באַדאַרפט, ווי האָמבערג, מיט מי זיך דערשלאָגן צו אַ גוט-באַצאָלטער שטעלע. אלס זון פון אַ רייכער קע-ניגסבערגער פאַמיליע און איידעם פון אַ באַוווּסטן בערלינער באַנקיר, איז ער געווען פריי פון דאגות פרנסה. פון נאָך דער חתונה (1771) איז פרידלענדער געוואָרן אַ בערלינער תושב, און דאָרט האָט ער זיך באַפריינדעט מיט מענדעלסאָנען, פלעגט אָפט אים באַגלייטן אין זיינע רייזעס און האָט זיך געהאַלטן פאַר מענדעלסאָנס געטרייען נאָכפאָלגער. נאָך מענ-דעלסאָנס טויט איז פרידלענדער פון אַלעמען אָנערקענט געוואָרן אלס דער הויפט-פירער פון דעם פּראָגרעסיוון יידנטום אין פּרייסן; זיינע מיטאַר-בעטער פון „המאסף“, בעת זיי האָבן נאָך מענדעלסאָנס טויט באַקלאָגט די גרויסע אבידה, האָבן זיי דערביי גלייך אָנגעוויזן אויף „דעם פאַר-שטאָרבענעמס פריינד“ אלס אויף זיין ווערטפולן ממלא מקומו [2].

ווי גרויס איז אָבער געווען דער מהלך צווישן דעם דאָזיקן נייעם יהושע בן נון און זיין פאַרשטאָרבענעם רבין משה. מען מוז, אמת, צוגעבן, אַז צו שטרענג און ניט אינגאַנצן גערעכט איז גרעצס משפט וועגן פרידלענדערן, בעת ער דערקלערט אים אלס „פלאַכקאָפּף“ און אלס „מענדעלסאָנס מאַלפע“. דאָך שטעקט אַ געוויסע איראָניע פון דער געשיכטע אין דעם, וואָס גראָד אַזאַ מענטש ווי פרידלענדער איז פון אַלעמען אָנערקענט געוואָרן אלס מענדעלסאָנס מיטקעמפער און דערפילער פון זיין ווילן און פון זיין גייסטיקער צוואה. פרידלענדער איז געווען פיל מער קויפמאַן איידער ליטעראַט און דענקער. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן איבערצייגטן פרייגייסט און האָט אָנערקענט בלויז איין און איינציקן אויטאָריטעט, פאַר וועלכן ער האָט זיך הכנעהדיק גע-בוקט זיין גאַנץ לעבן — דעם ניכטערן מענטשן-פאַרשטאַנד. „דער גע-זונדע מענשענפערשטאַנד“, „די געזונדע פערנונפט“, „דער געמיינע, גע-ראַדע מענשענזין“ — אָט דאָס איז פרידלענדערס אָפּגאָט, אים טוט ער

---

1 אַן איראָניע פון דער געשיכטע קאָן מען זען אין פאָלג:דיקן פּרט: דחקא אויפן שער-בלאַט פון זיין „בני ציון“ האָט האָמבערג געהאַלטן פאַר נייטיק אָנצוּווייזן, אַז ער איז „איין שילער מענדעלסזאָנס“.

2 איינער פון די נאָענטסטע מאסף-מיטאַרבעטער, יואל לעווע, ווייזט אָן אין דער הקדמה צו זיין „ביאור“ אויף תהלים: ועת כי נר כבודנו, אהה! נכבה ואינו, בחירי עם סגולה נושאים עין לרעו.

שענקען די בעסטע ווערטער, אים דערקלערט ער מיט התלהבות אלס איינציקן אפשאצער פון אלע ווערטן, „אלס דעם אמתן עמוד האש, מיט וועלכן די השגחה האט די מענטשהייט באשאנקען, ער זאל זיין איר פירער איבער דער נאכט פונם לעבן״ [1]. אין דער דאזיקער זעלבסטצופרידענער איבערצייגטקייט האט געשטעקט פרידלענדערס קראפט, אבער אויך זיין איינזייטיקייט און דער שמאלער שטח פון זיין וועלט־באנעם. אין נאמען פונם „געזונטן מענטשן־פארשטאנד״ האט פרידלענדער מוטיק און אומדערמידלעך געקעמפט פאר בירגערלעכע גלייכבארעכטיקונג פון די פרייסישע יידן. ווען ס'האט נאך פרידריך דעם צווייטנס טויט דעם טראן באשטיגן זיין ברודערס זון, פרידריך־ווילהעלם דער צווייטער (1786), האבן די פארשטייער פון דער יידישער קהילה, אדאנק פרידלענדערס איניציאטיוו, דערלאנגט א פעטיציע דעם נייעם קעניג וועגן פארגרינגערן די לאגע פון די יידן אין פרייסן. און טאקע פרידלענדער גופא, וואס איז צוזאמען מיט זיין שווער, דניאל איציג, געשטאנען בראש פון די ספעציעל דערצו אויסגעוויילטע „גענעראל־דעפוטירטע״ — האט באזונדערס אונטערגעשטראכן, שטיצנדיק זיך אויף „די גרונדזעצע דער געזונדען פערנונפט״, אז באם מען וויל אוים די יידן מאכן נוצלעכע ביר[illegible], „איז דאך קלאר ביז גאר״, אז מען דארף קודם־כל אראפנעמען אלע באגרעניצונגען און געבן זיי גלייכע רעכט מיט דער איבעריקער באפעלקערונג [2]. אז די רעגירונג האט אבער בלויז פארשפראכן אומבאדייטנדיקע פארגרינגערונגען, האט פרידלענדער דורכגעפירט, די „גענעראל־דעפוטירטע״ זאלן זיך אינגאנצן אפזאגן פון אזעלכע נישטיקע הנחות [3]. בכדי צו פראפאגאנדירן די אידעע, אז יידן דארפן באקומען גלייכע רעכט מיט דער איבעריקער באפעלקערונג, האט פרידלענדער פארעפנטלעכט אין „בערלינער מאנאטסשריפט״ (1791) דעם ענטפער, וואס די לאטארינגישע יידן האבן געשיקט דער „נאציאנאל־פארזאמלונג״. אויך איז דורך פרידלענדערן צונויפגעזאמלט געווארן דער גאנצער מאטעריאל פאר דער אין בערלין דערשינענער (1789) „זאמלונג דער שריפטען אן דיע נאציאנאל־פערזאמלונג, דיע יודען אונד איהרע בירגערליכע פערהעלטניסע בעטרע־

---

1 Aktenstücke, 4: Die gesunde Vernunft, diese wahre Feuersäule, welche die Vorsehung dem Menschen zu Führerin durch die Nacht dieses Lebens beschieden.

2 זע פרידלענדערס „אקטען־שטיקע, 1793, 27—28; ד. ז. איבער די פערבעסערונג דער איזראעליטען אים קעניגרייך פאלען, 49.

3 אלע דערצו געהעריקע דאקומענטן האט פרידלענדער פארעפנטלעכט אין 1793 אין זיינע „אקטען־שטיקע צור רעפארם דער יידישען קאלאניען״.

פענד״: מיט עקשנות קעמפנדיק פאַר דער עמאַנסיפּאַציע פון זיינע מיט־ברידער, האָט פרידלענדער צו דער זעלבער צייט שטאַרק אַגיטירט אין דער יידישער סביבה פאַר רעליגיעזע רעפאָרמען לויט „דעם גייסט פון דער צייט״; און דאָ ערשט אַנטפּלעקט זיך אַמבולטסטן די גאַנצע איינזייטיקייט פון זיין וועלט־באַנעם. אַ הייסער אָנהענגער פון די ראַציאָנאַליסטישע אידעען פון יענער צייט, האָט פרידלענדער געזען אין די טויזנט־יאָריקע טראַדיציעס און דעם רעליגיעזן קולט ניט מער ווי אַ „טוימעלבעכער (אַ באַשיפורנדיקן בעכער) דער מיסטיק״ און אַן אָפּגעלעבטן אָנדענק פון די אַמאָליקע דורות, וואָס דאַרף ביי איצטיקע צייטן באַטראַכט ווערן אַלס שעדלעכער און שטערנדיקער באַלאַסט פאַר דער געלייטערטער דעיִסטישער רעליגיע און פאַר אירע מאָראַלישע יסודות [1].

די גרונד־סיבה פון אַלע יידישע צרות זעט פרידלענדער אין די „ריטואַל־ אונד צערעמאָניע־געזעטצע״, וואָס באַלעסטיקן ממש דאָס לעבן, זיינען אין פולער סתירה מיטן שכל הישר און זיינען ניט מער ווי „אויס־געבורטען איינעס פערבראַנטען געהירנס״ (אַ געבורט פון אַ היציק־קראַנקן געהירן). פרידלענדער איז דערפאַר אַנטשיידן קעגן דעם נאָמען „יידן״. מיר דאַרפן, — פאַרזיכערט ער, — הייסן „דעיִסטן״, „מאָזאַיִסטן״ אָדער „איזראַעליטן״ [2], ווייל דער „יודאַיִזם שטעלט דאָך דעם טראָפּ אויף „צערעמאָניאַלגעזעצע״, וואָס זיינען, פאַרשטייט זיך, אין דער באַלייכטונג פון היינטיקער אויפגעקלערטער צייט „לעכערלעך און זינלאָז״ [3] און אין דעם דאָזיקן „לעכערלעכן אומזין״, פאַרזיכערט פרידלענדער, זיינען שולדיק רק דער תלמוד און די רבנים. „נור כאָן תלמוד אונד דען שפּעטערן ראַבבינערן, — דערקלערט פרידלענדער, — איסט דיזער אונזין איבער אונז געקאָממען״! ביי פרידלענדערן איז אויסער ספק, אַז אין אַלע „תלמודישע פאָרשריפטען״ — קיין פערנינפטיגער זינן אונטערליעגט״. דער רמב״ם איז דערפאַר פאַר פרידלענדערן אַן אמת רעטעניש. ער קען עס גאָר ניט משיג זיין, ווי קאָן עס געמאָלט זיין, אַז אַזאַ ראַציאָנאַליסט און פריידענקער, ווי דער באַשעפער פונם „מורה נבוכים״, זאָל גאָר זיין

---

1 באַזונדערס טיפּיש אין דער הינזיכט זיינען פרידלענדערס בריוו צו מאיר אייגער, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט אין צייטשריפט פ. ד. געשיכטע דער יודען, I, 258—272. די דאָזיקע בריוו זיינען אינטערעסאַנט ניט בלויז צי דער כאַראַקטעריסטיק פון זייער פאַרפאַסער, נאָר אויך פון דער גאַנצער דעמאָלטיקער תקופה.

2 דערפאַר טאַקע טראָגט פרידלענדערס מעמאָראַנדום וועגן דער פאַרבעסערונג פון דער יידישער לאַגע אין פוילן דעם טיטול: „איבער די פערבעסערונג דער איזראַעליטען אין קעניגרייך פּאָלען״.

3 דאָרטן, 41.

א קאַדיפיקאַטאָר פון „צערעמאָניאַל־ אונד ריטואַל־געזעצע״, וואָס זיינען דאָך כידוע סותר די „געזונדע פערנונפט״, און זאָל דערביי אַזוי ערנסט אויספאָרשן די סברות און החלטות פון די בעלי התלמוד, וואָס זיינען דאָך איבערפולט מיט דער שעדלעכסטער מיסטיק [1]. אין דעם גרויסן באַשעפער פון דעם פילאָזאָפישן „מורה נבוכים״ דערזעט פרידלענדער מיט שרעק די אים פאַרהאַסטע געשטאַלט פון א רבני, דערקענט אין אים דעם טרעגער פון דעם אינסטיטוט, וואָס „אונטער זיין טיראַניי זיפצן, נעבעך, די יידן אויף אן אומגלויבלעכן אופן״ [2]. ווי האַמבערג, אַזוי איז אויך פרידלענדער פעסט איבערצייגט, אַז די רבנים איז שוין ניט מעג־לעך אויסצובעסערן; מען דאַרף דערפאַר זען, וואָס גיכער זיך צו באַ־פרייען פון זייער שווערן יאָך. און ער פלייסט זיך באַזונדערס איבער־צוציינגן די קריסטלעכע געזעלשאַפט, אַז יענע האָט א גרויסן טעות, בעת זי מיינט, אַז די רבנים שפילן אינם יידישן לעבן די זעלבע ראָלע פון גייסטלעכע פאָרשטייער, ווי גלחים און פאַסטאָרן ביי די קריסטן. די רבנים, — פאַרזיכערט פרידלענדער, — זיינען בלויז בקיאים אין די פאַר־פלאָנטערטע יידישע צערעמאָניאַלגעזעצן, — ווענדט מען זיך דערפאַר צו זיי ספּעציעל מיט שאלות בנוגע איסור והיתר אָדער כשר און טריף [3]. פרידלענדערס שנאה צו די רבנים דערגייט אַזוי ווייט, אַז ער וויל זיך אַפילו ניט רעכענען מיט באַקאַנטע היסטאָרישע פאַקטן, און בעת ער באַרירט, א שטייגער [4], די פּראַגע וועגן די באַציונגען צווישן די רבנים און די קהלות, טוט ער דרייסט פאַרזיכערן: „איבערהויפּט האבען גע־מיינדען מיט איינאַנדער ניע * אין פערבינדונג געשטאַנדען״. מען דאַרף אומבאַדינגט, — דערקלערט פרידלענדער — זיך אומקערן צו „דען ריי־נען קוועלען דער הייליגען רעליגיאָן״; מען דאַרף באַפרייען די יידישע אמונה פון דער גראָבער תלמודיש־רבנישער שאַלעכטס און צוריקקערן צו דער ריינער רעליגיע פון משה רבנו, דעם תהלים־זינגער דוד המלך און די נביאים, וואָס איז, לויט פרידלענדערס פעסטער איבערצייגונג, געבויט אויף די יסודות פון געזונטן ראַציאָנאַליזם און ריינעם דעיִזם.

פרידלענדער געפינט אויך, אַז דריי פערטל פון די תפילות, וואָס יידן זיינען מתפלל אין שול, זענען „פאָלער גאָטעסלעסטערונג אונד אבגע־

---

1 זע פרידלענדערס בריוו צו מאיר אייגער, ציט. ח. I, 269—270.

2 אַקטען־שטיקע, 19: Seufzen die Juden unter der Tyrannay ihres Rabbiners auf eine unglaubliche weise.

3 איבער די פערבעסערונג אאז״וו, 28—34; אַקטען־שטיקע, 24.

4 דאָרטן, XXXII.

* געשפּרייצט דורך פרידלענדער גופא.

טעריי" [1]. בשעת דעם גאָטעסדינסט דאַרף זיין וואָס ניייניקער פּאָמפּע, אָן בלענדנדיקע באַפּוצונגען, וואָס ווירקן בלויז אויף דעם מענטשנס גע־פילן, — אַלץ דאַרף זיין אויסגערעכנט דעם מוח צו דערלייכטן און דאָס האַרץ צו דערוואַרעמען [2]. די פּרעדיקער דאַרפן ריידן קלאָר און לייכט־פאַרשטענדלעך, אָן משלים און מעטאַפאָרן און — „דער עיקר, וואָס ווייטער אויסמיידן מיסטיק און טרוימערייען" [3].

בעת פרידלענדער האָט זיך איבערציייגט, אַז די פּרייסישע רעגירונג וויל ניט אין איר גרויס עקשנות זיך צוהערן צו דער שטימע פון דעם „געזונטן מענטשנפאַרשטאַנד" און די פּרייסישע יידן האָבן ניט וואָס צו האָפן אויף באַלדיקע עמאַנציפּאַציע, — האָט ער מיט נאָך עטלעכע זיינע אָנהענגער זיך געווענדעט (1799) צום הויפּט פון דעם בערלינער קאָנסי־סטאָריום, טעללער, מיט אַ „זענדשרייבען" [4], וואָס איז ביז גאָר כאַראַק־טעריסטיש פאַר דעם וועלטבאַנעם פון באַשטימטע פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן פון יענער תקופה. עס איז אויסער ספק, אַז דער פאַרפאַסער, אויך דער איניציאַטאָר פון דעם דאָזיקן „זענדשרייבען" איז געווען פריד־לענדער גופא, און ניט אומזיסט פאַררופט ער זיך אויף אים אַזוי אָפט אין זיין אויבנציטירטער ארבעט „איבער די פערבעסערונג אאַז"וו". אין טרוקן־רעזאָנערישן סטיל חזרט דאָרט פרידלענדער ווידער אַמאָל איבער זיינע אָנפאַלן אויף די „צערעמאָניאַלגעזעצע", אין וועלכע ער זעט די הויפּט־סיבה פון אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע יידישע צרות. אין פולן קעגנזאַץ צום „מיסטישן בוך" — דעם תלמוד, שטעלט פרידלענדער אַרויס די רעליגיע „פון דער פאַרנונפט" מיט אירע הויפּט־דאָגמען: „עס גיבט איינען גאָטט, עס גיבט איינע זעעלע אונד די מענשען זינד דאַצו, אום גליק־ליך צו ווערדען". פרידלענדער און זיינע מיטהעלפער זיינען געווען טיכ־טיקע סוחרים און באַנקירן, האָבן זיי זייער גוט געהאַלטן פון דעם כלל,

---

1 ציימשריפט פ. ד. געש. דער יודען, I, 259 אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז מתפלל דאַרף מען זיין אויף דער "לאַנדעסשפּראַכע", האָט פרידלענ־דער איבערזעצט די יידישע תפילות אויף דייטש (געבעטע דער יודען אויף דאָס גאַנצע יאהר, 1786) און געדרוקט זיי מיט יידישע אותיות. דער טרוקן־ראַציאָנאַליסטישער פרידלענדער, אָן דעם מינדסטן פּאָעטישן פונק, האָט זייער חייניק געפּאַסט צו דער דאָזיקער ארבעט. זיין איבערזעצונג איז בלאַס און פאַרבלאָזט. אין דעם זעלבן יאָר איז אין קעניגסבערג דערשינען יצחק אייכלס דייטשע סידור־איבערזעצונג. („געבעטע פיר דייטשע אונד פּאָלנישע יודן אויס דעם העברעישן איבערזעצט").

2 איבער די פערבעסערונג, L.

3 דאָרטן, LI.

4 Sendschreiben an Teller von einigen Hausvätern jüdischer Religion.

וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט אין דעם „זענדשרייבען״: „עס איסט איינע אונ׳ערלעססליכע פפליכט איינעס יעדען מענשען זיינען וואָהלשטאַנד צו בעפערדערן״ [1]; ווענדן זיי זיך דערפאַר צו טעללערן מיט אַזאַ פאָר־שלאָג: זיי, ווי אויך אַנדערע, וואָס זיינען מיט זיי אין דעה, זיינען מוכן ומזומן אָנצונעמען קריסטלעכן גלויבן, נאָר בתנאי, כּ׳מען זאָל זיי באַפרייען פון דערפילן געוויסע ריטועלע מנהגים, אויך זאָל זיי זיין דערלויבט ניט אָנצוערקענען די געטלעכע אָפּשטאַמונג פון קריסטוסן, אָדער מען זאָל זיי וויניקסטנס דערלויבן אויסצוטייטשן די קריסטלעכע דאָגמען לויט זייער אייגענעם פאַרשטאַנד.

טעללער איז אָבער ניט געווען נתפעל פון פרידלענדערס „פערנונפט־רעליגיאָן״; ער איז געווען אַ פשוטער פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר, ניט קיין ראַציאָנאַליסטישער „אויפקלערער״, — האָט ער דעם גאַנצן פאָר־שלאָג אָנטשיידן אָפּגעוואָרפן. זיין ענטפער איז געווען: זאָלן די פאָר־פאַסער פון דעם „זענדשרייבען״ אויף ווייטער בלייבן דאָרט, ווו זיי זיינען ביז איצט געווען; דאָס קריסטנטום נייטיקט זיך ניט אין אַזעלכע „גרים״. ער געפינט ניט פאַר מעגלעך צו דינגען זיך אין רעליגיעזע פראַגן און ער קאָן ניט מותּר זיין אויף קיין איין איינציקע קריסטלעכע דאָגמע. אויב זיי האָבן זיך אַנטשלאָסן — זאָלן זיי אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן אין זיין פולן פאַרנעם אָן וועלכע ס׳איז הנחות. צי וועט דערמאָלט די רעגירונג געפינען, אַז זיי זיינען ראוי, מען זאָל זיי באַשענקען מיט גלייכבאַרעכטיקונג, — דאָס איז אויסער זיין קאָמפּעטענץ, אין דעם האָט צו באַשליסן בלויז די רעגירונג אַליין.

דאָס „זענדשרייבען״ האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע. אין משך פון איין יאָר זיינען דערשינען די צענדליקער פּאַמפלעטן [2], עס איז אפילו געשריבן געוואָרן (1800) אַ ספּעציעלער ראָמאַן „שאַרלאָטע סאַמפּסאָן״, ווו עס ווערן באַהאַנדלט די פראַגן, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אין דעם „זענדשרייבען״ [3].

דער איינזייטיקער, אָבער פּרינציפּיעלער פרידלענדער, וועלכער האָט אַזוי שטאָלצירט מיט די „ראַציאָנאַליסטישע״ יסודות פון תורת משה, האָט ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך איבערצוגיין צום קריסטנטום, וואָס איז אַזוי ניט פריי פון „מיסטיק״; זיין גאַנץ לעבן איז ער געטריי געבליבן

---

1 עס איז אַ באַשטימטער חוב פון יעדן מענטשן, ער זאָל וואָס מער זיין וואוילשטאַנד פאַרבעסערן.

2 זע צייטשר. פ. דיע געשיכטע דער יודען, IV, 57—64.

3 דאָרטן, III, 224—225, הערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון דעם דאָזיקן ראָמאַן.

די פּריציפּן פון דעם „אויפקלערערישן ראַציאָנאַליזם", און מיט אומדערמידלעכער ענערגיע געקעמפט פאַר די בירגערלעכע רעכט פונם פּרייסישן יידנטום. ווען ס׳איז ענדלעך אין 1812 דערשינען דער לאַנג־דערוואַרטער עדיקט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט פרידלענדער גלייך אַרויסגעלאָזט אַן אַנאָנימע בראָשור, וואָס קאָן באַטראַכט ווערן אַלס ערשטער מאָדערנער מאַניפעסט וועגן רעליגיעזער רעפאָרם ביי יידן. אין דער דאָזיקער בראָשור, וואָס פרידלענדער האָט צעשיקט אויך פיל אָנגעזעענע באַאַמטע, טרעט דער פאַרפאַסער באַזונדערס אַרויס קעגן וועלכע ס׳איז משיחישע האָפענונגען און אויך קעגן דעם, מען זאָל אין דער שול דאַוונען אויף העברעיִש. „פריִער — שרייבט פרידלענדער — בעת מען האָט אויף יידן געקוקט, ווי אויף פרעמדע, האָבן די יידן געזען אין ארץ ישראל זייער פאָטערלאַנד און האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען עס וועט קומען א סוף צו זייער גלות און זיי וועלן צוריקקערן אין זייער לאַנד. איצט אָבער האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט; די יידן האָבן ניט קיין אַנדער היים, אויסער דעם לאַנד, וואָס האָט זיי אָנערקענט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. די פּרייסישע יידן ליבן זייער פאָטערלאַנד און די דייטשע שפּראַך — איז זייער מוטערשפּראַך; נאָר אויף איר ווילן זיי מתפלל זיין; זיי ברויכן ניט קיין אַנדער שפּראַך".

ס׳איז דערפאַר לייכט באַגרייפלעך, אַז פרידלענדער האָט זיך געמוזט פאַרהאַלטן מיט גרויס שנאה און ביטול צו דעם „יידיש־טייטש". אין זיין „זענדשרייבען אַן מיינע מיטברידער", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אַלס ביילאַגע צו דעם „המאסף" תקמ״ח, ווייזט פרידלענדער אָן: „געזונדע פערנונפט, ערפאַהרונג אונד פאַרציגליך דאָס ביישפּיל אונזרר איטאַליענישן אונד פּאָרטוגעזישן מיטברידר לעהרטן, דאָש דער ערשטע שריטט צור פערבעסערונג דער ערציהונג דורך איינפיהרונג איינר ריכטיגן אונד דייטליכען שפּראַכע געשעהן מוז. דיס זייא די ערשטע נאָטווענדיגע בדינגונג, אָהנע וועלכע אַללי אַנדרע פרבעסרונג פרגעבנס זיין, אונד ניכט שטאַטט האבן דירפטע. דאס אונטר אונס איבליכע יודיש־דייטש, איינע רעגללאָזע, פערשטימלטע אונד אויסר אונזרן קרייזע אונפרשטנדליכע שפּראַכע, מיסטי גאַנץ אַפּגעשאַפט... ווערדן... ווען דאָס קינד, וויא יעדר מאַן איינגשטעהן ווירד, אין דער זאָגענאַנטן יודיש־דייטשן שפּראַכע קיינע ריכטיגע בגריפע פאָן אירגנד איינם דינגע אין דער וועלט ערלאַנגן קאַן, וויא זאָל עס דען אים רייפרן אַלטר נאָך ריכטיגן גרונדזעצן האַנדעלן?"

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווי פרידלענדער איז געשטאַנען געטריי אויף זיין פּאָסטן, ער האָט ניט „אויסגעביטן דאָס רענדל“, און האָט מוטיק געקעמפט פאַר די רעכט פון זיינע ברידער. ניט אַלע זיינען אָבער געווען אַזוי פּרינציפּיעל, ווי פרידלענדער. נאָך דעם ווי ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז אויף דער פּעטיציע, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן פרידריך דעם צווייטנס טראָנפאָלגער וועגן פאַרלייכטערן די לאַגע פון די יידן אין פּריסן, איז ניטאָ וואָס צו האָפן, — האָבן פיל געבילדעטע און האַלב געבילדעטע יידן אין בערלין, ברעסלוי, קעניגסבערג און אין אַנדערע פּריי־סישע שטעט געפונען אַן אַנדער וועג, וואָס קאָן פירן צו גלייכבאַרעכטי־קונג. צי איז דען כּדאַי, אַז „אויפגעקלערטע“ און היינטוועלטיקע מענטשן זאָלן זיך נאָך רעכענען מיט די „פאַראורטיילן“ פון זייערע אבות? צי לוינט עס צו שמאַכטן אין שאַנד פון קנעכטשאַפט צוליב דער „אָבער־גלויבערישער“ ירושה פון דעם אָפּגעשטאַנענעם און פינסטערן עבר? די ראַציאָנאַליסטישע יסודות פון אַלע אמונות זיינען דאָך איינע און די זעלבע — און דער לאָגישער אויספיר איז געווען קלאָר און זעלבסטפאַר־שטענדלעך. די יידישע „אויפגעקלערטע ראַציאָנאַליסטן“ האָבן אין די טויזנטער געפונען די אַזוי געגאַרטע גלייכבאַרעכטיקונג אינם שוים פון דעם קריסטנטום. און פרידלענדער גופא, דער פאַנאַטישער פונם „ניכ־טערנעם שכל הישר“, איז געווען שטאַרק באַטריבט, בעת ער האָט דער־זען, וואָסערע פאַרכען די אויפקלערונגס־באַוועגונג האָט אָנגענומען אין די פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן. ער קלאָגט זיך אויף די „מיסברויכע דער אויפקלערונג אונד קולטור“, אויף דעם לייכטזיניקן געיעג נאָך ניש־טיקן אין וועלטלאַן גלאַנץ און נאָך ריין קערפּערלעכע וואָלטאָגן ¹. און אין זיין בריוו צום מיניסטער האַרדענבערג (1811) רעדט ער וועגן דער שמד־עפּידעמיע ווי וועגן אַ „גרויסער כאַראַלישער זינד“ ².

עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז די אַלע, וואָס האָבן געפּעלשט אין דער אמונה פון זייערע אבות, זיינען דערמיט אויסן געווען רק מאַטעריעלע חשבונות. די שמד־עפּידעמיע, וואָס איז צום סוף פונם 18טן י״ה אַזוי געוואַלדיק געשטיגן אין די בורזשואַזע און געבילדעטע יידישע קרייזן, איז געווען אַ באַדייטנדיק קאָמפּליצירטערע דערשיינונג, ווי דאָס שטעלן פאַר אייניקע פון אונזערע קולטור־פאַרשער. באַזונדערס מוז דאָס באַטאָנט ווערן בנוגע צו דער ווייבלעכער העלפט פון דער דעמאָלטיקער יידישער יוגנט אין די גרעסערע פּרייסישע

---

1 אַקסטן־שטיקע, 36.

2 צייטשריפט פ. די׳ געשיכטע דער יודען, III, 232—233.

שטעט. „צווישן די פרויען און מענער — שרייבט לודוויג גייגער, — וואס האבן געשפילט אן אנגעזעענע ראלע אין דער בערלינער געזעלשאפט פונם 18טן י"ה, באמערקט זיך א גאנץ וויכטיקער אונטערשייד: די פרויען האבן מיט זייער גאנץ טאן און טראכטן באצוועקט די הערצער צו דערלייכטן, די מענער אבער האבן געשטרעבט צום ענדגילטיקן נצחון פונם שכל". ביי די יידישע יונגע לייט, וואס זיינען דערצויגן געווארן אויף פלפול און שכלריקע המצאות, האבן שטארק אויסגענומען די ראציאנאליסטישע אידעען פון די „אויפקלערער"; די יידישע אינטעליגענטע פרויען זיינען אבער כמער נוטה געווען צו ריין עמאציאנעלע שטרעבונגען און צום טרוימעריש ראמאנטיזם. די יידישע נאציאנאלע קולטור האט זיי אבער אין דער הינזיכט גארנישט געקאנט געבן, פשוט דערפאר, ווייל זיי, די פרויען פון די יידישע „סאלאנען", האבן וועגן איר קיין באגריף נים געהאט. זייערע באבעס און עלטער-באבעס האבן, ווי גליקעל האמעלן, באדייכערט זייער גייסטיקע וועלט אדאנק דער פאלקס-ליטעראטור; אויס די אלטע יידישע מוסר-ספרים און מעשה-ביכער האבן זיי מיט א ברייטער האנט געשעפט שפייז פאר זייערע ליבעפולע הערצער. דארט האבן זיי זיך באקאנט מיט די אוצרות פון דער נאציאנאלער קולטור, מיט דער מאראל-לערע פון דעם יידנטום, מיט דער רייכער פילפארביקער וועלט פון לעגענדעס און מסורות. די אויפגעקלערטע טעכטער פון די רייכע יידישע סוחרים און באנקירן האבן שוין אבער געזען אין דעם יידנטום בלויז א פארגליווערט-איינטאניקן ריטועלן קולט, וואס האט גאר נישט געזאגט מער זייער פאנטאזיע און הארץ. מענדעלסזאנס טעכטער, א שטייגער, וועלכע האבן פון זייער פאטער געירשנט א פילנדיק און טיף-גלויביק הארץ, האבן אלס לערער געהאט דעם ניכטער-טרוקענעם און פארביסענעם האמבערג, וואס האט ניט ווייניקער, ווי פרידלענדער, פיינט געהאט אלץ, וואס האט נאר געהאט א וועלכע ס'איז קרבות מיט „מיסטיק". און אט האבן אזעלכע באגאבטע פרויען, וואס זיינען אויפגעוואקסן אין די שטרענגע אלטפרענקישע טראדיציעס פון דער יידישער פאמיליע, פארנומען אדאנק זייער שיינקייט, גייסטרייכן פארשטאנד און הויכער בילדונג די אנפירנדיקע ראלן אין די לויט דעם פראנצויזישן מוסטער איינגעארדנטע סאלאנען. אדאנק זיי זיינען די דאזיקע סאלאנען געווארן דער זאמלפונקט, וואס פלעגט צו זיך צוציען די קאריפעען פון ליטעראטור און וויסן. צי דארף עס דען חידוש, וואס די דאזיקע סאלאן-קיניגינען האבן זיך אפגעווענדעט פון דעם יידנטום, ווי פון עפעס אלטפרענקיש, איינטאניק-פארגליווערטן, וואס טוט מיט זיין מרה-שחורה פארטונקלען דעם גלאנץ און די לוסט פונם לעבן? אפילו רחל

לעווין, די דאָזיקע וואָנדערבאַרע און טיפֿע פּרוי, אויך זי האָט אויף איר טויט־געלעגער אָנערקענט, אַז איר יידישע אָפּשטאַמונג „האָט בײַ איר אין משך פֿון לאַנגע יאָרן געגאָלטן אַלס דאָס גרעסטע אומגליק, די טיפֿסטע שאַנד און די שמאַרציקסטע ליידן״.

די אויפֿגעקלערטע מענער האָבן מיט ביטול געקוקט אויף דעם יידנטום אין נאָמען פֿון דעם „אַליינהערשנדיקן שכל״, די פֿרויען — אין נאָמען פֿון געפֿיל און שיינקייט. די מענער האָבן זיך געבוקט פֿאַר דעם אויטאָריטעט פֿון וואָלטער, דער צאָפּגאָט בײַ די פֿרויען איז געווען רוססאָ 1 און די ראָמאַנטיקער. בײַ די מענער האָבן באַזונדערס אויסגענומען די לאָגיש־קלאָרע און „שכלדיקע״ אידעען פֿון די פֿראַנצויזישע אויפֿקלערער־ראַציאָנאַליסטן; עס איז אָבער אויסער ספֿק, אַז ניט דער גאַליקער סאַרקאַזם פֿון וואָלטער, ניט מאָנטעסקיעס קאַלטע לאָגיק און ניט דער אַטעיִזם פֿון האָלבאַך און די אַנדערע מאַטעריאַליסטן האָט געקאָנט ווערן דער „אני־מאמין״ פֿון דעם טיף־פֿילנדיקן און גלויביקן פֿרויען־האַרץ. זיין הייליקטום איז געוואָרן די דונערדיקע, פֿײַערדיק־פּאַטעטישע פּרעדיקט פֿון דעם שטורמיש־אומגעצוימטן זשאַן־זשאַק רוססאָ. ווי דער בלינדער גבור שמשון בן מנוח, האָט דערשיטערט די זיילן פֿון דעם פֿאַרהאַסטן שונאים־טעמפּל, אַזוי האָט דער דאָזיקער דורך שנאה געבלענדעטער גאָונישער מאַניאַק געוואָלט צעשטערן די זיילן פֿון דער אָפּגעלעבטער פֿעאָדאַלישער וועלט, צעשטערן ניט דערפֿאַר, וואָס די דאָזיקע וועלט געפֿינט זיך אין סתירה מיט די פֿאָדערונגען פֿון דער „געזונטער פֿאַרנונפֿט״, נאָר ווייל זי ברענגט מיט איר פֿאַלשקייט און נידערטראַכט צו מאָראַלישער פֿאַר־ווילדונג; דאָס איז געווען אַ פּראָטעסט ניט אין נאָמען פֿון שכל, נאָר אין נאָמען פֿון דעם באַליידיקטן געוויסן. דער טרעגער פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט איז ניט דער מענטש מיטן געשליפֿענעם שכל, נאָר דער מענטש פֿון דער ע ר ד, וואָס שטייט אָמנאָענטסטן צו דער נ א ט ו ר, און אַדאַנק זיין נאַטירלעכקייט און פּשטות האָט ער נאָך אויפֿגעהיט אונטער דעם אויבערשטן פֿאַרגרעבטן לבוש די גוטסקייט און אָפֿנהאַר־ציקייט פֿון די אורשפּרינגלעכע אינסטינקטן.

מען דאַרף צבער דערבײַ ניט פֿאַרגעסן, אַז ווי די אידעען פֿון די ראַציאָנאַליסטן, אַזוי האָבן אויך רוססאָס אידעען אויף די ברעגן פֿון דער שפּרעע זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופֿן. נישט דער סאָ־ציאַל־רעוואָלוציאָנערער תוך פֿון רוססאָס לערע, נישט זיין פּראָטעסט קעגן

1 ס׳איז כּ׳אי צנצווייזן, אַז־היינעס מוטער איז אויך געווען אַ הייסע אָנ־הענגערין פֿון רוססאָ, און דאָס באַליבטסטע בוך איז בײַ איר געווען רוססאָ׳ס „עמיל״.

סאציאלער אומגלייכהייט האט פאראינטערעסירט די דייטשע פראגרעסיווע קרייזן, נאך דער הומאנער גייסט פון דער דאזיקער לערע, וואס האט געפונען אזא לעבעדיקן אפקלאנג אין די ווערק פון שילער, הערדער און אנדערע. „רוססא — רופט פאטעטיש אויס דער יונגער שילער — האט אין דעם קריסט געזוכט דעם מענטשן“ [1]. אבער פאקטיש געזוכט ניט דעם רעאלן, ליידנדיקן און קעמפנדיקן מענטשן, נייערט דעם זיסלעך־סענטימענטאלן, דעם העלד פון פאסטאראלן און גערטנער־אידיליעם, וואס זיינען אנגעזעטיקט מיט דער געווירצטער אטמאספער פון „צארטע הערצער“ און „שיינע גייסטער“, מיט וועלכע עס האבן ממש געווימלט די דעמאלטיקע „סאלאנען“, ווו עס האבן, ווי מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, געשפילט אזא אנגעזעענע ראלע די געבילדעטע און פראכטפולע יונגע יידישע טעכטער. רוססאס לערע, אז די גאלדענע תקופה, דעם גן־עדן פאר די מענטשן־קינדער, דארף מען זוכן ביי די לאנג־פארגאנגענע קדמונישע דורות, האט זייער געשטארקט דעם אינטערעס צו די פארחלומטע ראמאנטישע שטרעמונגען...

אין קעגנזאץ צו די אויפקלערער־ראציאנאליסטן, וואס האבן זיך געוואלט רעכענען בלויז מיט דעם, וואס איז קלאר און בולט, און האבן אנערקענט נאר דאס, וואס געפינט זיך אין פולן הסכם מיטן ניכטערן שכל, — זיינען ארויסגעטראטן די ראמאנטיקער, וואס האבן באזונדערס געשטעלט דעם טראפ אויף דעם גרויסן ווערט פון מיסטישע איבערלעבונגען אויפן געביט פון מאראל און דערקענונג. די ראציאנאליסטן האבן געשטרעבט אפצוווארפן אלץ, וואס איז פארבונדן מיט אנטראפאמארפיזם, אין די ראמאנטיקער אבער איז געוועזן וואך דאס לעבעדיקע געפיל — דערקענען דאס אומענדלעכע אינם ענדלעכן און באגרעניצטן. פאר זייערע פארכישופטע בליקן האט זיך דער גאנצער וועלטאל, די גאנצע נאטור אנטפלעקט אין א געטלעכן מאנטל. אלץ אין דער וועלט, אלץ וואס איז נאענט און טייער — איז הייליק און געטלעך. „דער מענטש איז צו גליק געבארן“; דער דורשט נאך גליק ווערט אבער לויט דעם וועלט־באנעם פון די ראמאנטיקער געשטילט ניט דורך וויסנשאפטלעכן פארשן, נייערט דורך אויפנעמען און דורכלעבן די גאנצע שפע פון זיין. די ראמאנטיקער האבן אנגעווארן דעם גלויבן אינם שכל, אלס דעם איינציקן מורה־דרך איבער די לאבירינטן פונם לעבן, — זיי זיינען געקומען צום אויספיר, אז בלויז מיטן שכל אליין איז אוממעגלעך צו דערקענען די וועלט אין איר פולן פארנעם; האבן זיי געזוכט דער-

---

Rousseau — der aus Christen Menschen wirbt. 1

פאר נייע וועגן, געזוכט איבעראל, וווהין עס האט זיי געפירט דאס אויפגעוואכטע און פיין אנטוויקלטע געפיל. מיטן געפיל, ניט מיטן שכל, — לערנען די ראמאנטיקער, — נעמען מיר אויף די געטלעכקייט פון דער וועלט, וואס רינגלט אונז ארום. אין פולן קעגנזאץ צו די ראציאנאליסטן, וואס האבן אין יעדער רעליגיע געזען קודם־כל — אבערגלויבן, האבן די ראמאנטיקער אין דער פערזאן פון זייער באגאבטן טעארעטיקער, אויגוסט שלעגעל, דערקלערט, אז רעליגיע איז בכלל פריי פון וועלכן ס׳איז אבערגלויבן: יעדע רעליגיעזע פארשטעלונג איז וואראפטיק, ווייל זי טוט זיך דאך שטיצן אויף אמתע איבערלעבונגען 1.

די געשיכטספארשער פונם ראמאנטיזם טוען אפט אונטערשטרייכן די אויסשליסלעכע ראלע, וואס די פרויען האבן געשפילט אין דער ראמאנטישער קולטור. און ניט די לעצטע ראלע האבן צווישן די דאזיקע פרויען געשפילט יידישע טעכטער, ווי הענריעטע הערץ, דאראטעא מענדעלסזאן.

און טאקע הענריעטע הערץ דערציילט אין אירע ערינערונגען, וואסערע הייסע וויכוחים עס פלעגן פארקומען צווישן איר און איר מאן, דעם באוווסטן „אויפקלערער״ מארקוס הערץ, מכוח דעם באדייט פון דער ראמאנטישער ליטעראטור. מארקוס הערץ, א בארימטער ארצט און נאטור־וויסנשאפטלער, קאנטס א באגאבטער תלמיד און א הייסער פארערער פון דעם בעל „מורה נבוכים״ 2 — איז געווען פעסט איבערצייגט, אז „נאר אין וויסן איז דעם מענטשנס גליק״, און „אן די חכמה

---

1 איג. וו. שלעגעל „פארלעזונגען איבער שיינע ליטעראטור און קונסט״, I, 332—333. (מיר ציטירן לויט זשירמונסקי: Нѣмецкiй романтизм 1914, 160).

2 אין זיין אויפגדערמאנטער ארבעט „איבער די פריע בעערדיגונג דער יודען״ שענקט הערץ דעם רמב״ם אזעלכע פאנעגירישע שורות: „Der Mann, der zuverlässig einer der scharfsinnigsten philosophischen Köpfe war; der Mann, dessen allgemeines, weitumfassendes, aus sich selbst gebildetes Genie die Bewunderung seiner und ieder anderen Nation, die ihn so ganz kennt, sein muss; der Mann, der in den Systemen der griechischen Weltweisen so ganz lebte und webte, dass er überall die Gelegenheit mühsam aufsuchte, die Lehren seiner heiligen Religion mit diesen in Übereinstimmung zu bringen; der Mann, der mit so stiller Weisheit den Saamen zur ächtesten Aufklärung unter sein Volk streute, dass die shönsten Früchte, die es unter sich hat, reifen sehen und in der Folge noch häufiger sehen wird, im Grunde sein Werk sind; der Mann, dem niemand, der ihn so recht kennt und fasst, weder in dem Gebiete irgend einer Wissenschaft das Bürgerrecht absprechen kann.

איז ניטא קיין גוטס אויף דער וועלט" [1]. אויף די ווערק פון נאוואליס [2] און זיינע מיטארבעטער האט ער געקוקט ווי אויף א זינלאזן און פאנטאסטישן חלום-געפלאנטער, בעת זיין פרוי, די באריממטע שיינהייט הענריעטע, איז געווען א פייערדיקע פארערערין פון דער ראמאנטישער שול [3]. דער טרוקן-ניכטערער פרידלענדער און זיינע מיטהעלפער האבן געטענהט, אז דער גאטעסדינסט דארף צוגיין וואס פשוטער, אן איבעריקן גלאנץ און לוקסוס, וואס ווירקט בלויז אויף די געפילן; דאראטעא מענדעלסזאן אבער דערקלערט מיט פעסטער איבערצייגונג: אלץ, וואס די מענטשלעכע קונסט האט באשאפן, דארף באשיינען און באצירן דעם גאטעסדינסט; פונוואנען יעדע קונסט טוט שטאמען — אהין דארף זי זיך צוריקקערן. איינוצן זי פאר קליינלעך-פארגענגלעכע, באריממערישע צוועקן — דאס איז פשוט א לעסטערונג און געפינט זיך אין פולן ווידערשפרוך מיט דער געטלעכער אפשטאמונג פון דער קונסט. מוזיק און מאלעריי, ארכיטעקטור און די פיינסטע געוועבן — אלץ דארף אויסדריקן איין איינציקע אידעע, דארף געהערן דעם גאנצן קיבוץ, בכדי ביי אלעמען צו דערוועקן דאס געפיל פון רעליגיעזער התלהבות [4].

דארף עס דען חידושן, וואס די דאזיקע ניט גאנץ געוויינלעכע און באגאבטע פרוי האט אפגעווארפן דעם טרוקענעם דעאיזם פון די פרידלענדערס און האמבערגס און איז צוזאמען מיט איר שוועסטער הענריעטע אוועק אונטער די הויכע געמעכער פון דער קאטוילישער קירך! ווי גרויס וואלט אבער געווען די פארוואונדערונג פון דאראטעא פאן שלעגעל [5], ווען מען זאל פאר איר געווען אנטפלעקן, אז די אינטימסטע געדאנקען און געפילן, וואס זי האט צוזאמען מיט איר מאן ארויסגעזאגט אין זייער בשותפותדיקן ראמאן „לוצינדע": וועגן מיסטישער עראטיק, וועגן דער קדושה פון געשלעכטלעכן פארקער, וועגן דער פאראייניקונג פון גייסטלעכן מיט קערפערלעכן, וועגן דער שכינה, וואס שוועבט איבער דעם געלעגער פון מאן און ווייב, און אז „גאט איז ליבע", — אז דאס אלץ איז אזוי ענג צונויפגעפלאכטן מיטן וועלט-באנעם פון די יידישע מיטלאלטערלעכע מיסטיקער און איז אין זייערע ווערק פארקערפערט אין

1 אין זיין בריוו, וואס איז אפגעדרוקט אלס הסכמה צום ערשטן טייל פון ברוך לינדאס „ראשית למודים" (1788), שרייבט הערץ: מבלעדי החכמות אין טובה, מבלעדי החכמות לא תכונו אושר, ומבלעדי החכמ״ת לא תכונו דעת כב״ד אלהים.

2 א באדייטנדיקער פארטרייער פון דער דייטשער ראמאנטישער שול.

3 זע: הענריעטע הערץ, 1858, 99.

4 ראמאנס. בריפע, 422.

5 דאראטעא איז זיך פונאנדערגעגאנגען מיט איר ערשטן מאן, פייט, און חתונה געהאט מיט שלעגעלן.

פילפארביקע בילדער, וואס אטעמען מיטן פאטאס פון ליידנשאפטלעכער איבערצייגונג און גליענדיקן גלויבן...

פאר מענדעלסזאנס טעכטער און פאר נאך אזוינע ווי זיי זיינען אבער די קוואלן פון דעם יידישן גלויבן געווען פארחתמעט מיט זיבן שלעסער...

ניט פארטריקנט און ניט אויסגעשעפט זיינען אבער די דאזיקע קוואלן געווארן, — און פלוצלינג און אומדערוווארט האבן זיי זיך מיט אויסערגעוויינלעכער קראפט פאר דער פרייער וועלט אנטפלעקט, ארויפ־רופנדיק שנאה און רוגז ביי איינע, און פריידיקע באוואונדערונג און התלהבותדיקע אנטציקונג ביי אנדערע.

וועגן דעם אין די ווייטערדיקע קאפיטלען.

פינפטער קאַפּיטל

רוסאָס אידעען און זייער השפּעה אויף די בעלי „המאספים". — אידיליעס און דער ביבל-סטיל. — צוריק צו פּראָדוצירנדיקער אַרבעט און רעפאָרמירן דאָס דערציונג-סיסטעם. — דער גייסטיקער איבערבראָך. — רחל לעווין און איר חשבון הנפש. — שלמה מיימון און זיין „לעבענס-געשיכטע". — מיימונס וועלט-באַנעם. — איציק אייכל און זיין ראָמאַנטישע ליבע צו דער ביבל-שפּראַך· — אייכלס ליטעראַרישע טעטיקייט. — דער באַדייט פון זיין לוסטשפּיל „ר' הענאָך אָדער וואָס טוט מען דערמיט". — אהרן וואָלפסזאָן האַלע און זיין לוסטשפּיל „לייכטזין אונד פרעמעליי".

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז דער זשורנאַל „המאסף" מוז דאָך, ביי אַלע זיינע חסרונות, באַטראַכט ווערן אַלס וויכטיקער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון דער ניי-העברעישער ליטעראַטור. עס מוז אָבער דערביי באַזונדערס אָנגעוויזן ווערן אויף איין אינטערעסאַנטן פּרט, וואָס איז שענקען דער רוב יידישע ליטעראַטור-פאָרשער דווקא זייער ווייניק אויפמערקזאַמקייט, און אָפט לאָזן זיי אים אפילו אינגאַנצן אומבאַרירט. דעם „מאספים" גרינדער און זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער זיינען געווען איבערצייגטע ראַציאָנאַליסטן. דער גרעסטער אויטאָריטעט איז ביי זיי געווען דער סאַרקאַסטיש-שפּאָטישער וואָלטער, וועמעס דעאיזם און „נאַטירליכע רעליגיע" האָט זיך געשטיצט אויסשליסלעך אויף לאָגישע, דורכן שכל באַגרינדעטע אַרגומענטן. און אין דער זעלבער צייט האָט דער סטיל פון די בעלי „המאספים" און אויך זייער פּראָגראַם זיך געפונען אונטער דער שטאַרקער, ווען אפילו אומדירעקטער און אומבאַוווסטער השפּעה פון וואָלטערס צד שכנגדו, פון זיין אַנטיפּאָד — דעם באַשעפער פון „עמיל" און די „נייע עלאָיזע", זשאַן זשאַק רוסאָ.

ניט בילדונג און וויסן, נאָר טוגענט און מעשים טובים, ניט דער שכל, נאָר דאָס געפיל איז דער קוואַל פונם מענטשנס גליק, — אין דעם איז באַשטאַנען רוסאָס דעווי! [1].

---

1 אין קעגנזאַץ צו דעקאַרטס דעוויז „cogito — ergo sum“ (איך דענק — וואָס איז די ראיה, אַז איך לעב), וואָס איז געווען אַן אָנזאָג, אַז די רעליגיעזע תקופה ווערט פאַרדרענגט דורך דעם דור פון ראַציאָנאַליזם — איז אַרויסגעטראָטן רוסאָ מיט זיין דעוויז: exister, pour nous est sentir.

„דער בעסטער מענטש איז דער, וואָס פילט אַמטיפסטן און אַמשטאַרקסטן״. צוריק צו דער נאַטור! עס עקסיסטירט בלויז איין איינציקער געזונטער לעבנסשטייגער — אויף דעם שויס פון דער נאַטור, צווישן די גרינע פעלדער, אָן וועלכן צוואַנג, אָן דעם מינדעסטן לוקסוס; מען שעפּט הינאה פון דער מוטער-ערד, מען לעבט פון אירע גאָבן און געשענקען און מען געפינט זיך צווישן שכנים-חברים, וואָס אַלע זיינען גלייך. פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן איז דער בכבודיקסטער — דער קלאַס מענטשן, וואָס אַרבעטן מיט זייערע אייגענע הענט, דער איינציקער קלאַס, וואָס ברענגטווירקלעך נוצן. און ווייל די דאָזיקע מענטשן געפינען זיך אַדאַנק זייער באַשעפטיקונג אַמנאָענטסטן צום נאַטירלעכן צושטאַנד, איז נאָך ביי זיי בשלימות אויפגעהיט אונטער דעם פון דרויסן אַזאַ שטרענגן און פאַרגרעבטן אויסזען די געמיטלעכקייט, גוטסקייט און אָפנהאַרציקייט פון די אורשפּרינגלעכע אינסטינקטן.

רוססאָס אידעען זיינען געווען שטאַרק פּאָפּולער אין דייטשלאַנד. די באַדייטנדיקסטע מענער זיינען פון זיי אַנטציקט געווען. לעסינג האָט באַקריינט רוססאָן מיטן נאָמען „וועלטוויַיזער״, שילער האָט אים געגליכן צו סאָקראַטעסן און האָט אין באַגייסטערטע פערזן באַזונגען דעם גרונד-טעזיס, מיט וועלכן עס פאַנגט אָן רוססאָס „עמיל״ 1. אין דער דייטשער ליטעראַטור פון יענער צייט איז געווען אַמשטאַרקסטן באַליבט דער טיפּ פון „שיינע גייסטער״ און „צאַרט-פילנדיקע הערצער״, וואָס ווערן ממש צעשוווימען אין סענטימענטאַלע זיפצן און טרערן, און אין זייער גאַנץ האַנדלען און טאָן פאָלגן זיי דעם דרינגענדיקן באַפעל פון זייער איינציק אָנערקענטן פירער — דעם געפיל. דער דיכטער העסנער האָט זיך קונה-שם געווען מיט זיינע לאַקריץ-זיסע אידיליעס, ווו עס ווערט געשילדערט ווי אַן אמתער גן-עדן דאָס רויִקע און זאָרגלאָזע דאָרף-לעבן אויפן שויס פון דער נאַטור.

די השפּעה פון רוססאָס אידעען האָט זיך געלאָזט באַמערקן אויך אין די יידישע קרייזן. וועגן דער ווירקונג פון דעם „עמיל״-באַשעפער אויף די יידישע געבילדעטע פרויען האָבן מיר שוין גערעדט אין פאַריקן קאַפּיטל. די אידעען פון דעם זשענעווער פילאָזאָף זיינען אָבער אויף זייער נצחנישן וועג אַריינגעדרונגען אויך אין דעם לאַגער פון די יידישע אויפקלערער-ראַציאָנאַליסטן. זיי, די זין פון דעם רעכטלאָזן

---

1 Tout est bien, sortant des mains de l'auteur des choses; tout dégénere entre les mains de l'homme.

באַקאַנט זיינען שילערס פערזן: Die Welt ist vollkommen überall,
Wohin der Mensch nicht hinkommt mit siener Qual. אאַז״וו.

געטאָ, האָבן ניט געקענט זיך גלייכגילטיק פאַרהאַלטן צו דעם הומאַנעם דעוויז, וואָס ווערט פּראָקלאַמירט אין רוססאָס „עמיל": „לערנט דאָס קינד, וואָס געפינט זיך אונטער אייער השגחה, ליב האָבן אַלע מענטשן, אַפילו די, וואָס פאַרהאַלטן זיך צו אייך מיט ביטול. גיט אים אַזאַ דערציִונג, אַז עס זאָל אין זיך ניט זען קיין מיטגליד פון אַ באַשטימטן קלאַס, נאָר פילן אין זיך זיין קרִבֿות מיט אַלע קלאַסן. רעדט מיט אים וועגן דעם מענטשן-געשלעכט מיט ליבשאַפט, זאָל זיין אַפילו מיט מיטלייד — נאָר נים מיט ביטול. אַ מענטש טאָר ניט מבֿזה זיין דעם אַנדערן מענטשן". מענטשן, וואָס זיינען אַזוי אָפּגעריסן געוועזן פון דער נאַטור און פון פּראָדוצירנדיקער אַרבעט, מענטשן, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אין דער געשטיקטער לופט פון די ישיבֿות און פאַרבראַכט זייערע יונגע יאָרן מיט פּילפּול און איבערגעשפּיצטער סכאָלאַסטיק — האָט געמוזט אימפּאָנירן רוססאָס טעזיס: „דעם מענטשנס נאַטירליכסטער צושטאַנד איז — די ערד באַאַרבעטן און לעבן פון אירע פּרוכטן. דער דאָזיקער צושטאַנד איז דער איינציק נייטיקער און נוצליכער" (נייע עלאָיִזע, V, צווייטער בריוו). פון אַלע באַשעפטיקונגען, וואָס קאָנען געבן דעם מענטשן מיטלען צום לעבן, איז די האַנטאַרבעט אַמבעסטן מסוגל אים צו דערנעענטערן צו דעם נאַטירלעכן צושטאַנד; פון אַלע באַרופן איז דער פּאַסיקסטער, וואָס איז אַמווייניקסטן אָפּהענגיק פון דער השגחה און פון אַנדערע מענטשן — דער באַרוף פונם בעל-מלאָכה" („עמיל", בוך 3).

צוריק צו פּראָדוצירנדיקער אַרבעט און רעפאָרמירן דאָס דערציִונגס-סיסטעם — זיינען, ווי מיר ווייסן שוין, געוואָרן די וויכטיקסטע פּונקטן אין דעם פּראָגראַם פון די בעלי-„המאספים". די „מאספים" האָבן זיך פיינדלעך פאַרהאַלטן צום תלמוד און צו דער שפּעטערדיקער רבנישער ליטעראַטור, דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס יראת-הכבֿוד צו דער ביבל, ווו די ערד און די ערד-אַרבעט שפּילן אַזאַ אויס-שליסלעכע ראָלע: דאָרט פילן נאָך די מענטשן אַזוי שטאַרק זייער קרִבֿות צו דער ערד, דאָרט זיינען אויפגעהיט אומשטערבלעכע מוסטערן פון אמתע אידיליעס. דאָס האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפן, וואָס די ביבלישע וועלט, דער ביבלישער סטיל און נוסח זיינען ביי די „המאספים" געוואָרן דער העכסטער אידעאַל, דער קלאַסישער מוסטער, פון וועלכן מען דאַרף לערנען און אים קאָפּירן...

גערעכט איז אָבער דער קלוגער לעסינג: Es sind nicht alle frei, die ihrer Ketten spotten! צו שאַרף און פּלוצלינג איז געווען ביי דעם דור „המאספים" דער איבערגאַנג. זיך אָפּגעריסן פון דעם אייגענעם באָדן — זיינען זיי געבליבן הענגען אין דער לופטן, אָן אַ שום באָדן

אונטער די פיס. ס׳איז ניט אזוי לייכט אָפּצוואַרפן פון זיך דעם אַלטן וועלט־באַנעם, אין וועלכן מ׳עז איז אויסגעוואַקסן און די יונגע יאָרן פאַרבראַכט. אין נאָמען פון דעם ראַציאָנאַליזם האָבן די בעלי „המאספים״ זיך געפליסט צו באַפרייען זיך פון דעם טראַדיציאָנעלן און אַלטמאָדישן; עס האָט אָבער אומבאַוווסט אין די טיפענישן פון דער נשמה געצאַנקט די בענק־שאַפט צום פאַרגאַנגענעם עבר. האָט זי זיך אויסגעגאָסן אין דער ראָמאַנטישער ליבע צו דער ביבל. ווי מיר ווייסן, האָבן זיי געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע „צו באַווייזן פאַר די אַנדערע אומות די שיינקייטן פון דער ביבל״; נאָר אויפגעצויגן אין דער טרוקן־איבערגעשפּיצטער סביבה פון פּלפּוליסטישער סכאָלאַסטיק, זיינען זיי גופא ניט מסוגל געווען אויפצונעמען און צו פילן די דאָזיקע שיינקייטן. זיי האָבן בלויז געקאָנט נאָכמאַכן, אימיטירן דעם ביבל־סטיל — פרעמד און אומפאַר־שטענדלעך איז זיי אָבער געבליבן די קלאַסישע וועלט פון יענער אַנטיקער תקופה. אין פּסיידאָ־ביבלישן סטיל האָבן זיי איבערזעצט די מיטלמעסיקע העסנערס אידיליעס און ראַמלערס אָדעס. אפילו דער טרוקענער פריד־לענדער האָט אידיליעס געשריבן. אין זייער סענטימענטאַלער השתפכות הנפש איז אָבער געווען לויטער רעטאָריק, אָן אַ פונק קינסטלערישן שאַפן. אין זייערע לידער פילט זיך, אין גרונד גענומען, אזוי ווייניק דער הויך פון לעבן, ווי אין די פּלפּוליסטישע פּשטלעך פון די אַלט־פרענקישע רבנים, וואָס ווערן אזוי אָפּגעלאַכט פון די בעלי „המאספים״...

צווישן די בעלי „המאספים״ און זייערע מיטהעלפער זיינען געווען מענטשן מיט שאַרפע קעפּ און גרויסן וויסן, עס איז אָבער ניט געווען צווישן זיי קיין איינציקער גאַנצער כאַראַקטער, קיין איינציקע אָריגינעלע פּערזענלעכקייט. צו פּלוצלינג איז פאָרגעקומען דער איבעררייס מיטן עבֿר, צו ראַפּטאָם דער איבערשפּרונג פון דעם אַלטפרענקישן מיטלאַל־טערלעכן יידישן לעבנסשטייגער צו דער נייער פרעמדער אידעען־וועלט מיט אירע אַבסטראַקטע מעטאַפיזיש־ראַציאָנאַליסטישע באַגריפן, ווי עס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן אויבנאָן ניט דער רעאַלער, לעבעדיקער, אין דער ספּעציפישער סאָציאַל־היסטאָרישער סביבה אויפגעקומענער מענטש מיט זיין קאָמפּליצירטער פּסיכיק און איינגעאַרטיקער וועלט פון איבערלע־בונגען, איינגעבאָרענע סימפּאַטיעס און שטימונגען, — נאָר דער אַב־סטראַקטער באַגריף מענטש, אָן אַן עבר, אָן טראַדיציעס, אָן „געירשנטע אָבערגלויבנס״, אויסער רוים און צייט...

אין דער בין־השמשותדיקער תקופה פון תשובה־שטימונגען, נאָכ־דעם ווי די השכלה־אידעאַלן זיינען אזוי אומברחמנותדיק צעשמעטערט גע־וואָרן, איז מען מיט אַ באַזונדערן ירגזון אָנגעפאַלן אויף די טרעגער פון

דער „בערלינער השכלה", ווי אויף אסימילאטארן, ווי אויף מענטשן, וואס האבן געפעלשט אין זייער עבר און געלייקנט אין זייער נאציאנאלער ירושה; מען האט מיט צארן באשפאט זייערע גרייזונגען און פעלערן און נים געוואלט דערביי באמערקן די טראגיק פון די דאזיקע מענטשן, נים געוואלט זיך רעכענען דערמיט, וואס אין זייער גייסטיקן איבערברוך, אין דער שנעלער און נים גאנץ בארעכטיקטער איבערשאצונג פון נאציאנאלע ווערטן, האט געשפילט די הויפט־ראלע נים אזוי דער שלעכטער ווילן פון די דאזיקע מענטשן, ווי די אומנארמאלע אומשטענדן, אין וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו לעבן און צו שאפן...

זייער כאראקטעריסטיש אין דער הינזיכט זיינען די רירנדיקע ווערטער, וואס עס האט מיט אזא אפנהארציקייט ארויסגעזאגט איינע פון די מערקווירדיקסטע פרויען אויס יענער צייט — די פריער שוין דערמאנטע רחל לעווין: „עס דאכט זיך מיר אויס, — שרייבט זי אין די יונגע יארן דוד פייטן, — אז בעת איך האב מיך אויף דער וועלט באוויזן, האט א הימליש וועזן מיר ביי מיינע ערשטע טריט אויפן לעבנסוועג ווי שפיציקע פיילן אין מיין הארץ די דאזיקע ווערטער איינגעקריצט: „האב טיפע עמפפינדונגען, זע די וועלט ווי וויינקע אין דיין דור, זיי גרויס און איידל, — דענקען ווענן אייביקע פראבלעמען קאן איך דיר אויך נים פארווערן. איינס האט מען אבער פארגעסן אנצוזאגן — זיי א יידין. און אט איז מיין גאנץ לעבן א שטענדיק פארבלוטן". און ליגנדיק אויף איר טויט־געלעגער האט די דאזיקע „משומדת", וואס האט „געפעלשט" אין איר אמונה און אין דער ירושה פון אירע אבות, מיט א צאפלדיק הארץ אויסגערופן: „ווי וואונדערבאר דאס איז! איך, א פארזואגלטע פון מצרים און ארץ־ישראל, און איר רינגלט מיך ארום מיט אזוי פיל זארג און ליבע. מיט א געפיל פון אנטציקונג דענק איך ווענן מיין אפשטאם און ווענן מיין וואונדערבארן גורל, וואס פארבינדט די עלטסטע זכרונות פון דער מענטשהייט, דעם לענגסטן עבר און די ווייטסטע לענדער מיט אונזער היינט. דאס, וואס איז אזא לאנגע צייט געווען פאר מיר די גרעסטע שאנד, די שמארציקסטע ליידן און דאס טיפסטע אומגליק, — וואס איך בין אלס יידישע טאכטער געבארן, — איז איצט ביי מיר אזוי טייער, אז איך וואלט פאר קיין זאך אין דער וועלט נים געוואלט זיך דערמיט צעשיידן".

און א צווייטער פארשטייער פון דעם דאזיקן דור, פון דעם „דור תהפוכות", ווי עס הייסט ביי דעם קולטור־היסטאריקער שמעון בערנפעלד, האט מיט א באוואונדערנדיקער אפנהארציקייט פאר אלעמען אנטפלעקט די טראגיק פון זיין לעבנסוועג און פון נאך אזוינע פון זיין דור.

מיט א פארכאפטן אטעם האט די אייראפעישע קולטור־וועלט זיך באקאנט מיט דער דאזיקער טרויעריקער לעבנסגעשיכטע, און מיט יראת־הכבוד זי אין אירע קולטור־אוצרות איינגעשלאסן. שלמה מיימון [1] האט געהייסן דער מחבר פון דער דאזיקער לעבנסגעשיכטע [2].

שלמה מיימון האט געשריבן א סך ווערק אין העברעיש [3]. ווען עס זאל אים אבער ניט געווען געלינגען, ניט געקוקט אויף אלע שטערונגען און מניעות, זיך ארויסצורייסן אויף דער ברייטער וועלט און אײנקריצן זיין נאמען אין דער געשיכטע פון דער דייטשער פילאזאפיע, וואלט זיין נאמען און שאפן ווארשיינלעך אזוי פארגעסן געווארן, ווי אבא גלוסק און נאך אזוינע ווי ער [4]. די בערלינער גראנדן, די רייכע נעגאציאנטן און באנקירן, וואס האבן געוואלט שפילן די „אויפגעקלערטע" אייראפעער, איז דער גאונישער ליטוואק מיימון געווען דערווידער מיט זיין פיגור, מיט זיין הילוך, מיט זיין אויסשפראך; ער האט זיי שאקירט מיט זיינע פויליש־ליטווישע מאנירן, און זיי האבן קאלטבלוטיק געלאזט אים אויסגיין פאר הונגער, אומקומען אין דחקות און נויט. ער גופא ניט איבער מיט תמימותדיקער פשטות, ווי אזוי ער האט אין זיין „טרויעריקער לאגע באשלאסן צו ווענדן זיך צו ק ר י ס ט ל ע כ ע געלערנטע אין דער האפענונג, אז זייער רעקאמענדאציע וועט גראד האבן די געהעריקע ווירקונג אויף די רייכע פון מיין פאלק" [5]. און טאקע א דייטשער ארעליקער, דער גראף האנס פאן קאלקרייט, האט רחמנות געהאט אויף

1 זע אונזער ווערק, ב. V, ז. 291—292.

2 Salomon Maimons Lebensgeschichte, Berlin 1792/3.

3 מיימון האט געש־יבן אין העברעיש פאלגנדיקע ווערק: 1) „גבעת המורה", א פירוש אויפן „מורה נבוכים"; 2) „ביא־ר פילוסופי על פירוש המשניות"; 3) „חשק שלמה", אין פינף כ״ל, פילאזאפישע ביאורים אויף אבן עזרא, רבנו בחיי, רבנו ניסים און אויך פילאזאפישע חקירות וועגן מעשה בראשית און אלגעברע (דערמאנט אין גייגערס „צייטשריפט פיר וויסענש. א. לעבען, 1866); 4) „תעלומות חכמה" וועגן מאטעמאטיק און פיזיק (דערמאנט ביי גייגערן); 5) תורת המטימטיקה (דערמאנט אין זיין לעבענסגעשיכטע, 427); 6) תורת הטבע, נאטורוויסנשאפט, לויט ניוטאנס שיטה (יארסן, 433); 7) קורות היהודים נאך באנאזש, איבערזעצט פון פראנצויזיש (דארסן, 424); 8) מועדי בוקר, איבערזעצונג פון מענדעלסזאנס „מארגענשטונדען" (דארסן, 433); 9) א קריטישע בארשונג וועגן וואלפס „מעטאפיזיק" (דארסן, 366): 10) א מעטאפיזישע חקירה וועגן נאטירלעכער און געטלעך־אנטפלעקטער טעאלאגיע.

4 פון מיימונס העברעישע ווערק איז פארעפנטלעכט בלויז דער ערשטער טייל פון זיין „גבעת המורה" און אין „המאסף" (תקמ״ט, 131—136) איז געדרוקט זיין „ביאור פילוסופי". אונטער דעם דאזיקן ארטיקל חתמעט זיך מיימון: שלמה בן יהושע ממדינת ליטא; די איבעריקע זיינען געבליבן אין מאנוסקריפט.

5 לעבענסגעשיכטע, 430 (מיר ציטירן לויט גאלדשמידטס יידישער איבערזעצונג).

דעם אָרעמען יידישן דענקער, דעם נע־ונדניק, האָט אים ברייטוויליק געגעבן רו און שוץ אויף זיין גוט אין שלעזיע, און מיט גרויס געדולד איבערגעטראָגן די משונהדיקע גענג און קאַפּריזן פון דעם גייסטיק און פיזיש געבראָכענעם מיימון. און ווען מיימון איז געשטאָרבן אויפן 46טן יאָר פון זיין לעבן און מען האָט זיין קערפּער געבראַכט קיין גלאָגוי, בכדי אים צו ברענגען צו קבר ישראל, האָבן די פאַנאַטישע פירער פון דער קהילה זיך נוקם געווען אין דעם „מין" און אפּיקורס, און דעם גאוניש, אַזוי פיל געליטענעם יידישן דענקער האָט מען מיט שפּאָט און בזיון מקבר געווען „קבורת חמור", הינטערן צוים פון בית הקברות...

שלמה מיימון האָט זיין „לעבענסגעשיכטע" אין דייטש געשריבן — ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז אין העברעיש וועט אַזאַ ווערק זיין בקול קורא במדבר — עס וועט קיין אוידיטאָריום ניט געפינען. און עס זיינען טאַקע פאַרגאַנגען העכער הונדערט יאָר, ביז מיימונס מייסטערווערק האָט זיך דערוואָרט אויף אַ העברעיִשע איבערזעצונג [1]. און דאָך דאַרף מיימונס „לעבענסגעשיכטע" פאַרצייכנט ווערן אין דער געשיכטע פון יידישער קולטור. קיין יידישער קולטור־היסטאָריקער, וואָס באַשרייבט די צווייטע העלפט פונם 18טן י"ה, קאָן ניט פאַרבייגיין דאָס דאָזיקע מערקווירדיקע ווערק, ווו עס ווערט געגעבן אַן אָביעקטיווע שילדערונג פונם יידישן לעבן אין ליטע און פּוילן אינם 18טן י"ה. מיט אָביעקטיווער רויִקייט און מיט זיכערער האַנט ווערן אויפגעוויקלט פאַר אונזערע אויגן די טרויעריקסטע בילדער פון יידישער אָרעמקייט און רעכטלאָזיקייט אונטער דער ממשלה פון ווילד־משוגענע פּריצים און פאַנאַטישע גייסט־לעכע. ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ שוועבט פאַר אונז די וואונדערבאַרסטע פּאַנאָראַמע מיט די קאָלאָריטפולע פיגורן פון מקובלים, אַסקעטן, פּריצים און לומדים; אויסטערליש שיינע פּערזענלעכקייטן, ווי דער פּויזנער רב ר' הירש חריף, און נידערטרעכטיקע צבועקעס, פאַרגרעבטע ישובניקעס, וואָס קאָנען אפילו ניט קיין וואָרט יידיש, און גאוני התורה; דער מעזשעריטשער מגיד און משה מענדעלסאָן, די ערשטע חסידים און די בערלינער משכּילים, אָרעמע אומוויסנדיקע בעטלער און באַרימטע פילאָזאָפן און דענקער. און אין דער מיט — די אויסטערלישע פיגור פון דעם פאַרפאַסער גופא, מיט איר אויסערגעוויינלעכן לעבנסוועג, וואָס ווערט געשילדערט מיט אַזאַ גאונישער פּשטות און ענוות...

---

[1] איבערזעצט (מיט קירצונגען) דורך י. ח. טביוב אונטערן טיטל „תולדות שלמה מיימון", פ/1898. אין יידיש האָט אין 1871 דוד בהנא פאַרעפנטלעכט אַ געקירצטע באַאַרבעטונג פונם אויטאָביאָגראַפישן טייל „לעבענסגעשיכטע". אַ פולשטענדיקע איבערזעצונג פון ש. י. גאָלדשמידט איז דערשינען אין ווילנער פאַרלאַג „טאָמאָר" אין 1927.

ניט אומזיסט האָט די דאָזיקע לעבנסגעשיכטע געמאַכט אַזאַ געוואַלדיקן רושם אויף געטען, שילערן און אַנדערע באַרימטע פּערזענלעכקייטן. „שלמה מיימון — באַמערקט ריכטיק זיין איבערזעצער אין יידיש, גאָלדשמידט — איז געווען אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג ווי אַ מענטש, ווי אַ ייד און ווי אַ פילאָזאָף. ווי אַ יונג ביימל אין אַ וויסטן לאַנד, אָן טוי און אָן רעגן, איז ער אומדערוואַרטעט, צום דערשטוינען אויפגעגאַנגען אין אַ חושכדיק־עלנטן לאַנד אָן שום מיטלען, און איז אויפגעשטיגן גאָר הויך, ביז אין די העכסטע הימלען פון דענקען. אַ בייזער פאַטום אָבער האָט אים באַגלייט און ניט אָפּגעלאָזט פון זיין געבוירן אָן ביז זיין לעצטן אָטעם־הויך... קיין איינציקע געשעעניש אין זיין לעבן האָט ניט מיטגעהאָלפן דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון זיינע גייסטיקע כוחות; פאַרקערט, זייער אַ סך געשעענישן האָבן נאָך פאַרהאַלטן דעם גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג און געשטערט אים צו געפינען זיין וועג אינם לעבן״. מיר האָבן אין די כריערדיקע בענד פון אונזער ווערק גערעדט וועגן דעם אויסטערלישן טיפּ „זוכערס״ („המבקש״) [1], וואָס ווילן אויספאָרשן אַלע וועגן, אויף וועלכע מענטשן זוכן די העכסטע מדרגה פון שלימות, זוכן איבעראַל דעם לויטערן ליכטיקן אמת, פאָרשן נאָך גאָט לעבעדיק, ברענענדיק וואָרט. נאָר ביי קיינעם פון די דאָזיקע „זוכערס״ איז דער זוך־און וואַנדער־וועג ניט געווען אַזאַ שרעקלעך שמאַרציקער, פול מיט דחקות, הונגער, נויט און אוממענטשלעכע דערנידערונגען, ווי ביי שלמה מיימון. און מערקווירדיק איז דער טאָן, אין וועלכן עס ווערט אין מיימונס „לעבענסגעשיכטע״ דערציילט וועגן דעם שמאַרצפולן נע־ונד־וועג, וואָס ס׳האָט דורכגעמאַכט דער אָרעמער, נאָר גאוניש־באַגאַבטער דאָרפס־מלמד [2] אויס אַ פאַרוואָרפענעם און פאַרחושכטן ווינקל אין ליטע ביז ער איז מגולגל געוואָרן אין אַ באַדייטנדיקן דייטשן פילאָזאָף, אין איינעם פון די טיפסטע און שאַרפזיניקסטע מפרשים פון קאַנטס פילאָזאָפיע. די שרעקלעכע נויט און דחקות, אין וועלכע ער האָט זיינע יאָרן פאַרבראַכט, האָבן זיין אידעלע, נאָך אמת דורשטנדיקע נשמה, מיט זינד באַפלעקט, זיין כאַראַקטער פאַרדאָרבן, זיין געזונט און כוחות אויף אַזוי וויט צעשטערט, אַז ער איז פון אויסצערונג צו 46 יאָר געשטאָרבן, — און ער דערציילט וועגן דעם מיט אַזאַ ווונדערבאַרער פשטות און אמת־פילאָזאָפישער רויִקייט...

---

1 זע ב. III, 11, 14 א״ו.

2 מיימון האָט שוין צו עלף יאָר באַקומען סמיכות אויף רבנות (לעבענסגעשיכטע, 87).

עס גענוגט צו דערמאָנען דעם טרויעריקן עפּיזאָד, ווי אַזוי דער פון הונגער און עלנט אויף טויט-פאַרמאַטערטער „זוכער“ האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צו די טויערן פון זיין ציל — צום ראָזענטאַלער טויער, וואָס פירט צום קוואַל פון בילדונג און וויסן — צו דער רעזידענץ-שטאָט בערלין. נאָר די פרומע ראשי-הקהלה האָבן פאַר אים דעם טויער פאַרשפּאַרט און שטרענג אים באַפוילן, ער זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פון דאָרטן. האָט, נעבעך, דער גייסטיק און פיזיש-געבראָכענער נע-ונדניק זיך אַנידערגעוואָרפן הינטער דער שטאָט אויף דער ערד און אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין [1]. און מיימון, דערציילנדיק דאָס אַלץ, באַווייזט דערביי ניט אַרויס קיין שום פאַרביטערונגס-געפיל ניט צו די פרומע ראשי-הקהל, ניט צום שטרענגן משגיח פון „הקדש“ ביים ראָזענטאַלער טויער. אדרבא, ער איז נאָך אויף זיי מלמד זכות, און ווייזט אָן, אַז „טיילווייז זיינען די בערלינער פרומע יידן אייגנטלעך גערעכט געוועזן“ [2]. מיט וואָס פאַר אַ פילאָזאָפישער אָביעקטיווקייט שילדערט שלמה מיימון דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט די ערשטע צייט מיט זיין גאַנצער פיגור, תנועות און מאָדנער אויסשפּראַך אויף דעם אייראָפּעער דאָקטאָר הערץ: „תחילת האָט דער דאָזיקער הער ה. (הערץ) מיך באַטראַכט ווי אַ ר י י ד נ ד י ק ע ח י ה און האָט זיך אַמוזירט מיט מיר, ווי מען אַמוזירט זיך מיט אַ הונט אָדער מיט אַ שטאַר, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אויסצורײדן אייניקע ווערטער. דער מ ש ו נ ה ד י ק ע ר ג ע מ י ש פ ו ן ע פ ע ס ח י ה ש ע ס אין מיינע מינעס, אויסדרוקן און אויסווייניקסטן שטייגער אויפפירונג מיט דער שכלדיקייט אין מיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען האָבן מער געווירקט אויף זיין כ ו ח - ה ד מ י ו ן, איידער דער א י נ ה א ל ט פון מיינע רייד — אויף זיין שכל“ [3].

ס'איז כדאי אָנצווייזן נאָך אויף איין כאַראַקטעריסטישן פּרט, ווייל ער איז ענג פאַרבונדן מיטן וועלט-באַנעם פון די בערלינער משכּילים און די מיטאַרבעטער פון די „המאספים“. שלמה מיימון איז אין פיל פּרטים געוועזן באַדייטנדיק ווייטזיכטיקער פון זיינע מיטצייטלער, האָט געהאַט אַ בעסערן חוש פאַר היסטאָרישע דערשיינונגען, ווי די טרעגער פון דער בערלינער השכלה. ער געפינט, אַ שטייגער, פאַר נייטיק אָנצווייזן, „ווי ענג עס איז פאַרבונדן און פאַרקניפּט די יידישע רעליגיע מיטן נאַציאָנאַלן קיום, אַזוי, אַז די אָפּשאַפונג פון דער יידישער טעאָקראַטיע מוז בהכרח נאָך זיך ציען אויך די פאַרניכטונג פון דער יידישער

1 לעבענסגעשיכטע, I, 10—208.

2 דאָרטן, 209.

3 דאָרטן, II, 369.

נאציע״ [1]. ער געפינט, אז דאָס, וואָס די אנשי כנסת הגדולה האָבן מוסיף געווען נייע חוקים, האָבן זיי עס געטאָן „לויט די פאָדערונגען פון דער צייט און לויט די אומשטענדן״ [2]; אויך פלייסט ער זיך צו דערווייזן, ווי „פאָזיטיווּר ס'איז „די מעטאָדע פון די חכמי התלמוד״, און רעכנט, אז דערמיט ווערט מספּים זיין יעדערער, „ווער עס איז אריינגע-דרונגען אינם אמתן גייסט פון תלמוד״ [3]; און ער חזרט נאָכאמאָל איבער, אז די „אַלע נייע דינים, וואָס עס האָבן מחדש געווען די חכמי התלמוד און די גאונים, וואָס נאָך זיי, — איז דאָס געשען „לויט די פאָדע-רונגען און באַדערפעניש פון דער צייט״ [4]. בנוגע דער מאָראַלישער לערע פון די חכמי התלמוד, ווייזט מיימון אָן, „אז זי איז אין אַלץ ענלעך צום כסטאָיציזם, איז אָפּילו אין אַ סך וויכטיקע, פּרינציפּיעלע פּונקטן העכער פון אים״ [5]. אין דעם קאַפּיטל, ווו ער רעדט וועגן חסידות, ווייזט, אגב, מיימון אָן אויף דער „נוצלעכער טעטיקייט״ פון די רבנים [6]. ער איז אויך געווען דער איינציקער צווישן די „בערלינער״ משכּילים פון יענעם דור, וואָס איז אַרויס מיט אַ זאַכלעכער קריטיק [7] קעגן די טעזיסן פון מענדעלסזאָנס „יערוזאַלעם״, און ער דערקלערט אָפן: „ווען איך זע יידן, וואָס באַקענען זיך צו דער יידישער רעליגיע, מחמת צוגעבונדנקייט צו דער משפחה אָדער צוליב געווויסע אינטערעסן [8], און דערנאָך זיינען זיי עובר אויף די מצוות דאָרטן, ווו די דערמאָנטע סיבות שטערן זיי ניט, לויט זייער מיינונג, עובר צו זיין אויף דער תורה, — דאַן דערקלער איך, אז אַזעלכע יידן טוען אומרעכט, באַגייען אומגעזעצלעכקייט. איך באַגרייף דעריבער ניט, וואָס ווען דער האַמבורגער רב הכולל האָט מחרים געווען אַ יידן פון זיין קהילה, ווייל יענער האָט בפרהסיא עובר געווען אויף די געזעצן פון דער רעליגיע, האָט מענדעלסזאָן געוואָלט באַפרייען דעם דאָזיקן יידן פונם חרם מיטן מאָטיוו, אז די רעליגיעזע געמיינדע האָט ניט קיין רעכט אין בירגערלעכע ענינים, בעת ער אַליין באַהויפּט, אז דער שטאַט פון דער יידישער רעליגיע איז אייביק און ווערט קיינמאָל ניט געענדערט און ניט בטל ווערן. וואָס איז דאָס

1 דאָרטן, II, 425.

2 דאָרטן, I, 119.

3 דאָרטן, 129, געשפּיצט פון פּראָפעסער.

4 דאָרטן, 242.

5 דאָרטן, 131.

6 דאָרטן, 185.

7 דאָרטן, 384—387.

8 געשפּיצט פונם פּראָפעסער.

פאַר אַ שטאַאַט אָן רעכט? און וואָס באַשטייען בכן די רעכט פון דעם דאָזיקן רעליגיעזן שטאַאַט?" [1].

שלמה מיימון איז אָבער דעם בעל „מורה נבוכים" אַ פּייערדיקער חסיד געווען, האָט זיך אין בערלין אָנגעזאָפּט מיט די ראַציאָנאַליסטישע אידעען פון יענער צייט, איז נתפּעל געוואָרן פון די בערלינער אייראָפּעיִש־געבילדעטע „אויפקלערער", און דוד פרידלענדער איז בײַ אים געווען פאַררעכנט פאַרן „גרויסן משׂכּיל מיט אַ פיינעם געשמאַק" [2] — איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס אויך ער קומט צו דער מסקנא, אַז „די יַהדות איז געגרינדעט אויף קלאָרע, אַבסאָלוט־נויטווענדיקע געזעצן פונם שׂכל" [3]. ער פאַרגעסט, וואָס ער אַליין האָט פריִער געשריבן וועגן די חכמי התלמוד און די דינים, וואָס זיי האָבן מחדש געווען, און ווייזט אָן מיט פאַרביטערונג גאַנץ אינם סטיל פון די בערלינער משׂכּילים: „צולעצט זיינען נאָך געקומען די תלמודיסטן און האָבן אַריינגעבראַכט אין דער יַהדות אַ מאַסע חוקים און דינים, וואָס האָבן ניט קיין שום רעאַלן צוועק, דערמיט פאַרוואַנדלט די יהדות אין אַ טרוקענער און פאַרבאַלזאַמירטער רעליגיע און זי נאָך מער פאַרקריפּלט. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען אַ טרויעריקער: אַנשטאָט דעם, וואָס לויט דער כּוונה פונם ערשטן מחוקק פון דער ייִדישער רעליגיע (משה רבנו) האָט זי, די דאָזיקע רעליגיע, געדאַרפט מאַכן דאָס פאָלק ישׂראל פאַר אַן „עם חכם ונבון מכּל העמים" — האָט זי דורך דעם, וואָס מ'האָט זי געבוויכט אָן אַ זין און אָן אַ צוועק, געמאַכט אים פאַר דעם אומוויסנדיקסטן און אומפאַרשטענדיקסטן פון אַלעמען" [4]. מיימון פאַרשטייט זייער גוט, אַז „פּאַרשײַ־דענע (געשפּיצט פון אונז, י. צ.) סיבות האָבן גורם געווען די שלעכטע פּאָליטישע לאַגע פון דער נאַציע, און די פּשוטע פּאָלקס־מאַסן זיינען מחמת דעם געוואָרן העכסט אומוויסנדיק ניט בלויז אין אַלע נוצלעכע קענטענישן און וויסנשאַפטן, נייערט אַפילו אין די געזעצן פון רעליגיע" [5]. ער האָט זיך אָבער געפונען אונטער דער השפּעה פון די בערלינער משׂכּילים, וואָס האָבן, ווי ער גופא דערציילט, פעסט פאַר־זיכערט, אַז ווען ייִדן זאָלן בעסער זיין באַקאַנט מיט זייער געשיכטע, וואָלטן זיי געקאָנט דעמאָלט „איינזען און פאַרשטיין, אַז בלויז זייער אומוויסנקייט און פאַרעקשנטע התנגדות קעגן אַלע

---

1 שלמה מיימונס לעבענסגעשיכטע, 386.
2 דאָרטן, 364.
3 דאָרטן, 188—189.
4 דאָרטן, 190—191.
5 דאָרטן, 456.

פארנינפטיקע אינסטיטוציעס (געשפּיצירט פונם פּאָרפאסער) זיינען שולדיק אין אלע אומגליקן און קאטאסטראָפעס, וואָס האָבן מיט זיי פּאַסירט״ [1]. ווערט מיימון בטל פאר די אויפגעקלערטע משכּילים, פאַרגעסט אין זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט, און ווייזט אָן, אַז די גרינדער פון דער „חברה דורשי לשון עבר״ און פון דעם „המאסף״ — „האָבן מיט רעכט (געשפּיצט פון אונז, י. צ.) אָנערקענט, אַז די סיבה פון דער שלעכטער לאַגע, דער מאָראַלישער ווי דער פּאָליטישער [2], פון דער יידישער אומה, ליגט אין די רעליגיעזע פאָראורטיילן, אינם מאַנגל פון אַ פאַרנינפטיקן ביאור אויף תנ״ך און אין דער פאַרקריפּלטער אויסטייטשונג פון די פּסוקים, וואָס קומט פון דעם ניט־קענען די העברעיִשע שפּראַך״ [3].

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווי די בערלינער משכּילים, אַזוי האָט אויך מיימון מיט ביטול געקוקט אויף דעם יידישן „זשאַרגאָן״. ער געפינט, אַז „די יידישע מוטערשפּראַך״ איז אָרעם און פול גראַמאַטיקאַלישע פעלערן״ [4], אַז דאָס איז אַ לשון, וואָס איז אַ מישמאַש פון העברעיִש, יידיש־דייטש, פּויליש און רוסיש, מיט די ספּעציפישע גראַמאַטיקאַלישע פעלערן פון די דאָזיקע אַלע שפּראַכן״ [5].

די לאָגיק פון לעבן איז אָבער גאַנץ אָפט פיל שטאַרקער פון לאָגישע סברות און פיין צוגעשפּיצטע טעאָריעס. און אָט די דאָזיקע אייזערנע לאָגיק האָט עס געבראַכט צו דעם פּאַראַדאָקס, אַז די פאַרביסענע קעגנער פון דעם „נמאסן זשאַרגאָן״, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו „אָנטפּלעקן פאַר די פעלקער די שיינקייט פון דער ביבלשפּראַך״, — האָבן ניט ווילנדיק געלייגט די ערשטע שטיינער פאַרן קרעפטיקן בנין פון דער נייער וועלטלעכער ליטעראַטור אין יידיש.

באַזונדערס אינטערעסאַנט זיינען אין דער הינזיכט די צוויי לוסטשפּילן, אָדער ריכטיקער „פאַמיליענגעמעלדע״, וואָס ס׳האָבן געשאַפן די אָנגעזעענע „ביאוריסטן״ און רעדאַקטאָרן פון „המאסף״, איציק (יצחק) אייכל און אהרן האַלע וואָלפסאָן [6].

געבאָרן אין קאָפּענהאַגען, דער רעזידענץ־שטאָט פון דענעמאַרק [7], איז יצחק אייכל גאָר אין די יונגע יאָרן (אין 1773) געקומען קיין קעניגס־

1 שלמה מיימונס לעבענסגעשיכטע, 424.

2 געשפּייצט פון פאָרפאַסער.

3 דאָרטן, 454.

4 דאָרטן, 35.

5 דאָרטן, 203.

6 וועגן וואָלפסזאָנס פאַרהאַלטן זיך צו יידיש זע אויבן ז. 129

7 געבאָרן אין 1756, געשטאָרבן אין בערלין, 1804.

בערג [1], וואס האט שוין דעמאלט געגאלטן אלס קולטור־צענטער. אלס לערער פון העברעיש, ווערט ער אן אריינגייער צו דער רייכער און אויפגעקלערטער באנקיר־פאמיליע פרידלענדער; אדאנק דער דאזיקער פאמיליע באקומט דער יונגער און באגאבטער אייכל אייראפעיִשע בילדונג, הערט אין קעניגסבערגער אוניווערסיטעט קאנטס פארלעזונגען איבער פילאזאפיע און פארנעמט באלד א בכבודיקן ארט אין לינקן פליגל פון די ארטיקע משכילים [2]. דער דאזיקער פריידענקער־ראציאנאליסט בלייבט אבער אויף זיין גאנץ לעבן געטריי זיין ערשטער ראמאנטישער ליבע — דער ביבל־שפראך. לויט דעם מוסטער פון דער אין בערלין געגרינדעטער מאדערנער יידישער שול „חנוך נערים" פארמעסטן זיך אויך די קעניגסבערגער משכילים צו גרינדן אזא שול אין זייער קהילה, און אייכל פארעפנטלעכט (אין 1782) א העברעיִשן קול קורא צו די מיטגלידער פון דער קעניגסבערגער קהילה אונטערן טיטל „שפת אמת", וווּ ער אגיטירט פאר דער פראיעקטירטער „פריישול". פון דעם פראיעקט איז גאר ניט געווארן, ווייל די ארטאדאקסן זיינען אנטשיידן געווען דאקעגן. מער דערפאלג האט אייכל געהאט אין זיין צווייטן אונטערנעמען. אנפאנג פאלגנדיקן יאר איז לויט זיין איניציאטיווע געגרינדעט געווארן די אונז שוין באקאנטע „חברת דורשי לשון עבר", און שוין אין הארבסט פון דעם זעלבן יאר (סעפטעמבער 1783) פאנגט אן צו דערשיינען אונטער זיין רעדאקציע דער „המאסף".

אין זומער 1784 האט אייכל געמאכט א רייזע קיין קאפענהאגען צו באזוכן זיין משפחה. אין יענער צייט איז אזא רייזע געווען א גאנצע אונטערנעמונג און האט געדויערט א לענגערע צייט. האט אים די „חברת דורשי לשון עבר" פאר זיין אפפארן פון קעניגסבערג דערלאנגט א געזעגן־ליד אין העברעיִש מיט די בעסטע גליקוווּנטשן; און אין די שטעט, וואס ער איז פארבייגעפארן, בפרט אין בערלין, שרייבן אים אריין די ארטיקע משכילים אין זיין אלבאם („שטאמבוך") לויבלידער און באגריסונגען. נפתלי הירץ וויזעל פארזיכערט אין זיין ליד צו אייכלען:

---

1 אין זיין באקאנטן בריוו צו זיין חבר יואל בריל, וואס איז דאטירט 1788 און פארעפנטלעכט אלס הקדמה צו אייכלס מענדעלסאן־ביאגראפיע, שרייבט אייכל: "זה חמש עשרה שנים ואנכי בן שבע עשרה יצאתי מפה לשוטט חוצות".

2 וועגן אייכלס פריי אויפפירן און ניט וועלן זיך רעכענען מיט דעם יידישן ריטואל זאגט עדות פאלגנדיקער וויץ, וואס ווערט דערציילט אינם נאמען פון דעם בערלינער רב ר' הירש לעווין: טאקע אן אמת'ער עולם הפוך, אמאל פלעגט א חזיר עסן אייכלען (זשאלוד, דעמבן־פרוכט) און היינט עסט אייכל חזיר.

ולכל המקום אשר תבוא, ישמחו לקראת בואך
רבים יהיו דורשי שלומך,
והמאסף הולך לפניך לספר תהלתך בארץ
ומה יתנו ומה יוסיפו לך מהללי? [1]

אייכל גופא האָט פונם וועג געשיקט פיל בריוו (אויך אין העברעיִש געשריבן) קיין קעניגסבערג זיין 15־יאָריקן תלמיד מיכל פרידלענדער, און אַ טייל פון זיי האָט ער נאָך זיין צוריקקומען קיין קעניגסבערג פאַרעפנטלעכט אין דעם „המאסף״, בכדי צו דערווייזן, „אַז מען קאָן אין אונזער הייליקער שפּראַך געפינען גענוג אויסדריקן אויף צו באַשרייבן אַלץ אין דער וועלט״ [2]. די דאָזיקע בריוו [3] און באַזונדערס זיין בריוו צו זיין פריינד און מיטאַרבעטער יואל לעווע, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט בראש פון זיין מענדעלסזאָן־מאָנאָגראַפיע, — האָבן שטאַרק אויסגענומען אין די משכּילישע קרייזן; אַלע זיינען געווען אַנטציקט פון אייכלס גלאַנצפולן עפּיסטאָלאַרן סטיל. אויך אין דער נייערער צייט האָט דער קולטור־היסטאָריקער לודוויג גייגער געקרוינט אייכלען מיטן נאָמען: „דער באַנייער פון דער העברעיִשער פּראָזע״. מיר רעכענען אָבער, אַז עס מוז דערביי געמאַכט ווערן אַ געוויסער קאָרעקטיוו — פון דער העברעיִשער גע קינ סטל טער און רעטאָרישער פּראָזע, וואָס האָט געגאָלטן אַלס מוסטער פאַר די משכּילים פון דעם דור „המאספים״. אייכל פּרוּווט אימיטירן — נאָכמאַכן דעם סטיל פון דער ביבלישער דערציילערישער פּראָזע, דעם סטיל פון „שופטים״ און „רות״; עס פעלט אָבער דערביי ביי אייכלען דער פיינער קונסטגעשמאַק און דאָס געפיל פון שטרענגער מאָס, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דעם, וואָס הייסט אין העברעיִשן „סוד הצמצום״.

אין 1786 האָט אייכל איבערגעלעבט אַ שווערע אַנטוישונג. נאָכדעם, ווי ער האָט אין משך פון פינף יאָר שטודירט אין קעניגסבערגער אוניווערסיטעט, האָט ער דערלאַנגט אַ ביטשריפט וועגן פאַרנעמען דאָרט אַ דאָצענט־שטעלע פאַר העברעיִש, וואָס איז דעמאָלט גראָד געווען פריי. קאַנט, וואָס האָט געקאָנט אייכלען אַלס זיינעם אַ פעיִקן און פלייסיקן צוהערער,

1 זעגן אייכלס אויפגעהיטן „שטאמבוך״ זע ה. פּאָגלשטיינס אַרטיקל אין פיליפּזאָן־פעסטשריפט, 1916.

2 למען הראות איך יסתפק לשוננו הקודש לדבר בה מכל חפץ למקטן ועד גדול (המאסף, תקמ״ה, 117.

3 דער דיכטער לעטעריס ה״זט אָן אין זיין „זכרון בספר״ (94), אַז אויך די אינטערעסאַנטע בריוו, וואָס זיינען געדרוקט אין המאסף תק״ן (ז׳ 38—50, 80—85, 171—176, 285—289) אונטערן נאָמען פונם ספרדי משלם בן אוריה האשתמועי און פון זיינע קרובים — שטאַמען פון אייכלס האַנט.

האָט וואָרעם אונטערשטיצט אייכלס קאַנדידאַטור. די רעגירונג האָט אָבער אייכלס ביטשריפט אָפּגעוואָרפן אויס דעם טעם, וואָס יעדער דאָצענט מוז געהערן צום עוואַנגעלישן גלויבן.

אין אַ יאָר אַרום (אין 1787) פאָרט אייכל אַריבער קיין בערלין, ווו ער ווערט פאַרוואַלטער אין דער דרוקעריי ביי דער שול „חנוך נערים“, און מיט אייכלען צוזאַמען וואַנדערט אויך אַריבער קיין בערלין דער „המאסף“, ווו אייכל פאַרעפנטלעכט פיל קריטישע און פובליציס־טישע אַרטיקלען, אויך זיין אומפאַנגרייכע מאָנאָגראַפיע וועגן מענדעלס־זאָנען, וואָס איז דערנאָך אייניקע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. אין דער זעלבער צייט (1789) פאַרעפנטלעכט ער אויך זיין תרגום און ביאור אויף משלי. אַ גרויסער פאַרערער פון דעם רמב״ם, האָט אייכל אויך בדעה געהאַט אַרויסצוגעבן דעם „מורה נבוכים“ מיט צוויי פירושים: מיט דעם אַלטן פירוש פון נרבוני [1] און מיט אַ נייעם פון שלמה מיימון. ער האָט אַפילו אין דעם „המאסף“ אָפּגעדרוקט אַ פּראָבע־אויסצוג פון דער דאָזיקער אויסגאַבע [2], עס איז אים אָבער געלונגען זי בלויז טיילווייז צו רעאַליזירן: ער האָט באַוויזן אָפּצודרוקן (אין 1791) נאָר דעם ערשטן טייל „מורה נבוכים“, און דאָס בלויז מיט איין פירוש — מיט שלמה מיימונס „גבעת המורה“. ניט פאַרעפנטלעכט איז אויך געבליבן זיין איבערזעצונג פון אבן סינאס „ספר הרפואות“. בלויז אַ קליינעם פראַג־מענט האָט ער אָפּגעדרוקט אין „המאסף“ (תקנ״ד, 93—95). מיט טרויער זעט אייכל צו, ווי זיין געליבטע — די ביבלשפּראַך — ווערט אַלץ מער פאַרלאָזן פון דעם נייעם דור. די אויפגעקלערטע און געבילדעטע נייטיקן זיך מער ניט אין איר — זיי שעפּן פון אַנדערע קוועלן; זיי קוקן אַפילו אויף איר, דעם געטרייען ריטער פון דער יוגנטליבע, מיט אַ שמייכל פון ביטול. ער פילט זיך פאַראיינזאַמט און פאַרלאָזן. זיין טריבונע, דער „המאסף“, ווערט צוגעמאַכט, ער האָט מער קיין לייענער ניט. אייכל האָט איבערזעצט אויף העברעיִש מענדעלסזאָנס „יערוזאַלעם“, די איבער־זעצונג בלייבט אָבער אין מאַנוסקריפּט, ווייל זי האָט אויף זיך קיין בעלנים ניט: די אויפגעקלערטע לייענען דעם אָריגינאַל, און די אָרטאָ־דאָקסן ווילן דעם „דעסערס“ אַפּיקורסישע ווערק סיי ווי אין די הענט ניט נעמען.

נאָך איין אַנטוישונג האָט ער געמוזט איבערלעבן. דאָס לעבן האָט אים אַזוי בולט באַוויזן, וויפיל ביטערער אמת עס שטעקט אין לייב־

1 זע אונזער ווערק, ב. III ז. 169.

2 המאסף, תקמ״ח, 241—262

ניצעס סענטענץ, אז די אויבנאויפנדיקע אויפקלערונג און בילדונג אויפן שפּיץ מעסער איז פיל ערגער ווי די שטרענגע אָרטאָדאָקסיע. ער האָט געזען, ווי פיל יידישע טעכטער, וואָס זיינען לײדיק פון אמתן ווּיסן און זייער גאַנצע „אויפקלערונג" באַשטייט אין קאָנען פירן אַ סאַלאָן-געשפּרעך אויף דייטש און פראַנצויזיש, און די פייערשאַפעס פון זייערע עלטערן האָבן זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו לעבן אין לוקסוס און פירן אַ זאָרג-לאָז לעבן, — ווערן נתפעל פאַר אַ מינדסטן מיליטערישן מונדיר און האַלטן פאַר דאָס גרעסטע גליק און כבוד זוכה צו זיין אַ שמייכל אָדער אַ צווייידייטיקן קאָמפּלימענט פון אַ ליאַדע אַדעליקן לומפּ. ערגערט דאָס אייכלען און ער ווערט פאַרביטערט. לײדער, — שרייבט ער זיין פריינד יואל לעווע, — האָט דער גייסט פון אונזער נאַציאָן, נאָך דעם טויט פון אונזער לערער (מענדעלסאָן), אַנגענומען אַ זייער ניט געווונטשענע געשטאַלט. אויפן אָרט פון פריִערדיקן אומוויסן געוועלטיקט איצט בייזער ווילן. „אין לעערהייט לעסט זיך וואָס היניינבריינגען, אוסגעלאַסענהייט שיינט איבערפילט צו זיין" [1].

מיט פאַרביטערונג זעט ער צו, ווי די שמד-מגפה וואַקסט אין די „אויפגעקלערטע" קרייזן — פון טאָג צו טאָג. דאָס איינזאַמקייט-געפיל האַלט ביי אים אין איין וואַקסן, און ער זוכט אַ הייל-מיטל קעגן דעם דאָזיקן געפיל אין אַ נייער געזעלשאַפט, וואָס ער גרינדעט אין 1792 צוזאַמען מיט מענדעלסאָנס זון יוסף און מיט זיין חבר און „המאסף"-מיטאַרבעטער, אהרן האַלע וואָלפסאָן. „געזעלשאַפט דער פריינדע" הייסט די געזעלשאַפט, געגרינדעט מיט פילאַנטראָפּישע צוועקן ספּעציעל פאַר איינזאַמע פאַמיליענלאָזע יונגע משכילים, וואָס קעמפן קעגן דעם אַלטן פאַרשטאַרטן שטייגער-לעבן, נאָר לאָזן זיך ניט מיטרייסן מיטן שטראָם און ווילן ניט לייכטזיניק „אויסבייטן דאָס רענדל".

אין 1794 ווערט געמאַכט אַ פּרווו צו באַנייען דעם „המאסף"; אייכל זאָגט זיך אָבער אָפּ צו זיין דער רעדאַקטאָר — ער גלויבט ניט אין תחית המתים. און ווען עס ווענדט זיך צו אים אין אייניקע יאָר אַרום (1799) דער יונגער דיכטער שלום כהן [2] וועגן אַ נייעם פּרווו צו גרינדן אַ העברעיִשע צייטשריפט, ענטפערט אים אייכל מיט אַ בריוו פול יאוש און פאַרביטערונג. דער דאָזיקער בריוו איז אַ אינטערעסאַנטער „מענטשלעכער דאָקומענט", און מיר ברענגען דערפאַר אויס אים אַ גרע-סערן אויסצוג:

1 המאסף תקנ״ז, 363.

2 וועגן אים איבם וױיטערדיקן טײל פון אונזער ווערק.

... טייער ביזטו מיר מיט דיין פּראַכטפולן סטיל, און טאַקע דער־פאַר טרויערט מיין האַרץ אויף דיר. איך וויים דיין צער, און איך מיין האַרץ איז ניט וויניקער ווי דיינס פול מיט פּחד, אז דיינע רייד וועלן זיין אומזיסט און אוים דיין אונטערנעמען וועט גאָרנישט ווערן. איך האָב מיטלייד מיט דיר, מיין פריינד, כ'באַדויער, וואָס דו האָסט געבראַכט מיט דיר אַ טייערן ברילאַנט און קיינער באַדאַרף אים ניט. האָסט מיט־געבראַכט אַ באַלזאַם פון גִלְעָד, אַ היילונג און אַ תרופה פאַר אַלע וואָס זוכן מאָראַל — און קיינער קוקט זיך ניט אום. פאַרוואָס האָסטו אַזוי פאַרשפּעטיקט מיט דיין קומען? פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזאַמט, און איצט אַז דו רופסט — ענטפערט קיינער ניט? אויך צו מיר, וואָס איז מיט דיר איין דעה, רופסטו אויך אומזיסט: ווער בין איך, וואָס זאָל דיר קענען העלפן? און וואָס באַשטייט מיין קראַפט, זאָלסט קאָנען שוין ביי מיר געפינען?.. אויך איך האָב פאַרזוכט דעם גיפט־בעכער, וואָס איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף דעם יידישן פאָלק און אויף זיינע משכילים. פאַרביי זיינען די ליבע טעג, פאַרשוואונדן זיינען די טעג פון מיין בונד מיט די זין פון ישראל, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די שפּראָצונ־גען פון חכמה און די העברעאיִשע שפּראַך האָט געבליט אין רום און פּראַכט. די יידישע יוגנט פלעגט טאָג־טעגלעך אַרויסטרעטן זאַמלען די פרוכטן פון איר וויסן, — איצט זיינען זיי אַנטלאָפן און זיינען ניטאָ. וויי, — זיי וועלן שוין אויך מער ניט צוריקקומען. זינט זיי האָבן אין זייער האַרץ באַשלאָסן אַזוי צו זאָגן: פול איז די גאַנצע ערד מיט וויסן — איז זיי מיאוס געוואָרן די שפּראַך פון זייערע אָבות, און האָבן זי אַוועקגעוואָרפן; אויך מיך האָבן זיי פאַרגעסן און האָבן מיך פאַרלאָזן ווי אַן איינזאַמען אין דער וויסטעניש. צו וועמען־זשע זאָל איך מיך ווענדן און בעטן שטיצע פאַר דיין עלנטער נשמה! גיי איבער די גאַסן, וואַנדער דורך די געמאַרקן, עפן ביידע אויגן און זע: צי וועסטו געפינען כאָטש איינעם אין אַ שטאָט און צוויי אין אַ משפּחה, וואָס זאָלן וועלן דיך הערן, ווי נאָר זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז טראָגסט העברעאיִש אויף דיינע ליפּן. אָט אַזוי האָבן זיך געענדערט די צייטן און זייערע פאָלגן, אַזוי האָבן זיך געענדערט די מענטשן און זייערע אָנשווינגען...

אייכל איז אָבער געוועזן צו פיל קאַמף־נאַטור, ער זאָל בלייבן בלויז אַ שווייגענדיקער עדות און זיך ניט אָפּרופן אויף דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר פאַר זיינע אויגן. וויל ער מיט אַ שפּאָטנדיקן געלעכטער וואַרפן זיין דור דער ביטערן אמת אין פּנים, און ער טרעט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש מיט אַ בייסנדיקער סאַטירע. אָבער ניט אין דער ביבל־שפּראַך, וואָס דער יונגער דור האָט „אַוועקגעוואָרפן", — ער ווייסט דאָך —

עס וועט זיין א ברכה לבטלה; שרייבן אָבער זיין סאטירע אין דייטש האָט אייכל אויך געהאַלטן פאַר אוממעגלעך אויס דעם געוויסן טעם — „אַל תגידו בגת״, מען זאָל דערפון ניט וויסן אין דער „גויִשער גאַס״. אין דעם אריינפיר צו דער שוין פריִער דערמאָנטער שריפט „איזט נאָך דעם יידישען געזעטצע דאס איבערנאכטען דער טאָדטען ווירקליך פערבאָטען ?״ דאַנקט ער זיין חבר און מיטקעמפער פּראָפעסאָר לעווע (יואל בריל), וואָס יענער האָט די זעלבע פראַגע באַהאַנדלט אין א „יידיש-דייטשן״ „זענדשרייבען״, ד״ה, ווי אייכל גופא דערקלערט, אין א בראָשור, וואָס איז געשריבן אין דייטש, נאָר געדרוקט אין דער שריפט פון „ווייבער-דייטש״, וואָרעם, דערקלערט ווייטער אייכל, ווען לעווע זאָל געווען אַלס יידישער געלערנטער שרייבן אין העברעיִש, וואָלט דער צוועק פון זיין בראָשור „גרעסטענטיילס פאַרפעלט געוועזען״, ווייל די וואָס פאַרשטייען העברעיִש ווילן ניט לייענען די ביכער, וואָס אויפגעקלערטע שרייבן, און די, וועלכע אזא ווערק וואָלט יאָ געוועזן צום הארצן, וואָלטן עס אָבער ניט פאַרשטאַנען. ווען אָבער לעווע זאָל געווען אַלס דייטשער שריפטשטעלער ארויסגעבן זיין ווערק אין דייטשער שפּראַך און שריפט, וואָלט עס דאָך געווען צוגענגלעך אויסער דער „יהודים-שולע״, ד״ה, אויסער דער יידישער סביבה, און עס וואָלט דאַן געקאָנט געבן „יהודים-פיינד״, וואָס זיינען נאָך ליידער אזוי פיל צום ענדע פונם אויפגעקלערטן 18טן י״ה, „געלעגנהייט צום שפּאָט אונד צור פעראַכטונג״ [1].

די שפּראַך-פראַגע ווערט דערפאַר ביי אייכלען אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן. ער שרייבט א קאָמעדיע, אין וועלכער יעדער פּערסאָנאַזש רעדט זיך אויף זיין לשון: דער אַלטפרענקישער ייד — זיין טיפּיש-יידישן דיִאַלעקט, דער אויפגעקלערטער — ליטעראַריש-דייטש, דער ענגלענדער — ענגליש אָדער פאַרקריפּלט דייטש, און דער פראַנצויזישער עמיגראַנט — א געמיש פון דייטש מיט פראַנצויזיש. אָבער אַלע רעפּליקעס אי פון די אויפגעקלערטע אי פון די אַלטפרענקישע פּערסאָנאַזשן ווערן פאַרשריבן און געדרוקט אין „ווייבער-דייטש״. און ווייל די געלונגענסטע און זאַפטיקסטע פיגורן אין דער קאָמעדיע זיינען די פאַרשטייער פון דעם אַלטן דור, און דער פאַרפאַסער האָט זיך נאָך דערביי געפלייסט, בכדי ארויסצושטעלן די דאָזיקע פיגורן אין זייער פולער קאָמישקייט, וואָס געטרייער און ריכטיקער איבערצוגעבן אַלע זייערע תנועות, זייער התנהגות און די מינדסטע ניואַנסן פון זייער, ביי די אויפגעקלערטע אזוי פאַרנִמאָסטן און פאַרשפּאָטעטן אַלטמאָדישן יידיש-לשון, — איז אייכלס קאָמעדיע

---

1 המאסף, תקנ״ז, 361—362

אומדערוואַרטעט און קענן דעם ווילן פון איר באַשעפער, געוואָרן אַ וויכ־טיקע געשעעניש פאַר דער יידישער ליטעראַטור, איינע פון אירע צוויי ערשטע מאָדערנע וועלטלעכע לוסטשפּילן, וואָס זייער השפּעה פילט זיך דייטלעך אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קאָמעדיע. „ר׳ היגאָך אָדער וואָס טוט מען דערמיט" הייסט אייכלס קאָמעדיע, און אַלס מאָטאָ פאָלגט די כאַראַקטעריסטישע ציטאַט פון האָראַצס סאַטירעס:

לאַכנדיק זאָגן דעם אמת — וואָס קאָן פאַרווערן? — Ridentem dicere verum quid vetat?

דאָס יאָר, ווען אייכל האָט זיין קאָמעדיע געשריבן, איז ניט פעסט־געשטעלט. פון די ערשטע דרוק־אויסגאַבן אויס דעם 18טן י״ה איז קיין איין עקזעמפּלאַר ניט אויפגעהיט געוואָרן; נאָר שטיינשניידער וויזט אָן, אַז ער האָט אין די יונגע יאָרן געזען אַן עקזעמפּלאַר פון אייכלס פּיעסע אויס דעם יאָר 1797. דער געשיכטספאָרשער יאָסט דערציילט אָבער, אַז אייכלס קאָמעדיע איז זייער פאַרשפּרייט געווען נאָך אין מאַ־נוסקריפּט, און וויזט דערביי אָגב אָן, אַז די געדרוקטע אויסגאַבן אַנט־האַלטן נישט דעם אָריגינאַל אין זיין גאַנצער עכטקייט 1. משמעות, איז מאַנוסקריפּט איז אייכלס „ר׳ הענאָך" געווען באַקאַנט ביים עולם נאָך פאַר 1797. יעדנפאַלס איז אייכל צוגעטראָטן צו זיין קאָמעדיע ניט פריער פון אָנפאַנג 1793, ווייל אין איין סצענע אויס דעם ערשטן אַקט ווערט דערמאָנט דער פראַנצויזישער מלך לודוויג דער 16טער, „וועלכן מען וועט באַלד איבערגעבן דער גיליאָטינע", און דאָס איז, כידוע, געשען דעם 21טן יאַנואַר 1793.

די אין סוף 18טן י״ה אַזוי פּאָפּולערע פּיעסע איז אין משך פונם 19טן י״ה אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. ווי אַ פאַנטאַסטישע לעגענדע האָט איר נאָמען געוואַנדערט פון איין ליטעראַטור־היסטאָריקער צום צווייטן, ווייל קיינער פון זיי האָט זי אין די אויגן ניט געזען און אַלע האָבן זיי זיך געשטיצט אויף די זייער מאָגערע און ניט גאַנץ גענויע אינפאָרמאַציעס פון שטיינשניידערן און יאָסטן. אלעזר שולמאַן איז געווען דער ערשטער פון די נייערע ליטעראַטור־פאָרשער, וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט אייכלס „ר׳ הענאָך". ליידער, האָט ער אָבער, לויט זיין שטייגער, געגעבן וועגן דער דאָזיקער

---

1 וועגן די אויסגעהיטע טעקסטן פון אייכלס קאָמעדיע, זע: מ. עריק אין פילאָלאָגישע שריפטן, III, 573—576 און אין צייטשריפט, V, 285—294; זלמן רייזען אין „ארכיוו פ. ד. געש. פון יידישן טעאַטער און דראַמע", I, 85—93. מיר באַנוצן זיך מיט דעם עלטערן טעקסט, וועלכן זלמן רייזען האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם ערשט ציטירטן „ארכיוו".

פיעסע צו קורצע און טרוקענע ידיעות [1]. נחום שטיף [2] און נאָך אים מאַקס עריק [3] זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן באַקאַנט מיטן אינהאַלט פון אייכלס פיעסע און אויך געגעבן אַ ליטעראַטור־היסטאָרישע אָפּשאַצונג. דעם פולשטענדיקן טעקסט פון „ר׳ הענאָך" האָט פאַרעפנט־לעכט זלמן רייזען [4]. לויט דער אַרכיטעקטאָניק פון דער פיעסע מיט אירע פילצאָליקע פערסאָנאַזשן און אָפטן בייטן דעם אָרט פון דער האַנד־לונג אין מיטן אַקט, איז לייכט איינצוזען, אַז אייכל האָט פאַרטראַכט זיין קאָמעדיע ניט פאַר דער בינע, נאָר צום לייענען. אינם לעצטן אַקט ווענדעט זיך דער אויפגעקלערטער נאַטאַן צו זיין קרוב ר׳ הענאָך מיט די ווערטער: „לײדער, װערדען װיר פאָן אײנער גענעראַציאָן צור אַנדערען מאָראַליש פאַרדערבטער. זיא זינד ניכט אַלליין איין אונגליקליכער פאַטער, עס גיבט דערען פילע: אונד עס װירד ניכט לאַנגע דױערן, זאָ װערדען זיא דיא טרױריגען פאָלגען זעהן!" פאַקטיש זאָגט דאָס ניט דער „פּראָ־ווינציאַל־דעפּוטירטער" נאַטאַן, נאָר טאַקע דער פאַרפאַסער גופא. דאָס איז דער אָנגעווייטאָגטער אמת, צו וועלכן אים האָט געבראַכט די טרויע־ריקע ווירקלעכקייט. אין דער אים באַקאַנטער סביבה, אין די רייכע, גרויס־שטאָטישע סוחרישע קרייזן האָט ער צוגעזען דעם צעפאַל פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער פאַמיליע. די עלטערן מיט זייער אָפּגעשטאַ־נענעם, מיטלאַלטערלעכן וועלט־באַנעם זיינען ניט אימשטאַנד צו באַגרייפן די פאָדערונגען פון דער נייער צייט. מיט קנאַישער עקשנות קלאַמערן זיי זיך פעסט אָן אַלץ, וואָס זיי האָבן בירושה באַקומען פון זייערע אבות. ווערן זיי פאַרלאָזן פון זייערע אייגענע קינדער, און זיי, די קינ־דער, ראַפּטאַם אָפּגעריסן פון דעם אַלט־פאַרפוילטן לעבנסשטייגער, ווערן, ווי שפּענדלעך, געטראָגן איבער די שטורמישע כוואַליעס פון דעם נייעם לעבן, אָן אַ פעסטן מאָראַלישן אָנהאַלט, אָן אַ קלאָר־באַשטימטן ציל. אָט דעם צעפאַל שילדערט עס אייכל אין זיין קאָמעדיע.

„אַין פאַמיליען געמעלדע" הייסט אייכלס פיעסע לויט דעם כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ברעסלוי. אין טונקל־שוואַרצע פאַרבן גיט אייכל דאָס „געמעלדע" פון דעם פאַמיליע־לעבן אינם הויז פונם רייכן חלפן ר׳ הענאָך קאַצענעלענבויגן מהאַלבערשטאַט... עס איז אויסער ספק, אַז ר׳ הענאָך איז ניט קיין אויסגעטראַכטע פיגור; אייכל האָט פאַר זיינע אויגן געהאַט דעם אָרי־

1 שפת יהודית־אשכנזית, 175—176.

2 „די רויטע וועלט", כאַרקאָוו, 1926, נומ. 7—8 און 10.

3 פילאָלאָג. שר. III, 555—584.

4 אין אַרכיוו פאַר געשיכטע פון יידישן טעאַטער I, 1930.

גינאַל, געזען אַ לעבעדיקן ר׳ הענאָך, און פון אים אַ געטרייַ בילד געמאָלט. און מען מוז מודה זיין — דאָס בילד איז אים זייער געלונגען. איר וועט פאַר זיך אַ לעבעדיקן אַלטפרענקישן ייִדישן רייכן חלפן מיט זיין גאַנצן הילוך, מיט זיינע תנועות, ווי ער קראַצט זיך אונטער דער יאַרמולקע און שנייצט זיך די נאָז, מיט זיינע גלייכווערטלעך, מיט זיין בייגעשריי: „וואָס טוט מע דאַמיט", מיט זיין לַהוט זיין נאָך אַ פאַרדינסטל און התבטלות פאַר דעם זילבערנעם רייכסטאַלער, מיט זיין פאַרביסענער שנאה צו אַלץ, וואָס שמעקט מיט היינטוועלטישקייט און איז ניט געהייליקט דורך מסורת אבות. ער האַלט פון זיך עולם ומלואו, קוועלט אַליין אָן פון זיינע גלייכווערטלעך, האַלט זיך פאַרן גרויסן יחסן („מיין משפחה שרייבט זיך מקדמת דנא האַלבערשטאַדט") און גרויסן ידען אין וועלט־זאַכן. „פופצען יאָר זיטצע איך תהלה לאל אָן קהלם טיש, וועלט איר מיר זאגן, וואָס רעכט און אונרעכט איז?" — רופט ער אויס מיט ירגזון. ר׳ הענאָך האָט ליב צו ברענגען אַ גמרא־ווערטל, און פרייטאָג־צונאַכטס, ווען די שבת־גויה קומט אַרייַן מיטן שנייצער די ליכט צו פוצן, רעדט ר׳ הענאָך ניט קיין דברי חול, נאָר אויף אַ ספּעציעל „שבתדיקן" לשון: „כֵן! ליא יהא, מע וועט דען ריח רע פטור!" ער האַלט זיך פעסט אין דעם כלל, וואָס ער האָט בקבלה פון זיין זיידן, אַז „ווער וויל וואָס מחדש זיין — שנייד זיך אַ קריעה". „אונזערע אבות אבותינו האָבן קאָן דקדוק געלערנט, קעננען מיר אָך דעראָן זיין!... דקדוק בעתים הללו — כל בואיה לא ישובון!" און ער טרייבט אַרויס דעם אָרעמען סטודענט מאַרקוס, וואָס עסט ביי אים „טעג", דערפאַר, וואָס זיין ווייב האָט אים געזען עסן „אונבעזועהן טרייַגע פלאָמען", „מאַדיגע פלאָמען — ימח שמו וזכרונו! דיע מעמע האט רעכט — ניט מער איבר דיע מזוזה!" ער פאַרהאַלט זיך דערפאַר מיט דער גרעסטער שנאה צו דער „נייער רפאָרם", פאַר וועלכע עס האָבן מיט אַזאַ עקשנות געקעמפט די משכילים מיט דוד פרידלענדער בראש [1]. ער טרייסט זיך: „זויא לאַנג זעללען מיינע שונאים חולי ראש האָבן, זויא לאַנג דאַרוים ניכס ווערין ווערד". ער האָט מורא, און מיט רעכט, אַז די רעפאָרם וועט צעשטערן דעם אַלטן לעבנסשטייגער; ער, ר׳ הענאָך, וויל אָבער, עס זאָל אַלץ בלייבן ביים אַלטן, און אויך ווייטער זיצן „אָן קהלסטיש".

דאָס לעבן איז אָבער שטאַרקער פון אים, און דאָס מוז ער צוזען אין זיין אייגענער פאַמיליע. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די ייִדישע סוחרים און גרויסהענדלער, אַפילו די פונם אַלטן שניט, ווי

1 זע אויבן, ז׳ 143 א. וו.

ר׳ הענאך קאצענעלענבויגן, האבן ניט געהאט דאקעגן, זייערע טעכטער זאלן באקומען אין א געוויסער מאס אייראפעיִשע בילדונג. א טאכטער איז דאך פטור פון לערנען תורה, און אויב זי וועט קענען שפראך, איז דאס נאך א שטיקל מעלה צום געשעפט; זי וועט אונטערהאלטן די קונדן, וועט קענען איבערלייענען א קוויט אדער א געשעפטס־בריוו. דער־פאר ארט דאס ניט ר׳ הענאכן, וואס זיין עלטערע טאכטער עלקע ווערט מגולגל אין עליזאבעט, לייענט „גויִשע״ ביכלעך, קען אפילו ענגליש ריידן. די יינגערע טאכטער — די ניט שטארק איבערגעשפיצטע הדס־העדוויג — האט שוין אפילו בילדונג אויפן שפיץ מעסער, עס ווייזט אבער דאך אויס, אז מען פלעגט פאר איר ספעציעל צאלן לערערס, און דער־פאר, אז עס קומט צום איבערלייענען א דייטשן בריוו, טענהט ייטל, הענאכס ווייב, צו דער יינגערער טאכטער: „דו האסט דאך געלד נענוג געקאסט, דו ווירסט דאך גלחות לייענן קענען!״ ר׳ הענאך מאכט חתונה זיין טאכטער עלקע פאר א נישטיקן הענדלער מאדעל, וואס איז פרום און גאטספארכטיק, ווי ר׳ הענאך, און איז אויך ווי ער גרייט פון פרנסה ווענן און גלאט פאר א פארדינסטל — צו פארגעסן אין כבוד און אין אייגענער זעלבסטאכטונג. מוז עס קומען צו א קאנפליקט צווישן דעם ניט גלייכן פארפאלק. יצחק אייכל האט פילע אזעלכע קאנפליקטן צוגעזען אין די אים באקאנטע יידישע פאמיליעס. עלקע־עליזאבעט איז נמאס איר מאן מיטן גאנצן אלטפרענקישן לעבנסשטייגער, אין וועלכן זי איז אויסגעוואקסן, און איר אידעאל, דער העלד פון אירע טרוימען, ווערט דער פרייסישער אפיצער פאן הארן מיט די קלינגענדיקע שפארן און רייך־באפוצטן מונדיר. און טאקע דער אפיציר גופא, מיט וועלכן ר׳ הענאכס טאכטער, די מוטער פון קינדער, שפילט א ליבע, בארימט זיך ציניש פאר זיין חבר: „וויסטעסט דוא, וואס דאס ווערטכען „פאן״ בייא דיזען קרעאטורן פיר איינע מאגישע קראפט האט!... אייטעלקייט, עקעל אן איהרעם אייגענעם פאלק אונד איינע קוואזי־קולטור, דיא זיא אין אונזערן אומגאנג צו האבן וועהנט, מאכט די גאנצע עקסיסטענץ דיזעם וועזענס אויס. ליבע איזט איהרער זא וועניג וויא פאן דער מייניגען״.

נאך שארפער גייט עס צו מיט דער דערציִונג פון ר׳ הענאכס זון הערצבע (הארטוויג). דאס דערציִונגס־פראגראם פון ר׳ הענאכן איז א גאנץ פשוטע: „הערצבע זאל אבענד און מארגען שולען גיין, הערצבע זאל א שיעור לערנען, זאל שני וחמישי ושני פאסטען, און זאל א בעל משא ומתן ווערדען״. הערצבע־הארטוויג דערציילט, ווי ער האט ביז 16 יאר געלערנט ביי „איין פאלנישן רבי״, וועלכער האט מיט אים געלערנט

„דינגע, וואפאן ער זעלבסט קאנען בעגריף האטטע", און דערפאר האט ער, הערצבע, „הערטע זעלטען נאך דעם, וואס ער מיר אין זיינעם שאר־גאן פארשוואצטע" *. די שוועסטער זיינע, עלקע־עליזאבעט, האט אויף אים רחמנות געקראגן, האט מיט אים בסוד, דער פאטער זאל ניט וויסן, געלערנט דייטש און פראנצויזיש, און געגעבן אים גוטע ביכער צו לייענען. דער פאטער ווערט ענדלעך געוואר, אז זיין עלטערער זון איז געווארן א „מין" און „אפיקורס". מען פאנגט אן הערצבען שטארק צו רודפן, מען לאזט אים אויף קיין מינוט ניט אפ פון דעם אויג. בעט זיך דער זון ביים פאטער, ער זאל אים „איין האנדווערק לעהרען לאססען". „וואס ווילסטו ווערן?" — פרעגט דער פאטער. הערצבע וויל בויקונסט לערנען. „א בויא מאשטער? — רופט אויס ר' הענאך — און ווי ווילסט דוא'ם אן שבת מאכען? מחלל שבת זיין?" ליגט הערצבע פאר בילדהויער צו ווערן. „פשיטא — שרייט דער פאטער — פסילים שניצן? אויס דיר ווערד בעוונות גאר ניט. ווען דו גוועלט העסט, העסט דו אלעווייס שוין א שיין בעל הביתכע זיין קענען!" דער סוף איז געווארן, וואס הערצבע האט זיך סקאמפאניעט מיט אייניקע לייכטזיניקע קריסטלעכע יונגעלייט, מיט וועלכע ער האט זיך באקענט ביי דער שוועסטער אין שטוב, און גייט ארויס לתרבות רעה. „וויר העלטען — דערציילט הערצבע — לייכטזין פיר אויפקלערונג, אונד איפפיגקייט ** פיר פריי־הייט. איך פערגאס אלע באנדע דער פאמיליע, פערשפאטעטע מיינע עלטערן אונד מיין גאנצעס פאלק". ער וואנדערט מיט זיינע נייע חברים איבער די צעכהייזער, ווערט א קארטן־שפילער, מאכט אן חובות, האט ניט קיין געלט צום שפילן — מאכט ער פאלשע קארטן, מען כאפט אים ביי דער האנט, מען קלאפט אים דורך, און הערצבע ווערט איינגעזעצט אין קערקער.

דער פארפאסער האלט זיך אין א געוויסער מאס פאזיטיוו צו הערצבען; אין זיין מויל לייגט דער פארפאסער אריין פיל פון זיינע אייגענע געדאנקען, ווי צום ביישפיל: „ליידער, נענט מאן ביי אונז רעליגיאן, וואס דאך אייגענטליך ניכטס ווי אבסערוואנץ איסט, וואָ וועדער קאפף נאך הערץ טהייל דאראן נעהמען קאן". הערצבע ווערט א בעל־תשובה, און דער פארפאסער פארהאפט, אז ער וועט נאך ווערן אן אמתער טרעגער פון קולטור און אויפקלערונג. דא שטייט אבער אייכל ביי דער גרעניץ פון זיין שילדערונגס־קראפט. בכדי אייכלס באאב־

* שוואצען — פלאפלען.

** איפפיקייט — פארשווענדערישער לוקסוס.

אכטונגס=אויג זאָל קענען ריכטיק און געטריי אויפנעמען אַ לעבנסבילד, האָט עס נייטיק אַ געוויסע דיסטאַנץ. דער פּראָפעסאָר מוז שטיין גייסטיק העכער פון די פּערזאָנען, וואָס ער שילדערט, און נאָר דאַן איז ער אימשטאַנד צו געבן אַ בולט בילד. דערפאַר קומען ביי איכלען אַרויס לעבעדיק די אַלטפרענקישע פּאַרשוינען: ר׳ העניאָך, זיין ווייב ייטל, זייער יינגערער זון — דער נידערטרעכטיקער צבועק שמואל, דאָס נישטיקע צוויקערכע, וואָס גנבעט אום פּרייטאָגצונאַכטס דעם בעכער מיט די זילבערנע מטבעות; ער האָט מורא מחלל שבת צו זיין, לעשט דערביי אויס בלית ברירה דאָס ליכט און קרעכצט מיט אַ פרומער מינע: „אוי, חטאתי, עויתי פשעתי!״ לעבעדיק זיינען אויך די כלומרשט=געבילדעטע ר׳ העניאָכס טעכטער, עלקע=עליזאַבעט און הדס=העדוויג, „איין אַלבערנעס געשעפּף, דאָס אבער די גוטמיטיקייט זעלבסט איסט״, ווי עס אַטעסטירט זי איר ברודער הערצכע. טיפּיש איז אויך דער בטלנישער פּעדאַנט, דער סטודענט ברייטענבויך, „פּאָר קורצעם נאָך לייבכע בעהעלפער״. ברייטענבויך איז בלי ספק ניט קיין אויסגעטראַכטע פיגור, איכל האָט אַ סך אַזוינע פּאַרשוינען געזען צווישן דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט. ערשט נעכטן אַ פלאַכקעפּיקער ישיבה=בחור, ווערט ער מיטאַמאָל אַ „קאַנטיאַנער״, אַ „קריטישער פילאָזאָף״; אַבסטראַקטע, שלעכט פאַרדייעטע פילאָזאָפישע באַגריפן פּאַרפּלאָנטערן אינגאַנצן דעם שוואַכן מוח פון דעם זעלבסטצופרידענעם טיפּוש. „ער האָט שטודירט, — רופט אויס מיט פּאַרדרוס דער אויפגעקלערטער דאָקטאָר, — ווי מאַן קיין מענש זיין מוס, האט געלערנט אונזין אונד אונמענטשליכקייט מיט גראָסען ווערטערן אויסצוקראַמען...״

ווי נאָר איכל פּרוּווט אָבער שילדערן פּאָזיטיווע פיגורן, אָט טאַקע דעם נאָר=וואָס דערמאָנטן דאָקטאָר, דעם פּראָווינציעלן דעפּוטירטן נאַטאַן, דעם סטודיאָזוס מאַרקוס אָדער הערצכען אַלס בעל=תשובה — טוט זיך גלייך אָפּ פונם פּאָרפּאָסער דער „רוח הקודש״. זיי זיינען דאָך זיין אידעאַל, אין זייער מויל לייגט ער אריין זיינע אייגענע געדאַנקען און פאָדערונגען — און דאָך, און אפשר טאַקע דערפאַר, באַקומען מיר ניט קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר פּאַפּירענע מאַנעקענעם מיט נייִן מאָס „אויפגעקלערטע״ רייד. און דער פּאָרפּאָסער גופא פילט ניט, ווי פיל איראָניע עס ליגט אין ר׳ העניאָכס רעפּליקע, מיט וועלכער עס פּאַרענדיקט זיך דער פערטער אויפטריט פונם פינפטן אַקט, ווו ר׳ העניאָך רופט אויס צו נאַטאַנען און דערנאָך צום דאָקטאָר: „ווייסט איר וואָס, מאַכט אַ בוך דרויס!״ דעם פּאָרפּאָסערס כוונה איז נאַטירלעך געווען דווקא אונטערצושטרייכן דאָס קאָמישע און אָפּגעשטאַנענקייט אינם אַלט=

פּרענקישן ר׳ הענאך. די באַגריפן און דער געשמאַק האָבן זיך אָבער מיט דער צייט אַזוי שטאַרק געענדערט, אַז עס טרעפט אין אייכלס קאָמעדיע גאַנץ אָפט, וואָס דאָס קאָמישע שטראַצט אַרויס גראָד פון דער זייט, וווּ דער פּאַרפאַסער גופא האָט געזען רק דאָס רײַן פּאָזיטיווע און געוווּנטששענע. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אין אייכלס קאָמעדיע ריידן די אויפגעקלערטע רײַן דײַטש, די אַלטפּרענקישע — פּראָסט יידיש, און דאָס לשון פון ר׳ הענאך, אַ שטייגער, ווערט איבערגעגעבן טריי מיט אַלע תּנועות, מיט אַלע זיינע דיאַלעקטישע אייגנאַרטן, און דאָס טוט דער פּאַרפאַסער ניט אַזוי לשם רעאַליזם, ווי בכדי בולטער צו מאַכן דאָס קאָמישע און לעכערלעכע פון אַט דעם דאַזיקן „זשאַרגאָן״, אין וועלכן עס ווערט אַזוי פּאַרקריפּלט און אַנטשטעלט די שיינע „לאַנד־שפּראַך״. בכדי נאָך קאָמישער צו מאַכן דעם אַלטן ר׳ הענאך, שטרייכט דער פּאַרפאַסער באַזונדערס אונטער, ווי יענער פאַרשטייט ניט, ווען מען רעדט צו אים אויף אַ געבילדעטער שפּראַך. אַפילו די זייער קנאַפּ געבילדעטע העדוויג, וואָס מיינט, אַז ברייטענבויך שטאַמט פון דער קאַנטער געגנט, באשר יענער רעקאָמענדירט זיך אַלס „קאַנטיאַנער״, און זי רעכנט דעם דאַזיקן טיפּוש פאַר אַ געוואַלדיק טיפן פילאָזאָף, ווייל ער שיט מיט קאַנטס פילאָזאָפישע אויסדרוקן, וועלכע ער הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, — אויך זי האַלט פאַר אומבאַדינגט נייטיק צו ריידן מיט איר פאָטער דווקא אויף דער „אויפגעקלערטער״ שפּראַך. און ווען יענער פאַלט אין חלשות דערהערנדיק, אַז העדוויג האָט דעם פריטאָג־צו־נאַכטס פאַרבראַכט מיטן ענגלענדער אין אַ קריסטלעכן רעסטאָראַן, גיט זי אים אַ פלאַקאָן חלשות־טראָפּן צו שמעקן און מינטערט אים מיט די ווערטער: „היר ריך, מאָן שער פּאַפּאַ!״ ר׳ הענאך איז אָבער אַ אומוויסנדיקער אַרטאָדאָקס, ענטפערט ער אויף די ליבעפולע ווערטער פון זיין הייגט־וועלטיקער טאָכטער: מיין כּפּרה דו מיט זאַמט דיין „שער פּאַפּאַ!״ און ווען די עלטערע טאָכטער, עליזאַבעט, קומט נאָכן סקאַנדאַל מיטן אָפיציר צום פאָטער מחילה בעטן, ווערט דאָס נאַטירלעך אויך געטאָן אויף אַ ריין „געבילדעטן״ אופן, און זי בעט: „פערצייען זיא, ליבער פאַטער!״ דער פאָטער איז איר מוחל, ווייל על־פּי־דין איז זי דאָך אַלס בעל־ביתטע שוין אויס זיין רשות, ער האַלט אָבער פאַר נייטיק אָנצוווייזן, „נוא יוא, געוויין נאָר דאָס פערשוואַצטע לשון אָפּ״.

ר׳ הענאכס טעכטער זיינען אַפילו בלויז האַלב געבילדעטע, „פאַלש אויפגעקלערטע״; נאָר דאָס זעלבע, און דערצו אין נאָך אַ שאַרפערער פאָרם, חזרט זיך איבער מיט די אמת אויפגעקלערטע, וואָס אין זייער מויל לייגט דער פאַרפאַסער אַריין זיינע אייגענע ווונטשן און פאָדערונגען.

אַט, אַ שטייגער, דער סטודיִאָזוס מאַרקוס, וואָס אויף אים זאָגט עדות דער אויפגעקלערטער דאָקטאָר, אַז „ער ווירד איינסט דער נאַציִאָן עהרע מאַכען“. מאַרקוס איז פון גאָלע שֶׁמֶן זַיִת, טאַקע ממש אַ מלאך אלהים; אַלץ, וואָס ער טראַכט און טוט, איז רק אוים מענטשנליבע. דאָס, וואָס ר׳ הענאָכס ווייב יִיטל האָט געזען, ווי מאַרקוס האָט אויפן מאַרק געקויפט „טרעגע פלאָמען“ און זיי גלייך אויפן אָרט אָנגעפאַנגען „אָנבעזעהן“ צו עסן, זאָלט איר ניט מיינען, אַז דאָס האָט ער עס סתּם פון זיין פאַר־געניגן וועגן געקויפט פלוימען אויפן מאַרק, — חס וחלילה! און דער פּאַרפאַסער לאָזט טאַקע מאַרקוסן גופא דערציילן, ווי אַזוי דאָס איז געשען: „הייטע, צום ערסטן מאָל אין מיינעם לעבען, האַב איך פלוימען זעלבסט אויף דער שטראַסע געקויפט. דער קראַנקע, דען וויר הייטע בעזוכען, ווינשטע איין טעפּכען דאַפאָן צו האַבען, איך זאהע עבען וועלכע אויף דען מאַרקט, אונד דאַכטע דעם מאַננע דאָס קליינע לאַבזאהל צו בעזאָרגען, קאָן זיין דאָס איך אָהנע וואָס דאַביי צו דענקען איינינגע געגעסן האַבע“. דערזעט אָט דער דאָזיקער מאַרקוס פרייטאָג ביינאַכט, אַז עס ברענט אַ הויז אין דער נאָענטסטער שכנות צו ר׳ הענאָכס וואוינונג, קלאַפּט ער אָן ביי ר׳ הענאָכן, מען זאָל למען השם וואָס גיכער פון שלאָף אויפשטיין, ווייל די געפאַר איז גרויס, אָבער אויך אין דעם מאָמענט האַלט דער געוועזענער ישיבה־בחור מאַרקוס פאַר אוממעגלעך צו „באַשמוצן“ זיין צונג מיט דעם פאַרדאָרבענעם זשאַרגאָן, און ער רעדט מיט ר׳ הענאָכן דווקא הויך־דייטש. יענער איז אָבער אַן אומוויסנדיקער מענטש, פאַרשטייט ער אים גאַנץ קנאַפּ און זיפצט דערביי: „ווי טוט דער מיר מיט זיין לשון זויא ווייא!“ און דער פּאַרפאַסער איז זיכער, אַז קאָמיש איז אין דער דאָזיקער סצענע ניט דער „הויך אידלער“ מאַרקוס מיט זיין „אויפגעקלערטער“ שפּראַך, נאָר דווקא דער אָרטאָדאָקס ר׳ הענאָך... דאָס אייגענע חזרט זיך אויך איבער אין דער סצענע, ווי דער אויפגעקלערטער נאַטאַן קומט נאָך זיין איבעררייִדן מיט יִיטלען צו ר׳ הענאָכן מיט דער מעלדונג: „נון ר׳ הענאָך! פון איהרער פרוי האַבע איך פלענג פּואוואָער“. פאַרשטייט אָבער ניט דער אומוויסנדיקער ר׳ הענאָך, וואָס זאָל אַזוינס באַדייטן „פלענג פּואוואָער“. פרעגט ער ביי זיין ווייב: „וואָס רעד דער? וואָס האָט ער פון דיר? דער רעד אַלס זעלכע גרויסע ווערטער“! און ער בעט זיך, נעבעך, ביי נאַטאַנען: „וואָרום רעד איר ניט יידיש? איך בין אַ ייד!“ ערשט דעמאָלט, באין ברירה, ברעכט שוין נאַטאַן די צונג און דערקלערט ר׳ הענאָכן: „כּח הרשאה האַבע איך פון אירער פרוי, מיט הערצכה צו מאַכען

וואָס איך וויל!" כּח הרשאה — דאָס פאַרשטייט שוין אַזאַ ייד ווי ר׳ הענאָך קלאָר און דייטלעך.

אַ צווילינג־שוועסטער פון אייכלס פּיעסע איז די קאָמעדיע „לייכט־זין אונד פרעמעליי" פון אייכלס חבר און מיטאַרבעטער אין „המאסף" אהרן וואָלפסזאָן האַלע. אהרן וואָלפסזאָן איז געבאָרן אין 1754 אין אַ קליין שטעטעלע נידערהיים (אין עלזאַס), ווו זיין פאָטער וואָלף האַלע האָט פּראַקטיצירט אַלס אַרצט [1]. ד״ר וואָלף איז געווען אַ למדן און פון גרויס יחוס, און דער זון זיינער שטרייכט דאָס טאַקע אָפּט אונטער אין זיין אונטערשריפט: „אהרן בן הרופא הרבני מ׳וואָלף האַלי". דער ד״ר וואָלף האָט שוין באַקומען אייראָפּעיִשע בילדונג, האָט קאָרעספּאָנ־דירט מיט מענדעלסזאָנען, און דער יונגער וואָלפסזאָן האָט וואַרשיינלעך שוין אין דעם פאָטערס הויז זיך באַקענט מיט די נייע שטרעמונגען פון די „אויפקלערער". אין 1785 האָט ער זיך באַזעצט אין בערלין, און דאָרט איז ער זיך נאָענט צונויפגעגאַנגען מיט די משכּילים, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם „המאסף" און האָבן פאָרטגעזעצט מענדעלסזאָנס „ביאור". וואָלפסזאָן איז געוואָרן אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון דעם „המאסף", ער האָט געשריבן שירים, עקזעגעטישע אַרטיקלען, פּאָפּולערע אַרבעטן וועגן זאָאָלאָגיע און פיזיק. דער זיבעטער באַנד „המאסף" איז אַרויס אונטער זיין רעדאַקציע [2], און דעם נייעם רעדאַקטאָר האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין אויסגעשפּראָכן קריגערישע טענדענץ. אַלס „ביאוריסט" האָט ער איבערזעצט און פאַרעפנטלעכט מיט זיין „ביאור" די מגילות: איכה, רות און אסתר (1789); אין אַ יאָר אַרום „איוב" און דערנאָך „מלכים" (1800). ווי פיל אַנדערע משכּילים פון יענער תּקופה, האָט אויך וואָלפסזאָן פיל זיך אָפּגעגעבן מיט פּעדאַגאָגיע. אין 1790 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין העברעיִש לערנבוך „אבטליון", וואָס האָט אויסגעהאַלטן פיר אויסגאַבן [3]. אין דער מעלדונג וועגן דעם דאָזיקן לערנבוך, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם „המאסף" [4], ווייזט ער אָן, ווי אומ־פּעדאַגאָגיש עס איז, וואָס מען פאַנגט אָן מיט קליינע קינדער, וועלכע באַזיצן נאָך ניט די העברעיִשע שפּראַך, גלייך פון תּורת משה. „צי האָט איר וועגן געזען, — פרעגט וואָלפסזאָן, — מען זאָל אָנפאַנגען לערנען לאַטיין אָן אַ וועלכער־ס׳איז פאַרבערייטונג דירעקט פון ווירגיליוס אָדער האָראַציוס ?".

---

1 זע שאַצקיס אַרטיקל אין אַמעריקאַנער פּנקס 1929, 16.

2 וועגן וואָלפסזאָנס פּאָלעמישע שריפט „שיחה בארץ החיים" זע אויבן ז׳ 126 א. ה.

3 איבערגעדרוקט אין 1800, 1806 און 1814.

4 המאסף, תקמ״ב, 373 — 376.

זינט 1791 איז וואָלפסזאָן אין משך פון פיל יאָרן געווען אָבער־לערער און אינספעקטאָר פון דער באוווסטער רעפאָרמירטער „קעניגליכער ווילהעלם־שולע״ אין ברעסלוי. מיר האָבן שוין פריִער גזעזן, וואָס פאַר׳אַן עקשנותדיקער קעמפער וואָלפסזאָן איז געווען קעגן די אָרטאָדאָקסן און דעם אַלטן לעבנסשטייגער 1, אַ „געוואַגטער שטירמער״, ווי ער הייסט ביי גרעצן; נאָר אויך אים, ווי זיין פריינד אייכלען, האָט דאָס לעבן געבראַכט ניט ווייניק אַנטוישונגען; אויך ער האָט זיך איבערצייגט, ווי גרויס ס׳איז די צאָל צווישן דער מאָדערנער יוגנט, וואָס האָבן, ווי׳ הערצבע־הארטוויג, געדעכנט „לייכטזין פיר אויפקלערונג אונד איפפיגקייט פיר פרייהייט״, — האָט ער ווי זיין חבר אייכל אויך באַשלאָסן „לאַכענדיג זאָגען דעם אמת״, און זיין לוסטשפיל „לייכטזין אונד פרעמעליי״ געשריבן. עס פילט זיך בלי־ספק אַ געוויסע קירבות צווישן אייכלס און וואָלפסזאָנס פיעסן. אפילו די נעמען פון אייניקע פערסאָנאַזשן זיינען איינע און די זעלבע איןביידע פיעסן. ביי אייכלען הייסט די הויפט־פיגור הענאָך, ביי וואָלפסזאָנען — חנוך; אין ביידע פיעסן פיגורירט אַ יונגער משכיל מיטן נאָמען מאַרקוס, ביי וואָלפסזאָנען הייסט חנוכס זון שמואל און אזוי הייסט אויך ר׳ הענאָכס יינגערער זון. עס איז אָבער שווער פעסטצושטעלן, וועמעס פיעסע ס׳איז עלטער. אייכלס פיעסע איז צום ערשטן געדרוקט אין 1797, זי איז אָבער שוין פריִער געווען באַקאַנט ברייטערע קרייזן אין מאַנוסקריפט; וואָלפסזאָנס פיעסע איז צום ערשטן דערשינען אין דרוק אין 1796, נאָר עס איז זייער מעגלעך, אַז אויך זי איז פאַרפאַסט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר פריִער. עס איז אָבער העכסט וואַרשיינלעך, אַז די צוויי באַפריינדעטע שריפטשטעלער האָבן טאַקע ביי זייער אָפטן פערזענלעכן פאַרקער אָנגענומען דעם באַשלוס, יעדער פון זיי זאָל אַנקעגנטראָגן זייער דור אַ „פאַמיליענגעמעלדע״, און דערביי אפילו צוזאַמען ארומגערעדט געוויסע דעטאַלן פון זייערע פאַרטראַכטע פיעסן.

אין דער פאָררעדע, וואָס וואָלפסזאָן האָט אין 1798 געשריבן צו דער צווייטער, אין אַמסטערדאַם דערשינענער אויסגאַבע פון זיין פיעסע 2, ווייזט ער אָן, אַז ער האָט זיין לוסטשפיל פאַרפאַסט „צו בעלוסטיגונג אַן אונזרם פורים־פעסטע אַן דער שטעלע דער זאָנסט געוועהנליכן זינלאָזן אונד צוועקווידריגן הארלעקינאַדן דינען זאָלל״. דאָס איז נישט דער אייגציקער פרווו וואָלפסזאָנס די „זינלאָזע הארלעקינאַדן״ צו פאַרדרענגען.

---

1 מענן זיין פאַרהאַלטן זיך צום תלמוד זע אויבן ז׳ 128—129.

2 אין דער נײַערער צייט האָט וואָלפסזאָנס פיעסע זלמן רייזען איבער־געדרוקט אין זיין „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע״.

עס איז אויפגעהיט וואָלפסזאָנס נאָך אַ פּיעסע „צור בעלוסטיגונג אם פּורים־פעסטע”, וואָס ער האָט פאַרפאַסט מיט געזאַנגען אין צוויי אויפצוגען ספּעציעל פאַר די תּלמידים פון דער ווילהעלם־שולע. דאָס איז טאַקע אַ פּשוטער פּורים־שפּיל: „דוד דער בעזיגער דעס גָלְיַת” [1]. גאַנץ אַנדערע אויפגאַבן האָט זיך אָבער וואָלפסזאָן געשטעלט אין זײַן „לייכטזין אונד פרעמעליי”, און ער ווײַזט דאָס טאַקע אָן אין דער אויבן ציטירטער פאָררעדע: „איך ניכטס אנדרס דאַמיט בעאַבזיכטיגען וויל, אַלס בלאָס דער נאַציאָן מיט לעבהאַפטען פאַרבען אַנשוילך פאָרצושטעלען, וועלכע איבלע פאָלגען דער שטרענגע פאַנאַטיזמוס אונד די הייכלייא אונטער דעם דעקמאַנטעל דער רעליגיאָן איינסווייטס, אונד די פאַלשע אָדער אָונעכטע אויפקלערונג אונזערער יעציגען מאָדישן יוגענד נעבסט דער פעלערהאַפטען ערציִונג דער קינדער אנדערר זייטס הערפאָרברענגען קענען”.

אָט דער טאָפּלטער ציל: בלויזשטעלן דעם פאַנאַטיזם און צביעות פון איין זײַט און די אויבנאויפנדיקע „פאַלשע” אויפקלערונג פון דער אַנדערער — פילט זיך שוין אין דעם נאָמען פון דער פּיעסע. דער פאַרפאַסער זשאַלעוועט ניט קיין שוואַרצע פאַרבן, בעת ער שילדערט דעם ייִדישן טאַרטיוף — דעם צבֿועק ר׳ יוספכע, איינעם פון די „וואָס טוען מעשׂה זמרי און פאָדערן שׂכר כּפּנחס”; דער היציקער קעמפער קעגן די פאַנאַטיקער באַקומט דאָ אָפּט די איבערהאַנט איבער דעם קינסטלער.

ער זשאַלעוועט אָבער אויך ניט קיין שפּיציקע פײַלן פאַר די „פאַלשע אויפגעקלערטע”, פאַר ר׳ הנוכס טאָכטער יעטכען, וואָס איז שטענדיק אַרומגערינגלט אויף דער פראַנצויזישער מאָדע פון אַ גאַנצער קאָמפּאַניע אָפיצירן, און „יעדער זעצט איר איינע אַנדערע טאָרהייט אין דען קאָפּף, איבערהויפט זי מיט שמייכעלייען, דיא זיא פיר ריינע וואַרהייט אַננימט”. דערצו מוז מען אויך אָנווײַזן, אַז בײַ וואָלפסזאָנען איז דער משׂכּיל מאַרקוס פיל געראָטענער אַרויסגעקומען, ווי אײַכלס „אויפגעקלערטע”. וואָלפסזאָנס מאַרקוס איז אַ לעבעדיקע פיגור, ניט קיין „שפּרעכמאַשין”. עס פילט זיך בלוט אין זײַנע אָדערן, און ווען אַפילו ער טרעט אַרויס אין דריטן אַקט בײַ דער קופּלערין לעמכין אין הויז מיט אַ פּאַטעטישן מאָנאָלאָג פון אַ טיפּישן רעזאָנער, מוז מען דאָך נעמען אין באַטראַכט דעם סטיל פון יענער תּקופֿה, ווען די פּאַטעטישע אויסגעשרייען פון שילערס העלד קאַרל מאָר האָבן אַרויסגערופן טרערן פון אַנטציקונג בײַ די סענטימענטאַלע צוהערער. עס איז דערפאַר גאַנץ נאַטירלעך, וואָס

---

1 געדרוקט אין 1802. זע שאַצקיס נאָטיץ אין „אַרכיוו פאַר געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער”, I, 148—149. וועגן וואָלפסזאָנס אַנטיילנעמען אין אַ פּורים־שפּיל זע אויבן ז׳ 109.

בעת אייכלם ר׳ הענאך פארהאלט זיך מיט א געוויסער איראניע צו די
אויפגעקלערטע און עצהט זיי: „מאכט א בוך דארויס״, — נעמט וואלפס=
זאנס ר׳ חנוך מארקוסן פאר אן איידעם, דערקלערנדיק דערביי: „דא
זיין מיר דיא נאייאידישע נאך טויזענדמאל ליבר, דיא וואייזען דאך
לכל הפחות, וואס זי טאהן, אבער דיא (די צבועקעס) וועלן אללעס בסוד
טאהן, און זען גונב דעת המקום ודעת הבריות״. אויך אלס סצעניש
ווערק איז וואלפסזאנס פיעסע געלונגענער ווי אייכלס: דארט איז ניטא
אזא שפע אין זייטיקע פארשוינען, ווי אין ר׳ „הענאך״. „לייכטזין אונד
פרעמעליי״ איז דאך באשטימט „צור בעלוסטיגונג אן אונזערע פורים=
פעסטע״, איז דערפאר דער כיוזשעט פיל קאמפאקטער, ניט אזוי צעשווו=
מען, ווי ביי אייכלען; עס נעמען דארט אנטייל בלויז 8 פערזאן, אבער
יעדער איז אויף זיין ארט, איז א נייטיקער, ארגאנישער טייל פון דעם
לוסט=שפיל [1].

אייכל און וואלפסזאן האבן איבערגעלעבט שווערע אנטוישונגען,
זיי האבן זיך געפילט פארלאזן און פאראיינזאמט, ווי „אין דער וויס=
טעניש״, און שוין אין דער בלי=תקופה פון זייער לעבן האבן זיי זיך דער=
ווייטערט פון דער ליטעראַרישער טעטיקייט. אייכל האט שוין די לעצטע
יארן פון זיין קורץ לעבן קיין אנטייל ניט גענומען אין דער העברעישער
ליטעראטור; זיין חבר וואלפסזאן האט מאריך ימים געווען (ער איז
געשטארבן אין 1835 אלס 81=יאריקער זקן), האט ער אויף דער עלטער
אפילו פארגעסן די העברעישע שפראך. אן אנדער מזל האט געהאט
א דריטער בן=דור, וואס האט אויך, ווי אייכל, שטודירט אין קעניגסבערג.
משה מארקוזי האט דער דאזיקער בן=דור געהייסן. וועגן אים אין
ווייטערדיקן קאפיטל.

---

1 אין די לעצטע יארן (1933) זיינען ביידע קאמע־יעס איבערזעצט געווארן
דורך ד. האפשטיין און מארערנעם יידיש און פארעפנטלעכט געווארן מיט א איינלייטונגס-
ארטיקל פון מאקס עריק.

זעקסטער קאַפּיטל

משה מאַרקוזי, „דער קעניגסבערגער דאָקטאָר". — זיין לעבן „במדינות פּוילין". — די שפּראַך-פראַגע ביי מאַרקוזין. — זיין „עזר ישראל". — דער סטיל פון מאַרקוזיס ווערק. — דאָקטאָר מאַרקוזי אַלס מוכיח. — דער קולטור-ליטעראַרישער באַדייט פון זיין „עזר ישראל". — אהרן איזאַק און זיין וואַנדער-לעבן. — דער באַדייט פון זיין „אייטאָביאָגראַפיע". — דוב בער באַלטכאָווער און זיין ליטעראַרישע ירושה.

משה מאַרקוזי, דער „קעניגסבערגער דאָקטאָר", האָט בלי ספק פאַרדינט, זיין נאָמען זאָל פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון אונזער נייער יידישער ליטעראַטור, אַלס איינער פון די ערשטע, וואָס האָט געפּרוווט אונזער פאָלקסשפּראַך, דעם פון אַלע משכּילים און „אויפקלערער" פאַראַכטן „זשאַרגאָן" — באַנוצן אַלס אַ וועלטלעך-ליטעראַרישע שפּראַך, און אַ בוך געשריבן, וואָס האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג אַ באַדייטנדיקן עטנאָגראַפישן אינטערעס: עס גיט אונז פיל בולטע בילדער פונם אַמאָליקן יידישן לעבנס-שטייגער און דערציילט אונז פשוט און האַרציק, ווי אַזוי עס האָבן זיך נוהג געווען, ווי עס האָבן געלעבט אונזערע עלטער-זיידעס און באָבעס אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י"ה אין ווייסרוסלאַנד, ליטע און פּוילן.

און דאָך איז מאַרקוזיס לעבנסווערק אין משך פון 19טן י"ה אַזוי גרינדלעך פאַרגעסן געוואָרן, אַז ער ווערט אַפילו ניט דערמאָנט ביי אונזערע גינטסטע ביבליאָגראַפן: ניט ביי שטיינשניידערן און בן-יעקבן, ניט ביי שמואל ווינערן און אויך ניט ביי אלעזר שולמאַן. ערשט אין צוואַנציקסטן י"ה איז מאַרקוזי תחית המתים אויפגעשטאַנען, און נח פּרילוצקי [1] איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט אַן אַנטדעקונג, אַז עס איז אַמאָל אַ ד"ר מאַרקוזי געווען אויף דער וועלט, וואָס האָט געשריבן אַ ספר „עזר ישראל" [2].

---

1 זע זיין נאָטיץ אין „מאָמענט", 1914, נום. 10, און זיין גרעסערן אַרטיקל אין זיינע זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, ב. II, 1917.

2 דער „עזר ישראל" איז פון די גרעסטע יקר-המציאותן. אויסער פּרילוצקיס עקזעמפּלאַר געפינט זיך נאָך אַ צווייטער אין דער שטאָט-ביבליאָטעק פון פראַנקפורט דמיין, און אַ דריטן האָט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות געפונען אין דער מלוכה-ביבליאָטעק אין לענינגראַד (זע פילאָלאָגישע שריפטן, III, 181)

ווער איז ער געווען, דער ד״ר מארקוזי? די ווייניקע ביאָגראַפישע פּרטים, וואָס מיר באַזיצן, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען מאַרקוזין גופא. אויס אייניקע אָנווייזונגען, וואָס ער גיט אין זיין ספר, ווייסן מיר, אַז ער איז געווען אַ פּרייסישער ייד, געבאָרן געוואָרן אין די פערציקער יאָרן פונם 18טן י״ה. ביי זיין פאָטער, מרדכי מארקוזי, אַ ייד אַ למדן, האָט ער באַקומען אַ רעליגיעזע דערציִונג און געווען אַ בקי אין תּלמודישע ידיעות [1]. מעדיצין האָט ער שטודירט אין קעניגסבערגער אוניווער־סיטעט און דערנאָך אַ צייט לאַנג געוואַנדערט איבער אייראָפּע. „אונד בין נאך ווייטר גיוועז — דערציילט ווענן זיך מאַרקוזי — במדינת האָלאַנד, אַינגעל־לאַנד ושאר ארצות במדינת הים״. אין 1773 איז ער געקומען קיין „מדינת פּולין״. די ערשטע צייט פארבראַכט אין קאַפּושן, פיר מייל פון שקלאָוו, דערנאָך אַ שטיקל צייט געלעבט אין גרויס־פּוילן, און אין די 80ער יאָרן באַזעצט ער זיך אין וואָלין, אין דער שטאָט טוריסק. אלס געניטער ארצט האָט ער אין משך פון אייניקע יאָר פאַר־נומען אַ מלוכה־שטעלע [2] און געווען אַ גרויסער חשוב ביים אָרטיקן שררה מיכאל באָבראָווסקי [3]. ביי דער יידישער באַפעלקערונג האָט ער, ווי עס שיינט, אויך שטאַרק זיך קונה שם געווען. „איך וויים — דערקלערט מיט שטאָלץ ד״ר מארקוזי — וואו מיין ספר וועט קומען וועלין זיי שוין וויסן דאס איך, ברוך השם, האב פולע אלפים מענשען געהאלפן; מיין נאָמען מאַרקוזי דער קיניגסבערגער דאָקטאָר איז בעקאַנט, און זיי וועלן מיך געוויים מיט גאט הילף פאַלגין״.

נאָך אין די יונגע יאָרן, גלייך ווי מאַרקוזי איז געוואָרן אַ פּראַק־טישער ארצט, האָט ער זיך געשטעלט פאַר זיין לעבנס־אויפגאַבע „מזכּה זיין דעם עולם״ און אָנשרייבן אַ פּאָפּולער בוך וועגן היגיענע און מעדיצין. „ליבה ברידר! — דערציילט מאַרקוזי — איך האָב שוין לאַנג גיוויסט אונד האב גיטראכט ווי איך זאל מזכּה דעם עולם זיין. שוין זעכצען

---

1 דער קאָוועלער רב, יעקב כּהנא, שרייבט אין דער הסכּמה אויפן „עזר ישראל״: שהוא דאָקסאָר ונקרא בפי כל דאָקטר מארקוזי, ה״ה הרב ומופלא ומופלג החכם והשלם ומושלם מוהר משה בהרבני מוע״ר מרדכי ז״ל, והוא מופלג בתורה בר אורין ובר אבהן ולבו פתוח בחכמה והדה ידו בכל הספרים ובפרט בספרי הרפואות. צווישן די אַבאָנענטן, וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף סאַטאַנאָוס ערשטן חלק „משלי אכן״ (דערשינען אין 1783) איז פאַרצייכנט מרדכי מארקוזי. זאָל דאָס אפשר זיין משה מרקוזיס פאָטער?

2 אויפן שער־בלאַט און אין די „הסכּמות״ ווערט אָנגעוויזן, אַז מאַרקוזי „היה אצל המלך והקומיסיא יר״ה סקאַרב קאָרוני דאָקסר״.

3 אין איין „הסכּמה״ ווערט אָנגעוויזן: „דאָקסאָר מאַרקוזי איתן מושבו בק״ק טוריסק אשר נתנו ד׳ לחן ולחסד בעיני הגדול גראַף השררה דק״ק הנ״ל״.

יאר דאס איך במדינתנו פולין בין געקומן פון ישיבות ערלים החכמים, עס וואר מיר שווער אייך מזכה צו זיין מיט איין ספר. אין לשון קודש צו דרוקן האָט מיך הרב הגדול מק"ק האמבורג מוהר"ר רפאל [1] אָפּגע־ראַטן, ווייל ער זאָגט צו מיר: „לשון קודש איז שוין געשריבן די חכמה... אין לשון קודש איין שווערע חכמה צו דרוקן וועלן איך וויִניג פאַרשטייען". דער חכם איז געזעצט געוועזן, ווייל די וועלט אין פולין, איך מיין אַלע — קאָנען קיין נוצין פון מיין ספר האבן, רק אחד בעיר. אין ריין דייטש לשון האב איך פיל מאל געוואָלט שרייבן, וואָלט מיך דער עולם, ניט דער למדן אונד ניט דער פראָסטאַק, פאַרשטאַנדן".

ווי אַלע משכילים פון דער „בערלינער שול", איז אויך מאַרקוזי בעסט איבערצייגט, אַז דאָס לשון, אויף וועלכן די יידן ריידן „במדינות פוילן" איז אַ „פאַרדאָרבן דייטש", אויף וועלכן עס איז ממש אַ בושה צו ריידן. פאַר מאַרקוזין איז אָבער געווען אַזוי קלאָר און פשוט דאָס, וואָס די „בערלינער" משכילים, די „מאַרקוסן" און די „נאַטאַנס" [2], האָבן ניט געוואָלט פאַרשטיין: ווייל דאָס פשוטע פאָלק פאַרשטייט בלויז די דאָזיקע „פאַרדאָרבענע" שפּראַך, דאַרף מען טאַקע אויף איר שרייבן און ריידן, אויב מען וויל ווירקן אויפן פאָלק און אים נוצן ברענגען.

„איך האב — דערציילט ווייטער מאַרקוזי — זאָ לאַנג געמוזט וואַרטין ביז איך האָב מיר קאָליע געמאַכט מיין לשון, אונד האב געלערנט שלעכט דייטש צו רעדן ווי איר רעט פאַלש... איך שעם מיך אונד מוז אוים מיר זעלביר לאַכין ווי פאַלש מיר רעדין. איך האב אבער קיין ברירה ניט, איך מוז אייך צו פאַרשטיין געבן; ווי וועט איר מיך פאַר־שטיין, וואס איך מייִן, ווען איך ווע̈ל אייך ריין דייטש שרייבן? נאך מייער שעם איך מיך, ווען איך מוז מענכים מאָל פאַר דאַרבן איין וואַרט לשון קודש אונד האלב לשון קודש — אונד האלב יידיש. וואס זאָל איך מאַכן: דער פּראָסטער עולם וועט מיך ניט פאַרשטייען, וואס פאַר נוצן וועלן זיי האבן פון מיין ספר? פון לומדים בעט איך מחילה מאה פעמים ווען איך איין מאָל איין וואַרט צוריים פון לשון הקודש געמישט מיט שלעכט טייטש בני אשכנז [3]. ווען זיי אמאָל זעען מיין ספר, ניט זיי וועלן מיך פאַרשטייען, אונד לאַכען וועלן זיי דאך. השם יודע מחשבותי, איך האב געוואָלט מזכה זיין אונזר עולם אין פוילין, ווייל מיינע מדינה־לייט

1 רפאל בן יקותיאל כהן — אַן אָנגעזעענער רב אין יענער צייט, פאַרפאַסער פון „תורת יקותיאל" און „מרפא לשון" (וועגן אים אין ווייטערדיקן קאַפּיטל).

2 זע פאָריקן קאַפּיטל.

3 מאַרקוזי שרייבט טאַקע ניט זעלטן העברעיִשע ווערטער לויט דער יידישער פאָנעטיק, ווי למשל: האַרגעניזן, דאַרשענען וכדומה.

זיינען גאַנץ אָרעמע מענשן אין דער חכמה, אונד בדורותי האב איך ניט געזעהן, דאס איינער זאל זיך מטריח זיין אונד זיך אונצונעמען פאר מענשען, דאס זיי זאלן קיינע קאליקעס ניט זיין, אונד זאלן ניט שטארבן בלא עת וזמן" [1].

און סוף יאָר 1789 (מרחשון תק״ן) איז ענדלעך מאַרקוזיס ווונטש דערפילט געוואָרן: עס איז דערשינען זיין בוך אונטער פאָלגנדיקן שער־בלאַט: „ספר רפואות הנקרא עזר ישראל — להדרים במדינת פוילין, אויף פויליש טייטש געשריבן, אשר חבר ה׳ הרב המופלג לרבים, מוהר״ר משה הנקרא מארקוזי דאקטער, און ער איז גיוועזן פון מלך אונד פון דר קאמיסיע סקארב קארוני דאקטר; אונד וויל מזכה זיין דעם עולם מיט זיין ספר כדי איטלעכער זאל זיך אליין קענין העלפן וואו קיין געלערנטער דאקטר איז פארהאנדן; אונד ווער זיין הנהגה וועט האלטן, קאן גאר פארשפארן קראנק צו ווערין. נדפס פה ק״ק פאריצק אין יאהר תק״ן" [2].

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין 18 פּרקים און אין העכער 200 סימנים; צום סוף אַלס ביילאַגע גייט אַ באַזונדערע אָפּטיילונג „הנהגת הרפואות", ווו עס ווערט דערקלערט, ווי אַזוי צונויפצושטעלן פאַרשיי־דענע רפואות [3].

אין דער ערשטער הקדמה האַלט מאַרקוזי, דער בן־דור פון די „המאספים", פאַר נייטיק צו דערקלערן דעם טעם, וואָס ער, דער שטו־דירטער דייטשער משכיל, שרייבט זיין ספר אויף פשוט מאַמע־לשון, און די דערקלערונג זיינע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז מיר ברענגען

---

1 „עזר ישראל", פּרק ס״ו, סימן פ״ז.

2 אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: די הוצאות דאָס בוך צו דרוקן האָט געדעקט דער אָרטיקער „שררה". דער פאַרפאַסער מעלדעט וועגן דעם אין העברעיש: „עלי לשבח לאדון ולכבוד שמו יקר אָתֵּן למיכל באָב־אָזסקי, שאסבעליון קראָליעווסקי, שהזיל מעות מכיסו לסייעני לדבר מצוה זו; והנותן תשועה למלכים הוא יברך אותו וישלם שכרו וישלח ברכה והצלחה במעשי ידיו ויראה נחמות בבניו ובני בניו עד עולם אמן. — ליידער, איז דער דרוק זייער שלעכט — די אותיות זיינען צעבראָכן און אָפּגעריבן, דאָס פּאַפּיר גראָב און גרוי און ערטערווייז איז זייער שווער דעם טעקסט צו לייענען.

3 עס איז אויסער ספק, אַז מאַרקוזי האָט דערביי באַנוצט אַלס פאָר־בילד דאָס באַקאַנטע בוך פונם לאָזאַנער אַרצט טיסאָ, וואָס מענדל לעפין האָט לויט מאַנרעלסזאָנס פאָרשלאָג איבערזעצט אויף העברעיש און פאַרעפנטלעכט אין 1794 (זע אונזער װערק, ב. V, ז. 329). אויך אין טיסאָס בוך איז דאָ צום סוף אַלס ביילאַגע אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג, ווו עס ווערט באַשריבן, ווי אַזוי צונויפצומישן פאַר־שיידענע רפואות.

זי דאָ כמעט בשלמות: „...נאך מעהר וועלין זיך פינדן אונד וועלין זאָגן, אדער זיי וועלין פרעגין: ווארום האט ער גישריבן אויף טייטש אונד ניט אויף לשון קודש זיין ספר? די לייט מוז איך אליין ענטפערן, אונד פרעג זיי ווידר פארקערט: פארוואס ריידן מיר אלע אידעש, דאָס הייסט שלעכט טייטש? מיר האנדלין, מיר לערנין, דרייען, ליגן זאגן, חנופה טרייבן, קורץ גירעט — קאָכן, בראָטין, ברענן, מאסערן, הוספות געבן, עין הרע אפשפרעכן, אלס אלס אויף טייטש. אָבר, ווען מיר איינער צום אנדערן שרייבן, שרייבען מיר גראד אויף לשון קודש? ווארום פראָג איך אייך שרייבט איר ניט טייטש ווי מיר רעדן? שרייבן מיר לשון קודש, לאמיר רעדן אויף לשון קודש; שטיינס גיקלאגט, ניט פאר לומדים גיקלאגט, ווי פיל טויזינד שרייבן לשון קודש — עס איז אָבער קיין טייטש, קיין לשון קודש, קיין רייטשעס לשון ניט. דער וייל ביז איך וויל איינע תשובה האבן אויף מיינע פראגין, בעט איך דעם עולם לאזין זיי מיך מנוחה לאזין".

מארקוזי ווייס אָבער זייער גוט, אז מען וועט אים ניט „מנוחה לאזן", און פיל משכילים וועלן אים ניט מוחל זיין דעם גרויסן חטא, וואס ער האָט זיין בעדער „באשמוצט" מיטן „זשארגאָן". דערפאר קערט ער זיך נאָך אמאָל אום ביים סוף פון זיין הקדמה צו דער זעלבער פראגע:

„ווי בלייבט אָבער מיט זייער פראָג, וואס גאנצע חברותות וועלין פראגין: פאר וואס האב איך מיין ספר געשריבן אויף פויליש טייטש אונד ניט אויף לשון קודש? איך ווייס, עס וועלין זיך זייער ווענינ געפינדין, וואס מיך פארענטפערן וועלין קענין, בין איך גינייט אליין מיך צו פארענטפערן, איך זאג: איך האב גימוזט שרייבען אויף טייטש, ווארים איך וויל מיט מיין ספר מציל זיין כמה אלפים מענשין אלי יאהר פון זעלבע בעלי חסרונות, למשל: פון אלטע ווייבר, פון שלעכטע באָבים, פון עין הרע אפשפרעכערס, פון בייזע איבערגאנגנ, פאר גוטע לופט, פאר שלעכטע איין געטרעטענע זאכען, פון בעלי שמות עמי הארצים, אונד פאר גרוויסע רשעים; פון וואקס-גיסערס, פון טרעפערס, וואס טרעפין אלע קראנקהייטן, פון שלעכטי בעלי דרשנים, וואָס פירן סגולות צו פאר-קויפן פאר איין גוטע וויעצירע, פאר איין קליינע נדבה וועגן, אונד פאר די דאקטערלעך, וואס זיך (זיי) אליין אדער אלטי נארישע ווייבר האבן זיי געמאכט פאר דאקטערס. זאָגט מיר, ליבר עולם: די אלע — קענין זיי לשון קודש? געוויס ניט, אפילו פויליש-טייטש קענין זיי אויך ניט. לאז זיך איינער וועלין איינזעהן אין איין שפיגל, וועט ער דען דעם שפיגל איבערדעקין, ווי וועט ער זיך קענין שפיגלען? ער וועט זיך געוויס ניט קענען זעען, אונד מיין כוונה איז: די אלע נארין זאלין זיך אין מיין

ספר אריינזעהן, אונד זאָלין זעהן, וואס פאר א פנים זיי האבן. ווי קאָן איך שרייבען אויף לשון קודש, זיי העטין דאך זיך ניט גיקענט אריין זעהן. אונד פאר אונזערע לומדים באדארף איך קיין תירוץ ניט; מי לנו גדול ממשה בר מיימון ז״ל שרוב ספריו בחכמת הפילוסופיה ובחכמת הטבע כולם בלשון עֲרָבִי נכתבים, כדי שיבינו ויכירו וידעו כל בני דורו; גם הגאון רבנו בחיי ז״ל שחיבר ספר חובות הלבבות ושאר ספריו גם כן בלשון ערב כתבם. גם אני הקטן דרכתי בעקבותם, מרקוזיא אסיי׳ החונה פה טוריסק״.

די „בערלינער משכילים״, די אייכלס און די וואָלפסאָנס, האָבן פאר זיך געהאַט די יוגנט פון דער אויפגעקומענער יידישער בורזשואזיע, די קינדער פון די ר׳ הענאָכס און ר׳ חנוכס; אין א גאַנץ אַנדערער סביבה האָט אָבער געלעבט דער ד״ר מארקוזי. ער, דער פרייסישער ייד און קעניגסבערגער דאָקטאָר, האָט פארבראַכט צענדליקער יאָרן אין פארוואָרפענע יידישע שטעט און שטעטלעך „במדינות פוילין״, האָט געזען פאר זיך די אָרעמע, ליידנדיקע, פאַרפינסטערטע און אומוויסנדיקע יידישע מאַסע. איז דעם דאָזיקן אויסלענדישן דאָקטאָר, אָט דעם „טייטש מיט דער געגאָלטער באָרד״, ווי מארקוזי שילדערט זיך גופא, גאָר אויף דער מחשבה ניט געקומען פרווון „אויסאיידלען״ דעם אָרעמען „זשאַרגאָן״, שרייבן דייטשמעריש. זאָל זיין „פויליש-טייטש״ איז א שלעכט פארדאָרבן דייטש, אָבער בכדי „מזכה צו זיין דעם עולם״, זיין וואָס פארשטענדלעכער פאר „די ברידער אין פוילין״, פלייסט זיך מארקוזי צו שרייבן אויף אַן אמתער פאָלקסשפראַך. און עס איז ממש רירנדיק, ווי ער פלייסט זיך, זיין סטיל זאָל זיין וואָס פאָלקסטימלעכער, פאר אַלעמען פארשטענדלעך. דאָס קומט אים אָבער ניט אזוי לייכט אָן. אינם בוי פונם זאַץ, אָדער אין א צופעליקן וואָרט באַמערקט זיך דאָך ערטערווייז דער „טייטש״. דאָך האָט מארקוזי זיין ציל דערגרייכט: זיין סטיל איז טאַקע פאָלקסטימלעך, זיין „פויליש-טייטש״ — א יאָדערדיק יידיש, וואָס פארלירט ניט זיין זאַפטיקייט דורך די ניט זעלטענע „הויך-דייטשע״ ווערטער... מארקוזי ווענדט זיך צו זיינע לייענער: ליבע ברידער, הארציקע ברידער, ליבע לייט, ליבער עולם, הארציקע פריינד, אהובי רבותי אאז״וו. דער דאָזיקער אייראָפּעיִש-געבילדעטער דאָקטאָר האָט געהאַט דעם געהעריקן חוש, אַז בכדי צו שרייבן אַן אמת פאָלקס-בוך, דאַרף מען זיך מיט דער פאָלקס-מאַסע ענג צונויפלעבן, אָטעמען איר לופט, איבערנעמען איר שטייגער, איר נוסח; און עס איז ממש צו באַוווּנדערן, ווי א דייטשער ייד, א בן דור פון די בעלי „המאספים״, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן צו דער יידישער פאָלקס-שפראַך מיט האַס און פאַראַכטונג, — האָט געהאַלטן פאַר א חוב גרינדליך אויסצולערנען די דאָזיקע שפּראַך, בכדי א פאָלקס-

בוך צו שרייבן, וואס זאל נוצן ברענגען ניט בלויז יחידי סגולה, נאר די ברייטע שיכטן פונם פאלק — „אלי ברידער אין פוילן". עס גענוגט צו נעמען די ערשטע, צופעליק ארויסגעריסענע שטעלע, צום ביישפיל — אוים דעם בלאט קכ״ב. דארט ווארפן זיך דווקא דורך א פאר דייטשע ווערטער. און דאך וועט דעם לייענער אפילו אויפן געדאנק ניט קומען, אז איר האט דא צו טאן מיט אן איראפעיש-געבילדעטן ארצט און ניט מיטן בית-מדרש-למדן, וואס האט כל-ימיו פארבראכט צווישן פשוטן פאלק.

„... איך וואלט דערקלערט דעם טעם פון וואנען זייערע „קאליקען" * זיינען געקומען, וואלט איך זיי גיקענט העלפין מיט איין נארישקייט; זאי עס העט (עס וואלט) זיי ווייניק געקאסט, אי נפשות מער וואלט איך מציל געוועז, אבער בעו״ה זאל איך זאגן, צי אונזר ניט וויסן מאכט דאס, אדר נאך איין דריטעס קען איך צו זעצין: ווייל מיר אין פוילין זיינען זייער קארג איין רעכטן דאקטאר צו צאלין; ליבר פאר איין גלעזיל בראנטוויין איינע אידענע, אדר איינע עָרֵלית צו גלובן, אדער גאר זאלבע שפיצבובן — די וואלוועלע בעלי-שמות, טרעפערש, קומן און טרעפין אונד גיבן אביסל הייליקע טראפן. א דא מאכין זיי אייך גרויסע גזירות. מען האט מיך פיל מאל גירופן ביי זעלבע נפשות וואס זיינען נאהנט שוין געוועזן פון הצור תמים פעלו, אונד האב מיט דעם זעלבן תמים פעלו געהאלפן; ביי פילע בין איך אבר שוין גיקומן ווי איך האב שוין ביי מיר אין מיר געזאגט: „ברוך דיין אמת", אונד בין אוועקגיגאנגן אונד האב מקלל גיוועזן די כת המזיקים, און זאג נאך היַנט אויך: ימח שמם זאלן זיי ווערין, די בפרהסיא הארגענין נפשות אונד קיינער ווערט זיי ניט; מען גיבט נאך זיי צו עסן, צו טרינקן, עטליכע גילדל נאך אויף הוצאות, זיי זאלן ווייטער פארן, ווידער הוצאות פון לעבעדיגע — מתים צו מאכן. עס איז שוין צייט, ליבר עולם, דאס איר אייערע אויגן אמאל אויפמאכן זאלט, אונד זאלט ניט לאזין הריגות מאכן בביתכם, בעירכם. שטעלט נאמנים, שומרים אויף אזעלכע קאנא-ליש, זייט זיי מוסר בידי עַם אחר, לאזין זיי נהרג ווערן פאר אייך אלי. לערנט פון כל עולם, הערט מען דאס ניט, דאס זעלבי הולטייעס זאלן זיך ארומשלעפן אונד זאלן בפרהסיא הארגנן מענשין ואין מוחה בידם. פילע זיינען זיך בעו״ה מתלבש בלבוש דרבנן אונד קענן אביסל לערנן — די הארגענן נאך מער מענשין. שטראפט זיי למען ישמעו ויראו ולא יזידון! מיין הארץ ציטערט מיר אין לייב ווען איך שרייב אונד מוז מיך דערמאנען אין כמה מאות מענשין עליהם השלום, וואס איך האב גיכוזט

* אין דעם בעטרעפנדיקן קאפיטל ווערט גערעדט וועגן „קאליק-שטערצן".

זעהן, דאס זיי האבן גימוזט שטארבן גאר פאר נישט, ניט ווייל זיי זיינען קראנק גיוועזן — ניין! מען האט זיי בידים מיט עצות, מיט פארקערטע רפואות ממית גיוועזן. יונגע, מיטעלע, זכרים, נקבות, בני יחידים, יונגע ווייבליך, תלמידי חכמים, חכמים בעצמם. די אלע האב איך געמוזט לאזן שטארבן, איך האב זיי ניט גיקענט העלפן, מען האט זיי דעם בראנד געמאכט, אונד בעו״ה דאס רוב זיינן די ימח שמם זאלן זיי ווערן אלס דן בשריפה״ 1.

אינטערעסאנט איז אבער ניט בלויז די פארם, דער נוסח פון מארקוזיס ווערק, נאר אויך דער תוך. מארקוזי, וואס האט אין משך פון א סך יארן נאענט זיך באקענט מיט דעם לעבן פון דער יידישער מאסע אין מדינות פוילין, האט זייער גוט פארשטאנען, אז בלויז מיט ריין מעדיצינישע עצות אדער מיט רעצעפטן, ווי אזוי רפואות צונויפמישן, קאן מען דא קארג וואס העלפן: און ניט אומזיסט האט מארקוזי זיין ווערק א טאפלטן נאמען געגעבן: ניט בלויז „ספר רפואות״, נאר טאקע אויך „עזר ישראל״. ער ווייסט, אז פיל קרענק און ליידן זיינען א פועל־יוצא פון דער גייסטיקער און אויך סאציאלער אפגעשטאנענקייט פונם יידישן לעבן „במדינות פוילין״, און זיי קאנען דערפאר געהיילט און גרלינדערט ווערן ניט מיט רעצעפטן, נאר דורך אומענדערן דעם גאנצן לעבנס־שטייגער מיט זיינע אומנארמאלע עקאנאמישע יסודות.

אט אין דעם טאקע באשטייט די חשיבות פון מארקוזיס בוך: אדאנק זיין ברייטערן קוק גיט אונז מארקוזי אין זיין „עזר ישראל״ אינטערעסאנטע בילדער פון דעם דעמאלטיקן יידישן לעבן, און פיל בלע־טער פון דעם דאזיקן ווערק האבן עד היום א געוויסן עטנאגראפישן און אויך קולטור־היסטארישן באדייט.

אט שרייבט, א שטייגער, מארקוזי אינם אכטן קאפיטל פון זיין ספר וועגן אזא געוויינלעכער קרענק ווי קדחת:

„ליבע לייט! ווען איך וואלט וויסן, דאס איר וועט מיך פאלגן, איז מיר זייער לייכט אייך איין עצה צו געבן. נאר זיי עס ווי עס זיי, ווייל איך שוין האלט די פען אין דער האנט, וועל איך ווייטער שרייבן אונד

---

1 ס׳איז כדאי אנצווייזן, אז דער געוואוסטער ארצט און פיזיקער, מארקוס הערץ, האלט אויך פאר נייטיק צו דערמאנען אין זיין „תפלה לרופא״: שים נא, אל אמונה, אמון בלב החולים לבטוח בי ובעבודתי ואוזן לשמוע עצתי, הרחק ממטתם כל רופא אליל, וכל הקל הנכבד אנשים מודעים וגואלים אשר יתיצבו כיועץ וחכם חרשים להעמיק סוד יחדיו, גם להקת הנשים הסוכנות המתחכמות אשר גם הנה תהרסנה לעלות ולבקר את עבודת הרופא, כי עם נבל העם הזה, ברהב לבב יפירו סגולת הרפואה ויורידו מבריאותיך אל חדרי מות (המאסף, תק״ן 242).

ווען פיל ווע‏לין מיך ניט פאלגן, פיליי‏כט וועט מיך איינער פון איין שטאט אדער ממשפחה פאלגן, האב איך אויך פאררעכט, וואס איך געוואלט האב, דאס הייסט מיין מבוקש... דאס ערשטע איז במדינתנו, וואס איך האב גיזעהן זא פיל פוסטע קרעצמים, פוסטע שפייכלירש, מיסט אזוי פיל פאר אייערע טירן. זא איר ווייסט ניט ווי פיל קראנקהייטן קומן פון די מיסט הויפנס, אונד דאס רוב פוילע קראנקהייטן די איך האב אנגעפאנגען צו שרייבן: גישווירן, קרעץ אונד נאך מעהר זאכן. די פוכטינעס זענן מאנכים מאל גאר ממית ברגע אחת. ווי פיל מאל גייען מענשן אריין אין איין פוסטען קאמער אדר אין איין שפייכליר וואס לאנג פארשלאסן איז גיוועזן, זיי פאלן באלד אנידער אונד שטערבן, אונד דער וואס קומט יענים רופן, ווייל ער זאמט זיך, פאלט ער אויך אונד שטארבט אויך ברגע אחת. דאס קומט איבער דעם, ווייל די לופט איז פארשלאסן גיוועזן איין לאנגע צייט. אונזרע המונים זאגן: איין שד האט זיי מזיק גיוועזן; ניזק ווערן זיי, אבער אליין זיינין זיי שדים ומזיקים: פון פיל מיסט, וואס ביי פילע הייזר תמיד ליגט, אונד פון רעגן ווערט נאך נאס; דערצו קומט נאך די זון—פליגין, מיליאנן חלקים כל רגע ורגע אין דער לופט, די לופט ווערט פארשטינקען. אונזרע ליבע קליינע קינדערלעך גייען נאך אין מיסט אריין אדער שפילן זיך ניט ווייט, זיי ווערן קראנק. מען שרייט, מען וויינט. ערשט האט זיך דאס קינד גישפילט! די אלטע ווייבער=נארין זאגין: עס איז זיי צוגעקומען, זיי האבן איין עין הרע. ווי בעווייזן זיי, דאס אמת איז? נעמן זיי קוילין, שפרעכן, בילין אפ, זיי געניצין; די קינדער זעהן אויף זיי—געניצין די קינדער אויך. די ווייבער מאכן ווי די בעלי שמות=פושעים, זיי געניצין אויף צו פליים, די קראנקע קינדער זעהן אויף זיי — געניצין אויך, קורץ: די מוטר, דער פאטר, די דינסטן — אלע געניצין. זאגן די ווייבער: זעהט איר, איך האב דאך אייך גיזאגט — דאס קינד האט איין עין הרע בעו״ה. אה, אה, אהוי! שפארט דעם מויל אויף ווי איין בהמה אונד האלט נאך מיט איר האנט פאר איר מויל, מען זאל ניט זעען דאס זיי שוין קיין ציין האבן אין מויל. איך מוז אייך מודיע זיין, דאס זיי זאגן צוויי מאל ליגן: איין מאל — ווען איינער וויינט, וויינט דער אנדערער אויך אויף אים זעענדיג, אפילו דער פרעמדער וואס אריין קומט אונד וויים נאך ניט, וואס מען וויינט, פאנגט אויך אן צו וויינען. לאכט איינער, לאכט דער אנדערער אויך; מיט די אלטי ווייבערס געניצין געהט אויך אזוי צו. ווארום אבר גישיכט (געשעעט) דאס? האב איך קיין צייט ניט צו שרייבן, עס איז איין דבר הטבע... צום אנדערן מיט די קוילין, מאכן זיי אויך א ר שווינדל בעטריגעריי; זיי זאגן ענטוועדער עס שווימט

פון אויבן די קוילן אָדער עס פאַלט אַרונטער — איז יאָ אָדער ניט עין הרע. דאָס איז אויך פאַלש, עס גיבט זיך אַלערליי האָלץ, פון שווער האָלץ דעמבינע, ברעזינע אונד אַנדערע נאָך מעהר: האָלץ איז שווער, זענן די קוילן אויך שווער, חוואָיענע האָלץ איז לייכט גרינגער—איז די קוילן אויך גרינגער״.

מאַרקוזי באַגניגט זיך אָבער ניט דערמיט, וואָס ער לאַכט אויס די עין־הרע־אָפּשפּרעכערס.

„ליבער זאָג איך — איז מאַרקוזי מוסיף — איר זאָלט זיך מאַכן פון עין הרע איין טוב, איך מיין איר זאָלט פון די פוילע שטינקענ־דיגע לופט מאַכן איין גאָרטן. זייעט ציבעלעס, בורעקעס, רעטיך, פּיעט־ריזקע, איר ווערט צוויי מאָל רווחים האָבן: איר ווערט שיינע ריינע לופט האָבן, וואָס זייער גיזונד איז, אונד ווערט ניט בעדאַרפן דעם פאַויר רייך מאַכן, אַלס צו קויפן פאַר דעם לעצטן גראָשן, וואָס איר נאָך האָט, אָדר אויסגעבעטלט האָט״.

און תיכּף דערביי גיט מאַרקוזי אַ לעבעדיק און בולט בילד פון דעמאָלטיקע קרעטשמעס, פון דער גאַנצער פוילקייט און אָרעמקייט פון דעם יידישן לעבן „במדינות פוילן״. אַלס טיפּישער משכּיל פון יענעם דור לייגט ער גלייך פאַר אַ גאַנצע פּראָגראַם, ווי אַזוי פון לופטמענטשן און ליידיקגייערס צו מאַכן נוצלעכע אַרבעטס־מענטשן [1]. דאָס אַלץ איז גע־שריבן מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן סטיל און מיט אַן אמתן פּובליציסטישן טעמפּעראַמענט [2].

מאַרקוזי האָט בלי ספק געהאַט אַן אויג פון אַ פיינעם באָאָבאַכ־טער, און דערצו נאָך פאַרמאָגט ער אַן אויסגעשפּראָכענעם ליטעראַרישן טאַלענט, וואָס מאַכט זיך באַזונדערס באַמערקבאַר בעת ער טרעט אַרויס אַנטקעגן דער אָפּגעשטאַנענקייט און ווילדן חשכות פון יידישן לעבן און האַלט מלחמה מיט די „רמאים און פושעים״, וואָס נאַרן און פאַרפירן דעם פשוטן עולם. זיינע גאַליקע שטראָף־רייד זיינען פול מיט לעבעדיקע בילדער און געזונטן הומאָר. אָט איז, למשל, אַ בילד פון דעמאָל־

1 נ. פּרילוצקי ווייזט אין זיין אויבן ציטירטער אַרבעט (ז׳ 18—19) ריכטיק אָן אויף די צעפּלאַנגען, וואָס עס האָבן אין מאַרקוזיס ווערק געפונען די דעמאָלטי־קע פּאָליטישע געשעענישן אין פּוילן. וואָס האָט אָקאָרשט איבערגעלעבט די קאַטאַ־סטראָפע פון דער ערשטער פונאַנדערגלידערונג, און די אויבערשטע שיכטן פונם פאָלק זיינען דעמאָלט געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די ליזונג פון דער „יידן־פראַגע״ מוז ווערן דער ווינקלשטיין פון רעפאָרמירטן פּוילן.

2 עזר ישראל, דף מט—נב. די דאָזיקע אינטערעסאַנטע בלעטער זיינען אי־בערגעדרוקט אין פּרילוצקיס אַרטיקל (ז׳ 21—22, 46—49).

טיקע רופאים, און אגב אויך אייניקע אינטערעסאַנטע פרטים וועגן דעם מחבר גופא און וועגן דער התנהגות פון דעמאָלטיקע יידישע דאָקטוירים:

„ליבע ווייבער, איך האָב אייך אין מיין ספר שוין מזהיר געוועזן פאַר בעלי שמות עמי הארצים, פאַר טאָטערס, פאַר וואַקס-גיסערס, פאַר עין-הרע אָפּשפּרעכערס, פאַר טרעפערש אונד פאַר די דאָקטערלאָך ימח שמם זאָלין זיי אַלע ווערין, די רמאים, די פושעי ישראל, וואָס גינאַרן אוים מיט זייער ליגן זאָגין געלט, אונד מאַכין קאַליקעס, אָדר זיינען גאָר ממית אלפים מענשין בכל שנה ושנה. איך האָב אייך מזהיר געוועזן פאַר באָבעס, די נעבאַך אַליין ניט וויסען, ווי זיי טוען אייך שאָדן, לאָז זיי השם ברוך הוא מוחל זיין, וואָס זיי האָבין ביז אהער גיטאָן בשוגג. איך האָב אָבער נאָך ניט דערמאָנט פון אונזערע ליבע רופאיב, די הייסן ביי אונז אין פוילין רופאים, פעלדשערש, זיי הייסן אויך ביי מיר בראַוויטנע מומחים * ניט רופאים. פון די וויל איך אייך ניט פיל שרייבן, וויל אין איטלעכע שטאָט איז אונזער מזל, דאָס מען זיי קענט, קענן זיי ניט פיל שאָדין טון. אָבער ח״ו פאַרט זאָ איינער אוועק אין דער פרעמד, אין געוויס שלעכט פאַר נפשות; האָט ער ח״ו נאָך גאָר איין טײַלערש קלייד אָן גיטאָן, איז ער שוין ביי אונז איין דאָקטער—יָקטער, איהר הייסט אים שוין: רבי, העלפט מיר! גייט ער אין דער פרעמד אונד גאָליעט זיך איין האַלבן באָרד אָפּ, זאָגט איר אַפילו, דאָס ער איז גיוויס איין גוטער פרומער איד, ווייל איר האָט געזעהן מיך אונד נאָך אַנדערע דאָקטערס די גאָר קיין באָרד טראָגין, זיינען שוין די הולטייעש ביי אייך חשוב, אונד גלויבט די האַלבע-בערדלאָך. קענן נאָך די פושעים זאָגן: אָקוס, באָקוס, טריאָקוס, פראס פריל—קענן זיי שוין גאָר ביי אייך לאַטיין. קענען זיי נאָך דערצו קרעמאטנום גוט טרינקען, אונד פעקוניאס גוט אויסגינאַרן ביי אייך, זיינען זיי נאָך בעסערע. פאַר די אַלי האָב איך שוין אייך גישריבן. מיך בעדאַרף איך ניט צו פאַרענטפערן, ווייל איך האָב קיין מאָל ניט גיהאט קיין באָרד, אונד ווען מיר לערנן אין ישיבות צו ווישן הכמי הרופאים, צו ווישן זאָ פיל פערשטן, גראַפין, פרינצען, קענן מיר ניט מיט בערד גיין, מיר קענן קיינע פאַטענטען בעקומען, מיר זיינען קרוב למלכים. פאַרלאַנגט איר אָבר בערט — וואָס בעדאַרפט איר האַלבע-בערט, וואָס זיך אָרום שלעפן מיט האַלבע בערט אונד די אַנדערע האַלבע באַרט איז זיי צו שווער גיוועזן צו דער טראַגין [1]... פאַר

* אין װאָלינער יידיש װערט נאָך עד היום געברויכט דאָס װאָרט בראַחיסנע, װאָס באַדײַט: גאַנץ אָסן, שאַרף אויסגעשפּראָכן, פון אַלעמען באַקאַנט. מומחים — סײַטערס, ספּעציאַליסטן אויף מענטשן הרגענען.

1 דאָ זײַנען, װי עס שײַנט, אין דרוק אַרויסגעפאַלן אײניקע װערטער.

איין צירולניק אדער גאר איין מארשעלעק; דער האט דאס גיטאן פון דעסטוועגין ער זאל אייך קענן בעסר מַכּה זיין, איר זאלט זאגין: דאס איז נאך איין האלבער איד אקעגן יענעם דאקטאר, דער גייט גאר ווי א גוי. קומט זיך צו שלעפין ח״ו נאך איין ניעמעץ מיט א גאנצן באָרט אונד גייט מיט דעם קאפעליוס ווי איר האמאנס איערן מאכט אום פורים, דער האמאן טועט אייך גאר מעהר ווייִ ווי המן דער פאר־צייטיגער צורר היהודים. איר זאגט: דאס איז איין עהרליכער איד, ער געהט ווי איין איד מיט איין בארט אונד איין גאנצע. פיליכט שיקט די גמרא איערע גוטע רופאים אין גיהנם. איך פרעג אייך, רבותי, ווידער: בעדארפט איר איין בארט אונד קיין דאקטער — ווארום נעמט איר איין שלעפ־באַרד, וואס שלעפט זיך מיט זיין בארט ארום אייך מַכּה צו זיין? איר האט דאך גינוג ב״ה אין אייערע שטעט עהרליכע לייט מיט בערט, צו וואס בעדארפט איר די בערט פון רמאים ופושעים, ימח שמם, ווען זיי האבן נישט גילערנט? גינאשט האבן זיי, איינער פון „מעשה טוביה״, איינער פון מעשה רעים וועגין, האבין גינאשט אונד זיינן אייך מכית פאר אייער געלט״ [1].

ניט תמיד אָבער בייזערט זיך דער ד״ר מארקוזי. צייטנווייז בא־ווייזט זיך אויף זיין פנים א גוטמוטיקער שמייכל, און דעמאלט באקומט זיין סטיל א ריין הומאריסטישן שטריך. בידוע, איז ביי אונזערע זיידעס שטארק אָנגענומען געווען זיך לאָזן „שלאגן די אָדער״. דאָס האָט מען געהאלטן פאר די בעסטע סגולה קעגן אלע מיני קרענק. מארקוזי האָט, ווי עס שיינט, ניט באזונדערס שטארק געהאלטן פון דער דאָזיקער סגולה; ער פארשטייט אָבער זייער גוט, אז ווען ער זאָל ארויסזאָגן אזא אפיקורסישן געדאנק, דאָס א מענטש קאָן זיך אָפּלעבן זיינע יאָרן און זיך ניט לאָזן שלאָגן צו דער אָדער עטליכע מאָל אין יאָר — וועט מען אים פשוט אויסלאַכן. דערציילט זיך מארקוזי סתם א מעשה, וואָס מיט אים גופא האָט פּאסירט:

„אום דאס איר זיכערער זיין זאָלט, מיינע פריינד, וועל איך מיך זעלבער אייך לראיה ברענגען... נאָך פון מיינע יונגע יאהרן, ווי איך האב נאָך חכמות הרפואות גילערנט, בין איך גיוואָנט גיוועזן זיך אלע יאהר צוויי דריי מאל, אויך פיר מאל צו אדער צו לאזין, אונד אזוי באלד ווי די צייט איז גיקומן אונד האב ניט גיוואָלט לאזען אדער — איך האב קיין צייט גיהאט, האט עס מיך זייער שטארק גיארט. פאר זעכצען יאהר, אונד דאס וואר דאס ערשטע יאהר ווי איך אין פוילין פון פרייסן

[1] עזר ישראל, פ״א—פ״ב.

בין גיקומען אונד האב גיוואָנט אין קאָפּישן, פיר מייל פון שקלאָוו. האב איך גישיקט נאך איין רופא, דער מיר זאל צו אָדער לאזין. דער זעלבע רופא, צי האט ער זיך דערשראָקן פאַר אזוי איין טייטש, צי האט ער ניט גיקענט, קורץ צו דערציילן, ער האט מיר גיהאַקט דריי מאל אונד האט ב״ה ניט גיטראָפין. איך האב אים מחילה גיבעטן, ער זאָל זיך שוין דען פירטן מאל ניט מעהר מטריח זיין, אונד מיר דאס פירטע מאל ניט צו טרעפין. בין איך אבער באלד נאָך מיטאג גיפאָרן פיר מאל נאך דער אָרשע, איין שטעטיל, אונד פון איין טייטשין פעלדשער, וואס ביי די מאָסקוויטער איז גיוועזן, האב מיר גילאזט צו אָדער. פון דענצמאל אָן ב״ה בין איך פּטור געוואָרין דאס אָדר לאזין. נאך צו מיין מזל בין איך איין גרויסער פחדן, איך האב מיך ג פאָרכטן פאַר איערע רופאים פיליכט בין איך ביי זיי איבעריג, אונד אפשר בעדאַרפין זיי מיך ניט אין פוילין. אונד פאַר פורכט איז גאר קיין רפואה פארהאנדין. איך בין פאַר אייך, ליביר עולם, מתודה: איך האב נאך מיר פון דער צייט קיין אָדר גילאזין אונד בין ב״ה גיזונד, איך ווינש אלי מענשין זאָלין אזוי גיזונד זיין ווי איך בין. איך האב אייך גישריב׃, כדי איר זאָלט מיך פאָלגן, בעסער קען איך אייך ניט לערנען, איר זאָלט אזוי מאכין, ווי איך אליין מאך״ [1].

אָט דער הומאָריסטישער טאָן אין מארקוזים בוך דערמאָנט ערטערווייז אָן אונזער זיידן מענדעלי, מיט זיין קלוג שמייכעלע אין זיינע „נישט דאָס בין איך אויסן״. אלס אילוסטראציע איז כדאי אָנצוווייזן אויף דעם דרייצענטן קאפיטל, וואָס דערציילט וועגן קינדער-קראנקהייטן און פאנגט אָן בזה הלשון:

„אהובי רבותי! ביז אהער האב איך גיהאט איינע ארבייט, די ניט לייכט, דאס הייסט, ניט גרינג איז גיוועזן: משחית הקוצים מן הכרם, כרם בית ישראל; אונד בין גיקומן זאָ ווייט וואָ די שושנים — די ראָזען וואקסן, איך מיין די קליינע קינדערלאך. דאס זיינען די רעכטע ראָזען, פון וואָס מיר אלי הנאה האבן, אונד דאס איז דער תכלית פון דעם בעל הכרם, עס זאָל וואקסין אין וויינגארטן שיינע זייער שיין שמע-קינדיגע ראָזען. אויף דעם בעל הכרם טאָר מען קיין קשי ניט פרעגין: צו וואס בעדארפסט דו, גרויסר מייסטער, זאָ פיל שטעכענדיגע דערנער, דיסטעלן פון עטליכע ראָזין וועגען? דאס טאר מען ניט פראָגין, וואדים מיר אלי ישראל זיינן דאָך אויך כשושנה וכו׳. איך האב גיפראָגט לייטן: ווייסט איר ניט די כוונה פון דעם גרויסן מייסטער, פאַר וואס פון עטליכע ראָזין וועגין וואקסין אלפים דערנער? זיי האבין מיר אלע

---

1 עזר ישראל, דף ק״ג.

איין תשובה געגעבן: עס מוז אזוי זיין, עס קען ניט אנדערש זיין, עס מוז פארמישט זיין רע בטוב וטוב ברע. ווי איך דאס געהערט — עס מוז זיין! האב איך זיך שוין געפארכט צו פרעגן ווייטער: פאר וואס מוז עס אבער אזוי זיין? אז דער תירוץ איז — מוז, מוז מען שוין ווייטער ניט פרעגן... אז עס מוז אזוי זיין, וואס בעדארף איך האקין דערנר, דיסטעלן? ווען גאט וויל אזוי האב, אז זאלין אין פוילין אזוי פיל רצחנים זיין — לאזין זיי זיין! צו וואס בעדארף איך מיך מעהר אנצונעמען פאר דעם עולם אין פוילין, וואס נאך קיינער לפני (פאר מיר) ניט האט זיך אנגענומען? אונד ווידער: פיליכט האנדל איך ח״ו ווידער גאט?...״ [1].

און טאקע ווי ר׳ מענדעלע, אזוי ווערט אויך דער „סקארב קארוני דאקטער״ מארקוזי מילד און הארציק, בעת ער הייבט אן צו ריידן וועגן די ארעמע יידישע פרויען און קינדערלעך, וועגן די צרות און ליידן, וואס זיי האבן אויסצושטיין, וועגן זייער טרויעריקן פינסטערן מזל...

„ליבע ווייבער, — הייבט אן מארקוזי דאס קאפיטל, וואס רעדט „פון דער געבורט״, ד״ה וועגן צו קינד געהן, — איך קום שוין צו אייערע באבעס. איך וועל אייך אויך אין אייערע גרעסטע נויט, וואס איר נאך פון אייערע אלטע מוטער הוה בירושה האט—אויך ראטין. אבער ניט פיל; איטליכע זאך צו שרייבן גרונטאוונ׳י געהער אין א באזונדער ספר געשריבן צו ווערין. פריער אבער וועל איך אייך פרעגן: ליבע ווייבר! פאר וואס האט איר ימים נוראים אין שול צוויי, אי דריי, אי פיער זאגערקעס, וואס אייך פערטייטשן מחזור, איר זאלט וויסין, ווא צו וויינען אונד ווא ניט צו וויינען, אונד צאלט זיי. ווארום ווינט איר פאר אייערע מאנען, דאס זיי זאלין אייך מאכין שבת־יום טוב־קליידער, דריי, פיר ברוסט־טיכער, עס הייסט אויך: זאלעשקעס גן־עדן גיהנם ברוסטיכער. איר טראכט אום איין גן־עדן פאר אייך, אונד פאר מאנכין מאן נעביך איז עס איין גיהנם. אונד איר זייט דאך אלם פועל, כי השוחד והשוחט בחיקכם *. לאז איך אייך אויך פארלייענען, פיליכט וועט האבן נאך מער צו וויינען: פאר וואס זייט איר ניט פועל פון אייערע מאני, דאס זיי זאלין לאזין לערנן באבעס ביי געלערנטע דאקטערס, דאס זיי זאלין אייך ניט ממית זיין, קאליקעס מאכין? פילע ברענגען זיי (די באבעס) אום די מוטערש מיט אירע קינדערלעך אין קימפעט, פילע ברענגען זיי אום, ווען זיי שוין

---

[1] דארטן, דף, ק״ג—ק״ד.

* אן אומאיבערזעצבארער ווערטשפיל. דער באדייט פון די ווערטער איז: איר קויפט אונטער, און טאקע דערמיט קוילעט איר יענעם אוועק.

גיהאט האבין אירע נייפֿליך. ווי פילע טויזענט ווייבר האב איך געזעהן, וואס איך האב גירעט מיט זיי: זיי זיינען שוואך, קראנק, קאליקעס גיווארן פון די באבעש הענט בעו״ה. ווי פיל האבן גימוזט גט געבין אירע ווייבער, אונד זיי האבן זיי פאר זייער קימפעט זייער ליב געהאט. איר פארשטייט מיך שוין, ווייבער, וואס איך מיין דערמיט... ווי פיל ווערין אין קימפעט אדער נאך זייער קינד-בעט משוגע, מעלאנקאליש; ווי פילע בעקומען ניט דעם שלאג-פלוס, חולה-נופל; ווי פיל בעקומען ניט די סוחאטע, ווי פיל בעקומען דען בראנד, ראקעס אין דער מוטר; ווי פיל בעקומען וואסער זוכט, גישוואולסט, ווי פיל בעקומען ניט דען ברוך, ווי פיל רייסן זיי ניט אויס די פענכירש פון לייב, אדר מאכן איין לאך, וואו דערנאך די השתנה זיך ניט האלטן קען... איך קען זעלבע דריי ווייבער, אבער איך האב זיי ניט העלפען קענן. פאר איינע האט מיר דער מאן גיוואלט געבין הונדערט רענדליך, איך זאל זי היילין. איך האב אבער גיזעהן, דאס איך קען דאס ניט היילין, אונד ער האט איר געמוזט גט געבין. ווי פיל נאך הונדערט זאבין קען איך אייך נאך דערציילן... קענט איר אייך, ליבע ווייבער, פארשטעלין, ווי פיל אלפים ווייבער, קינדער, די פון די באבעס האבין גימוזט פון אירע הענט שטארבן יונגערהייט. פאר וואס מאכט איר זא פיל נייע חתונות אייערע מאנען? פאר וואס לאזט איר אונז זא פיל יתומים אין אנדערע ווייבער-הענט אריין? ווארום בעט איר ניט ליבער אייערע מאנען פאר איער לעבן, איך מיין — זיי זאלין לערנען לאזין באבעס? עס וועט אייך ניט פיל קאסטן; לאז מען פון איטלעכער שטאט אדער שטעטיל לאזין לערנן איינע — אונד צוואנציג וועלין לערנן אונד וועלין קענן. וועלין די צוואנציג באבעש געלערנטע אנדערע הונדערט לערנען, און די הונדערט וועלין טויזענט ווידער אנדערע לערנען... לאס איך ביי אייך פון איערטוועגן פועל זיין, דאס אין איט-ליכער שטאט אדער שטעטיל זאלין אלע לייענען פון זייער געזונדהייט וועגין מיין ספר, איר זאלט איין ידיעה האבן, אונד איר זאלט האבן פון מאנש-לייטן — צו מאנסלייט, אונד פון ווייבער צו ווייבס-לייט, די מיין ספר זאלין רעכט קענן, כדי ווען ח״ו עס וועט זיך טרעפין איין קראנקהייט, זאלין די לייט, וואס וועלין קלאר זיין אין מיין ספר, וועלין זיי בוודאי מיט גאטש הילף אייך העלפין קענן. די מצוות, וואס די לייט וועלין פארדינען, ווינש איך מיר מיט זיי איין חלק בעולם של אמת צו האבן. זיינען ארמע און עהרליכע לייט — שטעלט זיי איין סיפק פון קהל, דאס זיי זאלין זיין ביי אייך דאקטערש מיט מיין ספר, אונד אייערע אייגענע מענשין פון איער שטאט אונד עהרליכע לייט וועלין דאך גיוויס אייך ח״ו ניט מכמה זיין. אפילו ביי איטלעכן ארענדאר, ווי וועט זיך ניט פינדן

(געפינען) איין מלמד, אָדער ער, אָדער זיי זעלבסט זאָל ניט לייענען קענען טייטש־אידעש, זיי קענען דאָך זיך אַליין העלפן מיט גאָטש הילף״ [1].

ניט ווייניקער אינטערעסאַנט איז די שטעלע, וווּ מאַרקוזי גיט אַ פּאַרביק בילד, ווי אַזוי די ווייבער „מיט זייער נאַרישן שכל מאַכין פון שלעכטע בעלי־שמות עמי הארצים — גוטע בעלי־שמות, אונד, להבדיל, פון שלעכטע פּראָסטע פּאויערים מאַכין זיי גוטע טאָקטערס״ [2].

„ליבער עולם — רופט ער דאָרט אויס צום סוף — איך מיין אנשים ונשים במדינתינו אין פּוילין. איך פראָג אייך: וואָרום האָב איך דאָס ניט גיהערט במדינות אחרות, איך מיין אין מדינות אשכנז, דאָס איז דאָך איינע פון די עלטסטע מדינות, וואָס אין אונזער ליבע הורה שטייט (אשכנז, צרפת ותוגרמה), אונד בין נאָך ווייטער גיוועזן במדינת האָלאַנד, אייננעל־לאַנד ושאר ארצות במדינת הים — האָב איך ניט גיהערט, וואָס איך האָב תמיד גיהערט אין אונזר מדינות פּוילין. ביז וויא לאַנג וועלין מיר זיך האַלטן מיט זאָ איין ענן פּלילי (אַ גרוים פאַר־ברעכן), מיר זאָלן ניט גלויבן בחכמת הבורא, רפואות ותחבולות אונד וועלין נאָך גלויבן אין זעלבע מענשין, וואָס קיין צורת אות ניט קענין, ניט לייענן אונד ניט שרייבן, אונד זאָ ווי איר מאַכט פון גנבים — בעלי שמות, זאָ מאַכט איר פון פּראָסטע פּויערים עובדי אדמה — הולטייעסקע טאָקטערס, אונד זייט מוסר ממון של ישראל בידי ערלים. שטעלט איר אייך נאָר פאָר אונד בארעכנט, ווי פיל יאָרן זייט איר שוין גיפאָרין צו טאָ־טערס, אונד אַלע יאָר ווערט נאָך נתרבה די שטות״... [3].

באַזונדערס האַרציק און ווייך ווערט מאַרקוזים טאָן, ווען ער רעדט וועגן די „שוואַכע קליינע קינדערלאַך״. ניט אומזיסט גלייבט ער זיי צו די רויזן, „פון וועלכע מיר אַלע הנאה האָבען״, און רירענדיק איז בעת ער ווענדעט זיך צו זיינע לעזער בזה הלשון:

„ליבה ברידר! איך האָב אייך פיל מאָל גיבעטין, איהר זאָלט גלויבין איין גילערנטן מאַן. אָבר עס איז זייער פיל צו שרייבן, דעם

1 עזר ישראל, דף ע״ו—ע״ז. אין דער „מודעה״, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין אָנפאַנג פון מענדל לעפינס העברעישער איבערזעצונג פון טיססאָס „ספר רפואות״, ווענדן זיך אייך די אַרויסגעבערס צו קהל און רבנים, מע זאָל זען וואָס מער צו פאַר־שפּרייטן דעם דאָזיקן ספר אין די שפּיטאָלן און גוט באַקאַנען מיט אים ספּעציעלע פּעריזאַנען, בכדי יענע זאָלן וויסן, ווי אַזוי מיט קראַנקע אומצוגיין און ווי זיי צו היילן אין דעם פאַל, ווען עס איז אויפן אָרט קיין דאָקטער ניטאָ. (זע אונזער ווערק, ב׳ V, ז׳ 329 — 330).

2 דאָרטן, פּרק י״ב, סימן קי״ב.

3 דאָרטן, דף ע״ב.

עולם צו פארשטיין צו געבין. גלויבט מיר נור דאס, וואס איך וועל אייך דא בעטין פאר אונזערע קליינע נייפלאך: איהר זאלט זייא גאנץ ריין האלטין, זייא זאלין ניט נאס ליגן; איהר זאלט לאזין ריין טרוקין אוים גירייכערט דיא שטובין, וואו דיא קינדבעטרינס ליגן מיט איהרע שוואכע קליינה קינדערלאך, איהר זאלט ניט שרייען בייא איינה קינדבעטרין, עס שאד איהר זייער צום קאפ, צום גאנצען גוף... זאלט זיך איינה אלטע באבע, דיא מכשפה, וועלין איין שפארין מיט גיוואלט אייערע נשים אונד קינדר מזיק צו זיין מיט איהרן נארעשין דומען שכל — ווארפט זיי צום שווארצין יאהרן ארוס! גלובט ניט אן אלטע וייבר, גלויבט אין גאט ברוך הוא וברוך שמו הגדול אונד אן זיין חכמה, דיא ער אונז האט גיגעבין, זא כיל דאס מיר זאלין העלפין קענין מיט דעם בורא זיין הילף. אונד ווער זיינן דיא נשים קלי הדעת, וואס זיינן דן דיני נפשות בלא רחמנות ובלא דעת!..״ [1].

מארקוזי וייסט אבער זייער גוט, אז ניט נאר די באבעס מיט זייער נארישן שכל זיינען מזיק די „קליינע נייפלאך״. ער גדענקט, אז נאכדעם ווי די קינדערלעך גייען בשלום ארוים פון די באבעס הענט, ווערין זיי באלד איבערגעגעבן אין אנדערע ניט מער געניטערע הענט — פון די דרדקי-מלמדים און זייערע באהעלפערס. ווי אלע אויפקלערער פון יענעם דור, איז אויך מארקוזי „מרעיש עולמות״ און טענהט מיט גרוים התלהבות, אז עס מוז אומגעענדערט ווערן דער גאנצער סדר הלימוד ביי יידן. נאר אמאינטערעסאנטסטן איז דא ווידער דער טאן, דער נוסח, אין וועלכן מארקוזי טרעט ארוים מיט זיינע פאדערונגען. און ערטערווייז, בעת מיר לייענען די דאזיקע אלטע, גרוי-געלע בלעטער פון „עזר ישראל״, מוזן מיר זיך ווידער א מאל דערמאנען אין מענדעלען: עפעס טאקע ענלעך צו זיין נוסח, צו זיין שטייגער...

כאראקטעריסטיש איז שוין ביי מארקוזין דער ארייפאר: „לאמיר זעהן, להבדיל, דעם חילוק צו ווישן איין פערדיל פון איין פאוער אונד איין פערד פון איין שררה: וועלכער שטארקער איז? צי דער שררה, וואס לאזט זיין זערעבציק... פיער יאר ליידיג ארום לופן, אונד שפאנט איהם ניט איין צו ארבייטן, אדער דער פאוער, וואס שפאנט איין אין וואגן ווען דער זערעבציק איז צוויי יאר אלט? וועלכער איז שינר אונד שטארקער? גיוויס דעם שררהס, זיינר איז שטארקער אונד גרעסער

1 עזר ישראל, דף קל״ו.

אונד שענר. דעם פאוערש — זיינר איז קליין אונד זעהט אוים וויא איינה נבילה״.

נאָך דעם דאָזיקן משל גייט ערשט מאַרקוזי איבער צום נמשל — צו די יידישע חדר־ייִנגלעך:

„...אזוי מאכין אויך דיא מאמעש מיט איהרע קליינה קינדר; אוך מיר כאנשלייט, טאטעש, האבין אוך אין פולין איינה שיינה גיוואָנהייט מיט אונזערע ליבה בחורימלאך. ווען זייא פיער יאר אלט ווערין, שיקט מען זייא שוין אין דער תפיסה אריין, צום דארדיקן מלמד; ער מוז איין גאַנצן טאָג איבערן אלף־בית תפוס זיצן, אונד אין דער פריע צו מאָרגן וואו דיא בעסטע צייט פאר דיא קינדער איז, דאָס זיי שלאָפין זאָלין אונד דער־דורך וואקסן דיא קינדער ערשט — קומט שון דער באהעלפער אונד שלעפט פריה מאָרגן אין חדר, אין שול אריין...

אונד ווען דאָס קינד איין יאָר שון איז תפוס גיוועזן בייא זיין אלף־בית־מלמד, לייזט מען איהם שוין אוים פון סידור, אונד מוז שוין בייא גמרא־מלמד תפוס קומן. דאָ האָט ער שוין קיין צייט צו דאוונן ופשיטא קיין חומש צו לערנן, אלס גמרא אונד גמרא. ער מוז וויסן צו פינף יאָהר דעם דין, דאס „צרורות ברשות הרבים״ איז מען „משלם חצי נזק״. עס שיקט זיך ניט אפילו פאר אונזערע וויינערש, קצבים ניט, דאָס זייערע קינדער זאָלין דאָס ניט וויסן, וואָס יענעמש פאנע בריות־קינדער וויסן. ער מוז איין למדן ווערין אונד ווען ער אויך אין סידור ניט קען — אבי איין למדן צו זיין. איך גלוב, איהר ליבע לייט, איהר טרייבט אויך אביסל צו פריה איערע קינדער צו ארבייטן אָן. איהר ווייסט דאָס ניט, דאָס מיט קאָפ צו ארבייטן איז אביסל שווערער, ווי האָלץ צו האקין מיט דיא הענט. איהר מאכט אייערע קינדער בלייך, געלב, גרין, זייא קענן ניט גוט שלאָפין, זייא וואקסין איבר דעם ניט; אונד פילע פראָסטאקעס זיינן זיך מיט איהרע קינדער דער נאָך טועה: זיי מיינן — זייא זיינן שוין לומדים, ווייל זייא בלייבע פנימר האָבין; זייא פאר געסין, אונד זעהן זיך ערשט אויף דער עלטר אום, דאָס זייא (האָבן) אפילו וואָס אין סידר שטייט אויך פאר־זעהן... וואָלט ניט ליבר מאנכר פאָטער גילאָזט זיין קינד שלאָפין לייִנגער, אונד שפעטר איין למדן צו ווערין; ווייניגסטן וואָלט ער קיין למדן גיוואָרן — בין איך זייא גוט דערפאר, דאָס זייא שטארקע מענשין וואָלטין זיין, אונד עהרליכר. האט גיקענט ווייב אונד קינדר מחיה זיין, איידער זייא זאָלן ליבער ווערין עמי הארץ, אונד שוואכע, קריינקליכע אונד קענן ניט לערנן אונד ניט ארבייטן״ [1].

1 עזר ישראל, דף ק״י.

מארקוזי איז געווען פעסט איבערצייגט, אז זיין ספר וועט לעבן דורות לאנג. מיט שטאלץ ווענדט ער זיך צו זיינע „ליבה ברידר״:

„איך שרייב אייך איהר זאלט מיך פאלגין. אז איהר וועט מיך אי״ה פאלגן, וועט איהר דער נאך זעהן אין כמה דורות: דער דאקטער איז נאך ניט גישטארבן. ער האט גשריבן אונד עס איז אלץ אמת. גלייך ווען ער וואלט גילעבט אונד היילט מיט זיין ספר גלייך ווען ער זעלבערט לעבט. איך האב אויך פון זעלבע לייט זייער פיל גילערנט, דיא שוין לאנג זיינן גישטארבן, אונד האב אפשר שוין געמאכט: בורא פרי האדמה, אדר גאר פון פרי העץ, וואס פון די שטיק ערד איז אויס־גיוואקסן, וואו יענע גלערנטע דאקטערש זיינן בעגראבן גיווארין, אונד אויף זייא וואקסין שוין גרויסי פירות וואס אויך שוין ראוי לברכה איז. אבר זייערע ספרים לעבין נאך, אונד ווערין קיין מאל שטארבן. מען מיינט דאס זיי זיינן טויט, אבר זייער אמת בעווייזט, דאס זיי נאך ביז הייט לעבין״ [1].

מען קען דא געברויכן דעם תלמודישן אויסדרוק: „נִבָּא ולא ידע מה נבא״. אלס דאקטאר איז מארקוזי שוין לאנג געשטארבן, אלס ספר רפואות האט זיין „עזר ישראל״ שוין פון כמה דורות זיין ווערט און באדייטונג אנגעווארן. און דאך שטעקט א געוויסער אמת אין זיינע ווערטער: „דער דאקטער איז נאך ניט געשטארבן... זייערע ספרים לעבן נאך און ווערן קיין מאל שטארבן״. ווארום מארקוזיס „עזר ישראל״ איז בלי ספק א ליטעראַרישע דערשיינונג פון קולטור־היסטארישן באדייט; און יעדער קולטור־היסטאריקער, וועלכער פרווט שרייבן די געשיכטע פון דער נייער וועלטלעכער ליטעראטור אין יידיש, מוז זיך אפשטעלן אויף דעם קעניגסבערגער דאקטאר מארקוזי, ווי אויף איינעם פון אירע ערשטע בויער און באגרינדער...

אויף א גאנץ אנדערן אופן האט אויך א פרייסישער ייד פון יענעם דור פארצייכנט זיין נאמען אין דער יידישער ליטעראטור. אהרן בן יצחק אייזיק האט ער געהייסן. דאס איז געווען א פשוטער ייד, וואס האט באקומען א טראדיציאנעלע יידישע דערציִונג, א געשיקטער חותם־שטעכער און ענערגישער סוחר, מיט ליטעראטור זיך כל ימיו קארג וואס אינטערעסירט. אהרן איזאק איז געבארן אין 1729, אין א קליין בראנ־דענבורגער שטעטל טרויענבריצען, אכט מייל פון בערלין; צו פערצן יאר איז אים געשטארבן זיין פאטער, א קרעמער, א יורד און א מטופל מיט א סך קינדער. און דער יונגער אהרן האט פון דעמאלט אן אליין

---

1 עזר ישראל, דף קכ״ח — קכ״ט.

געמוזט טראכטן וועגן דאגות פרנסה. דאס איז אים אבער די ערשטע יארן זייער ניט גרינג אנגעקומען; ער האט זיך געווארפן פון איין אונטערנעמען צום אנדערן, געוואנדערט איבער פארשיידענע דייטשע שטעט. א מענטש מיט א געוואלדיקער ענערגיע, שלאגט ער דורך נייע וועגן, און עפנט פאר יידן א נייעם ישוב — שוועדן, ווו ביז אים האבן יידן ניט געטארט זיך באווייזן. ער בלייבט דאך זיגער אין זיין לעבנס-קאמף. ער ווערט הויף-יוועליר, דערווערבט זיך א באדייטנדיק פארמעגן, גרינדעט א גאנצע קהילה אין שטאקהאלם. צום סוף פון זיין אומרויקן וואנדער-לעבן איז ער אבער שווער געפרווט געווארן: ער האט אנגעווארן פרוי און קינדער, וואס זיינען אים פרי געשטארבן. האט ער, ווי גליקל האמעלן בשעתו, אויף דער עלטער, ווען ער איז געווען א זקן פון 72 יאר, גענומען שרייבן זיינע מעמוארן. „איך האב דעם דאזיקן ספר — ווייזט איזאק אן אין דעם העברעישן שער-בלאט — געשריבן פאר דעם שפעטערדיקן דור, פאר די קינדער פון מיין פאלק-כדי מיין גערעכעניש זאל ניט פארלארן גיין, אז איך, אהרן, זון פון ר׳ יצחק אייזיק ז״ל, האב זיך באגרינדעט אין דער מדינה שוועדן. ווארום ביז מיר איז קיינמאל קיין איין ייד ניט געווען מיט וווינרעכט אין דער גארער מדינה שוועדן, ביז איך בין אהער געקומען און כ׳האב געפונען חן אין די אויגן פון אונזער האר, דעם פרומען און גרויסן מלך גוסטאוו דעם דריטן, גאט זאל דערהויבן זיין פראכט און דערגרויסן ביז אין די הייכן; אויך ביי אלע זיינע הארן און דינער האב איך געפונען חן, אזוי ווי אייערע אויגן וועלן דאס רעכט צו זען. און ס׳זאל קומען דער אויסלייזער צו ציון, אמן״ 1.

ווי עס איז לייכט צו באמערקן פון דעם דאזיקן שער-בלאט, איז איזאק אין העברעישן ניט געווען קיין גרויסער „בעל לשון״. „לא איש דברים אנכי בלשון הקודש״, ווייזט איזאק גופא אן. שרייבט ער דערפאר זיין זעלבסטביאגראפיע אין דער „אומגאנגסשפראכע״. די אומגאנגס-שפראך פון דעם דאזיקן חותם-שטעכער און יוועליר, וואס האט פיל געהאט צו טאן מיט שררות און גרויסן אדל, און דערצו נאך זייט 1774 געלעבט אין שוועדן — איז שוין אבער ניט געווען דאס דעמאלטיקע געוויינלעכע „יידיש-דייטש״, נאר א מאדערנע דייטש, וואס האט אין זיך,

---

1 זה הספר כתבתי לדור אחרון לבני בני עמי כדי שלא יובד (יאבד) זכרי לנצח. שאני אהרן בן כהר״ר יצחק איצק ז״ל מיסד מדינת (במדינת) שוועדין, כי לפני לא היה יהודה (יהודי) אחד בעל קיומים בכל מדינת שוועדין, עד שאני באתי לכאן ומצא (ומצאתי) חן בעני (בעיני) אדונינו המלך החסיד הגדול גוסטאף השלישי ירום הודה (הודו) ויתנשי (ויתנשא) עד למעלה, וגם בכל שריו ועבדו (ועבדיו) מצאי (מצאתי) חן כאשר עניכם (עיניכם) תחזינה משרים, ובא לציון גואל אמן.

ווי נ. שטיף [1] האט שוין אנגעוויזן, א סך יידיש פאלקסטימלעכס און איז נאך דערצו צונויפגעפלאכטן מיט פיל העברעישע ווערטער און אויס-דרוקן. בכדי צו געבן דעם לייענער א באגריף וועגן דער שפראך פון איזאקס מעמוארן, ברענגען מיר דא צוויי ציטאטן: ז. 44: עס קאמען היער אויך אן צוויי בחורים, זיא האטען רעקאמאנדאטמאנען אן מיר. דער איינע הייסט ר׳ משה ליידערסדארף, דער אנדערע ר׳ הירש בר יואל. זיא ווארן ממשפחה הגונה, זיא האטען אויך איניגע טויזענד רייכסטאלער. דיזער ר׳ מוילי וואר דער ערשטע דער זיא וויזיט מאכטע, אונד פראגטע זי אב זיא ניכט עטוואס סחורה מיטגעבראכט העטען פאר אים צו האנדעלן. דיעזעביידען האטען עטוואס סחורה, אבער זיא ווארען קיינע בעל משא ומתן ניכט.

ז. 116: עס פינד זיך אן יעטצונד איין שפל ומשופל ושמו משה פייהעס אדער משה פאקעס, איין מוסר דער קעגען ארעמע לייט די היר כמה שנים געוואוינט האבן, איסט ער מיט מסירות אינגעקומען, דאס זיא היער וועג זאלטן, זיא געבן קיינע קאנטריבוציא, זיא טרייבען האנדל מיט פרעמדע סחורה דיא פערבאטן איסט.

איזאק וויזט אליין אן: „איך בין קיין געשיכטסשרייבער און גע-לערטער", און שרייבט זיינע מעמוארן „בלויז פאר אן אנדענק מיין פאמיליע" [2]. און ער שרייבט פשוט, אויפריכטיק און ערנסט, פארצייכנט געטריי און ערלעך אלץ, וואס ער האט דורכגעמאכט און צוגעזען אויף זיין אומרויקן וואנדער-לעבן. דאס איז א מין חשבון הנפש, א סך הכל פון אן אינטערעסאנטן אונטערנעמערישן מענטשנלעבן. און דאס אלץ איז געשריבן מיט אזא פשטות, מיט אזא אינטימען חן, אז דעם לייענער ווערט ניט ווילנדיק ליב אט דער אלטער הויף-יווועליר מיט אלע זיינע תביעות און ליידן. איזאקס מעמוארן זיינען אבער אינטערעסאנט ניט בלויז אלס „מענשליכער דאקומענט"; זיי האבן אויך א געוויסן קולטור-היסטארישן באדייט, ווייל זיי גיבן אונז אינטערעסאנטע שטריכן פון דעם יידישן לעבן אין דייטשלאנד אין דער מיט פון 18טן י״ה, און פון דעם לעבן אין דעם ניי-געגרינדעטן ישוב אין דער שוועדישער קרוינשטאט, וווהין די איינגעוואנדערטע יידן האבן מיטגעבראכט זייער אלטמאדישן לעבנס-שטייגער, מיט מחלוקתן איבער א רב, איבער א פעטער עליה, מיט רייסערייען פאר א בית עולם, פאר גבאות אאז״וו.

---

1 אין דער פארערדע צו זיין איבערארבעטונג אויף היינטיק יידיש איזאקס זעלבסטביאגראפיע.

2 דארטן, 64.

אהרן איזאקס ווונטש, אז זיין געדעכעניש זאל אדאנק זיינע מעמוארן פאר דעם שפעטערדיקן דור ניט פארלארן גיין, איז טאקע מקוים געווארן. קארגע הונדערט יאר האט זיך איזאקס מאנוסקריפט געוואלגערט ביי זיינע יורשים, ביז ענדלעך די יידישע ליטעראַרישע געזעלשאפט אין שוועדן האט זיך איבער אים דערבארעמט און אים פארעפנטלעכט אין שטאקהאלם אין לאטיינישער טראנסקריפציע [1]. אין 1922 איז אין בערלין דערשינען נ. שטיפס יידישע איבעראַרבעטונג, און אויף אזא אופן איז איזאקס „אווטאביאגראפיע״ געווארן צוגענגלעך פאר די ברייטע יידישע לייענער־קרייזן, און גאר אין די לעצטע יארן איז אויך דערשינען א וויסנשאפטלעכע אויסגאבע פון איזאקס מאנוסקריפט [2], בכדי זיינע מעמוארן זאלן קענען אויסגענוצט ווערן דורך די געשיכטס־פארשער אלס וויכטיקע קוועלע פאר דער צווייטער העלפט פונם 18טן י״ה.

ניט קיין קלענערן באדייט פאר דער יידישער געשיכטע פונם 18טן י״ה האבן די מעמוארן פון איזאקס מיטצייטלער, דוב בער בירקענטאל אוים דעם גאליציאנער שטעטל באלעכאוו (געב. אין 1723, געשט. אין 1805). ווי איזאק אזוי איז אויך בער באלעכאווער געווען א טיכטיקער אונטערנעמערישער סוחר. ער איז אבער דערצו אויך געווען א ייד א למדן, א גרויסער בקי אין דער העברעישער שפראך און ליטעראטור, האט געשריבן א ווערק וועגן דער סעקטאנטן־באוועגונג ביי יידן „אמרי בינה״, וואס איז ערשט צוריק מיט א יאר צוואנציק אנטדעקט געווארן אין דער מאנוסקריפטן־זאמלונג פון דער טארנאפאלער ביבליאטעק [3]. אין העברעיש האט אויך בער באלעכאווער געשריבן זיינע זכרונות, וואס ד״ר א. מארמארשטיין האט זיי אין 1912 אנטדעקט אין לאנדאן אין דעם יידישן סעמינאר [4].

אוים באלעכאווערס זכרונות ווייסן מיר, אז זיין זיידע ר׳ הירש בן יהודה ליב, איז געבארן אין 1640 און געשטארבן אלס זקן מופלג אין

---

1 Aron Isaks Sjebtbiografi, Stockholm, 1897.

2 מיט דער ראזיקער אויסגאבע האבן מיר ליידער ניט געהאט די מעגלעכקייט זיך צו באקענען.

3 מיט דעם אינהאלט פון דעם דאזיקן ווערק, ווי עס ווערן איבערגעגעבן פיל אינטערעסאנטע פרטים וועגן דעם חיכוח מיט די פראנקיסטן, האט באקענט א. בראווער אין זיין ארבעט „מקור עברי חדש לתולדות פראנק וסיעתו״ (השלוח, כרך ל״ג, ל״ח).

4 ליידער איז דער מאנוסקריפט אויפגעהיט ניט פולשטענדיק. עס פעלט דער אנהויב און דער סוף, און אויך אין מיטן פעלן ערטערווייז פיל בלעטער. באלעכאווערס זכרונות האט מ. ווישניצער פארעפנטלעכט אין יידישער איבערזעצונג אין 1922.

1743. דעם פאַרפאַסערס פאַטער יהודה, וואָס האָט אויך דערלעבט צו גרייזער עלטער פון איבער 90 יאָר, האָט געפירט אַ ברייטן ווייַן=מסחר מיט אונגאַרן. ער האָט גרינדלעך באַהערשט ביידע שפּראַכן, פּויליש און אונגאַריש, און איז געשטאַנען אין נאָענטע באַציִונגען מיט פּוילישע מאַגנאַטן און שליאַכטיטשן, ביי וועלכע ער איז געווען זייער באַליבט פאַר זיין בנעימותדיקן כאַראַקטער און זיינע מעשיות און משלים, אויף וועלכע ער איז געווען אַ גרויסער מייסטער. צו דאַנק זיינע שפּראַך=קענטענישן האָט דער דאָזיקער וויינהענדלער געהאַט די געלעגנהייט צו זיין אַן איבערזעצער צווישן דעם אונגאַרישן קיניג פראַנץ דעם צווייטן ראַקאָטשי און דעם פּוילישן קרוין=העטמאַן שיעניאַווסקי [1]. יהודה באַלע=כאָוועו האָט אויך געזאָרגט, אַז זיין זון, דוב בער, זאָל אויסער העברעיִשע למודים באַקומען אַ שפּאַר ביסל וועלטלעכע בילדונג. ער האָט געדונגען אַ קריסטלעכן לערער, יענער זאָל מיט זיין זון לערנען פּויליש און לאַטיין [2]. דער וויסנליבנדיקער דוב בער האָט זיך מיט פיל פליים אָפּגע=געבן די וועלטלעכע למודים. דאָס האָט אָבער אַרויסגערופן אַ געוויסע אומצופרידנהייט ביים אַרומי[illegible] קליינשטעטלדיקן ע"ם. דער פאַקט פון האַלטן ביי זיך אין שטוב אַ קריסטלעכן לערער, וואָס לערנט מיט אַ יידישן בר=מצווה=ייִנגל „שפת גלחות", האָט אַרויסגערופן אַ חשד אין די פרומע יידישע קרייזן, און מען האָט מורא באַקומען פאַר בערס יידישקייט. אונטער דעם דרוק פון דער סביבה האָט דער יונגער בער באַלעכאָוועו געמוזט אויף אַ צייט זיך אָפּזאָגן פון לערנען פרעמדע שפּראַכן. ווען ער איז אָבער אַריבערגעפאָרן קיין טיסמעניצע און האָט זיך באַזעצט אינעם הויז פון זיין פרוים עלטערן, האָט ער ווידער זיך גענומען גאַנץ געשמאַק צו פּויליש און לאַטיין און געלערנט אויך פראַנ=צויזיש און דייטש [3]. ער האָט אויך געלייענט ביכער אויף די דערמאָנטע שפּראַכן, באַזונדערס אויף דייטש און פּויליש.

ווי דער רוב פריִע השכלה=פּיאָנערן פון יענער תקופה, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט באַריכות אין פינפטן באַנד פון אונזער געשיכטע, איז אויך דוב בער אויס באַלעכאָוו געבליבן ביי זיין גרויסן דורשט נאָך וויסן און בילדונג פעסט פאַרבונדן מיט די אַלטע טראַדיציעס, און האָט געטריי אָפּגעהיט אַלע יידישע מנהגים גלייך מיט דער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער מאַסע. ספּעציעל לשם מצווה איז ער געווען אַ געניטער

1 באַלעכאָוועס זכרונות, ז' 69.

2 דאָרטן, 59.

3 זכרונות, 134.

מוהל; לויט דעם שטייגער פון יענער צייט, האָט ער געטאָן אַ שידוך מיט זיין זון יוסף, ווען יענער איז קוים אַ בר־מצווה געוואָרן, און גענומען אים פאַר אַ כלה אַ מיידל פון עלף יאָר [1]. „איך האָב, דערציילט וועגן זיך דוב בער, זיך געפירט מיט יראת שמים. איך פלעג יעדן טאָג אינ־דערפרי און אויפדערנאַכט זיך מְזָרֵז זיין צו דאַווענען אין שול, ווי דער „שולחן ערוך״ זאָגט, אַז דעם מענטשנס תפילה ווערט אָנגענומען נאָר אין שול״ [2]. „איך האָב אויך, דערציילט ווייטער דער פּאַרפאַסער, שטענדיק אַריינגעקוקט אין די ספרים פון מקרא, משנה און גמרא און די דינים פון ש״ע, אַ חוץ אַנדערע מוסר־ספרים״.

צו דער זעלבער צייט האָט בער באָלעכאָווער פלייסיק שטודירט די מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפיע, די אַלטע קריסטלעכע קירכן־שרייבער, פּוילישע געשיכטע און אויך פּוילישע רעליגיעזע פּאָלעמישע ליטעראַטור. „וואָסער אַ ספר ס׳איז מיר געקומען צו דער האַנט, דערציילט ער אין זיינע זכרונות (ז. 59), האָב איך תיכף אין אים אַריינגעקוקט און זיך באַמיט צו באַגרייפן דעם מחברס כוונה״.

ער וואָרנט אויך זיינע קינדער, זיי זאָלן זיך ניט באַנוגענען מיט בלויז הייליקע ספרים, נאָר אויך לייענען ווערק, וואָס זיינען געשריבן אין אַנדערע שפּראַכן און דאָרט וועלן זיי „באַוווסט ווערן אַ סך זאַכן וועלט־לעכע, וואָס יידן וויסן זיי ניט. און מיר יידן דאַרפן אַלץ וויסן, ווי אין פּסוק שטייט: „כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים״, — ווייל דאָכט מאַכט אייך קלוג און פאַרשטענדיק אין די אויגן פון די־פעלקער... יעדער קלוגער און פאַרשטענדיקער ייד דאַרף וויסן די מעשים פון אַנדערע פעלקער״ [3]. ווי דער בעל „ספר הברית״, האָט אָבער אויך בער באָלעכאָווער אין דער יוגנט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט מיסטיק, פלייסיק שטודירט דעם „זוהר״ און פיל זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אַסקע־טישער קבלה מעשית. „עס דאַכט זיך מיר, דערציילט אויף דער עלטער בער באָלעכאָווער, — אַז ס׳איז אוממעגלעך פאַר עמיצן איבערצוטראָגן אַזאַ מין פּייניקן זיך, ווי איך האָב איבערגעטראָגן אין מיין יוגנט״ [4].

דער פּראַקטישער סוחר האָט אָבער אין אים גובר געווען דעם אַסקעטישן מיסטיקער. מיט גרויס ענערגיע האָט ער געפירט די פאַר־שיידנסטע געשעפטן, האָט געהאַט אַ ברויערי, פלעגט אין משך פון אַ סך

---

1 זכרונות, 101.

2 דאָרטן, 59, 62.

3 דאָרטן, 114.

4 השלה, כ״ך ל״ג ז׳ 152.

יאָרן פאַרן רייטנדיק קיין אונגאַרן, איינקויפן דאָרט די טייערסטע וויינען, ברענגען זיי קיין גאַליציע און זיי פאַרקויפן די שכנישע פריצים. ער פלעגט אויך לייען אויף משכנות [1], האַנדלען מיט זילבער און גאָלד [2], צייטנווייז אויך מיט פערד, איינקויפן ביי די שכנישע פריצים ציגן-פעל און פלאַקס, און אַזוי ווייטער. דערביי האָט ער זיך אויך פיל אָפּגעגעבן מיט קהלשע זאַכן. אַלס גוטער קענער פון פויליש, לאַטיין און אונגאַריש, איז אים אָפט אויסגעקומען צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן די יידישע קהילות און די פריצים און מאַכט-פאַרטרעטער פון דער מלוכה. בשעת דעם היסטאָרישן דיספּוט מיט די פראַנקיסטן אין 1759 אין לעמבערג [3], איז בער באָלעכאָווער געווען דער אָפיציעלער איבערזעצער מצד די יידן און האָט פיל מיטגעהאָלפן דעם לעמבערגער רב ר׳ חיים ראַפּאַפּאָרט ביים צוזאַמענשטעלן דעם ענטפער אויף די טענות פון די פראַנקיסטן. בער באָלעכאָווער איז אויך געווען דער פאַקטישער פאַרפאַסער פון דער גרינדלעכער שריפטלעכער דערקלערונג, וואָס די יידישע פאַרשטייער האָבן דערלאַנגט בנוגע דעם זיבעטן פונקט פון די פראַנקיסטישע טענות, ווו עס ווערט אַרויסגעשטעלט די באַשולדיקונג קעגן יידן, אַז אין תלמוד זיינען פאַראַן רמזים אויף עלילת דם.

אויף די עלטערע יאָרן, ווען בער באָלעכאָווער איז שוין געווען אַ בן שבעים, האָט ער באַשלאָסן צו לאָזן פאַר די קומענדיקע דורות אַ באַשרייבונג פון זיין לעבן און זיינע דערפאַרונגען. אין משך פון עטלעכע יאָר האָט ער געשריבן זיינע צוויי אויבנדערמאָנטע ווערק: „זכרונות" און „אמרי בינה" [4]. דאָס לעצטע איז איינע פון די באַגלויביקסטע קוועלן פאַר דער געשיכטע פון דער פראַנקיסטן-באַוועגונג, און דער אויפגעהיטער טייל פון דוב בערס זכרונות גיט אונז אַ שלל זייער וויכטיקע פּרטים וועגן דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פון די בעל-הבתיש-סוחרישע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן און אויך וועגן די אונטערהאַנדלונגען פון די ראשי המדינות מיט די איינצעלנע קהילות וועגן איינצאָלן די ספּעציעלע שטייערן. אַלס פאַרמעגלעכער סוחר און ראש-הקהל, באַרירט בער באָלעכאָווער זייער ווייניק די לאַגע פון די אָרימע פאָלקסשיכטן, דאָך גיט ער אונז אין אַלגעמיין אַ גאַנץ בולט בילד וועגן דעם עקאָנאָמישן חורבן פון דעם פּוילישן יידנטום אין

1 זכרונות, 63.
2 דאָרטן, 96.
3 זע הייסער, צענטער טייל, ערשטער קאַפּיטל.
4 די ווערק זיינען פאַרפאַסט בערך צווישן 1790 — 1800 (זע מ. ווישניצער, פאָררעדע צו בער באָלעכאָווערס זכרונות).

דעם 18טן י״ה, וועגן זיין רעכטלאָזער לאַגע, וועגן דער רִשעות און די נגישות, וואָס די יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די וועלטלעכע און גייסטלעכע שררות. מיט עפּישער רויִקייט דערציילט באַלעכאָווער, ווי די פּריצים פלעגן אויסקלייבן פון זייער געלט די גוטע מטבעות און באַהאַלטן אין זייערע שאַצקאַמערס און די אָפּגעריבענע און פאַלשע פלעגן זיי פאַרנוצן אויף קויפן סחורות ביי די יידישע סוחרים. אין דעם פּרט — ווי אַזוי די יידישע באַפעלקערונג צו באַרויבן — זיינען בכלל די פּריצים געווען זייער דערפינדעריש. אַזוי, אַ שטייגער, לייענען מיר ביי בער באַלעכאָווער, ווי אַזוי „דער טיסמעניצער פּריץ, פירשט יאַבלאָנאָווסקי, האָט געוואָלט באַגזלנען דאָס האָב און גוטס פון די טיסמעניצער איינוווינער... האָט ער געהייסן ברענגען פון זיינע גיטער אין אוקראַינע, ווו ער איז דעמאָלט געווען טשיהירינער סטאַראָסטע, דריי הונדערט און פופציק פאַס מעד, און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די יידישע אלופים, אַז תיכף ווי עס וועט קומען דער מעד אין זייער שטאָט אַריין, זיינען די פירערס מחויב צו צעטיילן אים צווישן אַלע איינוווינער, און אין זיבן טעג אַרום דאַרף די גאַנצע יידישע קהילה באַצאָלן במזומן אין דער פירשט-קאַסע פאַרן גאַנצן מעד צו אַכט דוקאַטן פאַר אַ פאַס. קהל איז געווען געצוווּנגען אָפּצושאַצן יעדן, וויפל ער קאָן לויט זיין פאַרמעגן געבן״ [1]. דער פירשט מאַרטין לובאָמירסקי האָט עס געמאַכט נאָך פּשוטער: ער פלעגט, ווי די מיטלאַלטערלעכע ריטער בשעתם, באַפאַלן מיט זיינע מענטשן די פאַרבייפאָרער, איבערהויפּט סוחרים, צונעמען זייער האָב און גוטס, „און האָט אויך געהרגעט אַ סך מענטשן״ [2]. מיטן אַדעליקן גזלן פלעגן אויך קאָנקורירן פּויערישע גזלנים; און בער באַלעכאָווער באַשרייבט, ווי אַזוי אָרגאַניזירטע באַוואָפנטע רויבער-באַנדעס פלעגן באַפאַלן יידישע קהילות, באַראַבעווען זיי און באַגזלען, און זייערע הייזער פאַרברענען [3]. ניט מילדער פון די רויבער-באַנדעס זיינען אויך געווען די שילער פון די קריסטלעכע שולן. און בער באַלעכאָווער דערציילט, ווי פיל די לעמבערגער קהילה האָט געהאַט אויסצושטיין פון די „שילער-געלויפן״. צוליב עפּעס אַ קאָנפליקט אָדער קריגערייִ, וואָס פלעגט אַרוים צווישן אַ יידן און אַ שילער, פלעגן די שילער, די קינדער פון פּריצים און שררות, זיך צונויפנעמען, קומען אין די יידישע גאַסן, שלאָגן, הרגענען און ראַבעווען דאָס יידישע האָב און גוטס, און די יידן האָבן געמוזט אַנטלויפן

---

1 זכרונות, 65.

2 דאָרטן, 76—77.

3 דאָרטן, 74—78.

פון זייערע שטיבער און זיך ראַטעווען; די שילער האָבן געראַבעוועט און געגזלט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט צונעמען פונם פאַרמעגן [1]. ניט ווייניקער האָט אויך די יידישע באַפעלקערונג געהאַט אויסצושטיין פון די גייסטלעכע שררות. אפילו דאָס רעכט צו דאַווענען אין די שולן האָט מען געמוזט קויפן ביי די בישאָפן מיט גאָלדענע דוקאַטן [2]. ס'איז דערפאַר פסיכאָלאָגיש באַגרייפלעך, וואָס נאָך דער ערשטער פוילן־צעטיילונג רופט אפילו דער אַלטער געלאַסענער בער באָלעכאָווער אויס מיט צער און צאָרן: „וְנָתַתִּי אֶת נִקְמָתִי בֶּאֱדוֹם!"...

---

1 זכרונות, 137.

2 דאָרסן, 89, 108.

זיבעטער קאַפּיטל

דער דור „המאספים". — שפּראַכפאָרשער און ש־יפּסשטעלער. — שמואל רומאַנילי און זיין שאַפן — שלמה פּאַפּענהיים; זיין אַנטייל אינם קמיעות־קאַמף; זיין „יריעות שלמה" און „ארבע כוסות". — יהודה ליב בן־זאב און זיין וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט, זיין „בן סירא"־איבערזעצונג. — יצחק סאַטאַנאָב אַלס פּערזענלעכקייט; זיין ליבע צו אימיטאַציעס, זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. — „חצי מאמין וחצי מין". — שאול בערלין דער אפּיקורסישער רב, זיין סאַטירע „כתב יושר". — שאול בערלין אַלס פילאָסאָפיקער, זיין „מצפה יקותיאל" און „בשמים ראש", זיין צוואה.

מיר האָבן אין די פריערדיקע צוויי קאַפּיטלעך געזען, ווי אַזוי די גאַנג פונם לעבן האָט געבראַכט דערצו, אַז די יידישע אויפקלערער אין פּרייסן, וואָס האָבן זיך אַזוי ענטוזיאַסטיש באַרהאַלטן צו דער ביבל־שפּראַך און געשטעלט זיך פאַר זייער ציל צו אַנטפּלעקן אירע שיינקייטן פאַר דער אייראָפּעיִשער וועלט, — האָבן געגעבן אינטערעסאַנטע שילדערונגען פונם יידישן לעבן ניט אויף דער געליבטער שפּראַך, נאָר אויף דייטש אָדער אויף דעם „פאַרדאָרבענעם דייטש", ד"ה אויף דער יידישער אומגאַנג־שפּראַך. און דווקא די „שיינקייטן", וואָס די בעלי „המאספים" האָבן געפּרוּווט איינפלאַנצן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, זיינען, ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, געווען פון גאַנץ קנאַפּן ווערט. שוואַך און פאַרבלאָז זיינען געווען די דאָזיקע שפּראַצונגען, עס האָט זיי געפעלט זאַפט און לעבן, און דאָך זיינען זיי פּרוכטלאָז ניט פאַרבליבן. זיי זיינען געווען אַן אָנזאָג, בשורה־טרעגער פון אַן איבערברוך, פון אַ דראַנג צו אַ נייעם לעבן, צו אַ נייעם וועלט־באַנעם. צווישן דעם ים טאַלענטלאָזע מליצהדיקע פערזן און סענטימענטאַלע אידיליעס פלעגן זיך דאָך,— אמת, אין זייער זעלטענע פאַלן, — דורכרייסן קלאַנגען פון ווירקלעכער באַגייסטערונג און טענער מיט פּאָעטישע פונקען באַשיינט. איידער מיר

גייען איבער צו די דאָזיקע מיט פּאָעטישע פונקען באַשיינטע שאַפונגען, מוזן מיר זיך פריִער אָפּשטעלן אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער דערשיינונג — אויף דעם שאַפן פון אַ דיכטער אַ בע=וָנַדניק, אין איטאַליע געבאָרן, וואָס האָט אויף זיין וואַנדערוועג העכער דריי יאָר צווישן די בעלי „המאספים" פאַרבראַכט, מיט זיי פריינדשאַפט געשלאָסן, זיי און מענדעלכזאָנען אין לידער באַזונגען און אין בערלין זיינע וויכטיקסטע ווערק פאַרעפנטלעכט, וואָס האָבן זיין נאָמען איינגעקריצט אין דער געשיכטע פון דער ניי=העברעיִשער ליטעראַטור. שמואל רומאַנֶילי איז דער נאָמען פונם דיכטער.

געבאָרן אין דעם אַלטן יידישן קולטור=צענטער מאַנטואַ (אין 1757), האָט דער יונגער רומאַנילי באַקומען אַ פילזייטיקע דערציִונג. זיינע גרינדלעכע ידיעות אין דער תלמודישער ליטעראַטור האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט צו האַלטן דרשות אין בתי מדרשים. דערצו איז ער געווען אַ מאַן פון ברייטער אייראָפּעיִשער בילדונג. געלויפיק גערעדט און געשריבן אויף צען שפּראַכן. גייסטרייך, אַ ביסל לייכטזיניק, מיט שפּרודלדיקן וויץ, דערמאָנט רומאַנֶילי דעם מיטלאַלטערלעכן דיכטער אַלחריזי. ווי יענער, האָט אויך רומאַנילי געלעבט פון נדבנים, מעצע=נאַטן, וועלכע ער פלעגט באַזינגען אין לויבלידער און פּאָעמעס, און דערביי רוב ימיו פאַרבראַכט אין דחקות און נויט; וואָרעם דער לֵץ, דער וויצלינג פלעגט גאַנץ אָפט אין אים גובר זיין דעם אָדע=דיכטער: מיט עפּיגראַמען און שפּאָטישע וויצן פלעגט ער אָפּלאַכן פון די „פּני", פון גאַווהדיקע גבירים, פון די אַלטפרענקישע אָפּגעלעבטע מנהגים; און די דערצאָרנטע „טובי עיר" פלעגן ניט זעלטן אַרויסטרייבן פון שטאָט דעם עַזותדיקן וויצלינג. נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן האָט רומאַנילי געמאַכט אַ רייזע איבער פראַנקרייך, פאַרבראַכט דערנאָך אַ שטיק צייט אין לאָנדאָן, וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ לערנבוך פאַר העברעיִשער גראַמאַטיק [1], פון דאָרט געקומען קיין גיבראַלטאַר, געזאָלט צוריקקערן קיין איטאַליע, נאָר פאַרוואָרפן געוואָרן קיין מאַראָקאָ, וווּ ער האָט פאַר=בראַכט גאַנצע פיר יאָר [2] אין פּלאָג און נויט (1786—1789), מיט גרויס מאַטערניש זיך ענדלעך דערלאַנגט קיין אַמסטערדאַם און פון דאָרטן קיין בערלין, וווּ ער האָט געפונען ברייטגיביקע מעצענאַטן אין דער פּערזאָן פון דוד פרידלענדער און זיין שווער, דעם באַנקיר דניאל איציג. דאָ האָט רומאַנילי אויפגעלעבט און אָפּגערוט פון די מאַטערנישן, וואָס ער

---

1 זע: 27, 1862, Ben Chananja.

2 זע פאָררעדע צו „משא בערב".

איז אויסגעשטאַנען אין מאַראָקאָ. מיט דאַנקבאַרקייט רופט ער אוים אין זיין לויבליד, וואָס ער האָט געווידמעט די בעלי „המאספים״:

הָאָח, שְׁמֵי־בֶּרְלִין, הֶאָח רָאִיתִי,
לֹא אֶזְכְּרָה עוֹד הֶעָמָל וָטֹרַח
כָּל מוֹצְאוֹת אוֹתִי וּתְלָאוֹת אֹרַח [1].

אין 1791 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַלס חתונה־געשאַנק דער טאָכ־טער פון זיין מעצענאַט דניאל איציג אַן אַלעגאָרישע דראַמע „הקולות יחדלון״, לויט דעם מוסטער פון משה חיים לוצאַטוס „לישרים תהלה״. אַלס פּערזאָנע; טרעטן דאָרט אַרויס ווענוס (נוגה), קופּידאָן (חשק), פאָרטונע (עושר) און אויך צדק, תפארת, שלום און תקוה. אין די דיאַ־לאָגן זיינען, אויפן איטאַליעניש שטייגער, איינגעשלאָסן אַריעס צום זינגען. פראַנץ דעליטש [2] רעדט מיט גרויס התפעלות וועגן דעם דאָזיקן ווערק און דערקלערט, אַז עס געהערט, צוזאַמען מיט לוצאַטוס „לישרים תהלה״, צו די „ווערט געשעצעסטען קלייִנאָדיען דער נאַציאָן״ (צו די טייערסטע אוצרות פון דעם יידישן פאָלק) [3]. ליידער איז דאָס ווערק אַ יקר המציאות און מיר האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט עס צו זען. אין 1792 האָט רומאַנילי פאַרעפנטלעכט אַלס געשאַנק דעם „גביר המרומם תפארת חכמים״ דוד פרידלענדער אַ דידאַקטישע פּאָעמע „רוח נכון״, אין וועלכער ער קעמפט, שטייענדיק אויפן אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט, קעגן די מאַטעריאַליסטן, וואָס פאַרבלאָנדזשען מיט זייער בייזוויליקייט פונם ריכטיקן וועג (בזדון לבב מדרך השכל תָעו).

אין דעם זעלבן יאָר איז דערשינען אין בערלין רומאַנילים „משא בערב״, אַ באַשרייבונג פון זיין רייזע איבער מאַראָקאָ. ניט אומזיסט האָט דאָס דאָזיקע ווערק אויסגעהאַלטן זעקס אויפלאַגעס [4], און איז אויך דערשינען אין ענגלישער איבערזעצונג (1886). עס איז ווירקלעך אַן אמת קונסט־ווערק. אין לעבעדיקע און בולטע פאַרבן שילדערט רומאַנילי דעם

---

1 פאָררעדע צו משא בערב

2 צור געשיכטע דער יידישען פּאָעזיע, 92.

3 י. קלויזנער (ציט. ז. 275 — 276) ווייזט אָן, אַז דער סטיל פון „הקולות יחדלון״ איז צו מליציש; דאָס ווערק שאַדט אויך ניט ווייניק די צו „בולטע חניפה, וואָס ווערט דערלאַנגט אין ברייטער מאָס דעם גביר דעם מעצענאַט און זיין טאָכטער דער כלה״.

4 זע י. קלויזנער, ציט. ז. 279. מ׳ר האָבן זיך באַנוצט מיט דער צווייטער אויסגאַבע (ווין, 1834).

גאַנצן לעבנס־שטייגער, די שרעקלעכע עקאָנאָמישע און קולטורעלע צושטאַנדן, וואָס האָבן געוועלטיקט אין מאַראָקאָ צוריק מיט 150 יאָר, און די מוראדיקע רעכטלאָזע לאַגע פון די דאָרטיקע יידן. עס פילט זיך ניט נאָר דער געבילדעטער אייראָפּעער, נייערט אויך דאָס פיינע באָאָבאַכטער־אויג און די זיכערע קינסטלער־האַנט. דער לייענער באַקומט אַ פילפאַרביק בילד פון דעם אָפּגעשטאַנענעם מוסולמענישן לאַנד מיט זיינע שטעט און דערפער; ער באַקאַנט זיך מיטן סטיל פון די הייזער, מיט דער התנהגות פון די מענטשן, מיט זייער קולטורלאָזיקייט, זייער ווילדן אָבערגלויבן, זייער האַנדל און וואַנדל. אַלץ האָט ער צוגעזען, דער ייד פון מאַנטוא, אין דעם ווילדן מוסולמענישן לאַנד, אַלץ אין זכרון באַהאַלטן און אויף די בלעטער פון זיין ווערק אויפגעלעבט. פון דעם סולטאַן, דעם טיפּישן אָריענטאַלישן דעספּאָט, מיט זיינע באַאַמטע ביז דעם לעצטן לאַסטטרעגער און בעטלער — וועגן אַלעמען ווייסט ער צו דערציילן, אַלץ האָט ער צוגעזען מיט זיינע אייגענע אויגן. נאָך מער אויפמערקזאַמקייט שענקט דער פאַרפאַסער דעם לעבן פון די מאַראָקאַנער יידן און גיט אַ דעטאַל בילד פון זייערע מנהגים, זייער קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט, זייער שטייגער לעבן, זייערע שמחות, חתונות און נאָך מער — פון זייערע ליידן און צרות, זייער קנעכטישער לאַגע אין דעם ווילדן פאַנאַטישן לאַנד. אין לעבעדיקע בולטע בילדער שילדערט ער אונז אַלע שיכטן פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, פון די תקיפים, די הויף־יידן, ביז די יידישע פּראָסטיטוטקעס [1]. דאָרט, ווו דער דיכטער שילדערט די רעכטלאָזע לאַגע פון די מאַראָקאַנער יידן, ווערט ער פּאַטעטיש, און עס איז שווער קאַלטבלוטיק צו לייענען אַזוינע שטעלן, ווי צום ביישפּיל, די באַשרייבונג, ווי אין אַ שבתדיקן טאָג, בעת די יידן דאַווענען אין שול, רייסן זיך אַהין אַריין סאָלדאַטן און פּאָליציסטן און פאַרנעמען אַלע דערוואַקסענע, הן מענער, הן פרויען אויף צוואַנגאַרבעט [2]. אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם מאַכט דער לעצטער קאַפּיטל, ווו עס ווערט באַשריבן, ווי אין דער בהלה־צייט נאָך דעם פּלוצלינגדיקן טויט פונם סולטאַן, ביז איינעם פון דעם פאַרשטאָרבענעם מלכס פּילצאָליקע זין איז געלונגען מיט באַוואָפנטער האַנט דעם פּאָטערס טראָן צו פאַרנעמען — איז די יידישע באַפעלקערונג דערקלערט געוואָרן פאַר „פאָגל־פריי". דער המון האָט געראַבעוועט זייער האָב און גוטס, פאַרגוואַלדיקט די פרויען, און די מענער געשלאָגן מכות רצח. און דער נצחנישער טראָן־פּרעטענדענט האָט נאָך

---

1 „משׂא בערב". קאַפּ. 13, ז' 70.

2 דאָרטן, קאַפּ. 7, ז' 32.

דערצו באליייגט די יידישע קהילות מיט געוואלדיק גרויסע אויסלייזגעלטער אויף צו דעקן מיט זיי די הוצאות פון דער מלחמה.

ער „משא בערב" לייענט זיך ווי א רעאליסטישער שפּאַנענדיקער דראַמע, און עס איז צו באַדויערן, וואָס זיין פאַרפאַסער האָט זיינע רייכע שאַפונגס-כּוחות געפּטערט אויף „געלעגנהייט-געדיכטן", אויף ליבּ-פּאָעמעס, אויף איטאַליענישע איבערזעצונגען, און אין די ווייטערדיקע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן קיין איין ווערק ניט געשריבן, וואָס זאָל זיך קענען גלייכן צו זיין „משא בערב" 1.

מיר האָבן אין אָנפאַנג קאַפּיטל אָנגעוויזן, ווי שוואַך און פאַרבלאָזן עס זיינען די פּאָעטישע „שיינקייטן", וואָס די בעלי „המאספים" האָבן געפּרוּווט פאַרפלאַנצן אין דער העברעישער ליטעראַטור. אַלס אמתע געשעעניש פון גרויסן באַדייט אויף דעם דאָזיקן געביט דאַרף דערפאַר באַטראַכט ווערן די עלעגישע פּאָעמע „ארבע כוסות" 2 פון שלמה פּאַפּענהייב, וואָס איז צום ערשטן דערשינען אין 1790.

שלמה בן אברהם זעליגמאַן איז בכלל אַ אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, און ער געהערט פאַקטיש בלויז כראָנאָלאָגיש צום דור „המאספים", אָבער ניט לויט זיין וועלט-באַנעם. געבאָרן אין 1740 אין אַ שלעזיש שטעטל צילץ אין אַ רבנישער פאַמיליע, האָט שלמה באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג. ער האָט שוין אָבער אויך אין די יונגע יאָרן געשמט אַלס „בעל לשון" און „מליצה"-שרייבער. בעת דעם קמיעות-קאַמף צווישן יעקב עמדן און יונתן איבשיץ, איז דער יונגער פּאַפּענהיים אַרויסגעטראָטן אַלס אַקטיווער אָנהענגער פון עמדנס צד 3 און האָט פאַרפאַסט אַ שאַרפע סאַטירע קעגן יונתן איבשיץ, ווו ער שילדערט דעם פּראָגער גאון און זיין זון בנימין וואָלף אין איין קאָמפּאַניע מיט לייבלי פּראָסניץ, חיון און שבתי צבים יורש ברכיה 4. פּאַפּענהיים האָט זיך

1 די ווערק, וואָס ער האָט געשריבן נאָך דעם „משא בערב", לויב-לידער און איבערזעצונגען פון איטאַליענישע דיכטערישע ווערק, זיינען פון די גרעסטע זעלטנהייטן און מיר האָבן זיי ניט געזען (זע וועגן זיי: צייטלין, קרית ספר, 310—311; קלויזנער, צים. וו. 276—278; לאַהובער, תולדות הספרות העברית החדשה I, ק' 19, און קעלערס בכורים II, 23. נאָך רומאַנילס טויט זיינען געבליבן אין כתב יד פיל זיינע לידער און איבערזעצונגען. זיין איבערזעצונג פון מאַפּפעי'ס דראַמע „מעראָפּ" האָט אַ בענעדיקטינער מאָנאַך וויַיקערט פאַרעפנטלעכט אין רוים אין 1903.

2 דער פולער טיטל: אגדת ארבע כוסית—ישתה האדם בהסבו על לחם עוני ומרורים ישתה וישכח רישו.

3 פּאַפּענהיימס „גביות עדות" זע ביילאַגעס, נומ' 4.

4 די דאָזיקע סאַטירע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אלני ממרא וקרית ארבע", איז פאַרעפנטלעכט אין „ספר התאבקות" כ"ז—ע"א (אלטנא, 1761).

אָבער דערנאָך, וואַרשיינלעך, שוין אין די יאָרן, ווען ער איז געווען אין ברעסלוי „ראַבינאַטס־אַסעסאָר” (דיין), דערוואָרבן א געוויסע אייראָפּעיִשע בילדונג, איז געווען גוט באַהבנט אין די העברעיִשע מיטלאַלטערלעכע חקירה־ספרים און אויך אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע. א באַזונדערס שטאַרקע השפעה האָבן אויף אים געהאַט לייבניץ און קאַנט. ער גופא האָט געשריבן ספּעציעלע פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם גאָט־באַגריף: „ביישטרעגע צו בעריכטיגונג ד. בעווייזע פאָם דאזיין גאָטטעס” (1794), „אבערמאַליגער פערזוך איבער דען אנטאָלאָגישען בעוויז פ. דאזיין גאָטטעס” (1800). אין פולן קעגנזאַץ צו מענדעלסזאָנען און די בעלי „המאספים”, איז פאַפּענהיים אין דער פראַגע וועגן „הלנת המתים” געשטאַנען פאַר דעם טראַדיציאָנעלן יידישן מנהג און האָט מיט עקשנות דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט פאַרטיידיקט אין זיינע פלוגשריפטן: „די פריהע בעערדיגונג ביי דען יודען (1795), „די נאָטוועגדיגקייט דער פריהען בע־ערדיגונג” (1797), „דערדוקציאָן איינער אפּאָלאָגיע פיר די פריהע בעער־דיגונג” (1798). ווען דוד פרידלענדער איז נאָך דעם דערשיינען פונם עדיקט וועגן יידישער גלייכבארעכטיקונג אַרויסגעטראָטן מיט דער פאָדע־רונג, אַז מען זאָל אין דער שול מתפלל זיין אויף דער „לאַנדשפּראַכע”, ד״ה, אויף דייטש, ניט אויף העברעיִש [1], — איז פאַפּענהיים ווידער א מאָל אַרויסגעטראָטן אַלס אַנטשיידענער „ניין”־זאָגער מיט זיין ספּעציעלער בראָשור „פּריימיטיגע ערקלערונג איבער דיע קריטיק דעם גאָטטעס־דיענסטעס דער יודען אונד דערען ערציהונג דער יוגענד” (1813). אין פולן קעגנזאַץ צו פרידלענדערן און האַמבערגן, פלייסט זיך פאַפּענהיים צו דערווייזן, אַז די דערציִונג פון דער יידישער יוגנט דאַרף בלייבן אונטערן רשות פון די קהילות און ניט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דער רעגירונג; בנוגע צום ריטוס און סדר התפילות שטעלט פאַפּענ־היים אַרויס ריין פסיכאָלאָגישע טעמים, אַז מתפלל זיין דאַרף מען ניט אין דער וואָכעדיקער אַלטעגלעכער שפּראַך, נאָר אין דער שפּראַך, וואָס טראָגט דעם צירעאָל פון הייליקייט און געטלעכקייט [2]. אויף איין פּיוט, אויף דעם באַקאַנטן „כי הנה כחומר ביד היוצר”, וואָס מען זאָגט יום־כפור אויף דער נאַכט, האָט פאַפּענהיים אַפילו א ספּעציעלן פילאָזאָפישן פירוש געשריבן („חומר ביד היוצר”, 1803), און אליעזר צווייפל האָט אים אין זעכציק יאָר אַרום איבערגעדרוקט.

פיל האָט זיך פאַפּענהיים אָפּגעגעבן אויך מיט פילאָלאָגישע שטודיעס. ער האָט געשריבן א קאַפּיטאַל ווערק „יריעות שלמה” וועגן שמות

1 זע אויבן, קאַפּ. 4, ז' 147.

2 זע ש. בערנפעלד, תולדות הריפורמציון, 68—69.

נרדפים (סינאָנימען) אין דער העברעיִשער שפּראַך. אין דער פאָררעדע מאַכט ער, פאַר יענער צייט, אַ זייער אינטערעסאַנטן פּרוּוו צו באַלייכטן די אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך מיט דער כּאַדערנער פילאָזאָפישער דערקענטניש-טעאָריע. ער שטעלט זיך דערביי באַזונדערס אָפּ אויף דער אַנטוויקלונג פון די מענטשלעכע באַגריפן וועגן אָרט און צייט, און עס פילט זיך דערביי אַ געוויסע השפּעה פון דעם אָקאָרשט דעמאָלט דער-שינענעם קאַנטס גרונדווערק „צור קריטיק דער ריינען פערנונפט״ [1]. לײדער, האָבן דעמאָלט זייער ווייניקע פאַרשטאַנען געהעריק אָפּצושאַצן דעם דאָזיקן פּרוּוו; און ווייל פּאַפּענהיים איז אַרויסגעטראָטן אַלס קעגנער פון דעם דורך חיוג׳ אַרויסגעשטעלטן הויפּט-געזעץ [2], וואָס איז געוואָרן דער יסוד פון דער גאַנצער העברעיִשער גראַמאַטיק, — אַז יעדעס צייט-וואָרט (פּעל) באַשטייט ניט ווייניקער ווי פון דריי אותיות [3], — האָט זיין „יריעות שלמה״ געהאַט אַזאַ קנאַפּן דערפאָלג, אַז ער האָט פאַרעפנט-לעכט בלויז צוויי טיילן פון דעם דאָזיקן ווערק, דעם ערשטן — אין 1784, דעם 3טן אין 1811, דעם צווייטן האָט שוין נאָך זיין טויט [4] פאַרעפנטלעכט וואָלף היידענהיים אין 1831, און דער פערטער איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט. אין מאַנוסקריפּט איז אויך פאַרבליבן דער גרעסטער טייל פון פּאַפּענהיימס אַ צווייטן פילאָלאָגישן ווערק — אַ העברעיִשער לעקסיקאָן „חשק שלמה״, וועגן וועלכן דער אָקאָרשט דערמאָנטער באַ-וווּסטער מדקדק וואָלף היידענהיים [5] האָט מיט התפּעלות געשריבן:

---

1 והמתבאר מדברינו הוא שהזמן והמקום אינם כי אם כמויות עיוניות המתעצמות בנבראים כולם, הן רוחניים הן גשמיים... וה״א דבר הבלתי נמצא בישות בזני עצמו, גם לא בישות על צד הרכיבה, כי אם על צד המציאות בציור ובמחשבה שאנחנו בוראים אותו במחשבתנו ומציירים אותו כאלו הוא רכוב על דבר (יריעות שלמה I, חוברת א׳, יריעה ג׳). פּאַפּענהיים גופא שטרייכט אפילו אונטער אין דער פאָררעדע, אַז די פון אים אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען וועגן דעם מהות פון צייט און אָרט זיינען זיינע אייגענע: מה שדברתי בענינים העיוניים ממהות הזמן והמקום והתנועה וכיוצא בזה שהערתי עליו כה וכה אינם העתקות מדברי זולתי, אבל הם רובם מה שתבנתי בזרת עיוני וחקירתי הקלושה וכדומה, שלא ראיתי עדיין מאלה הענינים בשום ספר מבוארים על האופן שביארתים.

2 זע אונזער ווערק, ב׳ I, 41.

3 אויף פּאַפּענהיימס שטאַנדפּונקט בנוגע דער דאָזיקער פראַגע איז אויך געשטאַנען פּאַפּענהיימס בן-דור—דער אונז שוין באַקאַנטער מרדכי שנאַבער אין זיין ניט פאַרעפנטלעכטן ווערק „ספר השרשים״ (זע זיין „תוכחת מגילה״, 5—8).

4 פּאַפּענהיים איז געשטאָרבן אין ברעסלוי אין 1814.

5 וואָלף ב״ר שמשון היידענהיים (געבאָרן אין 1757, געשטאָרבן אין 1832) האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען מיט זיין קלאַסישער מחזור-אויסגאַבע אין דער פּראַכטפולער רעדעלהיימער דרוק. די דאָזיקע אויסגאַבע, ביי וועלכער היידענהיים האָט

„דיעזעם קונסטווערק דעם מענשליכן פערשטאנדעס געהערט צו דען ריעזען־ווערקען אונזערם יאהרהונדערטס" [1]. פאפענהיים האט בלויז באַוויזן צו פארעפנטלעכן איין פראַבע־העפט (אין 1802) און היידענהיים, ווען פאפענהיים האט איבערגעגעבן אלע זיינע מאנוסקריפטן [2], האט אפגעדרוקט א פראספעקט פון דעם דאזיקן ווערק („קונטרס רגל מבשר", 1808).

שלמה פאפענהיים האט מיט זיינע וויסנשאפטלעכע אומפאנגרייכע ווערק ווייניק מזל געהאט, דערפאר אבער האט ער דערגרייכט אן אויסערגעוויינלעכן דערפאלג מיט זיין קליינעם פאעטישן ווערק, מיט דער עלעגישער פאעמע „ארבע כוסות" [3]. די דאזיקע פאעמע איז געווען אזוי פאפולער, אז נאך אין די צוואנציקער יארן פונם 19 י"ה פלעגן יונגע משכילים זי אויסנווייניק דעקלאמירן [4], און אין 1863 האט יונה וויל־היימער זי אויף דייטש איבערזעצט און זי באזארגט מיט א ספעציעלן פירוש. ביי טראגישע אומשטענדן האט פאפענהיים זיין פאעמע געשאפן. ער האט איבערגעלעבט א שווערע פאמיליען־קאטאסטראפע: איינס נאכן אנדערן האט ער דריי קינדער אנגעווארן און נאך זיי איז אים אויך זיין געליבטע פרוי געשטארבן. האט דער טיף דערשיטערטער מאן זיין גרויסן וויי נאך דעם פירפאכן בראך אין „פיר בעכער" אויסגעגאסן. אין פאעטיש־עלעגישן טאן דעקט ער אויף זיינע גרעאנגלעגישן און ספיקות וועגן די טראגישע פראבלעמען פון דעם מענטשן־לעבן, וועגן דער נישטיקייט און לייכט־פארגענגלעכקייט פונם ערדישן, וועגן טויט און אומשטערבלעכ־

אויסגענוצט פיל אלטע מאנוסקריפטן, איז באזארגט מיט פיל היידענהיימס קריטישע דערקלערונגען און מיט א דייטשער איבערזעצונג. צום סוף אויסגאבע האט היידענהיים פארעפנטלעכט א פאר דער געשיכטע פון דער ליטורגישער דיכטונג זייער וויכטיקע ארבעט „הפיוטים והפייטנים". פון וויכטיקסטע באדייט איז אויך זיין קריטישע תורה־אויסגאבע (21 — 1818) מיט פירושים, דערקלערונגען און דייטשער איבערזעצונג פון זיינע פילאלאגישע ארבעטן זיינען די וויכטיקסטע: מביא הלשון (וועגן ייִדישע־גראמאטיק, 1806), משפטי הטעמים (וועגן דעם טראפ, 1808). מער באריכות וועגן היידענהיים זע: לואיס לעווין אין מאנאטסשריפט, 1900, 127—138; דארטן, 1901, 422—432, 549—558; דארטן 1932, 1—15.

1 המאסף, תקס"ט, 53

2 דארטן, 35, 53, און אויך אין דער פארערד צום צווייטן טייל „יריעות שלמה".

3 צום ערשטן מאל דערשינען אין בערלין אין 1790. וועגן די פיל אויסגאבן פון „ארבע כוסות" זע: קהלת משה, 107; י. קלויזנר, היסטוריה של הספרות העברית החדשה, I, 229.

4 זע בן־חנניה, 1863, 754.

קייט, וועגן דעם מענטשנס ראָלע און באַדייט אויף דער וועלט. פּאַפּענהיימס פּאָעמע איז ווייט פון הארמאָנישער גאַנצקייט — צו דערשיטערט איז דעם דיכטערס נשמה געווען, און דער דיכטער גופא, דער דיין און דער איירעפּעיִש געבילדעטער משכיל, איז דאָך געווען אַ קינד פון אַן איבערברוך־תקופה און איז געשטאַנען אויפן שייד־וועג פון צוויי פאַר־שיידענע וועלטן. ס׳דאַרף ניט וואונדערן, וואָס אין זיין פּאָעמע פילט זיך אין איין און דער זעלבער צייט די השפּעה אי פון עדוואַרד יונגס „נאַכט־געדאַנקען", אי פון ידיעה הפנינים מיטלאַלטערלעכן „בחינת עולם". דאָס זעלבע באַמערקט זיך אויך אינם סטיל און אין די טענדענצן פונם ווערק. טראַדיציאָנעלע אָנשוווּנגען גייען דאָרט האַנט ביי האַנט מיט קאַנטס פילאָזאָפישע באַגריפן; דיין ביבלישער סטיל ווערט דורכגעוועבט מיט אויסדרוקן אוים די מיטלאַלטערלעכע חקירה־ספרים; אמת פּאָעטישע בילדער ווערן צונויפגעפלאָכטן מיט אויפגעבלאָזענער רעטאָריק און איבע־ריכטיקער פּאַטאָס און טראַגישע נאָכקלאַנגען פון דעם דיכטערס איבער־געלעבטער קאַטאַסטראָפע ווערן פאַרוואַכערט מיט סענטימענטאַלע זיפצן און ווײ־געשרייען. אין דעם שלוס־טייל פון דער פּאָעמע — אין דעם פערטן „כוס", דעם כוס פון הילף און טרייסט (כוס ישועות), הערן זיך שוין רויִקערע, מער אָפּטימיסטישע טענער. דער דעוויז פון יענער תקופה — „דער מענש איז געבאָרן גליק צו געניסן", געפינט ביי פּאַפּענ־היימען אַ ריין־נאַציאָנאַלן לבוש. דער דיכטער איז פול מיט פעסטן גלויבן אין דער ליבעפולער השגחה פון גאָט, וואָס איז דאָך דער גאָט פון רחמים, און זיין פּאָעמע פאַרענדיקט זיך האַרמאָניש מיט מונטערע בטחון־פולע אַקאָרדן...

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז פּאַפּענהיימס פילאָלאָגישע ווערק האָבן געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן דערפאָלג. פיל מזלדיקער איז אין דער הינזיכט געווען פּאַפּענהיימס יינגערער בן דור — יהודה ליב בן זאב. גע־באָרן אין 1764 אין אַ פּוילישן שטעטל לעלוב (Lelów), קראָקאָווער געגנט, האָט יהודה ליב זיך אויפגעצויגן אויף תלמוד און פּוסקים; צו 13 יאָר האָט דער פּאָטער אים שוין חתונה געמאַכט, און דער יונגער בעל הביתל איז אַריבערגעפּאָרן קיין קראָקאָוו, ווו ער האָט עטלעכע יאָר געגעסן קעסט ביים שווער. דערפון האָט זיך גענומען זיין פאַמיליענאָמען קראָקאָוו. וווינענדיק ביים שווער, איז דער יונגער יהודה ליב געזעכן „על התורה ועל העבודה"; ער האָט אָבער אָנגעהויבן „נתפּקר" צו ווערן: בייטאָג פלעגט ער זיצן איבערן תלמוד און זיינע מפרשים און ביינאַכט פלעגט ער בסוד, די פאַמיליע זאָל ניט וויסן, זיך פאַרנעמען

מיט אזוינע „טריף־פסולים" ווי תנך און דקדוק [1]. נאך דעם, ווי די עקאנאמישע לאגע פון זיינע עלטערן האט זיך פארערגערט, האט יהודה ליב געמוזט שוין אליין זארגן וועגן פרנסה. האט ער זיך גענומען צו מלמדות און געלאזט זיך איבער אנדערע שטעט זוכן א „קנעלונג". פארן יונגן יהודה ליב פאנגען זיך אן די „וואנדער־יארן"; דארטן, אין דער פרעמד, ווערט ער אנגעשמעקט מיט די נייע אידעען. ער חלומט וועגן „השכלה" און זיין אידעאל איז צו דערלאנגען זיך צום וויכטיקסטן צענטער פון השכלה און וויסן, וווּ עס וווינט „משה בר מנחם איש האלהים". עס געלינגט אים אבער צו דערלאנגען זיך קיין בערלין ערשט אין 1787, ווען מענדעלסזאן איז שוין געווען טויט. ער באפריינדעט זיך באלד מיט די בעלי „המאספים" און פארעפנטלעכט אין זייער צייטשריפט פיל לידער און פאבלען מיט דער אונטערשריפט י—ל—ק (יהודה ליב קראקא). ווי אהרן וואלפסזאן און יואל לעווע, שרייבט אויך ער „פורים־לידער" און באזינגט אין פאראדירטן סליחות־ און פיוט־סטיל די פריידן, מיט וועלכע דער טרויבן־זאפט טוט די צעך־חברים באגליקן [2]. ער שרייבט אויך אין ריין־ביבלישע סטראפן אויסגעלאסענע לוסט־לידער, וואס האבן מיט זייער פריוואל־צינישן אינהאלט זייער גלייכן ניט אין דער גאנצער העברעישער ליטעראטור [3]. אפילו עמנואל הרומים „שירי עגבים" זיינען אין פארגלייך מיט בן זאבס הפקרישע לידער גאנץ אנשטענדיק און איינגעהילט אין פייגנבלעטער...

און אט דער דאזיקער פריוואלער לעבעמאן און וויציקער פארא־דיסט איז זיין גאנץ לעבן [4] פארבליבן דער געטרייער ריטער פון זיין „שיינער דאמע" — דער היים־געליבטער ביבל־שפראך. איר האט ער גע־דינט געטריי און ערלעך, איר האט ער געשענקט אלע זיינע באדייטנ־דיקע גייסטיקע כוחות. ער גופא ווייזט אן (אין זיין פאררעדע צו זיין „אוצר השרשים"), אז ער ווייסט זייער גוט, ווי געוואלדיק שווער ס'איז צו באנייען און פארברייטערן די געפאלענע העברעישע שפראך. „איך ווייס — זי קאן שוין מער ניט אויפלעבן, נאך דעם ווי זי איז אזוי געפאלן, אם לא בשוב ד' את שבות עמו — סיידן דעמאלט, ווען גאט וועט אויסלייזן זיין פאלקס־געפאנגענע". עס קומט אים אבער ניט אויפן

---

1 זע בן־זאבס פאררעדע צו „אוצר השרשים".

2 מליצה לפורים ע"ד מליצת הפיוט להרבות בה שמחת פורים ומשתה השכורים.

3 די דאזיקע לידער זיינען קיין מאל ניט געווען געדרוקט. זיי צירקולירן בלויז אין האנטשריפטן, אדער ווערן איבערגעגעבן בעל פה פון מויל צו מויל.

4 בן זאב איז געשטארבן 47 יאר אלט אין 1811.

געדאנק אפילו — זיין געליבטע צו פארלאזן; אדרבה — איר שווערער צושטאנד שטארקט אין אים דעם חשק צו זיין איר באשיצער און איבער־געגעבענער דינער...

זיין פרוכטבארע טעטיקייט פאנגט זיך אבער אן ערשט דאן, ווען ער פארלאזט בערלין און באזעצט זיך אין ברעסלוי, ווו ער האט פארבראכט לערך צען יאר. דארטן האט ער אין 1796 פארעפנטלעכט זיין העברעישע פראקטישע גראמאטיק „תלמוד לשון עברי", וואס האט אויסגעהאלטן א מענגע אויסגאבן מיט פיל שפעטערע הוספות און הערות פון פאר־שיידענע מדקדקים [1] און איז פאר גאנצע דורות געווען דער אמתער „לערער פון דער העברעישער שפראך", וואס האט אין פאפולערער פארם באקענט די יידישע יוגנט מיט די כללים פון „שימוש הלשון" (סינטאק־סיס) און „דרכי השיר והמליצה" (וועגן סטיליסטיק און פראסאדיע). ניט ווייניקער פאפולער איז געווען זיין דרייבענדיקער העברעיש־דייטשער און דייטש־העברעישער ווערטער־בוך „אוצר השרשים", וואס ער האט שוין פארעפנטלעכט אין ווין, ווו ער האט פארבראכט די לעצטע צוועלף יאר פון זיין לעבן אלס קארעקטאר אין די באקאנטע העברעישע דרוקן פון יוסף הארשאנעצקי און אנטאן שמיד. אויך זיינע לערנביכער „בית הספר" (ווין 1802) און „יסודי הדת" (1811) האבן געהאט א באדייטנ־דיקן דערפאלג. זיינע אריינפירן און קריטישע באמערקונגען צו פארשיי־דענע ביבלישע ביכער, ווו עס האט אים געדינט אלס מוסטער איינהארנס דרייבענדיק ווערק „איינלייטונג אין דאס אלטע טעסטאמענט" (1780—1782) [2], זיינען איבערגעדרוקט געווארן אין די שפעטערע ביבל־אויסגאבן, וואס די „ביאוריסטן" און זייערע נאכפאלגער האבן פארעפנטלעכט. בן־זאב וויל שוין זיך ניט האלטן ווי מענדעלסזאן געטריי ביי דער אלטער מסורה און פרווט באקענען דעם יידישן לייענער מיט די דער־גרייכונגען פון דער ביבל־קריטיק אוים יענער צייט. ער דערלויבט זיך שוין אפן צו ריידן וועגן א צווייטן ישעיה, וואס האט געלעבט אין דער תקופה פון גלות בבל און אז״וו. אט די דאזיקע קריטישע באמערקונגען, וואס בן־זאב דערלויבט זיך בנוגע צו די „כתבי הקודש", האבן אים אין די ארטאדאקסישע קרייזן געמאכט א שם פון א געפערלעכן אפיקורס

---

1 די וויכטיקסטע הוספות און באמערקונגען האט צוגעגעבן דער דיכטער אדם הכהן לעבענזאן צו דער עלפטער אויסגאבע (ווילנא, 1874). וועגן די פיל אויסגאבן פון בן־זאבס האנטביכער זע: ח. צייטלין, קרית ספר, 22 — 25 און יוסף קלויזנער, היסטוריה של הספרות וכו׳, I, 159—162.

2 בן־זאב האט זיינע באמערקונגען פארעפנטלעכט אין בוך־פארם (1810) אונטער דעמזעלבן נאמען: מבוא אל מקראי קודש.

און „מומר להכעיס". פון באַדײַטנדיקן ליטעראַרישן ווערט איז בן־זאבס מוסטערהאַפטע העברעיִשע בן־סירא־איבערזעצונג, וואָס ער האָט פֿאַר־עפֿנטלעכט (1798) צוזאַמען מיט אַ דײַטשער איבערזעצונג און מיט אַ ברייטן אַרײַנפֿיר. „זײַנע (בן־זאבס) איבערזעצונג איז אין דער נאָכ־בילדונג דעם ביבלישן גנאָמענסטילס אַיין מײַסטערשטיק" — דערקלערט מיט התפעלות פראַנץ דעליטש [1].

די דאָזיקע בן־זאבס אַרבעט שטייט אין נאָענטער קרבֿות מיט די אַרבעטן פֿון אַ צווייטן באַדײַטנדיקן שריפֿטשטעלער פֿון דעם דור המאספים, וועגן וועלכע עס וועט איצט זײַן די רייד.

מיר האָבן שוין פֿריִער אָנגעוויזן אויף די מאָמענטן, וואָס ברענגען די בערלינער „השכלה"־טרעגער אין געוויסער קרבֿות מיט דער ייִדישער אינטעליגענץ פֿון דער פֿאַר־בלי־תּקופֿה אין דער אַראַבישער שפּאַניע. אויך דאָרטן זײַנען פֿילאָלאָגישע פֿאָרשונגען פֿאַרויסגעגאַנגען דער ליטעראַרישער רענעסאַנס. ג'נאח און זײַנע מיטהעלפֿער, וואָס האָבן געשעפּט יניקה פֿון דער אַראַבישער קולטור, האָבן מיט זייערע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן אין געוויסער מאָס צוגעגרייט דעם פֿאַסיקן פּרוכטבאַרן באָדן פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון דער העברעיִשער שיינער ליטעראַטור. דאָס האָבן פּאַקטיש אויך באַצוועקט בן־זאב, פֿאַפּענהיים און זייערע חברים. צו גרויס איז אָבער געווען די דיסטאַנץ צווישן די צוויי תּקופֿות, צו גרונד־פֿאַרשיידן די סאָציאַלע און גײַסטיקע כּוחות, וואָס האָבן אין זיי געווירקט. די שטאַרקע השפּעה פֿון דער קרובֿישער אַראַבישער קולטור אויף אבן ג'נאחס דור האָט ניט געבראַכט צו אַסימילאַציע, צו התבטלות, זי האָט בלויז געוועקט און גערעגט, האָט געווירקט אויף די אײַנגעדרעמלטע ייִדישע כּוחות, ווי היִיון, וואָס רופֿן אַרויס די שטאַרקסטע לעבנספֿראַ־צעסן [1]. אין דער תּקופֿה פֿון שמואל הנגיד און שלמה גבירול האָבן די טרעגער פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור ניט געוווּסט פֿון קיין „קרע שבלב"; די קולטורעלע שבֿע האָט זיי ניט אָפּגעריסן פֿון די נאַציאָ־נאַלע וואָרצלען. זיי האָבן ווייניק געדאַגהט וועגן דער פּראָבלעם, ווי אַזוי צו דערווייזן זייער „נוצלעכקייט", און ס'האָט זיי כּלל ניט געשראָקן די פֿראַגע: „מה יאמרו הגויים?" גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע אינם דור פֿון די „המאספים". צו פּלוצלינג איז געווען דער איבערגאַנג פֿונם אַלטן צום נײַעם, פֿון דעם ענג־אָפּגעצוימטן געטאָ און דעם רבנישן אָפּ־געזונדערטן וועלט־באַנעם צו דער אידעען־וועלט פֿון די אויפֿקלערער און

1 צור געשיכטע דער ייד. פּאָעזיע, 110.

2 זע אונזער ווערק, ב' I, 29.

ראציאנאליסטן. האבן זיי זייער גלייכגעוויכט אנגעווארן, אויפגעהערט צו שפירן דעם פעסטן באדן אונטער זייערע פיס, און, ווי דער העלד פון שאמיסאס באקאנטער ראמאנטישער דערציילונג, זייער אייגענעם שאטן, זייער זעלבשטענדיקן „איך" פארלארן. דערציונג און געוווינהייט האט זיי פעסט צוגעבונדן צום אלטן ענג־באגרענעצטן לעבנס־שטייגער — און זיי רייסן זיך צו דער ווייטער רחבות פון דער אייראפעישער קולטור. זיי ווערן געבלענדעט פון דער פאר זיי פלוצלינג אנטפלעקטער עשרות, זיינען אבער ניט אימשטאנד איינצוזאפן אין זיך די פרעמדע קולטורעלע אוצרות און זיי הארמאניש צונויפצושמעלצן מיט זייער אייגענער קולטור. ביי זיי איז געווים געווען זייער געליבט און געאכפערט די ביבל־שפראך. זיי האבן פיל זיך אפגעגעבן, ווי מיר האבן געזען, מיטן אויספארשן אירע אנטיקע אוצרות און די אייגנארטיקייטן פון איר סינטאקסיס. פיל האבן זיי זיך אויך פארנומען מיט העברעישער מעטריק און פערז־בוי. וועגן „דרכי השיר והמליצה" רעדט בן־זאב אין זיין „תלמוד לשון עברי", דוד פרידריכספעלד אין זיין „זכר צדיק", יואל לעווע אין זיין ספעציעלן ארייננפיר צו „זמירות ישראל". אבער אליין שאפן נייע פאעטישע ווערטן זיינען זיי ניט געווען בכוח. אויפן ארט פון זעלבשטענדיקן שאפן — אימיטירן, קאפירן פרעמדע מוסטערן; אנשטאט הארמאנישן קונסט־גוס — געקינצלטע מאזאיק, געליישטע שפילגעצייג...

זייער כאראקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט איינער פון די פיל־זייטיקסטע און באגאבטסטע שריפטשטעלער צווישן די בערלינער משכילים — יצחק הלוי סאטאנאוו. געבארן 1 און אויסגעוואקסן אין דעם קליינעם פאדאליער שטעטל סאטאנאוו, האט עס אים, דעם רייך באגאבטן, געצויגן נאך וויסן און בילדונג. נאך לאנגע וואנדער־יארן דערלאנגט ער זיך אין 1771 קיין בערלין, וווּ ער האט אין משך פון א סך יארן געגעבן העברעישע שטונדן אין רייכע יידישע הייזער. ער האט פיל זיך אפגע־געבן מיט נאטורוויסנשאפטן, זיך באקענט מיט די פילאזאפיש־ראציאנא־ליסטישע שטרעמונגען פון זיין צייט. נאר דער פערציק־יאריקער משכיל אויס דער ווייטער פאדאליע פילט זיך עפעס פרעמד און ניט געמיטלעך אין דער פאר אים נייער וועלט. צו שטארק האט ער נאך איבער זיך געשפירט די שליטה פון דעם אלטן פאטריארכאלישן לעבנסשטייגער. ער האט זיך געפילט צוגעצויגן פון צוויי אנטקעגנגעזעצטע מאגנעטן, — דערפון זיינע שטענדיקע וואקלונגען, די אומדערוווארטע קאנטראסטן אין זיין גאנצן באנעמען. דאס האט זיך אפילו געלאזט לייכט באמערקן

1 יצחק סאטאנאוו איז געבארן אין 1732, געשטארבן סוף 1804 אין בערלין.

אין זיין אויסערלעכן אויסזען. אין דער היים האט ער שוין געפירט א לעבן פון א פולשטענדיק אסימילירטן בערלינער, נאר מיט דער בארד, וואס ער האט געבראכט פון פאדאליע, האט ער זיך ניט געוואלט שיידן: אויסגעפוצט אין מאדערנע, מיט ארטיסטישן געשמאק צוגעפאסטע קליידער, האט ער פון אויבן געטראגן א לאנגן אלטפרענקישן קאפטן [1] — „פון אויבן גייסט־לעך, פון אונטן וועלטלעך", פלעגט ער אליין זאגן מיט א שמייכל [2]. און ווי זיין טראכט, אזוי אויך זיין שאפן. אט די ליבע צום מאסקאראד, צום פאלסיפיצירן, צו פירן ביי דער נאז דורך מיסטיפיקאציעס און פאר־שטעלענישן — איז דער גרונדשטריך פון זיין גאנצן ליטעראַרישן שאפן. סאטאנאוו, דער וואונדערבארער שפראכמייסטער, האט ניט געפונען קיין בעסערן אופן אויסצונוצן זיינע רייכע באגאבונגען, ווי נאכמאכן, אימי־טירן אלערליי סטילן. ער מאכט דעם אנשטעל, אז זיינע אימיטאציעס שטאמען כלומרשט פון גאר אלטע צייטן, און גדולי ישראל האבן זיי פאר־פאסט, און גלייך דערביי, מעשה קונדס, מאכט ער חוזק פון דעם נאיוון לייענער, וואס לאזט זיך נארן און גלויבט סאטאנאוון אויפן ווארט. ער דרוקט א ווערק אין בערלין און שרייבט אויפן שער־בלאט: געדרוקט אין קאנסטאנטינאפאל [3]. ער שרייבט אן אויסגעצייכנטן ארטיקל „מדרכי הלשון והמליצה" [4], ווו ער גיט א וויסנשאפטלעכן איבערבליק וועגן דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג פון דער העברעישער שפראך און ווייזט אן מיט גרויס חריפות און פיינעם שפראך־געפיל אויף די יסודות, לויט וועלכע די דאזיקע שפראך דארף פארברייטערט ווערן, בכדי זי זאל ווי געהעריק זיין צוגעפאסט אויסצודריקן די נייע מענטשלעכע באגריפן און מאדערנע טעכנישע באצייכענונגען. ער פארעפנטלעכט אבער דעם דאזיקן ארטיקל ניט אונטער זיין אייגענעם נאמען, נאר אונטערן נאמען פון זיין זון שימא־שלמה (ד"ר שענעמאן), וואס איז אפילו ניט געווען אימשטאנד אנצושרייבן קיין איין איינציקע שורה אין לשון קודש. און ווען איינער פון די בעלי „המאספים" האט ארויסגעזאגט זיין אומצופרידנקייט מיט דעם דאזיקן מאסקאראד [5], האט סאטאנאוו אפגעענטפערט מיט א פאלע־

---

1 זע פראנץ דעליטש, צ. וו., ז' 115: אונטער דעם פוילישן קאפטאן, איבער דען זיין בארט הערצבהאלטע, טרוג ער די פיינסטע קליידונג אינעס דויטשען petit-maitre.

2 והוא חצי מין וחצי מאמין, — זאגט וועגן אים זיין יינגערער בן־דור מענדעלסזאן—האמבורג (פני תבל, 252).

3 דברי ריבות, וועגן די דאגמען פון יידישער אמונה.

4 המאסף, תקמ"ח, 82—95.

5 המאסף, ב' VII, 251—266. 396.

מישער שריפט „מנחת בקורים״, אָבער אויך דאָס מאָל אָלץ אונטער דעם נאָמען פון זיין זון, דעם קנאַפּן עברי-קענער, ד״ר שענעמאַן. ער פאַרעפנטלעכט אין בערלין זיין אין מאַקאַמענסטיל געשריבענעם „ספר החזיון״, נאָר ער ווייזט ניט אָן ניט די דאַטע, ניט דעם נאָמען פונם מחבר. דערפאַר אָבער רינגלען אַרום דעם שער-בלאַט, ווי א ראָם, א גאַנצע צאָל מליצהדיקע פּסוקים, וואָס אין זיי ווערט דורך ראשי תיבות אַנגעמערקט: „זה שמי יצחק״. און גלייך נאָך דער הקדמה גייט אַן אַקראָסטיכאָן, וואָס איז מודיע: „יצחק הלוי בעל החזיון״. איז דאָס אָבער נאָך אַלץ ווייניק, ווערט דאָס גאַנצע ווערק דורכגעוועבט מיט אַקראָסטיכן, ווי „יצחק״ (דף י״ב, א׳; י״ז עמ׳ ב׳; ס׳, עמ׳ א׳; ס״ח, עמ׳ ב׳) „נאום יצחק״ (דף ס״ד, עמ׳ א׳) אָדער „יצחק הלוי״ (שלום-ליד). איניקע אַקראָסטיכן טראָגן דעם נאָמען „יצחק הלוי״ אי צום אָנפאַנג, אי צום שלוס פון די פערזן (דף י״ג, י״ד, ט״ו, ט״ז). אויף צוויי באַזונדערע בלעטער ווערן פון אותיות צונויפגעשטעלט פלעריי מגן-דודן, רינגעלעך און קרייזן, אין וועלכע עס זיינען אויף א גאַנץ בטלנישן אופן איינגעפלאָכטן די ווערטער: „יצחק הלוי״; און אויך אין לעצטן קאַפּיטל, וווּ עס ווערט גערעדט וועגן דקדוק און משונהדיקע צרופי אותיות, באַקומען מיר ווידער דורך דעם קונץ פון צירופי אותיות די ווערטער: „זה שמי יצחק״. ער שרייבט א ווערק „ספר אמרי בינה״ (1784), וווּ עס ווערט אין פאָרם פון א וִכּוח צווישן צוויי חברים, ידעיה און נועם, דערוויזן, אַז „קבלה און חקירה זיינען צוויי פעסט-צונויפגעבונדענע צווילינגס-שוועסטער, נאָר דאָס, וואָס די חקירה דערווייזט אָפן, אין אָן ערנסטן טאָן, דאָס טוט די קבלה מיט רמזים, אין וועלכע ס׳איז ליבע פאַרבאָרגן״ [1]. אָבער אויפן שער-בלאַט ווייזט סאַטאַנאָוו אָן, אַז דאָס ווערק האָט ער געפונען אין כתב-יד אין א פּריוואַטער ביבליאָטעק מיט הסכמות פון גאונים קדמונים, נאָר דער נאָמען פונם מחבר איז אומבאַקאַנט; פיל „גאוני זמננו״, וואָס האָבן דאָס ווערק געזען, זיינען פון אים אַזוי אַנטציקט געוואָרן, אַז זיי האָבן אים, סאַטאַנאָוון, געבעטן, ער זאָל עס אין דרוק פאַרעפנטלעכן „למען יהנו רבים לאורו״. דערנאָך גייט א גאַנצע צאָל הסכמות, — צוויי עלטערע: פון דעם בעל „ו̇ו̇י̇ העמודים״ ר׳ שעפטיל הורוויץ און פונם צפתער רב נפתלי כ״ץ, וואָס האָבן געלעבט אין 17טן

---

1 „שהקבלה והחקירה יחד חוברות, אחיות תאומות בעבותות האהבה קשורות, אך אשר בחקירה בתוכחה מגולה נדברות, המה בקבלה באהבה מסותרות״. אינם חערק גופא חערט מערערע מאָל איבערגעחזרט, אַז „הקבלה והחקירה רוכבים צמודים״, „הקבלה והחקירה שתיהן בקנת אחד עולים כי מרועה אחד נתנו״, „הקבלה והחקירה הם אחיות תאומות וכל דבריהם עולים בקנת אחד״ וכו׳ וכו׳.

י״ה; דערנאָך אויך גאַנץ נייע פון פיל רבנים אויס סאַטאַנאָווס דור. און די אַלע הסכמות זיינען — לא היו ולא נבראו; דאָס האָט זיי סאַטאַנאָוו אַליין פאַבריצירט. און סאַטאַנאָוו האָט כּלל נים פאַר גייטיק צו האַלטן בסוד זיין חולשה צו מיסטיפיקאַציעס. ער פאַרעפנט־לעכט אין אַראַמישן דיאַלעקט זיין „זהר חיבורא תנינא״ (1783, וועגן שלום מאַכן צווישן קבלה און פילאָזאָפיע) און שיקט פאַראויס מיט אַ לאַנישן שמייכל צוויי הסכמות: אין איינער ווערט אָנגעוויזן, ווי דער אַרויסגעבער סאַטאַנאָוו איז געקומען מיט דער דערקלערונג, אַז ער האָט די דאָזיקע שריפט אָפּקאָפּירט פון אַן אַלטן פאַרמעטענעם ספרדישן כּתב־יד, וואָס געפינט זיך אין דער בערלינער ביבליאָטעק; אין דער צווייטער הסכמה ווערט אָבער גלייך אַרויסגעזאָגט דער חשד, אַז דאָס איז בלויז אַ מיסטיפיקאַציע, באַשר: „איך קאָן דעם דאָזיקן מענטשן און ווייס זיין מאַניר — שהוא מגונבי דברים״. דאָס אייגענע חזרט זיך אויך איבער מיט זיין צווייטן ווערק: „משלי אסף״ [1]; ער שרייבט אין סטיל פון דעם ביבלישן „משלי״־בוך אַ זאַמלונג פון סענטענצן און משלים, און מאַכט דערביי דעם אָנשטעל, אַז די זאַמלונג שטאַמט כּלומרשט פון אַמאָליקע צייטן, און איר פאַרפאַסער איז אסף בן ברכיהו פון די בני הלויים, וואָס ווערט דערמאָנט אין „דברי הימים״ (א׳, ו׳). ער ווייזט אָבער דערביי אויך אָן בדרך רמז זיין אייגענעם נאָמען, וואָרעם „אסף״ אין די ראשי תיבות פון איציק סאַטאַנאָוו פולאַניאַ [2]. ער פאַרזיכערט טאַקע אין דער פאָררעדע, אַז „זה ספר אסף אשר עדן לא היה לעולמים ולא שזפתו עין אדם מעולם, הנה הקרה ד׳ אותו לפני״; נאָר באַלד מאַכט ער זיך כּלאַ ידעאַ און רופט אָן דעם משלי אסף „חיבורי״. ער קאָן זיך אָבער דערמיט אויך נים באַנוגענען. זיין חולשה צו מיסטי־פיקאַציע איז אַזוי גרויס, אַז ער שיקט פאַראויס דעם „משלי אסף״ אַ „הסכמת הגאונים״ מיט חתימות פון פינף רבנים; און די גאַנצע הסכמה איז בלויז אַן אָנשטעל — דאָס האָט זי סאַטאַנאָוו גופא געשריבן. און אָט אין דער דאָזיקער פאַלסיפיצירטער הסכמה, וואָס לויבט דאָס ווערק ביז אין טאָג אַריין און פאַרזיכערט, אַז „זאת המחברת כלילת יופי לשם ולתפארת, חיכו ממתקים ומליצותיו מנופת מתוקים וכו׳ וכו׳ — ווערט, אַגב, אָנגעוויזן, אַז איינגעהילט אין סוד איז דער מחבר פון דעם ווערק און זיין נאָמען איז אומבאַקאַנט. ר׳ איציק סאַטאַנאָוו פאַרזיכערט אַפילו „שכן מצאה וכן היתה״, עס ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס איז

---

1 דער ערשטער טייל אין 1788, דער צווייטער—אין 1792.

2 המאסף, ב׳ VII, 252.

בלויז אן אנשטעל, און עס איז זייער מעגלעך, אז ר׳ איציק גופא איז דער פארפאסער, „כי ידענו את האיש ואת שיחו״.

סאטאנאוון איז אבער דאס אלץ נאך ווייניק. נאך דער דאזיקער פאלסיפיצירטער הסכמה גייט ווייטער א פאלסיפיצירטע הקדמה פון סאטאנאווס בלומרשט א פריינד, איינעם א יוסף לוצאטו אוים איטאליע. אין דער דאזיקער הקדמה, וואס דער לץ סאטאנאוו גופא האט זי פאבריצירט, קלאגט זיך דער „איש איטאליע״ לוצאטו דערויף, וואס די העברעישע שפראך איז פארגעסן און פארלאזן, און אפילו א טייל פון די „מחברי הספרים המכנים את עצמם בשם חכמים וגאונים״ ריידן און שרייבן „בלעגי שפה ואין בפיחם נכונה״; עס איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואס מען קוקט אויף די דאזיקע מענטשן מיט פאראכטונג, און ביי די אומות העולם איז די העברעישע שפראך פאררעכנט פאר „לשון המתה״ — א טויטע שפראך. און ווען ניט איינציקע יחידי סגולה וואלטן אויפגעהיט אין זייער מויל די העברעישע שפראך אין איר פולער ריינקייט — אני אבדה לשון הקודש מעמנו, וואלט פארלארן געגאנגען די הייליקע שפראך ביי אונזער פאלק, ונשכחה כמת מלב. און איינער פון די דאזיקע ווייניקע אויסדערוויילטע איז זעלבסטפארשטענדלעך איציק סאטאנאוו. ער האט עס, פארזיכערט דער „איש איטאליע״, דערהויבן די העברעישע שפראך צו איר אמאליקער שיינקייט, ער האט אנטפלעקט פאר „העמים והשרים״ אונזער הייליקע שפראך אין איר גאנצער פראכט [1]. און גלייך דערביי פאלגט א לאנג לויב-געזאנג, ווו עס ווערן אין געוואל-דיקע מליצות אויסגעלויבט סאטאנאווס חכמה און מייסטערשאפט; מיט גרויס פאטאס ווערט אויך באגריסט די גליקלעכע שטאט סאטאנאוו, וואס איר נאמען ווערט געלויבט און געאכפערט איבער אלע לענדער און ווייטע אינזלען דערפאר, וואס זי האט דער וועלט געבארן איר וווּנ-דערבארן זון יצחק [2].

---

1 אויך אין זיין אריינפיר צום „ספר החזיון״ חזרט כאטאנאוו א פאר מאל איבער: לכן הסמסנו עלינו לחמליץ בעדה (פאר דער ביבל-שפראך) ולכפר כבוד תהלתה והודה, למען תראות העמים והשרים כבידה.

2 צהלי ורוני יושבת סטנאב
כי גדל בקרבך נבון בדעת רב ואב.
לו שוכני ארץ יתהללו בחכמיהם
אז יאמרו באיים איש ואיש ילד דך
ואליך יענו לאמור: זה ילד דך
כי ביצחק יקרא לך שם בגוים.

דעם אמת מוז מען אָבער זאָגן: יצחק סאַטאַנאָוו איז ממש אַ גאון פון אימיטאַציע. ער מאַכט נאָך מיט אַ וווּנדערבאַרער לײַכטקייט די פאַרשיידנסטע סטילן; ער שרײַבט זײַן „ספר החזיון" אין דעם מאַקאַמען־סטיל פון חריזים „תחכמוני", דעם „זוהר תנינא" אין דעם אַראַמישן זוהר־סטיל, דעם „משלי אסף" אין דער גנאָמיק־פאָרם פון „משלי" און „בן־סירא", די „זמירות אסף" אין דעם פּאַטעטישן נוסח פון „תהלים". און גלײַך דערנאָך שרײַבט ער אַ העברעיִש ווערק, ווי ער לערנט דעם קונץ, ווי אַזוי מען קען אין איין טאָג דורכבויערן העכער דרײַ הונדערט פּערל אויף אַ מאָל, און באַשרײַבט מיט דער מינע פון אַ מומחה, ווי אַזוי צו פאַבריצירן אַלערליי ליקערן און געטראַנקען [1]. אין דעם אַלץ ווערט טאַקע באַוויזן גרויסע שפּראַך־מייסטערשאַפט, נאָר אין דער דאָזיקער פילזײַטיקייט ליגט אָבער אויך סאַטאַנאָווס שוואַכקייט. דער מאַן מיט די פיל מאַסקעס האָט ניט זײַן אייגענעם פּרצוף, דער אימיטאַטאָר פון פיל סטילן האָט ניט ביי זײַן גאַנצער שפּראַך־עשירות זײַן אייגענעם נוסח; אונטער אַלע זײַנע רײַכבאַפּוצטע און פילקאָלירנדיקע געוואַנטער פילט זיך ניט זײַן אייגענער מהות, זײַן זעלבשטענדיקע אינדיווידואַליטעט. בלויז זײַן „משלי אסף" מאַכט צווישן זײַנע פילצאָליקע ווערק [2] אַ געוויסע אויסנאַמע. דאָס דאָזיקע ווערק איז ניט בלויז אַן אימיטאַציע פון דעם ביבלישן ספר „משלי", נאָר אַ זעלבשטענדיקע קונסט־שאַפונג, ביי וועלכער דער פאַרפאַסער האָט אויסגענוצט דעם קאַנאָניזירטן קלאַסישן גנאָמען־סטיל. מיר האָבן פאַר זיך ניט קיין פּשוטע נאָכמאַכונג, נאָר אַ קרובישן צוזאַמענקלאַנג, אַן איבערדיכטונג. אַ טיפער קענער פון דער תּלמודישער ליטעראַטור, האָט דער גייסטרייכער און שאַרפזיניקער סאַטאַנאָוו אײַנגעזאַפּט אין זיך די פאָלקספיקחות, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין דעם תּלמוד און מדרשים, און אויך אין דעם מויל פונם פאָלק, און דאָס מיט גרויס מייסטערשאַפט איבערגעגעבן אין די געטאָקטע און געמאָסטענע פאָרמען פון די ביבלישע גנאָמען און מוסר־השכּל.

---

1 זע פראַנץ דעליטש, ציט ווי. 115—116.

2 עס איז אויסער ספק, אַז אויסער סאַטאַנאָווס פאַרעפנטלעכטע ווערק זײַנען נאָך אייניקע זײַנע אַרבעטן געבליבן אין מאַנוסקריפּט. אויפן לעצטן בלאַט פון נחמן בּרבּשׂ „עין משפט" געפינען זיך אין דער רשימה פון די מאַנוסקריפּטן, וואָס דער דרוק „חנוך נערים" האָט בּדעה צו פאַרעפנטלעכן, פאָלגנדיקע ווערק פון „דאָקטאָר שענעמאַן": 1) ירושלים, ובו י"ב שערים נקובים בשמות כשמות שבטי יה, יהקור על הנפש וכוחותיה; 2) הר ציון, שו"ת מחקריות ומכתבים ומליצות. עס איז קלאָר אַז אונטער דעם דאָקטאָר שענעמאַן איז באַהאַלטן יצחק סאַטאַנאָוו.

אָבער אין דעם דריטן טייל פון דעם דאָזיקן ווערק, אין דעם „זמירות אסף״, וואָס איז געשריבן לויט דעם מוסטער פון די תהלים־געזאַנגען — פעלט דער דאָזיקער האַרמאָנישער צוזאַמענקלאַנג. דעם שכלדיק איבערגעשפּיצטן פּראָפעסער, דעם וויצלינג און אימיטאַטאָר, איז שווער אַריינצודרינגען אין דער רייכער עמאָציאָנעלער וועלט פון די תהלים־דיכטער, זייער רעליגיעזער פּאַטאָס און לירישע השתפכות הנפש איז אים פרעמד און ניט דערגרייכבאַר. אין די ביי די תהלים־זינגער אנטליִענע פאַרמען גיט ער איבער די סענטענצן און מסקנות פון די ראַציאָנאַליסטיש־געשטימטע דעןסטן אויס יענער צייט; ער דערציילט אין זיינע תהלים־געזאַנגען וועגן די דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער אַסטראָנאָמיע, וויזט אָן, אַז די זון שטייט אין דער מיט און אַרום איר באַוועגן זיך די פּלאַנעטן (אתה הצבת שמש ומאור בתוך וסביבותיו ארצות יחוגו וינועו על עבריו מסביב), [1] און געפינט אַפילו פּאָר פּאַסיק אַריינצושטעלן אין איינער פון זיינע „תהלה לאסף״ אַזאַ געשמאַקלאָזע ראַציאָנאַליסטישע פראַזע, ווי: „מדע אל מדע יביע אומר ותבונה אל רעותה תקרא להודיע שמך לדורשיך״ [2]. און עס קלינגט ממש ווי חוצפה, בעת אין דעם פּאַראָדיסגעשיקטן לויב־ליד, וואָס זאָל כלומרשט האָבן פאַרפאַסט ווידער אַן איטאַליענער, אַ געוויסער זרחיה ן׳ מסעוד, נאָר שטאַמט אין דער אמתן פון סאַטאַנאָוום פעדער — ווערט דער פאַר־פאַסער פון „זמירות אסף״ גענליכן צו דער זון, וואָס האָט מיט אירע ליכטיקע שטראַלן פאַרטריבן די פינסטערניש, וועלכע האָט געהערשט אויפן געביט פון מליצה און פּאָעטיק [3], און זיינע לידער ווערן גלייכגע־שטעלט צו די שירים פון דוד מלך ישראל [4]. בלויז אין זעלטענע פאַלן, בעת סאַטאַנאָוו נוצט אויס אין זיינע „זמירות״ מעטאַפאָרן און פאַרגלייכונגען אויס דער מיטלאַלטערלעכער מיסטיק, ווי צום ביישפּיל, אין דעם זעקס און דרייסיקטן קאַפּיטל, ווו עס ווערן באַוווּנדערט די געטלעכע געשריפטן, וואָס זיינען אויף אייביקע דורות אין דעם וועלטאַל

---

1 זמירות אסף, קאַפּ. 6.

2 דאָרטן, קאַפּ. 8, 17.

3 אָדַמֶּךָ לְצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָה לָאוֹר
כִּי חֹשֶׁךְ כִּסְּתָה מְלִיצָה וְצַחוֹת אֲפֵלָה
ד׳ דִּבֵּר וַיִּקְרָא יִצְחָק, וַיְהִי אוֹר.

4 יַעַן לְשִׁירֵי דָוִד דָּמוּ שִׁירֶיךָ
אֲשֶׁר מֵאָז וּמִקֶּדֶם נִבְּרוּם כָּאִישׁוֹן.

אייַנגעקריצט, — באַקומען זיך פּאָעטישע בילדער, וועלכע האָבן דורך דעם טרוקענעם ראַציאָנאַליסטישן אָטעם זייערע פאַרבן ניט פאַרלאָרן. סאַטאַ־נאָווס ראַציאָנאַליסטישע טענדענץ ווערט נאָך מער בולט אין דעם ברייטן „ביאור", וועלכן ער האָט געשריבן צו זיין „זמירות אסף", לויט דעם מוסטער פון די „ביאוריסטן" אויס זיין דור. אויף דעם זעלבן אופן פרוווט ער אויך צו ראַציאָנאַליזירן די יידישע קבלה און דעם קאָמ־פענדיום פון דער יידישער מיסטיק — דעם זוהר [1], צו וועלכן ער באַציט זיך פריינדלעך און שיצט אים אַפילו פאַר די אָנפאַלן פון יעקב עמדן [2].

סאַטאַנאָוו האָט אויך איבערגעדרוקט פרעמדע ווערק, אַלטע און נייע, ווי אַריסטוס „ספר מדות", דעם „כוזרי", עמנואל הרומיס „מחברות", אפרים לוצאַטוס „אלה בני הנעורים" א״אנ. דער לייכטזיניקער סאַטאַ־נאָוו האָט אָבער ניט געהאַט דאָס דערצו נייטיקע אחריות־געפיל פון אַן ערנסטן וויסנשאַפטלער; דער טעקסט איז אין זיינע אויסגאַבן איבערגעדרוקט זייער נאַכלעסיק, ניט זעלטן פאַרגרייזט און מיט בלויזן; און זיין באַדייטנדיק ייִנגערער בן־דור, מענדעלסאָן־האַמבורג, איז ניט אינ־גאַנצן אומגערעכט, בעת ער רופט אָן סאַטאַנאָוון אין זיין „פני תבל" (ד' 252) „חכם להרע ולהיטיב", און כאַראַקטעריזירט זיינע אויסגאַבן מיט פאָלגנדיקע בייזע ווערטער: „כל הספרים הישנים אשר הוציא מלאים שגיאות וטעיות וחסרות, וגורע ומוסיף מדליה ונתן בדברי המחבר את דבריו הכוזבים... ועליו נאמר: עושה מלאכת ד' ברמיה" [3].

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז בײַ סאַטאַנאָוון זיינען זיינע מיסטיפיקאַציעס געווען בלויז לֵצנות און קונדֵסישער שפּיל. ער האָט געהאַט גרויס נחת־רוח דערפון, וואָס ער נאַרט אָפּ דעם נאַיִוון לייענער און פירט אים בײַ דער נאָז. אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער טראָגן שוין אָבער די מיסטיפיקאַציעס און פאַרשטעלענישן בײַ סאַטאַנאָווס פריינד

---

1 זע זײַן „זוהר תנינא" און אויך דעם „ביאור" צום פינפטן קאַפּ. „זמירות אסף".

2 זע די שלוסבלעטער פון זײַן „הולך תמים". אין זײַן „אמרי בינה" שרײַבט סאַטאַנאָוו וועגן זוהר: זה ספר „הזוהר" גדול ורחב ידים, שם רמז ואין מספר לידיעות האלהיות, אשר על יסודי השׂכל האמיתי בנוים... אשר ידברו בס״ד אלוה בית־שאת ויתר עז ממה שדברה החקירה בו כנודע למי שהשקיף עליהם בהשכל ודעת פנימיות כוונתם על אמיתתם והדברים עתיקים (דאָרטן, דף י״ב, עמ' א').

3 אַלע עלטערע ווערק, וואָס ער (סאַטאַנאָוו) האָט פאַר־עפנטלעכט, זײַנען פול מיט גרײַזן און בלויזן, ער וואַרפט אַרויס און גיט צו זײַן אייגנס, אין די רייד פונעם פאַרפאַסער מישט ער אַרײַן זײַנע ליגנערישע רייד, און אויף אים זאָגט דער פּסוק: עושה מלאכת ד' ברמיה.

און מיטהעלפער, שאול בערלין. דא האנדלט זיך שוין ניט וועגן שפיל און קונדסישע שטיק, — מיר האבן דא צו טאן מיט א פארביסענעם, אבער שוואכמוטיקן קעמפער, וואס באנוצט זיך מיט פאלסיפיקאציעס ווי מיט א קאמף־מיטל, בכדי אנצופאלן אויפן קעגנער פון אונטער א פארבארגענעם ווינקל, ניט מיט א פריי־אויפגעדעקטן געזיכט, נאר פאר־שטעלטערהייט, אונטער פארשיידענע מאסקעס און מיט א באהאלטענעם און פארגיפטעטן געווער.

שאול בערלין איז געווען דעם בערלינער אב״ד, צבי הירש לעווינס, א זון. רייך באגאבט פון דער נאטור, האט שאול בערלין צו 18 יאר באקומען סמיכה אויף רבנות, און אין א צייט ארום איז ער געווארן רב אין פראנקפורט ד׳אדער. אין בערלין און אין ברעסלוי, וווּ עס האט געוווינט זיין שווער, האט דער יונגער תלמודיסט זיך באקענט מיט די ארטיקע „משכילים" און איז באלד „נתפקר" געווארן. פארבארגענער־הייט איז ער געווען איינץ דעה מיט די „אויפקלערער" און, ווי וואלפסאן און זיינע מיטהעלפער, אזוי איז אויך בערלין געווען איבערציינט, אז די רבנים האבן עס דער עיקר גורם געווען, וואס דאס יידישע פאלק איז געבליבן אזוי פארווילדעט און אפגעשטאנען. א פארביסענער שונא פון די רבנים, האט ער אבער ניט געהאט דעם מוט אפן ארויסצוטרעטן קעגן זיי. ווי אריה די מודינה בשעתו, אזוי פרווט אויך בערלין, זיצנ־דיק אליין אויפן רבנות־שטול, אונטערגראבן פארבארגענערהייט די יסודות פון דעם אים פארהאסטן ·לאגער. ער, דער כאראקטערלאזער און וואקל־מוטיקער, גלויבט, אז אין א אידעישן קאמף קאן מען לייכטער בייקומען דעם שונא ניט אין אפענעם קאמף, נאר דורך באהאלטענע אונטערוועגן און פארמאסקירטע אנפאלן...

זיין ערשטער ארויסטריט איז פארבונדן מיטן קאמף, וואס ס׳האט אויסגעבראכן מצד די ארטאדאקסישע רבנים נאכדעם ווי ס׳איז דערשינען וויזעלס אויפרוף „דברי שלום ואמת"[1]. שאול בערלין שרייבט א בייסנדיקן פאמפלעט „כתב יושר" (1784)[2], ער האט אבער ניט דעם מוט אים צו פארעפנטלעכן[3], — ער צירקולירט בלויז אין האנטשריפטן,

---

1 זע אייבן קאפ׳ 3.

2 דער פולער שער־בלאט: ספר כתב יושר. להגיד לאדם ישרו, איש איש לפי אשורו, אלה מפה בחרות אבם בקצף ותליוה על ספר דברי שלום ואמת אמונה, בתחלת השקפה על הכונה הראשונה, וחכם באחור ישבחנה, לבאר דבריו ע״ד החכמה הצפונה, ואז גם הם יתנו עידיהם ויצדיקוהו באחרונה.

3 איניקע ביבליאגראפן ווייזן על־פי־טעות אן, אז בערלינס פאמפלעט איז געדרוקט געווען אין 1784. בן־יעקב פארזיכערט אפילו, אז דער „כתב יושר" איז

און ערשט נאָך זיין טויט האָבן אים זיינע בערלינער פריינד אָפּגעדרוקט (1794), אָבער אַלץ אָן דעם פאַרפאַסערס נאָמען.

די שפּראַך פונם „כתב יושר" איז ערטערווייז צו מליצהדיק, לויט דעם ביי די בעלי „המאספים" אָנגענומענעם נוסח, דאָך פילט זיך אין דעם דאָזיקן פּאַמפלעט אַן אויסגעשפּראָכענע ליטעראַרישע באַגאַבונג. עס איז פּאַקטיש די ערשטע סאַטירע אין דער ניי־העברעיִשער ליטעראַטור. די פאַרבן זיינען, אמת, צו געדיכט, עס פילט זיך די בייזוויליקע פיינד־לעכע האַנט פון אַ קאַריקאַטוריסט, — מען קען אָבער ניט לייקענען, אַז די דאָזיקע האַנט איז אַ געניטע און אַ פעיִקע. דער פאַרפאַסער מאַכט זיך כלומרשט פאַר אַ תּם. ער האָט געהערט זאָגן, אַז עפּעס איינער פון די אויפגעקלערטע, נפתלי וויזל, האָט אָנגעשריבן אַ „גאָטלאָז־אפּיקורסישן ספר", ער האָט אָבער ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך מיט דעם דאָזיקן ספר צו באַקענען, — האָט ער זיך דערפאַר געווענדעט מכוח דעם צו אַ מלמד אויס פּוילן, וואָס האָט דאָ אַ קנעלונג און לערנט תורה מיט יידישע קינדער; דערנאָך האָט ער געהאַט אַ שמועס מיט אַ „גדול בישראל", אַ רב און אַב"ד, ער פּרוווט אויך ביי אים זיך דערוויסן, מיט וואָס האָט עס זיך אַזוי פאַרזינדיקט דער מחבר פון „דברי שלום ואמת". דער פאַרפאַסער באַנוגנט זיך ניט דערמיט, וואָס ער שטעלט אַרויס די דאָזיקע „כּורדי אור" און קעגנער פון וועלכע־ס'איז רעפאָרמען אַלס אומוויסנדיקע, פאַרווילדעטע און אומגעלומפּערטע נאַרישע בטלנים. ער לאַכט אויך אָגב אורחא אָפּ פון דעם גאַנצן טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער מיט זיין אומבאַהאָלפענער אַלטפרענקישקייט און זיין אָפּגע־לעבטן וועלט־באַנעם. בעת ער קריטיקירט שאַרף דעם אַלטן סדר הלימוד אין די יידישע חדרים, פליסט זיך אויך דער פאַרפאַסער אויפצודעקן פאַרן לייענער, ווי ווייט ס'איז שעדלעך פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דעם יונגן דור דער רבנישער פּלפּול מיט זיין אָפּגעריסנקייט פון די רעאַלע לעבנס־פאָדערונגען. אויך אין די מקובלים שלייִדערט דער פאַר־

דערפינען גלייכצייטיק אי אין פראַנקפורט אי אין לעמבערג. לאַנדסהוט האָט אָבער דערוויזן (תּולדות „אנשי שם", 105), אַז די דאַטע „וכתוב ישר" חייזם בלויז אָן דעם יאָר, ווען דער פּאַמפלעט איז פאַרפאַסט געוואָרן. פאַרעפנטלעכט האָט מען אים אָבער ערשט נאָכן פאַרפאַסערס טויט. דערויף ווייזט אויך אָן גאַנץ באַשטימט דער רעצענזענט אינם „המאסף" (באַנד VII, 271): מחבר הספר הזה נעלם מעיני הקורא כי לא הודיע את שמו בשער ספר, אך המבקר ידע אותו כי הוא גדול מגדולי הדור והוא היה רב וגאון ואב"ד וחכם גדול. הוא חבר הספר הזה בעת המחלוקות ולא נתנו להביא לדפוס כל ימי חייו כי ירא לנפשו פן בחרם יצאו לקראתו כאשר עשו לו כבר בספר אחר אשר חבר למען אהבת האמת... אך עתה כי גוע הצדיק ונאסף אל עמיו בעיר לונדון הבירה וגדול הכבוד אשר עשו לו במותו יותר מבחייו...

באַסער זיינע סאַטירישע פּײַלן, מאַכט חוזק פון די קבלה־ספרים מיט זייערע סודות און „רָזין דרָזין״; און דאָס אַלץ פאַרשטעלטערהייט, מיט אַ פֿמעוואַטן פּנים פון אַ „שאינו יודע לשאול״. בלויז אין די שלוס־שורות וואַרפט דער פאַרפאַסער אַראָפּ די מאַסקע, באַגריסט וויזלען אין הויכע מליצהדיקע פראַזן און לויבט שטאַרק זיין מוטיק אַרויסטרעטן אין נאָמען פון אמת און בילדונג 1.

דער דאָזיקער פּאַמפלעט האָט אָבער ניט אויף לאַנג געשטילט די קאַמפּלוסט ביי דעם אַפּיקורסישן רב. ער האָט פאַרטראַכט אַ נייעם אויפטו, וואָס האָט געזאָלט אין דעם פיינדלעכן לאַגער מאַכן דעם געוואַלדיקן רושם פון אַ פּלוצלינג עקספּלאָדירטער באָמבע. איינער פון די באַדייטנדיקסטע רבנים פון יענער צייט איז געווען דער רב הכולל פון די דריי קהילות אַלטאָנע — האַמבורג — וואַנדסבּיק, רפאל כּהן. ער האָט זיך קונה־שם געווען אין דער רבנישער וועלט ניט בלויז מיט זיין ריטועלן חיבור „תורת יקותיאל״ (בערלין, 1772), נאָר אויך מיט זיינע מדות טובות און אידעלן כאַראַקטער. אים זיינען געווען פרעמד זייטיקע פּניות, ער האָט ניט געוווסט פון נשיאות פּנים, און אין אַלע זיינע האַנדלונגען האָט ער באַצוועקט רק אמת און גערעכטיקייט. ער איז אָבער געווען אַן איבער־צייגטער אָרטאָדאָקס, ניט געוואָלט זיך רעכענען מיט די פאָדערונגען פון דער נייער צייט, און ווען עס איז דערשינען מענדעלסאָנס תורה־איבער־זעצונג, איז ער געווען, ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן (זע אויבן זייט 59), איינער פון אירע אַנטשיידנסטע קעגנער. אַדאַנק זיין גרויסן מאָראַלישן אויטאָריטעט איז דער דאָזיקער אָרטאָדאָקסישער רב, וואָס האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיין שום קאָמפּראָמיסן, געווען אַ זייער געפערלעכער קעגנער. דערפאַר איז ער געווען באַזונדערס געהאַסט פון די „אויפקלערער״. שאול בערלין, וואָס האָט אין שווער־וואָגיקע סטראָפן באַזונגען מענדעלסאָנס חומש־אויסגאַבע 1 און זיין תהלים־איבערזעצונג, האָט דערפאַר דעם דאָזיקן עקשנותדיקן קעגנער אויסגענוצט אַלס ציל־ברעט פאַר זיינע פּאָלעמישע אָנפאַלן.

אונטער אַן אויסגעטראַכטן נאָמען — עובדיה בן ברוך איש פּולניא — שרייבט ער אַ שאַרפן פּאַמפלעט „מצפה יקותיאל״ קעגן רפאל כהנס „תורת יקותיאל״, וואָס איז אַזוי שטאַרק אָנגענומען געווען אין די רבנישע קרייזן. מיט אַ פאַרביסענעם סאַרקאַזם קריטיקירט בערלין דעם

---

1 גרעסערע אויסצוגן פונם „כתב יושר״ זע ביילאַגן, נומ׳ 5.

2 כי זה מפה האיש לכבוד ישראל הן כמצנפת על כהן צנופה.,
הוי כל צמא בואו—דרשו ספרו וקראו—טעמו וראו—נפת נטופה.

רב הכולל און גדול בישראל און שטרייכט באזונדערס אונטער, אז עס האנדלט זיך דא אייגנטלעך ניט וועגן איין „תורת יקותיאל״, — דער דאזיקער חיבור קאן בלויז דינען אלס קלארער באווייז, ווי לעכערלעך און אפגעריסן ס'איז פונם לעבן דער פלפול מיט אלע זיינע איבערגעשפיצטע איינפאלן און פּשטלעך. דער פארפאסער זשאלעוועט ניט קיין צוגעשפיצטע פײַלן, בכדי צו איבערצייגן דעם לייענער, אז דאס ווערק, וואס ס'האט ארויסגערופן אין דער רבנישער וועלט אזוי פיל התפעלות מיט זיין חריפות און גרויס בקיאות, איז א נישטיק שמיר־ווערק און ס'איז „אן עבירה דאס פאפיר, וואס דער בעל „תורת יקותיאל״ האט געפּטרט מיט זיינע נארישע בויך־סברות״. בערלינען איז אבער דאס אלץ נאך געווען ווייניק. ער האט, ווי עס שיינט, געהאט פערזענלעכע חשבונות מיטן בעל „תורת יקותיאל״. א מענטש, וואס איז געשטאנען על פרשת דרכים, וואס האט שוין אנגעווארן דעם גלויבן אין דער אלטער וועלט מיט אירע אמתן, און די נייע וועלט איז נאך פאר אים פארבליבן די פרעמדע וועלט; כאראקטערלאז און אן פעסטן מאראלישן באדן, — איז דער אפיקורסישער רב, שאול בערלין, ניט אימשטאנד געווען צו בלייבן אין זיין פאלעמיק אויף דער פרינציפּיעלער הייך פון ריין געזעלשאפטלעכע פראבלעמען און תביעות. די שטראפנדיקע בייטש פון סאטירע טוט ער דערפאר פארביטן אויף דעם שמוציקן פענזל פון א פאסקווילאנט. דער מאראליש־ריינער און רעכטהאפטיקער רפאל כהן ווערט באשולדיקט אין די שענדלעכסטע עבירות: ער איז אן אוהב שוחד און אוים פערזענלעכע חשבונות טוט דער דאזיקער גדול בישראל און אב״ד מתיר מאכן אזא הארבן איסור ווי „לקיחת שוחד״ און ווייזט ארויס „עזות גדולה וקלות ראש באסורי נבלה״. מיט פארגלאצטע אויגן און מיט א פארפרומטן פנים רופט אוים דער פאמפלעטיסט: „איך שווער ביי גאט, אז ער (דער בעל „תורת יקותיאל״) איז ווערט, די חכמי הדור זאלן אויפדעקן זיין גאנצע שאנד פאר די אלע מעשים, וואס ער האט דא אפגעטאן. אויף דריי עבירות האט ער עובר געווען: ער טוט די אויגן פארבלענדן, ער באגנבעט אנדערע מחברים און צירט זיך אוים אין פרעמדע קליידער, און איז מיט זיינע פסקים א מאכיל טרפות״. און אין אזא סטיל איז געשריבן דער גאנצער „מצפה יקותיאל״.

פארעפנטלעכן און פארשפרייטן דעם דאזיקן פאמפלעט האבן מיטגעהאלפן בערלינס צוויי פריינד: דוד פרידלענדער און איציק סאטאנאוו. יעדער פון זיי האט דא געהאנדלט אוים באזונדערע טעמים: דוד פרידלענדער — אלס פארביסענער שונא פון די ארטאדאקסישע רבנים, דער לייכטזיניקער סאטאנאוו — אוים ליבע צו מיסטיפיקאציע, צו שפּילן

מיטן לייענער אין באהעלטעניש און נאַרן אים מיט מאַסקאַראַדן. אַט די צוויי מיטהעלפער האָבן אָפּגעדרוקט דעם „מצפה יקותיאל״ (אין 1789) אין דער דרוקעריי פון „חנוך נערים״, וווּ סאַטאַנאָוו האָט דעמאָלט געאַרבעט. די אַרויסגעבער זאָגן עדות אין אַ ספּעציעלער הקדמה אויף דעם בלומרשט אומבאַקאַנטן מחבר, אַז זיי קענען אים אַלס „אוהב חכמה״ און „מודע לבינה״. ווי נאָר דאָס ווערק איז פון דרוק אַרויס, האָבן די אַרויסגעבער גלייך צעשיקט עקזעמפּלאַרן פיל אָנגעזעענע רבנים, צווישן זיי אויך, כדי אָפּצוּווענדן דעם מינדסטן חשד, דעם פראַנקפורטער רב, שאול בערלין, און זיין פאָטער, דעם בערלינער רב; דערצו אויך דעם ווילנער גאון און דעם „בעל הריב״ גופא, דעם רב הכולל רפאל הכהן. דאָס טוען זיי בלומרשט אויס ליבע צום אמת: זיי ווילן, אַז די גדולי הדור זאָלן פּסקנען, ווער פון די צוויי רבנים איז גערעכט: צי דער בעל „תורת יקותיאל״, צי זיין בר פלוגתא מיט זיין שאַרפער קריטיק.

דער פּאַמפלעט האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רעש אין דער רבנישער וועלט. אַ באַזונדערס גרויסן רושם האָט ער געמאַכט אין האַמבורג. די קהילה איז געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט אויף דעם אומבאַקאַנטן פּאַמפלעטיסט, וואָס האָט געהאַט די העזה מבזה צו זיין אין אַזאַ חוצפּהדיקן מאָן זייער פון אַלעמען הויך־געאַכטן רב הכולל. דער בית־דין צדק פון די דריי שכנותדיקע קהילות האָבן גלייך אַרויסגעטראָגן דעם פּסק, אַז מען זאָל דעם פּאַסקווילאַנט אַריינלייגן אין חרם, דערקלערן וועגן דעם אין דער גרויכער שול „אחר קריאת התורה״ און זיין חיבור פאַרברענען און פאַרניכטן מיט „בזיון גדול״ [1]. אויך אין בערלין האָט מען דעם „מצפה יקותיאל״ פאַרברענט אויפן אַלטן שול־הויף, און פיל רבנים זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן זיין פאַרפאַסער, ניט אָנרופנדיק אים אָבן ביים נאָמען, נאָר פיל האָבן געוווּסט, ווער ס׳איז באַהאַלטן אונטער דער מאַסקע פון עובדיה בן ברוך איש פולניא. אַנדערע ווידער האָבן דעבאַטירט די פראַגע, צי קען מען זיך באַנוצן מיטן געווער פון חרם, ווען עס זיינען דאָ אַריינגעמישט ריין פּערזענלעכע מאָטיוון [2]. דער בעל דבר אַליין, שאול בערלין, האָט זיך אויך אַריינגעמישט אין מחלוקת; ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלע שו״ת [3], אין וועלכער ער שפּילט בלומרשט דעם זייטיקן בורר, און זאָגט אַרויס

---

1 זע בערנפעלד, דור תהפוכות, II, 72.

2 צלע פּרטים וועגן דעם דאָזיקן וויכוח מיט די דערצו געהעריקע דאָקומענטן זיינען פאַרעפנטלעכט דורך לאַנדסהוט אין „תולדות אנשי שם״, 87—99.

3 די בראָשור האָבן מיר ניט געזען, מיר ווייסן וועגן איר בלויז לויט די ציטאַטן, וואָס בערנפעלד ברענגט אין זיין צ״ס. ח., II, 72—73.

אַלס רב בישראל זיין מיינונג, אַז די רבנים פון האַמבורג און אַלטאָנאַ האָבן ניט געהאַט דאָס רעכט אַריינצוּוואַרפן אין חרם דעם בעל „מצפה יקותיאל", עובדיה בן ברוך. אויך אין „המאסף" [1] האָט ער פאַרעפנטלעכט דעם ענטפער, וואָס ער האָט באַקומען אויף זיין אָנפראַגע וועגן דעם זעלבן ענין פון דעם פּראָגער רב יחזקאל לאַנדוי. עס איז אויך אויסער ספק, אַז בערלין איז דער פאַרפאַסער פון דעם אין „המאסף" פאַרעפנטלעכטן [2] „וויכוח שני רעים זרח ופרץ" — אַ שמועס צווישן צוויי חברים וועגן דער מחלוקת, וואָס דער „מצפה יקותיאל" האָט אַרויסגערופן; און אויך דאָרטן ווערט אָנגעוויזן, אַז די האַמבורגער רבנים האָבן ניט געהאַט קיין שום רעכט אַריינצוּוואַרפן אין חרם דעם פאַרפאַסער פון „מצפה יקותיאל" [3]. עס איז אויך העכסט וואַרשיינלעך, אַז בערלין איז אויך דער פאַרפאַסער פון דער אין „המאסף" געדרוקטער [4] זייער שאַרפער קריטיק קעגן רפאל כהנס צווייט ווערק — דעם מוסר־ספר „מרפא לשון". דערויף זאָגט עדות ניט בלויז דער זייער שאַרפער און קריגעריש־פיינדלעכער טאָן, אין וועלכן ס'איז געשריבן דער דאָזיקער לאַנגער אַרטיקל, נאָר אויך דער פאַקט, וואָס דער רעצענזענט דערמאָנט יעדעס מאָל דעם אינצידענט מיט „מצפה יקותיאל". ער קאָן ניט מוחל זיין דעם האַמבורגער רב הכולל, וואָס יענער האָט ניט געוואָלט מודה זיין, אַז דער גאון בעל „מצפה יקותיאל" איז גערעכט און האָט אים נאָך „מיט גרויס צאָרן גערודפט". יעדעס מאָל דערמאָנט דער רעצענזענט די מעשה מיטן חרם און קאָן ניט פאַרגעסן אין דעם „אשר עשה המוכיח הזה לאיש ריבו איש צדיק וישר, איש מפורסם וגדול ממנו בתורה ובחכמה וביראת ד' אשר קנא קנאת ד' צבאות והודיע שגגות וזדונות המחבר הזה אשר שגה בספרו הקודם אשר נקרא בשם „תורת יקותיאל" וכבר הודה כל איש תורני לדברי המקנא ויאמר כי האמת אתו" [5].

דער דאָזיקער „איש צדיק וישר אשר קנא קנאת ד' צבאות" האָט זיך אָבער נאָך אַלץ ניט געוואָלט באַרויקן, און נאָך בשעת דער מחלוקת וועגן זיין „מצפה יקותיאל" האָט שאול בערלין שוין פאַרטראַכט אַ נייעם סקאַנדאַל פון אַ פיל גרעסערן פאַרנעם. שוין אין דעם אויבנדערמאָנטן

---

1 המאסף, תק"ן, 222—223.

2 דאָרטן, תקמ"ט, 261—273.

3 סוף־כל־סוף האָט בערלין גופא מידה געווען, אַז ער איז טאַקע דער פאַרפאַסער פונם פאַמפלעט.

4 המאסף, תק"ן, 262—300, וועגן דעם דאָזיקן אַרטיקל זע אויבן ז"ז 125, 126.

5 דאָרטן, 379.

בריוו, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אינם „המאסף", דערמאָנט ער אגב אורחא, אַז עס געפינט זיך ביי אים אין כתב יד אַ „ספר נפלא, קובץ תשובות ראשונים ז״ל ורובן להרא״ש ז״ל", וואָס ער האָט בדעה צו פאַר־עפנטלעכן מיט זיינע אייגענע הגהות, וועלכע טראָגן דעם נאָמען „כסא דהרסנא" 1. דאָס דאָזיקע ווערק איז טאַקע אין דריי יאָר אַרום דער־שינען (1793) אין דער זעלבער „חנוך נערים"־דרוקעריי אונטערן נאָמען „שו״ת בשמים ראש". אויפן שער־בלאַט ווערט אָנגעוויזן, אַז געזאַמלט האָט די שו״ת אַ בן־דור פונם בעל „בית יוסף", איינער מיטן נאָמען מוהר״ר יצחק די מולינא ז״ל. אין דער קורצער הקדמה דערציילט דער דאָזיקער זאַמלער די מולינא, אַז נאָכדעם ווי מען האָט אים פון זיין היים פאַרטריבן, האָט ער זיך דערלאַנגט קיין אַלכסנדריה, און דאָרטן האָט ער אין אַ ביבליאָטעק פון אַ רייכן מעצענאַט געפונען אַ דיקן באַנד — דעם ראַ״שס שו״ת. נאָכדעם ווי ער האָט זיך גרינדלעך באַקאַנט מיט דער דאָזיקער זאַמלונג, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז עס זיינען דאָרט פאַראַן אַ סך תשובות, וועלכע טראָגן דעם ראַ״שס נאָמען און אויך אַ טייל אָן זיין חתימה, וואָס זיינען ביז איצט געבליבן אינגאַנצן אומבאַקאַנט. מיט דער דערלויבעניש פונם מעצענאַט האָט ער, די מולינא, די דאָזיקע שו״ת אָפּקאָפּירט אין אַ באַזונדער זאַמלונג, מיט דער דעה זיי דערנאָך צו פאַרעפנטלעכן אין ווענעדיק. דער בעל ההגהות, ד״ה, שאול בערלין, ווייזט פון זיין זייט אָן, אַז ער האָט דעם מאַנוסקריפּט, וואָס איז געשריבן אין ספרדישן כתב, געזען ביי אַ טערקישן יידן חיים ב״ר יונה דאבי אין דער שטאָט קאָזאָל (פּיעמאָנטער געגנט), און יענער האָט אים דערלויבט אָפּשצורייבן דעם כתב־יד, נאָר בתנאי, אַז ער, בערלין, האָט ניט דאָס רעכט דעם מאַנוסקריפּט צו פאַרעפנטלעכן אין משך פון זיבן יאָר. דער דאָזיקער טערמין איז שוין לאַנג פאַרביי, דערפאַר האָט ער איצט באַשלאָסן אָפּצודרוקן די דאָזיקע זאַמלונג, וואָס איז בלי ספק אַן אמתער אוצר פאַר דער רבנישער ליטעראַטור, און ער וויל האָפן, אַז אפילו זיינע קעגנער וועלן אים איצט אויסשטרעקן די האַנט פון שלום אַלס דאַנק פאַר זיין טייערער מתנה.

ניט שלום און דאַנק האָבן אָבער געוואַרט אויף שאול בערלין פאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע. באַלד נאָכדעם, ווי דער „בשמים ראש" איז דערשינען, איז פון פיל אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער חשד, אַז די אין „בשמים ראש" געזאַמלטע שו״ת שטאַמען ניט פונם ראַ״ש, און דער

1 המאסף, 1790, 223.

זאמלער יצחק די מולינא איז לא היה ולא נברא [1] — דאס אלץ איז לויטער פאלסיפיקאציע מצד דעם ארויסגעבער שאול בערלין. שוין אין איניקע חדשים ארום איז ארויסגעטראטן וואלף לאנדסבערג מיט א קונטרס „זאב יטרוף", וווּ ער זאגט ארויס זיין פעסטע איבערצייגונג, אז דער „בשמים ראש" איז א פאלסיפיקאציע. דער באוווסטער ניקלסבורגער רב מרדכי בענעט האט אויך אנגעוויזן אין א בריוו צו שאול בערלינס פאטער, דעם אלטן צבי הירש, אז די שו"ת פון „בשמים ראש" שטאמען ניט פונם רא"ש. „זיי זיינען פונם קאפ ביז די פיס לויטער ווונדן און שווערע געשווירן פון זינדיקע נידערטרעכטיקע מענטשן" [2]. אז דער „בשמים ראש" איז א פאלסיפיקאציע — אין דעם איז שוין מער ניט מסופק קיין איינציקער קולטור־פארשער. דער דאזיקער פאקט איז אפילו שריפטלעך באשטעטיקט דורך שאול בערלינס פריינד און מיטהעלפער — דורך דוד פרידלענדער [3]. און עס גענוגט בלויז מיט א געוויסער אויפמערקזאמקייט דורכצובלעטערן דעם „בשמים ראש", כדי עס זאל גאנץ קלאר ווערן, וואס אייגנטלעך דער פעלשער איז אויסן געווען מיט זיין אפאקריפישן ווערק. אין דעם „מצפה יקותיאל" שפילט בערלין דעם שטארק־פרומען און באשולדיקט דעם רב הכולל פון האמבורג, אז יענער איז א „מאכיל טרפות"; אין דעם „בשמים ראש" אבער טרעט בערלין

---

1 מיר זאגן ארויס די השערה, אז יצחק די מולינא איז ניט אינגאנצן קיין אויסגעטראכטע פערזאן; דאס איז בלויז די מאסקע פון אן אנדערן יצחק, אבער ניט די מולינא, נאר—די סאטאנאב און עס איז אפשר ניט קיין צופאל, וואס מולינא מאכט בגימטריא דאס אייגענע האס די סאטאנאב (127). סאטאנאוו האט בלי ספק מיסגעהאלפן שאול בערלין ביים פאבריצירן דעם „בשמים ראש", און ניט אומזיסט איז ער ארויסגעטראטן מיט א פארטיידיקונגס־שריפט „הגלוי והחתום", ווו ער פרווט דערווייזן, אז די שו"ת אין „בשמים ראש" זיינען ניט קיין געפעלשטע (זע צייטלין, ציט. וו, 334. די דאטע איז אבער דארט, ווי עס שיינט, ניט ריכטיק אנגעגעבן: עס דארף שטיין 1794, ניט 1784).

2 ליטעראטורבלאט ד. אריענטס, 1844, 55: ס ף דבר: ראיתי והנה הראש כלו תהו ובהו, ובמעט התבונות במליצת מריצת הגיונו ניכר כי לא בא עד הרא"ש, ואולם מכף רגל ועד ראש אין בו מתום, פצעי אויב וחבורות רֶשע מאת אנשים פועלי און!

3 אויף דעם עקזעמפלאר „כתב יושר", וואס איז אויפגעהיט אין פרידלענדערס ביבליאטעק, געפינט זיך פרידלענדערס אייגנהענטיקע אויפשריפט: „דיא זאטירישע שריפט איזט פאן הרב מו"ה שאול ז"ל בן הרב אב"ד מו"ה צבי הירש מבערלין בייא געלעגענהייט דער פערפאלגונג פאן ר' הירץ וויזל בשריבן. ער איזט אויך פערפאסר פאם „בשמים־ראש", דש ער פיר איין ווערק פאן איינעם אלטען גאון הערויסגעגעבען". פון צלע קולטור־פארשער האט בלויז איין יאסט געפרווט דערווייזן, אז דער „בשמים ראש" שטאמט טאקע אויס דעם מיטלאלטער (זע געשיכטע ד. יודענטומס א. זיינע כעקטען, III, 390—400).

אַרויס אַלס ראַציאָנאַליסטישער רעפאָרמפּרעדיקער אויס דוד פרידלענ־דערס חדר.

דער ראַ״ש, וואָס איז, ווי מיר ווייסן [1], געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער פון וועלטלעכן וויסן, דער דאָזיקער מיטקעמפער פונם קריגערישן קנאַי אבא מארי — ווערט אין די „שו״ת בשמים ראש״ מיט אַמאָל מגולגל אין אַן „אויפקלערער״ אויס דעם סוף 18טן י״ה. גאַנץ אינב גייסט פון די בערלינער משכילים דערלויבט דאָרט דער ראַ״ש גאָלן די באָרד (שו״ת נומ׳ 18), פאָרן אום שבת (נומ׳ 375) און איז אויך מתיר „יין נסך״ (נומ׳ 36). דער ראש געפינט אויך פאַר נייטיק צו וואָרענען, מען זאָל ניט זיין אַ צו שטאַרקער מחמיר אין קיום המצוות, בכדי ניט געגליכן צו ווערן צו קיין „חסיד שוטה״ (נומ׳ 115, 118). ער זאָגט אויך אַרויס צייטנווייז אַזוינע געדאַנקען, וואָס דערמאָנען ניט ווילנדיק דעם אידעען־גאַנג פון פרידלענדער און נאָך אַזוינע ווי ער. דער שטאַרק אָרטאָדאָק־סישער אשכנזישער רב, וואָס האָט מיט שטאָלץ דערקלערט די ספרדישע יידן: אייערע וועלטלעכע חכמות זיינען מיר ניט באַקאַנט, און איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס ער האָט מיך פון זיי אויסגעהיט, וואָרעם זיי קענען דאָך, חלילה, אָראָפּפירן אַ מענטשן פון יראת שמים און פון דער הייליקער תורה״ [2], — טרעט אין „בשמים ראש״ אַרויס אַלס הונדערט־פּראָצענטיקער ראַציאָנאַליסט. „וויל מען גרינדלעך פאַרשטיין די יסודות פונם יידישן דת — לייענען מיר אין „שו״ת בשמים ראש״ נומ׳ 251 — מוז מען דערצו שטודירן די גריכישע פילאָזאָפיע, ווייל ס׳איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז ווער ס׳איז ניט גוט בקי אין דער גריכישער חקירה־ליטעראַטור, דער איז בכלל ניט אימשטאַנד זיך צו באַשעפטיקן מיט די דאָזיקע פראַגן, וואָס זיינען דער עיקר פון דער תורה און דער אמונה. אַלע זיינען דערמיט מסכים, אַז בכדי משיג צו זיין די גרונד־יסודות פון אונזער תורה און אירע מצוות, קאָן מען זיך ניט באַנוגענען בלויז מיטן פשט פון דעם ביבלישן טעקסט און אויך ניט מיט די פירושים פון אונזערע חכמים, נאָר מען מוז אויך דערצו פלייסיק שטודירן די פילאָזאָפישע ספרים פון די אומות העולם״ [3]. „די עיקרי הדת, לייענען מיר ווייטער, דאַרפן זיין צוגע־

---

1 זע אונזער ווערק, ב׳ III, 109 א. 11.

2 דאָרטן, 110.

3 „בשמים ראש״, דף 76, עמ׳ א: כי דבר ידוע... כי לא יוכל ללמוד דעת בענינים האלה כי אם מי שממלא כריסו מספרי היונים והעמיק העיון בחבוריהם, ואף כי הדברים האלה ראשית התורה ועיקר הדת, עם כל זה דבר מוסכם הוא אצל כולם, כי לא יעמוד האדם על עיקר התורה והמצוות מן השכל אשר יקנה מפשוטי הכתובים ומדברי רבותינו ז״ל כי אם השכל אשר לומד והורגל בספרי החוקרים מן האומות.

באַסט צו די פאָדערונגען פון דער צייט. מיר דאַרפן בייַ איצטיקע צייטן אַנווענדן אונזער גאַנץ טראַכטן רק צוליבן שלום און אמת, און צו באַפּעדערן ידיעת הבורא און זיינע מעשים, נישט דער מענטש איז צוליב דעם געזעץ באַשאַפן, נאָר דאָס געזעץ פאַרן מענטשן, און ווען, אַ שטייגער, — באַלערט אונז דער „בשמים ראש", — מיר קאָנען זיך דענקען, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען די תורה און אירע מצוות וועלן זיין אומבאַדינגט שעדלעך פאַר אונזער אומה און פאַר איר קיום, אָדער אַז זיי זיינען שוין מער בשום אופן נישט אימשטאַנד גליק צו ברענגען — דאַרף מען דאַן אָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון דער תורה" 1.

אַזעלכע געדאַנקען, וואָס עס האָבן זיך ניט דערלויבט אַרויסצו־זאָגן אַפילו די אַריסטאָטעליקער־ראַציאָנאַליסטן מיימוני און דער רלב"ג, ווערן אַריינגעלייגט אין מויל פון דעם „קנאַיש־פרומען אַשכּנזישן רב, ר' אשר ב"ר יחיאל... דער סקאַנדאַל איז געווען געוואַלדיק גרויס. די גאַנצע רבנישע וועלט איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פעלשער. זיין אייגענע קהילה האָט זיך מיט פאַרדרוס פון אים אָפּגעווענדעט; בערלין האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם רבנות־פּאָסטן און עמיגרירן פון דייטשלאַנד. פיזיש און גייסטיק געבראָכן, האָט ער זיך געלאָזט קיין לאָנדאָן, וווּ ער איז באַלד (אין האַרבסט 1794) געשטאָרבן איינזאַם און פאַרלאָזן אויפן 54טן יאָר פון זיין לעבן. מאיר יאָזעף, דער איינציקער, וואָס פלעגט אין לאָנדאָן באַזוכן דעם פאַראיינזאַמטן בערלין, האָט געפונען אין די קליידער פונם פאַרשטאָרבענעם אַ צוואה, געשריבן ניט לאַנג פאַרן טויט. די צוואה איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן זאָנדער־באַרן, אין די לעבנסוועגן פאַרפּלאָנטערטן מענטשן. ער בעט, מען זאָל אים מקבר זיין אין די מלבושים, אין וועלכע מען וועט אים געפינען נאָכן טויט, ערגעץ אין אַ וואַלד אָדער אין אַן אַנדער אָרט, נאָר ווייט פון דעם יידישן בית הקברות 2.

---

1 בשמים ראש, דף 77, כמ' א': עת לעשות לד' הפרו תורתך, ואם ח"ו (חס ושלום) היה אפשר להצטייר כי יגיע זמן שמשפטי התורה ומצוותיה יביאו רעה על אומתנו על כללות האומה במוחלט, או אפילו רק יהיה מקום להצטייר כי לא יגיע מהם אושר בשום אופן—ופרקנו עולה מעל צוארנו.

2 שום מלבוש שאני לבוש בו לא ישלחו ממני, כי כמו שימצאוני ישאוני ויקברוני באחת היערות, או במקום אשר ימצא להם רק הרחק מקברי בני העם. די צוואה איז פאַרעפנטלעכט אין ליטעראַטורבלאַט ד. אָריענטס, 1844, 712—713, איבער־געדרוקט בײַ כרמולי אין „העורבים ובני יונה", 40—41.

אכטער קאַפּיטל

װײזעלס ביבלישער העלדן-עפּאָס „שירי תפאֶרת". — „מעסיאַדע" און „מאָזאַידע". — פראַנקאָ מענדעס און זײן „גמול עתליה". — יוסף טראַפּלאָװיץ און זײן דראַמע „מלוכת שאול". — „עכטע" און „פאַלשע" אױפקלערונג. — פּאַמפלעטן און שטרײַטשריפטן קעגן די „אױבגעקלערטע". — דער אַנאָנימער „עולם חדש" און נחמן באַראַש „עין משפט". — דער בעל „ספר הברית" קעגן די ראַציאָנאַליסטן. — יהודה ליב מרגליות און זײן אַרױסטריט קעגן מענדעלסזאָנס אידעען. — דער שקלאָװער קרײז און די בערלינער השכלה. — נטע האַכאַװיץ און זײן „קול שועת בת יהודה". — דער גײַסטיקער איבערבּרוך. — פון צײטװײליקן שלום צום נײעם פאַרביטערטן קאַמף קעגן רעאַלן װיסן.—דאָס מיסטישע גרױסע װוּנדער.

מיר האָבן אינם פריקן קאַפּיטל געזען, װי אַזױ די בעלי „המאספים", די ענטוזיאַסטישע פאַרערער פון דער ביבל-שפּראַך, האָבן פיל זיך פאַרנומען מיט פילאָלאָגישע שטודיען און געשטעלט זיך פאַר אַ ציל צו „אַנטפּלעקן די שײנקײטן פון דער העברעיִשער שפּראַך פאַר אַלע אַנדערע פעלקער". נאָר דווקא די „שײנקײטן", װאָס די בעלי המאספים האָבן געפּרוּװט שאַפן אין דער ביבל-שפּראַך, זײנען, מיט זײער זעלטענע אױסנאַמען, געװען פון גאַנץ קנאַפן װערט. אײנער פון די דאָזיקע פּרוּװן, און טאַקע פון אַ גאַנץ ברײטן פאַרנעם, מוז גאַנץ ספּעציעל באַהאַנדלט װערן, װײל ער האָט געהאַט אַ באַדײטנדיקע השפּעה אױף דער יונגער נײ-העברעיִשער ליטעראַטור. דאָס װערק געהערט דעם „ארי שבחבורה", דעם אונז שױן גוט-באַקאַנטן בעל „דברי שלום ואמת", נפתלי הערץ װײזעל.

װען די גרינדער פון דעם „מאסף" האָבן זיך געװענדעט צו דעם דעמאָלט כמעט זעכציק-יאָריקן װײזעל, ער זאָל באַשײנען די נײע צײטשריפט מיט זײנע לידער, האָט יענער מיט ענװת אָנגעװיזן, אַז אין משך פון זײן לאַנגער ליטעראַרישער טעטיקײט האָט ער פּאַקטיש בלױז אַ פּאָר צענדליק געלעגנהײטס-געדיכטן געשריבן, װוּ ער באַזינגט פירשטן און גרױסע לײט אָדער גוטע באַקאַנטע. זײן פאַך איז דער עיקר שפּראַך-פאָרשונג און עקזעגעטיק. יצחק אײכל דערצײלט אין זײן רעצענזיע אױף „שירי תפארת" [1], װי װײזעל פלעגט גאַנץ אָפט איבערחזרן, אַז ער

---

[1] המאסף, תק"ן, 219.

אין זיך שטארק מצער דערויף, „וואס ער האט וויפל מאל אויפגעהויבן זיין שטים צו באזינגען מלכי בשר ודם, און קיין איין מאל נים לכבוד מלך מלכי המלכים". קומט א מאל צו אים איינער פון זיינע תלמידים און דערציילט אים, אז ער האט בייגאכט א חלום געזען, און א הימ-לישע שטים האט אים דערביי פארגעזונגען א לויב-ליד, וואס ער, וויזעל, האט געזונגען לכבוד משה רבנו „אדון הנביאים". וויזלען האט זיין שילערם דערציילונג זייער דערפרייט און ער האט גלייך דעמאלט אנגענומען דעם באשלוס א העלדן-געדיכט צו פארפאסן, וואס וועט דערציילן משהס גרויסקייט און די וואונדער, וואס גאט האט מיט אים געטאן.

עס איז אבער אויסער ספק, אז אי דעם שילערס חלום, אי וויזעלס אנטשלוס געפינען זיך אין א געוויסן צוזאמענהאנג מיט דער באקאנטער שטעלע, וואס דער דייטשער געלערנטער הערדער האט ארויסגעזאגט אין זיין אין 1782—3 דערשינענעם ווערק „פאם גייסטע דער העברעישען פאעזיע". העל האט דעמאלט געלויכטן דער שטערן פון דעם ערשטן נאציאנאלן דייטשן דיכטער קלאפשטאק, דעם באשעפער פון דעם העלדן-עפאס „מעססיאדע", ווו עס ווערט באזונגען דער באגרינדער פון דעם קריסטנטום. הערדער, דער פיינער און טיפער קענער פון דער אלטער העברעישער פאעזיע, האט געחלומט וועגן אן אנדערן העלדן-עפאס. „מיך וואונדערט עס, — שרייבט הערדער, — דאס וויר ביי זא מאנכען העברעישען העלדענגעדיכטען אונזערער שפראכע נאך קיינע עפאפעע איבער מאזעס האבן. די ערעטונג איינעס פאלקעס אויס דער קנעכטשאפט אונד די בילדונג דעסזעלבען צום רייןנסטען געטעסדיענסט אונד פרייסטען שטאאט זא אלטער צייטען — וועהרע דענקט מיך איין עדלערעס טעמא אלס אבענטייער אין שלאכטען אונד רייזע... דאך מעכטע איך מיט דיעזער קליינען עקספאזיציאן קיינען דייטשען, זאנדערן איינען דייטשען העברעער געוועקט האבן; אים איזט דער געגענשטאנד נאציאנאל, זיינע אונבעפאנגענע פריערע בעקאנטשאפט מיט דען דיכטערן זיינער נאציאן מיסטע אים איינע עלטערע נאאיוויטעט געבען אלס מאן פאן איינעם דייטשען געלערטען פארדערן קאנטע..." [2].

וויזעל האט זיך פארמאסטן צו ווערן דער יידישער נאציאנאלער דיכטער, וועגן וועלכן הערדער האט געחלומט. אין משך פון די לעצטע צוואנציג יאר פון זיין לעבן האט וויזעל געשריבן זיין גרויסן העלדן-עפאס „שירי תפארת", וואס נעמט ארום די תקופה פון משה רבנוס

---

1 המאסף, II, 78.

געבורט ביז מתן תורה. שוין אין 1789 איז דערשינען דער ערשטער טייל אין פיר געזאנגען. די וויטערע פיר טייל זיינען אויך דערשינען נאך ביים פארפאסערס לעבן, און בלויז דער זעקסטער טייל מיט די לעצטע דריי געזאנגען (16—18) איז געבליבן אין מאנוסקריפט, און איז האט פארעפנטלעכט ווייזעלס זון ערשט אין 1829. באלד נאכדעם ווי ס'איז אין דרוק דערשינען דער ערשטער טייל „שירי תפארת", האט איינער פון די „מאסף"-מיטארבעטער מיט פאטאס דערקלערט, אז אזא פראכטפול ווערק איז ביז איצט ניט געשאפן געווארן זינט דאס יידישע פאלק איז אין גלות געגאנגען, און די ביבל איז געשלאסן געווארן" [1]. צווי דייטשע פראפעסארן, הופנאגל און שפאלדינג, האבן אין דייטש איבערזעצט די ערשטע צווי געזאנגען פון „שירי תפארת" (1795) [2], וואס טראגט ביי זיי דעם נאמען „די מאזאידע".

מען האט אין ווייזלען געוואלט זען דעם יידישן קלאפשטאק און אין זיין „מאזאידע" די צווילינג-שוועסטער פון דער „מעססיאדע". די העברעישע עפאפעע קאן זיך אבער ניט גלייכן צו איר דייטשער שוועסטער. אויך די „מעססיאדע" האט אלס קונסטווערק געוואלדיקע חסרונות, ווייל קלאפשטאק איז בעצם קיין עפיקער ניט געווען. דערפאר איז ער אבער געווען א טיף-פילנדיקער ליריקער, אן אמתער דיכטער פון ברייטן פארנעם. נפתלי הערץ ווייזעל אבער איז געווען א מליץ, א מדקדק און מייסטער פון דער העברעישער שפראך — אבער ניט קיין דיכטער; און זיין דיקבייכיקע פאעמע איז פאקטיש א טויט-געבארן באשעפעניש [3]. אין די פארעדעס און הערות צו די באזונדערע טיילן פון זיין פאעמע שטרייכט ווייזעל יעדעס מאל אונטער, אז זיין אויפגאבע איז „דערקלערן גאטס רייד אין לייכטער דיכטערישער פארם" [4], „אויסטייטשן אין פערזן טונקעלע שטעלן אין דער תורה" [5]; און מיט גרויס נחת-רוח און

---

1 המאסף, תק״ן, 93: כי כמוהו לא היה מן היום אשר גלו ישראל מעל ארצם ונחתמו ספרי תנ״ך.

2 דוד פרידריכספעלד האט אין זיין „זכר צדיק" (ז' 13), אז ווייזעלס זון מנחם האט פארעפנטלעכט א פולשטענדיקע דייטשע איבערזעצונג פון „שירי תפארת".

3 אפילו יצחק אייכל, איינער פון ווייזעלס הייסע פארערער, מוז דאך אין זיין רעצענזיע אויף „שירי תפארת" (המאסף, תק״ן, 210—221, 346—352, 357 - 362) מודה זיין, אז „דער מליץ ווייזל פארגעסט צייטנווייז, אז ער איז דיכטער" (דארטן 361).

4 דארטן, I, VII: לפרש אמרות אלהינו באורח שיר.

5 דארטן, IX: לדרש באורח שיר המליצות הסתומות שבתורה. דארטן, הערות צום פינפטן טייל: לקרב הבריות לתורה בנעימות השיר המגיד להם בקול נעים עומק פרושי המקראות שבתורה.

זעלבסטצופרידנקייט זאָגט ער אַרויס זײַן פעסטע איבערצייגונג, אַז דער
לייענער וועט אין זײַן פּאָעמע געפינען גאַנץ נײַע אײַנפאַלן און סברות,
וועגן וועלכע עס האָבן אַפילו ניט געחלומט די פריִערדיקע מפרשים [1].
און ווייזעל איז טאַקע אין תוך־גענומען ניט אומגערעכט. זײַן „שירי
תפארת" איז טאַקע ניט קיין העלדן־עפּאָס, נאָר אַ לאַנגער פּירוש „בדרך
שיר" צו דער קלאַסיש־ביבלישער עפּאָפּעע, וואָס דערציילט מיט אַזאַ
וווּנדערבאַרער עפּישער קראַפט וועגן יציאת מצרים (די פּרשות שמות —
בשלח). דעם גאַנצן רײַכן ציקל פון אָריִענטאַלישע לעגענדעס און
מעשׂיות, מיט וועלכע די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אין משך פון דורות
אַרומגעשפּונען די העלדן פון דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן עפּאָס, לאָזט ווייזעל,
אין קעגנזאַץ צו די אַלט־יידישע פּאַראַפראַזן — אינגאַנצן אומבאַרירט.
ער פאָלגט קנעכטיש דעם ביבלישן טעקסט און דערלויבט זיך דערבײַ
בלויז אויסצונוצן די מיטלאַלטערלעכע פּרושים צו דעם דאָזיקן טעקסט.
דערפאַר איז ער אָבער אַ געוואַלדיקער ותּרן, וואָס וויל כּלל ניט וויסן
פון „סוד הצמצום". די קורצסטע ביבל־פּראָזע ווערט אין דער „שירי־
תפארת"־פּאַראַפראַזע פאַרפּלייצט און פאַרוואַסערט מיט אַ ים פון גרוי־
אינטאָניקע פערזן. דער רושם און די שילדערונגס־קראַפט ווערט דורך
דעם נאַטירלעך ניט געשטאַרקט, נאָר באַדייטנדיק געשוואַכט. עס גענוגט,
אַ שטייגער, צו פאַרגלײַכן די מעכטיקע ביבל־סצענע, ווו עס ווערט מיט
אַזאַ וווּנדערבאַרער פּשטות דערציילט, ווי פאַר משה בן עמרם, וואָס
פּאַשעט די שאָף פון זײַן שווער, אַנטפּלעקט זיך פּלוצלינג אין דעם פלאַם
פון דעם סנה דאָס גרויסע וווּנדער. און דער „אהיה אשר אהיה" באַשטימט
אים פאַרן באַפרײַער פון זײַן פאָלק, — מיט די לאַנגווײַליקע מליצות,
וואָס ציִען זיך אין „שירי תפארת" אויף די צענדליגער זײַטן (פינפטער
געזאַנג). אָט די לאַנגע שיָרות פון גאַנצע הונדערטער גלאַטע און פאַרב־
לאָזע פערזן רופן אַרויס בײַם לייענער אַן אמת פאַרדריסלעך געפיל. עס
איז שווער צו גלויבן, אַז עס זאָל זיך געפינען אַזאַ ליבהאָבער, וואָס זאָל
זײַן אַ בעלן איבערצולייענען ביזן סוף אין ווייזעלס „שירי תפארת" דאָס
אומענדלעכע לויב־געזאַנג, וואָס די בני ישראל זינגען גלײַך נאָך דעם, ווי
זיי זײַנען אַריבער דעם ים־סוף בשלום, בעת פרעהם חייל איז אומגע־
קומען אין זײַנע שטורמישע כוואַליעס (דרײַצנטער געזאַנג). אײַן פערז

---

1 וכן בכל הששה מחב־ות יתבארו בשירים אלה פרושים חדשים... מלבד
זה חדשנו דברים רבים בפשוטי המקראות לא עוררו עליהן זולתינו... לפי שיש לנו
בהן דרך חדשה, נתיב לא ידעו המפרשים.

פון דער ביבלישער „שירת הים" איז אומבארגלייכלעך מער ווערט פון אלע וויזעלס וואסערדיקע מליצות 1.

דאס ווערטפולסטע, אדער ריכטיקער געזאגט — דאס איינציק ווערטפולע אין „שירי תפארת" זיינען די אין זעקס־שורותדיקע גע־גראמטע סטראפן געשריבענע אריינפירן צו יעדן געזאנג באזונדער. אין די דאזיקע דידאקטישע פערזן גיסט דער פארפאסער אויס זיינע הארציקע געפילן, זיין התפעלות פארן באשעפער און פאר זיינע וונדער־בארע מעשים, — דער מליץ און מפרש ווערט פאעטיש, עס פילט זיך ערטערווייז דער אויפריכטיקער פאטאס פונם טיף גלויביקן מענטשן, און וויזעלס איינטאניקער, קוים לעבלעכער פערז באקומט מיט אמאל בילד־לעכקייט און אויסדרוקפולע קראפט.

אין דער קאמפאזיציע פון די געזאנגען, אין דער טעכניק און פערזבוי פאלגט וויזעל געטריי די עלטערע דייטשע דיכטער, קלאפ־שטאק און ווילאנד. די סטראפן פליסן אין „שירי תפארת" גלאט, רויק, איינגעפאסט אין דער שטרענגער צעזור, געבויט לויט די פעסטע כללים פון מעטריק; עס פעלט אבער אין זיי דאס וויכטיקסטע — דער דיכטערישער פאטאס און די עפישע קראפט. זיינע אין ביבל־סטיל געשריבענע פערזן פעלט די צוניפגעפרעסטע אנגעלאדנקייט און בילד־לעכע עשרות פון דעם ביבלישן זאץ. דאך האבן די געזאנגען פון „שירי תפארת" ארויסגערופן ביי זייער דערשיינען ניט קיין קלענערע התפעלות, ווי קלאפשטאקס מיט קנאפע צוואנציק יאר פריער פארעפנטלעכטע עפאפעע. אין משך פון צענדליקער יארן האט וויזעלס ביבל־עפאפעע געגאלטן אלס די גרעסטע פאעטישע דערגרייכונג אין דער נייער העב־רעישער ליטעראטור. אפילו דער באוווסטער געלערנטער שלמה יהודה ראפאפארט האט געפונען, אז די „שירי תפארת" האבן זייער גלייכן ניט אין דער העברעישער ליטעראטור „מיום כסו שירי קודש". איניקע דיכ־טער האבן געשריבן עפאפעען אויף ביבלישע סיוזשעטן לויט דעם מוס־טער פון וויזעלס „מאזאידע", און ביי פיל יונגע משכילים איז דער „שירי תפארת" געווען אזוי באליבט, אז זיי פלעגן מיט גרוים פלייס אפשרייבן וויזעלס ווערק פון אנפאנג ביז צום סוף, און פיל זיינע סטראפן איינחזרן אויף אויסנווייניק 2. אפילו אין די זעכציקער יארן פונם 19טן

1 טיפיש איז ווייזעלס אנווייזונג, אז דאס לאנגע לויב־געזאנג אין זיין „שירי תפארת" איז א פירוש אויף דעם ביבלישן ליד „אז ישיר" (עתה, אהי, צוף אמרי נועם מפי קחו, כי אחל באר דברי שירת אבותינו).

2 אזא פולשטענדיקע אפשריפט פון „שירי תפארת" האט זיך געפונען אין דעם מוזיי פון דער היסטאריש־עטנאגראפישער געזעלשאפט אין לענינגראד.

י״ה, ווען אורי קאָוונער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער קריטיק קעגן ווייזעלס ביבל־עפּאָס און האָט דערקלערט, אַז איין פערז פון „שירת הים״ איז מער ווערט פון דעם גאַנצן „שירי תפארת״ [1] — האָבן די משכילים פונם עלטערן דור דערזען אין דעם אַן אויסערגעוויינלעכע חוצפה און אַ „פאַרשוועכונג פון די הייליק טימער...״ [2].

ביכער, ווי מענטשן, האָבן זיך זייער מזל. אין די יאָרן, ווען עס זיינען אין דרוק דערשינען די ערשטע געזאַנגען פון „שירי תפארת״ און ווייזעל האָט צוגעגרייט די ווייטערדיקע טיילן פון זיין ביבל־עפּאָס, איז אַ גאַנץ יונגער דיכטער געזעסן אין אַ פאַרוואָרפענעם שטעטל אין שלעזיע און געשריבן זיין ערשטלינג־ווערק — אַ העלדן־דראַמע אויס דער ביבל־תקופה. מען האָט ניט באַגריסט דאָס דאָזיקע ווערק מיט געהויבענע מליצות און פּאַטעטישע שבחים, עס איז די ערשטע צייט כמעט ווי אומבאַמערקט געבליבן, און דאָך איז עס דאָס איינציקע ווערק פון דעם דור „המאספים״, וואָס טראָגט אויף זיך גאַנץ בולט דעם שטעמפּל פון אמת דיכטערישער באַגאַבונג...

אַ פּרוּוו צו שאַפן אַ היסטאָרישע ביבל־דראַמע איז געמאַכט געוואָרן נאָך אין 1770 דורך אַן אוראייניקל פון די גולי־ספרד דוד פראַנקו מֶנדֶס (דוד חפשי) אויס אַמסטערדאַם, וואָס איז דערנאָך געווען אַ טעטיקער מיטאַרבעטער פונם „המאסף״, ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט פאַרשיידענע געדיכטן און אַ גאַנצע צאָל מאָנאָגראַפיעס וועגן „גדולי ישראל״ (מנשה בן ישראל, ד׳אגילאר א״א). אינטערעס צו פּאָעזיע האָט אין דעם יונגן מֶנדֶס [3] דערוועקט דער דיכטער משה חיים לוצאַטו, וואָס האָט פאַר־

---

1 זע: חקר דבר, 41; צרור פרחים, 48—50.

2 דער ערשטער, וואָס האָט געגעבן אַ מער־זייניקער ריכטיקע אָפּשאַצונג פון ווייזעלס „שירי תפארת״, איז געווען דער 23־יאָריקער פראַנץ דעליטש. אין זיין „צור געשיכטע ד. יודישען פּאָעזיע״, 99, גיט ער פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון דער דעמאָלס אַזוי פּאָפּולערער העברעישער „מאָזאַירע״:

Die Biblische Bilderwelt war ihm ein heimisches Land, aber er verstand nicht, mit dem Email ihrer Tinten seine Gemälde zu colori-ren; das Feenreich des Orientalismus aber war ihm ein verschlossener Hesperidengarten. Darum ist Styl, Bilder, Gedanken — Alles bei ihm mehr Germanisch, oft trivial, nicht judenthümlich, orientallisch, überhaupt nicht orientalisch... Sein Styl rieselt melodisch dahin, wie ein Bach mit durchsichtigen Wassern — aber der Grund dieses Baches ist nicht der farbige Kies, der flimmernde Goldsand, die bunten orientalischen Perlen der Sage; in seinen Wellen spiegeln sich nicht palästinische Alhennen, Alraunen und Saronslilien, sondern echt deutsche Primeln, Schlüssel- und Dotter-Blumen.

3 דוד מענדעס איז געבערן אין 1713, געשטאָרבן 1792

בראַכט אין אַמסטערדאַם גאַנצע אַכט יאָר און דאָרט זיין „לישרים תהלה״ געשריבן [1]. דעם וויסנסדורשטיקן תּלמיד האָט אָבער געפעלט פּאָעטישע באַגאַבונג, און אין זיין דריַיאַקטיקער ביבל־דראַמע „גמול עתליה״ פילט זיך גאַנץ וויייניק די השפּעה פון זיין רבין, דעם גייסטרייכן דיכ־טער און מיסטיקער. בראַנקו מְנַדֵם וויַזט אַליין אָן אין דער פאָררעדע, אַז זיין „גמול עתליה״ איז פאַרפאַסט לויט דעם מוסטער פון עלטערע צוויי דראַמעס מיט דעמזעלביקן סיוזשעט — די פראַנצויזישע ראַסינס און די איטאַליענישע מעטאַסטאַזיאָס. ער האָט זיך בלויז געשטעלט די אויפ־גאַבע איינצוקליידן דעם ביבלישן שטאָף אין נאַציאָנאַל־יידישע פאָרמען. די דאָזיקע פאָרמען צייכענען זיך אָבער ביי מענדעסן גאַנץ וויייניק אויס מיט זייער פּאָעטישער שיינקייט. מענדעסעס פערז איז הילצערן, שטייף און ניט געשליפן, ניט זעלטן אפילו ניט פריי פון גראַמאַטיקאַלישע פעלערן. די בילדער זיינען בלאַס און צעשוווּמען. דער קונסט־געשמאַק איז אָבער נאָך דעמאָלט געווען אַזוי וויייניק אַנטוויקלט, אַז דוד מענדעסעס דראַמע האָט אַרויסגערופן ניט וויייניקער מליצהפולע אָדעס און סאָנעטן, ווי בשעתו פֶינסוס „אסירי התקוה״ [2].

דוד מענדעסעס דראַמע טראָגט דעם נאָמען פון דער מאַכטגיריקער זינדפולער קיניגין, וואָס האָט אירע אייגענע אייניקלעך אויסגעשאָכטן, בכדי דעם טראָן צו באַשטייגן; דעם טראַגישן גורל פונם ערשטן יידישן מלך, דעם איידעלן, אָבער אומגליקלעכן שאול בן קיש, דערציילט יוסף אֶפְרָתים יוגנט־דראַמע „מלוכת שאול״. מיר באַזיצן גאַנץ וויייניק ביאָ־גראַפישע פּרטים וועגן דעם דאָזיקן דיכטער. עס איז בלויז באַקאַנט, אַז ער איז געבאָרן אין 1770 אין אַ קליין שלעזיש שטעטעלע טראָפּלאָוויץ, האָט פאַרבראַכט אייניקע יאָר אין ראַטיבאָר אַלס הויזלערער ביי אַ רייכן סוחר, דערנאָך (נאָך 1791) האָט ער זיך באַזעצט אין פּראָג, ווו ער איז אין 1804 געשטאָרבן. ער האָט דעביוטירט מיט אַ געלונגענער איבערזעצונג פון קלייסט אין „המאסף״ [3], און אין צוויי יאָר אַרום האָט ער דאָרט פאַרעפנטלעכט [4] אַ דאַנק־ליד „על דבר השלום בין פּרייסן ועסטרייך״. ס'איז אַ פּשוט „געלעגנהייטס־געדיכט״, דאָך פילט זיך שוין

1 זע אינזער חערק, באַנד V, ז' 221.

2 אויף דער עלטער, אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט, האָט דוד מענדעס פאַר־ענדיקט זיין צווייטע דראַמע, „תשועת ישראל בידי יהודית״ — אַ באַאַרבעטונג פון מעטאַסטאַזיאָס Betulia Liberata. דאָס ווערק האָט פאַרעפנטלעכט היידענהיים אין 1804. אין כּתב־יד איז געבליבן מענדעסעס אַ לידער־זאַמלונג „כנור דוד״.

3 המאסף, תקמ״ח, 305—312.

4 דאָרטן, תק״ן, 353—356.

גאַנץ דייטלעך, בפרט אין די געלונגענע נאַטור־שילדערונגען, אז מיר האָבן פאַר זיך אַן אמתן דיכטער. צו דערזעלבער צייט איז ער צוגע־טראָטן צו זיין זעקסאַקטיקער ביבל־דראַמע „מלוכת שאול", וועלכע ער האָט פאַרענדיקט אין פראָג סוף 1793, און אָנבאַנג 1794 פאַרעפנטלעכט אין ווין.

ווי די „בעלי המאספים", אַזוי פאַרזיכערט אויך יוסף אפרתי אויס טראָפּלאָוויץ, אַז ער האָט פאַר זיין גרונד־אויפגאַבע צו באַנייען די ביבל־שפּראַך, וואָס איז אַזוי פאַרגעסן (וכל מגמתי רק להרחיב את לשוננו אשר שכחנו זה כמה). ווי ווייט איז אָבער מיט זיין גאַנצן וועלט־באַנעם דער דאָזיקער יונגלינג אויס ראַטיבאָר פון די בערלינער „אויפקלערער". אַ פאַרחלומטער ראָמאַנטיקער, אַן ענטוזיאַסטישער פאַרע־רער פון שילערס יוגנט־דראַמען, האָט דער דאָזיקער דיכטער געלעבט אין דער בילדערוועלט, וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט געשאַפן, און מיט אויגן פול שרעק האָט ער זיך איינגעקוקט אין דעם טראַגישן געזיכט פון דעם פאַטום, פון דעם פאָראויסבאַשטימטן אומברחמנותדיקן גְזֵר, וואָס הענגט איבער דעם גורל פונם מענטשן...

יוסף טראָפּלאָוויצעס יוגנט־ווערק ליידט נאָך שטאַרק פון ניט געענוגנדיקער רייפקייט. פיל סצענעס זיינען דאָרט לחלוטין איבעריק, אַנדערע זיינען זייער נאַיִוו דורכגעפירט, ווי, צום ביישפּיל, די סצענע אין דריטן אַקטן, ווו יונתן און דוד לאָזן זיך אין מלחמה קעגן די פלשתים און טאַקע באַלד קומט שוין צוריק יונתנס יינגסטער ברודער און זאָגט אָן די בשורה, אַז דוד האָט בייגעקומען דעם געוואַלטיקן ריז גָּלְיַת. אַ ממש פאַרדריסלעכן איינדרוק מאַכט אויך די שלום־סצענע: דאָרטן, אויף די בערג פון גלבוע, קומען טראַגיש אום דער קיניג שאול און זיינע עלטערע זין; עם באַוויזט זיך דוד בן ישי, דערזעט דעם טויטן קערפּער פון זיין פריינד יונתן און דעם גוססדיקן שאולן און באַווינט אין האַרציקע סטראָפן דעם טראַגישן טויט פון די איידלסטע צוויי העלדן, אָבער גלייך דערנאָך פאַנגט ער אָן פון דער העלער הויט צו דעקלאַמירן אַ לאַנג דידאַקטיש ליד אויס צענדליקער זעקס־פערזיקע סטראָפן וועגן דעם „כבוד מדומה", נאָך וועלכן מענטשן יאָגן זיך מיט אַזאַ גיריקייט און ליידנ־שאַפט זייער גאַנץ לעבן [1].

---

1 דאָס דאָזיקע ליד, האָט טראָפּלאָוויץ האָט געשריבן לויט דעם מוסטער פון האַלערס אַ געדיכט, האָט אין די שפּעטערדיקע „מלוכת שאול"־אויסגאַבן פיל געליטן פון די יידישע צענזאָרן אין רוסלאַנד. גאַנצע דריצן סטראָפן האָט דער צענזאָר אַרויסגעוואָרפן, ווייל עס איז דאָרט די רייד וועגן „הערשער" האָס פירן מלחמות, „פאַרדאַרבן די ערד מיט רציחות און גזילות און מאַכן גאַנצע שטעט חרוב"

און דאָך, בײַ די אַלע חסרונות, איז דער „מלוכת שאול״ פֿונם דרײַ־און־צוואַנציק־יאָריקן טראַפּלאָוויץ אַ באַדײַטנדיקע דערשײַנונג אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. דער פּרוּוו פֿונם אַלטן וויזעל צו שאַפֿן אַ העלדן־עפּאָס אויף דער ביבל־שפּראַך איז געבליבן אַ ניט געלונגענער, בײַ דער גאַנצער התפּעלות, וואָס דער דאָזיקער פּרוּוו האָט בשעתו אַרויס־גערופֿן; אין אײן צײַט אָבער מיט וויזלען האָט דער יונגער ראָמאַנטיש־געשטימטער דיכטער אויס ראַטיבאָר זיך פֿאַרמאָסטן צו שאַפֿן אַ העלדן־דראַמע — און ער האָט זײַן ציל מיט דערפֿאָלג דערגרײכט. אין דעם פֿאַריקן באַנד 1 זײַנען שוין באַטראַכט געוואָרן די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען די שוועדע „חבלי לידה״ פֿון דער דראַמאַטישער קונסט בײַ יידן און געבראַכט דערצו, אַז די קערנדלעך פֿון דראַמע, וואָס זײַנען געווען פֿאַרזייט אין דעם קולטורעלן יידישן לעבן זינט די קדמונישע צײַטן, האָבן אַזוי לאַנג ניט געהאַט די מיגלעכקייט רײַף צו ווערן און צו ברענגען צײַטיקע פּרוכטן. דאָרט האָבן מיר אָנגעוויזן אויף דעם וויכ־טיקן פֿאַקטאָר, וואָס בײַ דער דורך די נביאים באַגרינדעטער עטיש־מאָנאָטעיִסטישער וועלט־אָנשויונג האָט געפֿעלט דער וויכטיקסטער לעבנס־מאָמענט פֿון דער גריכישער טראַגעדיע: דער גלויבן אינם בלינדן פֿאַטום, אין דעם פֿאָרויס־באַשטימטן גזר־דין, וועלכן דער מענטש איז נישט אימ־שטאַנד אָפּצוּווענדן; און וואָס עקשנותדיקער ער קעמפֿט קעגן זײַן פֿון פֿרעמדע אומבארחמנותדיקע כּוחות פֿאָרויס־באַשטימטן מזל — אַלץ אומ־פֿאַרמײַדלעכער, אַלץ טיפֿער וועט זײַן די מפּלה. דער גאַנצער וועלט־באַנעם פֿונם מאָנאָטעיִסטישן יידן מיט זײַן פֿעסטן גלויבן אין דעם אֵל מָלא רחמים, וואָס אונטער זײַן ליבעפֿולער השגחה געפֿינט זיך יעדער באַשעפֿעניש, האָט ניט געקענט דערלאָזן, עס זאָל זיך אַנטוויקלען אויפֿן יידישן באָדן די קלאַסישע טראַגעדיע פֿון אַנטיקן גריכישן סטיל. דער העלד פֿון יוסף אפֿרתים דראַמע האָט אָבער געלעבט אין דער פּ אַ ר ־נביאים־

(השחתת ארץ ויושביה, הגזל, הרצח ושריפת כל עריה). אויך אין די איבעריקע שפּראַכן האָט דעם צענזאָרס רויטער בלײַער געמאַכט פֿאַרשיידענע „אויסבעסערונגען״. װען אין דער ערשטער װינער אויסגאַבע איז געדרוקט: „שָׂם מלך אכזר״, לייענען מיר אין די שפּעטערע רוסישע אויסגאַבן: „שָׂם אכזר״ — דאָס וואָרט „מלך״ איז אַרויסגעוואָרפֿן, — אַ מלך קאָן קיין אכזר ניט זײַן. אין דער ערשטער אויסגאַבע לייענען מיר: „הוי מ ו ש ל י הארץ, מוסיפי שוד ורצח״, — אין די רוסישע אויסגאַבן זײַנען די „מושלי הארץ״ פֿאַרביטן דורך „מרגיזי ארץ״. אויך איז אין די דאָזיקע אויסגאַבן דער פּערז „לב השרים ולב הפחות״ פֿאַרביטן דורך „לב נגידים ולב עשירים״. און אַזוי כּסדר.

1 דאָרטן, ז׳ 337—339, זע אויך אונזער אַרבעט: „צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער פֿאָלקס־דראַמאַטיק״, ביכער־וועלט, 1929, I, 32 — 41.

דיקער תּקופה. דער גאָט פון ישראל איז נאָך דער שטרענגער יהוה־גאָט, דער גאָט פון די הייסע מדבריות און ווילדע, שאַרף־געשפּיצטע בערג, אֵל קַנָא ונוקם, וואָס איז לויטער שטרענגער דין און וויל ניט וויסן פון רחמים. ער, דער גאָט פון מלחמה, דער נאַציאָנאַלער גאָט פון די ייִדישע קריגערישע שבטים, פאָדערט, אַז דער בײַגעקומענער שונא דאַרף אומבּרחמנותדיק פאַרטיליקט ווערן, אַפילו ווען ער ליגט שוין קראַפּטלאָז און אָן געווער בײַ די פיס פונם זיגער. מיט פייער און שווערד דאַרף אויסגעמעקט ווערן דער מינדסטער זֵכֶר פון דעם נאַציאָנאַלן געפערלעכן שונא עֲמָלֵק. די בעסערע פון פאָלק, די אײדעלע, העלדישע גײַסטער, קענען זיך שוין אָבער ניט באַפרידיקן מיט דער דאָזיקער פּרימיטיווער בּלוטדורשטיקער מאָראַל. און דער שטאָלצער העלדישער מלך שאול בן קיש, דער מאַן, וואָס איז „משכמו ומעלה גבוה מכל העם", וועגן וועלכן אײנער פון די פּערסאָנאַזשען אין „מלוכת שאול" דערקלערט, אַז „שוין אין טראַכט פון דײַן מוטער ביסטו געווען באַשטימט פאַר אַ מלך און זינט דײַן געבורט ביסטו מיט קיניגלעכן גלאַנץ באַשײַנט" [1] — ער האָט דעם מוט זיך אַקעגנצושטעלן דער אַלטער מאָראַל און ניט צו דערפילן דעם גרויזאַמען באַפעל פונם שטרענגען יהוה־גאָט. מיטן פײַנעם געפיל פון אַן אמתן קינסטלער פאַרשטייט דער דיכטער צו שאַפן אויס דעם מאָמענט דעם אויסגאַנגס־פּונקט פון דער גאַנצער דראַמע. זינט דעם מאָמענט אַן ווערט שאול אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט. זײַן שווערער גורל איז שוין פאַרויסבאַשטימט — עס הענגט איבער אים דער פאַטום, דער אומבּרחמנותדיקער גזר־דין... שוין אין דער ערשטער סצענע דערקלערט שאול מיט פאַרביטערונג: „נאָך בין איך קיניג, נאָר איך קיניג שוין מער ניט" (מהיות מלך לא חדלתי — ממלוך חדלתי), און ער זעט פאַר זיך די אויסגעשטרעקטע האַנט, וואָס רײַסט אים אַראָפּ די קיניג־קרוין פון קאָפּ. ער, דער מוטיקער קעמפּער, וויל זיך אָבער ניט אונטערגעבן. ער קעמפט מיט ווילדער עקשנות אָן רו און אויפהער, נאָר גײַסטיק שוין קראַנק און געבראָכן. אַלץ ענגער שליסט אים אַרום דער פאַטאַלער קרײַז, דאָס אומפאַרמײַדלעכע. בכדי צו פאַרטרײַבן די היפּאָכאָנדריע פונם שווערמוטיקן קיניג און די שרעקן־בילדער, וואָס לאָסטן איבער אים, באַווײַזט זיך דער רויטהאָריקער ייִנגלינג — דער שאָף־הירט מיט זײַן כּישוף־האַרפע אין דער האַנט. שאול איז אַנטציקט פון די וווּנדער־טענער, וואָס דער יונגער דוד רופט אַרויס מיט זײַנע צויבער־

---

1 מִיּוֹם חֲבָלְתֵךְ אִמְּךָ הָיִיתָ מֶלֶךְ
מִיּוֹם הֻלַּדְתְּךָ אוֹתוֹת מַלְכוּת בְּךָ נִכָּרוּ.

פינגער; ער דערפילט אָבער מיט זיין שאַרפן אינסטינקט, אַז אָט דער מיט ליכט און פרייד באַשאָנקענער יינגלינג איז פאָרויסבאַשטימט צו ווערן זיין יורש אויפן קיניג־שטול. שאול ווייסט צו שעצן דודס גרויסקייט, ער קאָן אָבער ניט פאַרגעסן, אַז יענער וועט ווערן זיין טראָן־רויבער; זעט ער אין אים דעם געפערלעכסטן שונא און לויערט אויף זיין לעבן.

אָבער ניט בכ"ל־יז דער דורשט נאָך מאַכט באַוועגט שאולן צום עקשנותדיקן קאַמף פאַר דער קרוין, וואָס וואַקלט זיך שוין אויף זיין קאָפּ. זיין האַרץ איז איבערפילט מיט גרויסער ליבע צו זיין פאָלק, וואָס ער האָט פאַראייניקט פון די אָפּגעזונדערטע שבטים. ער זעט אין אים דאָס איינציקע און אויסדערוויילטע פאָלק, און קיניגן איבער אַזאַ פאָלק — איז דער גרעסטער שטאָלץ; קעמפן פאַר אַזאַ טראָן — דאָס איז אַן ערן־זאַך, אַ פראַגע פון כבוד און זעלבסטגעפיל. אומבאַוווּסט פילט דער אומגליקלעכער קיניג, אַז דער קאַמף איז פאַרשפּילט, דאָך פירט ער עקשנותדיק ווייטער דעם קאַמף, גיט אים אָפּ זיינע לעצטע גייסטיקע כּוחות. אַלץ מער פאַרלירט ער דאָס פסיכישע גלייכגעוויכט אין דעם דאָזיקן האָפענונגסלאָזן געראַנגל. ער, וואָס האָט רחמנות געהאַט אויף דעם ווערלאָזן געפאַנגענעם שונא, שאַפט אַ בלוט־באָד איבער די אומשולדיקע כהני־נוב; זיין גאַנץ לעבן האָט ער געקעמפט קעגן די מכשפים און צויבערער, וואָס פאַרפירן דאָס פאָלק, און אַליין ווענדט ער זיך אין דער לעצטער נאַכט פאַר זיין טראַגישן סוף צו דער מכשפה פון עין־דור, בכדי אויסצוהערן דעם ענדגילטיקן גזר־דין אויס די טויטע ליפּן פון דעם אייזן־שטרענגן „זעער", וואָס די מכשפה האָט אַרויסגערופן אויס דעם שאָטן־טאָל... דער טראַגישער קאַמף איז באַלד פאַרענדיקט; גלייך ביים באַגינען באַגעגנט דער פון די פיינדלעכע קריגער אַרומגערינגלטער שאול דעם טויט, ווי זיין אמתן דערלייזער און באַפרייער. דער שטאָלצער העלדישער קעמפער פאַלט אָבער פון זיין אייגענער האַנט, זיין בלוטטריפנדיק האַרץ ווערט פון זיין אייגענער שווערד דורכגעשטאָכן. „דערצייל מיין פאָלק — זאָגט ער אַן זיין געוועער־טרעגער, — אַז זיין קיניג איז געפאַלן פון זיין אייגענער שווערד, אָבער ניט דורך די פלשתים־הענט!" [1].

חוץ דער צענטראַלער פיגור, זיינען אין דעם „מלוכת שאול" באַזונדערס געלונגען אייניקע פרויען־געשטאַלטן. קודם־כל — שאולס פרוי אחינועם. אין צאַרטע האַרציקע טענער שילדערט דער דיכטער ניט די קיניגין, נאָר די ליידנדיקע פרוי, וואָס טיילט מיט דעם צער פון איר

1 הַגֵּד כִּי גַם בְּעֵת מוֹתוֹ הָיָה אִישׁ חָיִל
עַל חַרְבּוֹ נָפַל אַךְ הַפְּלִשְׁתִּים בַּל הֲרָגוּהוּ

אומגליקלעכן מאַן. און ווייטער, אין דעם הינטערגרונט באַווייזט זיך דער סילועט פון דער צווייטער ליידנדיקער פרוי — דער יונגער מיכל, וואָס איר האַרץ פאַרבלוטעט אינם שווערן געראַנגל פון צוויי גרויסע ליבעס — צו איר גייסטיק־קראַנקן פאָטער און צו איר געליבטן — דעם שיינעם טאַפּפערן העלד דוד מבית־לחם. פיל אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט אויך יוסף אפרתים שפּראַך און פערזן־בוי. אייניקע שאולס מאָנאָלאָגן קאָנען מיט זייער קראַפטפולער שפּראַך און ווי שטאָל געשליפענע מעכטיקע פערזן זיך פאַרגלייכן מיט משה חיים לוצאַטוס מייסטערהאַפטע סטראָפן. די קאָלאָריט־רייכע און אייגנאַרטיקע נאַכט־סצענע ביי דער מכשפה פון עין־דור איז אַ גאַנץ נייע דערשיינונג אין דער העברעיִשער ליטעראַטור [1], און עס איז געווים אַ גרויסע אבידה פאַר דער דאָזיקער ליטעראַטור, וואָס יוסף אפרתים ערשטלינג־דראַמע איז אויך געווען זיין שוואַנען־ליד. אין דעם פריצייטיקן קבר פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכטער האָט די יונגע נייהעברעיִשע פּאָעזיע איינע פון אירע שענסטע האָפענונגען באַגראָבן... [2].

מיר ווייסן שוין, אַז צו דער זעלבער צייט, ווען עס איז דערשינען טראַפּלאָוויצעס העלדן־דראַמע אויס דער ביבלצייט, זיינען אויך געמאַכט געוואָרן געלונגענע פרווון צו שאַפן פאַמיליענגעמעלדן און לוסטשפילן אויס דעם מאָדערנעם לעבן. די דאָזיקע פרווון האָט מען צו פאַרדאַנקען די רעדאַקטאָרן פונם „המאסף" אייכלן און וואָלפסזאָנען; אָבער ניט אויף העברעיִש זיינען די דאָזיקע „פאַמיליענגעמעלדען" געשריבן געוואָרן, נאָר אין יידיש. מיר האָבן געזען, ווי אייכל און וואָלפסזאָן עטמפן אין זייערע לוסטשפילן ניט בלויז קעגן די אָרטאָדאָקסן און דעם אַלטן לעבנסשטייגער, נאָר אויך קעגן די „פאַלשע" און „אומעכטע" אויפגעקלערטע, וואָס רעכענען „לייכטזין פיר אויפקלערונג אונד איפּפּיקייט פיר פרייהייט". אָבער אויך אין דער העברעיִשער ליטעראַטור זיינען פון פאַרשיידענע זייטן געמאַכט געוואָרן שאַרפע אַטאַקעס אויף די טענדענצן, וואָס האָבן זיך געלאָזט באַמערקן אין דער בערלינער השכלה נאָך מענדעלסזאָנס טויט. דאָס כאַראַקטעריסטישסטע איז דערביי, וואָס די דאָזיקע אָנפאַלן זיינען געמאַכט געוואָרן ניט בלויז פון דעם אָרטאָדאָקסישן לאַגער, נאָר אויך

---

1 וועגן דער דאָזיקער סצענע — זע פאָריקן באַנד, ז' 383.

2 נאָך ביים לעבן פונם מחבר (אין 1801) האָט אַ געוויסער נפתלי הירש ב"ר דוד איבערזעצט דעם „מלוכת שאול" אויף יידיש אונטערן נאָמען „גדולת דוד ומלוכת שאול". די איבערזעצונג איז אַ טאַלענטלאָזע און פאַרקריפּלטע. דאָך האָט זי געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג און אויסגעהאַלטן אייניקע אויפלאַגעס.

מצד אזעלכע, וואס האבן זיך דערקלערט אלס מענדעלסזאנס הייסע פאר־ערער און האבן געפרעדיקט אויפקלערונג און בילדונג.

אין די פאמפלעטן און קאמפשריפטן, מיט וועלכע די ארטאדאקסן זיינען ארויסגעטראטן קעגן די „אויפקלערער", דאמינירט נאטירלעך דער הויפט־מאטיוו: מורא פאר עפעס נייס, פאר אלץ, וואס איז ניט געהייליקט דורך דער מסורה, דורך מנהג אבות. זיי שטעלן אבער צייטנווייז ארויס אויך אנדערע מאטיוון, וואס האבן א קולטור־היסטארישן אינטערעס. טיפיש אין דער הינזיכט איז, א שטייגער, די אנאנימע בראשור „עולם חדש" 1, וואס איז דערשינען אין לאנדאן אין 1789.

דער אנאנימער פארפאסער קלאגט זיך דערויף, וואס אין דער לעצטער צייט האבן זיך געמערט די מינים און אפיקורסים, וואס רופן זיך „היינטוועלטיקע" (עולם חדש); זיי ווילן מבטל זיין אונזער הייליקע תורה, און עס זיינען צווישן זיי פאראן אזעלכע, וואס דערקלערן: משה רבנו איז געווען א געזעצגעבער גלייך מיט אנדערע געזעצגעבער און מלכים, וואס פלעגן ארויסגעבן געזעצן לויט דעם מנהג פון זייערע לענדער. זיי טענהן, דאס גאטס ווילן איז בלויז, אז איין מענטש זאל קיין שלעכטס ניט טאן דעם צווייטן, אבער ענין טריפות, דער פארבאט פון בשר בחלב, תעניתים, ענין חמץ און דעסגלייכן — גייט אים כלל ניט אן. אט די היינטוועלטיקע — קלאגט זיך דער פארפאסער ווייטער — ווארפן פון זיך אראפ דעם עול שמים, זיי איז דערווידער די התנהגות פון אונזערע אבות, זיי זאגן: ס'א מנהג שטות. פארביטן זיי טאקע זייער הלבשה, זייער גאנצע התנהגות, זייער שפראך. זיי ריידן און לייענען רק „גלחות", זיי שעמען זיך מיט אלץ, וואס דערמאנט אין יידישקייט, ווארעם זיי האבן שטארק מורא, טאמער וועט מען חס וחלילה דערקענען, אז זיי זיינען יידן, און דאס קאן דאך זיי שאדן צו דער פרנסה. זיי קריכן ממש אויס דער הויט, אבי גלייך צו זיין צו די אומות העולם. יידיש־ריידן איז ביי זיי די גרעסטע חרפה, זיי טוען ריידן רק בלשון הגויים, א מאל פראנצויזיש — דאס איז ביי זיי די חשובסטע שפראך, א מאל הויך־דייטש. אפילו די קליינינקע קינדער, ווי נאר זיי קאנען טאטע־מאמע זאגן, לערנט מען זיי שוין לשון הגויים און מען דערציט זיי „כמנהג הגויים". דער פארפאסער איז דערביי מוסיף מיט א געוויסן סארקאזם: זייער גאנצער מיין איז, מען זאל ניט דערקענען,

---

3 ח״ל דער „עולם חסוך" איז א יקר־המציאות, ברענגען מיר דא דעם שער־בלאט בשלמות: „זה הקונטרוס נקרא עולם חדש ונקרא עולם חסוך ע״ש מעשי החדשים וההפוכים כמבואר בפנים הנמצאים ונראים בזמננו. ד' יהפוך ויַישר לבבנו לטובה. נדפס בלונדון בשנת לדעת מה יעשה בישראל לפ״ק.

אַז זיי זיינען יידן; עס העלפט אָבער ניט, — מען ווייסט זייער גוט, פון וועמען זיי שטאַמען. זיי ווילן פאַרגעסן, אַז מיר געפינען זיך אין ביטערן גלות און אין גרויסער דערנידעריגונג. זיי פוצן זיך און מאַכן זיך גרויס; זיי האָבן אַלץ, מען וועט זיי צולאָזן צו בכבודיקע שטעלעס, — דאָס זיינען אָבער פוסטע חלומות: אַפילו קיין אָקסן-היטער וועט מען זיי ניט דערלויבן צו ווערן, מען וועט אונז סיי ווי ניט צולאָזן צו קיין שום אַנדערער שטעלע, וואָס קאָן געבן אַביסל פרנסה, מיר מעגן אַפילו זיין אָנגעשטאָפּט מיט חכמה און וויסן. אָט דאָס יאָגן זיך נאָך די נייסטע מאָדעס, דאָס פוצן זיך פון זייערע פרויען מיטן גרעסטן לוקסוס, אָט די הויך-אויפגעטורעמטע באַפּודערטע פּאַריקן אויף די קעפּ — דאָס ברענגט נאָך שטאַרק אויף קעגן אונז די אומות העולם; זיי זאָגן מיט פאַרדרוס, אַז ס׳איז איצט ממש ניט צו דערקענען צווישן אַ ייד און דעם גרעסטן שררה. איר — טענהן זיי — קלאָגט זיך נאָך, אַז איר זייט אין גלות? הלוואי וואָלטן אונזערע קינדער געווען אין אַזאַ גלות [1].

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז ניט בלויז אָרטאָדאָקסן זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן די „היינטוועלטיקע" (עולם חדש), קעגן די בערלינער אויפקלערער, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אַליין געקעמפט פאַר בילדונג און וויסן. אין דער זעלביקער צייט, ווען עס זיינען דערשינען אייכלס און וואָלפסזאָנס סאַטירעס קעגן דער „פאַלשער" און „אונעכטער" אויפקלערונג, האָט דער יונגער נחמן בר שמחה בְּראַש פאַרעפנטלעכט (בערלין, 1796) זיין פלוגשריפט „עין משפט". מיט גרויס התפעלות רעדט ער וועגן מענדעלסזאָנען און זיין חומש-איבערזעצונג. „ער, — דערקלערט בראַש, — האָט אונז די תורה איבערזעצט אויף אַן איידעלער פיינער שפּראַך, בעת מיר האָבן ביז אים גערעדט אויף אַ געמישטן פאַרדאָרבענעם לשון, וואָס האָט אונז געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט. די ביבל איז ביי אונז געווען כספר החתום, ווייל די העברעיִשע שפּראַך און אירע געזעצן האָבן מיר זייער ווייניק פאַרשטאַנען". „גאָט, — רופט בְּראַש אויס מיט פּאַטאָס, — האָט געזאָגט: יהי אור! — און משה (מענדעלסזאָן) איז געוואָרן געבאָרן. ער איז דער פאָטער פון אַלע ביבל-איבערזעצער. ער האָט אונז אין אונזער לעבנס-מדבר דעם ריכטיקן וועג געוויזן". איז אָבער דאָס אומגליק געשען — געשטאָרבן איז משה דער געטלעכער מאַן, און נאָך זיין טויט זיינען די ראשי הַמְדַבְּרים געוואָרן קליינינקע נישטיקע נפשותלעך: זיי פּרעדיקן עס פון אַלע בימהס אַראָפּ, פּרעדיקן הריסת התורה, לעסטערן די הייליקע שריפט און די ווערטער פון די גרויסע נביאים, און טוען

1 דעם אָריגינאַל פון די פאַררעכנדיקע שטעלן — זע בייל אַגן נומ׳ 6.

נאָך דערביי פאַרזיכערן: זאת התורה אשר צוה לנו משה — אַט דאָס איז די לערע, וואָס מענדעלסזאָן האָט אונז געלאָזט בירושה. נאָך משהם טויט האָבן פיל צו בלאָנדזשען אָנגעפאַנגען, זיי האָבן זיך אַרום אהרנען * פאַרזאַמלט; יענער האָט פאַר זיי דעם „עגל״ געשאַפן, און אַלע טאַנצן אַרום דעם נייעם אָפּגאָט. אַט די „פאַרזאַמעלטע״ (אַן אָנשפּילונג אויף די „המאספים״) טוען שטורעמען די מויער, וואָס אונזערע חכמים האָבן דורות לאַנג געבויט; ווי די שעדלעכע פיקסלעך טוען זיי זיך אַריינרייסן דורך אַלע שפּאַלטן, מיט שפּאַט ריידן זיי וועגן די תקנות פון אונזערע חכמים, אַלץ דערקלערן זיי פאַר אָבערגלויבן. זיי פאַרזיכערן, אַז ניט גאָט האָט משה רבנון באַפוילן די געזעצן פון דער תורה — דאָס האָט זיי משה גופא אויסגעטראַכט, און די גאַנצע תורה איז בלויז אַ זאַמלונג פון יידישע מנהגים. זיי זיינען מחלל שבת בפרהסיא, וואַרפן פון זיך אָפּ אַלע מצוות פון דער תורה, טוען פרעסן און זויפן, גייען נאָך אַלע גלוסטונגען פון זייער הארץ, און דאָס אַלץ הייסט ביי זיי: דור דעה ועם נבון וחכם. זיי גרינדן אַלץ חברות, חברות פון פריינדשאַפט און ליבשאַפט **, — די פריינדשאַפט און ברודערשאַפט באַשטייט אָבער בלויז אין דעם: לוסטיק די נעכט צו פאַרברענגען ביי די פולע וויינבעכערס און אומגעשטערט טאָן, וואָס דאָס הארץ געלוסט. און דער פאַרפאַסער רופט אויס מיט פאַרביטערונג: „זע, גאָט, ווי מיר זיינען צו שאַנד געוואָרן! געפאַלן איז די קרוין פון אונזער קאָפּ, נישטאָ מער בן־מנחם, וואָס האָט באַנייט און דערפרישט דעם גייסט פון אונזער פאָלק!״ 1.

קעגן די טענדענצן, וואָס די בערלינער „אויפקלערונג״ האָט אָנגענומען נאָך מענדעלסזאָנס טויט, זיינען אויך אַרויסגעטראָטן די אַנזאָגער פון דער השכלה־תקופה אין ליטע און פוילן, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט באריכות אין די לעצטע קאַפּיטלעך פון דעם פינפטן באַנד.

מיר האָבן שוין פריער געזען 2 אויס וואָסערע מאָטיוון עס האָט אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן מענדעלסזאָנען און דעם מדקדק שלמה דובנא. אין דעם אויבן ציטירטן בריוו ווייזט דובנא בפירוש אָן, אַז אייניקע מיטאַרבעטער, וואָס מענדעלסזאָן האָט צוגעצויגן צו דער תורה־

---

* אַן אָנצוהערעניש אויף אהרן האַלפּסזאָן, וואָס האָט דעמאָלט פאַרעפנט־לעכט זיין „שיחה בארץ החיים״.

** אַן אָנצוהערעניש אויף דער „געזעלשאַפט דער פריינדע״, וואָס יצחק אייכל, אהרן האַלפּסזאָן א״אַנד האָבן געגרינדעט אין יאָנסער 1791 — 1792.

1 די באַטרעפנדיקע ציטאַטן אין אָריגינאַל — זע ביילאַגע — נומ׳ 6.

2 זע אויבן, ז״ז 59—61.

דערקלערונג („ביאור") זיינען ייער חשודע מענטשן, ווייל זיי האבן פון זיך אינגאנצן אפגעווארפן דעם עול פון דער תורה, און אויף זיי איז באמת געזאגט געווארן: סורו נא!

דער אינצידענט מיט שלמה דובנא איז געווען בלויז אן אנזאג פון דעם קאנפליקט, וואס האט געמוזט וואס ווייטער אלץ מער פארשארפט ווערן. ווארעם די טענדענצן, וואס עס האט שוין אנגעמערקט שלמה דובנא — פרײַדענקעריי און דאס עפנטלעכע אפווארפן די ריטועלע געזעצן פון דער תורה און די דורך דער מסורה געהייליקטע מנהגים, האבן אנגענומען נאך מענדעלסאנס טויט נאך באדייטנדיק־בולטערע פארמען. דאס האט געמוזט ארויסרופן א שארפן פראטעסט מצד די אויפקלערונגס־פיאנערן, וואס האבן זיך באוויזן אין ליטע און פוילן אין דער צווייטער העלפט 18טן י"ה. אט די זיינען אויפגעוואקסן אין אן אנדער סאציאלער און קולטורעלער סביבה ווי די בערלינער משכילים, — זיינען ביי זיי נאך פארבליבן אין זייער פולער שטארקייט די ווארצלען, וואס האבן זיי פארבונדן מיט דער אלטער קולטור פון זייער פאלק און מיט דער ירושה פון זייערע אבות. זיי זיינען אויך געווען „אמת־זוכערס", אבער גאנץ שיכטערנע און פרידלעך געשטימטע. פעסט און זיכער זיינען זיי געווען, אז דער אמת, דער ריכ־טיקער אמת, קאן בשום־אופן ניט סותר זיין די קולטורעלע ירושה פון זייער פאלק, די תורה פון זייערע אבות. זיי האבן בלויז געזוכט נייע מיטלען, ווי אזוי דעם אין די הייליקע יידישע ספרים פארבארגענעם אמת צו געפינען, אים דערנעענטערן און פארשטענדלעך מאכן דעם ברייטן עולם, דעם גאנצן פאלק. און זיכער זיינען זיי געווען, אז בכדי דאס צו דערגרייכן, און אין דעם איז באשטאנען זייער אויפקלערערישע ראלע, מוז מען זיך באנוצן מיט וויסן און בילדונג. ניט ארויסרייסן זיך פון דער היימישער און אייגענער סביבה איז געווען זייער באגער, נאר זי ברייטער מאכן, דורכלופטערן, די פעסט פארמאכטע לאדנס אויפמאכן, בכדי עס זאל מער ליכט אריינדרינגען, און די טונקעלע שאטנס פארטרייבן...

מיר האבן שוין אנגעוויזן [1], מיט וואס פאר א פארדרוס איינער פון די דאזיקע קולטור־טרעגער, דער בעל „ספר הברית", האט זיך פאר־האלטן צו די מאטעריאליסטיש־ראציאנאליסטישע אידעען פון זיין צייט.

פנחס הורוויץ, וואס האט געלעבט א לענגערע צייט אין בערלין, האט געהאט די מעגלעכקייט נאענט זיך צו באקענען מיט די ראדיקאל־ראציאנאליסטישע טענדענצן, וואס זיינען אלץ בולטער ארויסגעטראטן אין די אויפקלערערישע קרייזן, און ער טרעט קעגן זיי ארויס מיט

---

1 זע אונזער ווערק, ב' V, 313—314.

א שארבער פאלעמיק אין זיין אין 1797 דערשינענעם „ספר הברית״. מיר האבן שוין געזען [1] מיט וואס פאר א כעס פנחס הורוויץ איז ארויסגעטראטן קעגן דעם פרווו צו דערקלערן „מתן תורה״ אויף א ריין „ראציאנאליסטישן״ אופן און ארויסצושטעלן משה רבנו דעם „אבי הנביאים״ אלס איבערגעשפיצטן, אין נאטורוויסנשאפטן באהבנטן פאליטיקער, וואס האט אויף א גאנץ קונציקן אופן „גענארט דעם גאנצן דור המדבר״. און אזעלכע צארנדיקע בלעטער קעגן די אפיקורסישע „המתפרצים בעם״ געפינען זיך אין א גאנץ ברייטער כאס אין דעם „ספר הברית״. „פילאזאפישע אויבנאויפנדיקע אידעען — קלאגט זיך פנחס הורוויץ — געוועלטיקן איצט איבער פילע מוחות; שטיצנדיק זיך אויף די דאזיקע אידעען, טוען זיי עובר זיין אויף אלע חוקים פון דער תורה; זיי באנוגענען זיך אבער ניט דערמיט, וואס זיי אליין זינדיקן, ווילן זיי נאך זיין די מחטיאי הרבים. עפנטלעך טוען זיי פרעדיקן זייערע אפיקורסישע אידעען, זיי דרוקן און צעשיקן דער יידישער יוגנט זייערע שריפטן, האלטן אין איין לויבן די פילאזאפישע חקירה און די גרויסקייט פון דעם מענטשלעכן שכל. זייער גאנצער מיין איז לצודד נפשות, אריינצונארן די יונגע הערצער אין די נעצן פון אפיקורסות... און אלץ מער וואקסט אין פאלק די צאל פון די דורך דער פארפירערישער שלאנג געביסענע, און די מגפה ווערט אלץ וואס גרעסער... איך קאן ניט צוזען, ווי מען ווענדעט אפ די יוגנט פון דער אמונה און מען נייגט זיך בלויז פארן שכל. ניט צו די אפיקורסים טו איך מיך ווענדן, איך ווייס דאך גאנץ גוט, אז כל באיה לא ישובון, זיי זיינען שוין פארדארטע בלעטער, לעבעדיקע מתים. ניט צו די טויטע טו איך ריידן, נאר צו די קינדער פון דעם פאלק ישראל, וואס האבן זיך נאך ניט געלאזט פארפירן פון די רשעים. זיי טו איך ווארענען, זיי זאלן זיך ניט לאזן איבעררייידן פון די מסיתים און ניט גיין אין זייערע וועגן [2].

ניט מיט ווייניקער רוגז איז ארויסגעטראטן קעגן די ראדיקאל־ראציאנאליסטישע טענדענצן פון די אויפקלערער אויך דער בעל „אור עולם״ און „טל אורות״ יהודה ליב מרגליות. מיר האבן שוין אנגעוויזן, ווי מרגליות דערקלערט [3] אלס „עקלהאפטן ליגן״ די טענה, אז פילאזאפיע און חקירה פירן דעם מענטשן אראפ פון דעם דרך הישר און ברענגען אים צו אפיקורסות. ער באקלאגט זיך אבער אויך אויף

1 דארטן, ז״ס. שס.
2 ספר הברית, 1797, דף 117, עמ׳ א׳.
3 זע אונזער ווערק, ב׳ V, 304.

דעם „קלקול הדורות" און ווייזט אָן, אז ס'האָבן זיך ביי אונז געמערט די „מתפרצים", וואָס וואַרפן פון זיך אראָפּ רעליגיעזע פאַרבאָטן אויס אויסגעלאַסנקייט און הפקרות, זיי פאַרזיכערן אָבער דערביי, אז זיי טוען דאָס, ווייל — חכמים אנחנו בלמוד הפילוסופיה, עס האָבן זיי די פילאָזאָפישע אידעען אויפגעקלערט און די אויגן געעפנט [1].

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט מרגליותעס פּאָלעמיש ווערק „עצי עדן", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1802. מרגליות טרעט דאָ ארויס קעגן דעם אָנערקענטן באַגרינדער און וועגפירער פון דער בערלינער השכלה — קעגן משה מענדעלסזאָן און זיין גרונדווערק „יערוזאַלעם" [2]. מרגליות קאָן בשום אופן ניט מסכים זיין מיט מענדעלסזאָנס גרונדטעזיס, אז תורת משה טוט ניט באַפעלן, מען זאָל גלויבן אין די אָדער יענע דאָגמען, זי באַפעלט בלויז צו דערפילן די געזעצן און געבאָטן, וואָס דערהייבן דאָס מענטשלעכע לעבן און ברענגען צום צייטלעכן און אייביקן גליק. מרגליות ברענגט דערביי ראיות, וואָס דאַרפן באַווייזן, אז אויך אין דער יידישער אמונה זיינען פאַראַן געזעצן, וואָס פאָדערן ניט בלויז טאָן, נאָר אויך גלויבן. באַזונדערס שאַרף טרעט ער ארויס קעגן מענדעלסזאָנס טעזיס, אז דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט א געטלעך-אנטפּלעקטע געזעצגעבונג, אָבער ניט קיין רעליגיעזע אָפּעבאַרונג, און די „אייביקע אמתן" נייטיקן זיך פאַקטיש ניט, זיי זאָלן באַשטעטיקט ווערן דורך נסים ונפלאות, באשר זיי זיינען „פערנונפטגעזעצן", וואָס שטיצן זיך אויפן מענטשלעכן שכל. מרגליות קאָן בשום אופן ניט מסכים זיין מיט מענדעלסזאָנס פּרווו ארויסצושטעלן אין גלויבנספראַגן אלס העכסטע אינסטאַנץ דעם מענטשלעכן קריטישן שכל און צו באַגרינדן אויף א ריין ראַציאָנאַליסטישן אופן די נייטיקייט און „פאַרנינפטיקייט" פון דעם יידישן ריטוס. „ווי אזוי — פרעגט מרגליות — איז עס, אשטייגער, מעגלעך צו דערקלערן אויף א ראַציאָנאַליסטישן אופן, אז דערמיט, וואָס דער כהן באַשפּריצט זיך און דעם מזבח מיטן בלוט פונם קרבן, ווערט דערוועקט די שפע פון קדושה?" (מה שהכהן מלכלך עצמו והמזבח בדם הכבש גורם השפעת קדושה). מרגליות איז פעסט איבערצייגט, אז אין תורת משה זיינען צונויפגעפלאָכטן געזעצן און באַפעלן, וואָס רעגולירן אי דעם מענטשנס אקטיוו טאָן, אי זיינע גלויבונגען. דער רעליגיעזער ריטוס און קולט-צערעמאָניאַל איז ענג

---

1 טל אורות, 1843, 61

2 אן אינטערעסאַנטער פּרט: מרגליות חייזס, אגב, אָן, אז ער האָט אויך געהאַלטן א ספּעציעלע דרשה, וו ער האָט פּאָלעמיזירט קעגן די טעזיסן פון מענדעלסזאָנס „יערוזאַלעם".

פארבונדן ניט בלויז מיט דעם נאָרמירן דעם מענטשנס האנדלונגען און אויפפירונג, נאָר אויך מיט זיינע גלויבנס־דאָגמען.

ווי שלמה מיימון אין זיין „לעבענסגעשיכטע״ 1, אזוי קריטיקירט אויך מרגליות מענדעלסזאָנס טעזיס וועגן דער קאָמפּעטענץ פון א רעלי־גיעזן קיבוץ. אמת, דערקלערט מרגליות, דער שטאָאט דאַרף זיך האַלטן ביים פּרינציפּ פון פולשטענדיקער געוויסנספרייהייט, אָבער פּונקט ווי די מלוכה האָט דאָס רעכט צו פאָדערן, אז זיינע בירגער זאָלן דערפילן אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַר טובת הכלל, אזוי דאַרף אויך דער רעלי־גיעזער געמיינדע געגעבן ווערן דאָס רעכט צו פאָדערן פון אירע מיטגלי־דער, אז זיי טאָרן ניט עובר זיין בפרהסיא אויף די דינים פון דער רעליגיע און אָפּוואַרפן דעם פעסטגעזעצטן רעליגיעזן קולט. איז דער ייד א מיט־גליד פון א רעליגיעזער קהילה — באַהויפּט מרגליות — האָט ער ניט דאָס רעכט עפנטלעך עובר צו זיין אויף אירע רעליגיעזע געזעצן און דאָגמען.

ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס מרגליות האַלט פאַר נייטיק אונטער־צושטרייכן, אז ער גרענעצט אָפּ מענדעלסזאָנען אלס פערזענלעכקייט פון די טענדענצן, וואָס ווערן אזוי בולט דורכגעפירט אין זיין „ירושלים״. מרגליות ווייסט זייער גוט וועגן מענדעלסזאָנס „קרע שבלב״, ער ווייסט, אז מענדעלסזאָן דער ראַציאָנאַליסט בלייבט דאָך „שטאָקיודע״, וואָס געפינט, אז די „געזעצן, פאָרשריפטן, געבאָטן און לעבענסרעגעלן״ פון תורת משה דאַרפן בלייבן אומפאַרענדערלעך און זיינען חל אויף אייביקע צייטן אויף יעדן מיטגליד פון דעם יידישן פאָלק. און מרגליות ווייזט טאַקע דערביי אָן, אז ער האָט פערזענלעך געקענט מענדעלסזאָנען און ווייסט, אז יענער האָט זיך ניט אָפּגעוואָרפן דעם עול פון די מצוות 2; נאָר די ראַציאָנאַליסטישע אידעען, וואָס מענדעלסזאָן האָט אַרויסגעזאָגט, זיי — באַרויכערט מרגליות — האָבן אונטערגעגראָבן דעם גלויבן ביי זיינע נאָכפאָלגער.

מרגליות האָט געשריבן זיין „עצי עדן״, בעת ער האָט שוין געוווינט אין פראַנקפורט ד׳אָדער, און ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט גאַנץ נאָענט זיך צו באַקענען מיט די נייע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן צום סוף 18טן י״ה אין די פּראָגרעסיווע קרייזן פון די יידן אין פּרייסן. ער האָט מיט אייגענע אויגן געקאָנט צוזען, ווי אזוי די אויפקלערונגס־

---

1 זע אייבן ז״ז 163 — 165.

2 עצי עדן, 7: אלו לא ידעתיו בחייו גם אני, הייתי חושדו שעיקר האמונה היתה רפויה בידו

באוועגונג און דער קאמף פאר רעפארם און גלייכבארעכטיקונג האבן זיך צונויפגעפלאכטן מיט דער שמד־עפידעמיע, וואס איז דעמאלט געוואקסן מיט אימהדיקער געשווינדקייט אין די גרעסערע פרייסישע קהילות. „עס האלט אין איין וואקסן — קלאגט זיך מרגליות — די צאל פון די, וואס טרינקען מיט דורשט די ביי די אומות העולם איינגעצוויגענע פילאזא־פישע אידעען, מיט זיי פארברענגען זיי זייער גאנצע צייט, און דעם עול פון דער תורה טוען זיי אינגאנצן אפווארפן. און פרווט איר איינעם פון זיי שטראפן מיט אייערע רייד, פארוואס ער טוט די תורה פארלאזן, ענטפערט ער אייך מיט שטאלץ: איך פארנעם מיך מיט דעם וויכטיקסטן, וואס עס קאן נאר געבן — מיט גאט־דערפארשונג (חקירות אלקות). איך טו דאך דערמיט מקיים זיין דאס גרויסע געבאט: „דע את אלקי אביך ועבדהו!" 1 — דארפסט וויסן גאט דיין פאטער און אים דינען.

און מרגליות גיט דערביי א אין קולטור־היסטארישער הינזיכט אינטערעסאנט בילד, ווי אזוי עס איז אין זיין סביבה פארגעקומען דער אויפקלערונגס־פראצעס ביי פיל פון דער שטודירנדיקער יידישער יוגנט.

די, — דערציילט מרגליות, — וואס האבן געוואלט זיך ארויסרייסן פון די ענגע ד' אמות און געשטרעבט צו אייראפעישער בילדונג, זיינען אין דער התחלה געקומען מיט אזעלכע טענות: אונז איז זייער טייער אונזער תורה, אבער — טוב תורה עם דרך ארץ! דארט שטייט דאך געשריבן: רק עם חכם ונבון הגוי הזה, מיר אבער אין אונזער דור זיינען בלויז פון וועלכן ס'איז וויסן, מיר ריידן בלעגי שפה — אויף א פארדארבענער שפראך; מיט ביטול קוקן די ארומיקע פעלקער אויף אונז, ווי אויף ווילדע מענטשן; און דווקא אין אונזער דור זעען מיר דאך, ווי פיל פון אונזערע שכנים ווילן מיט אונז לעבן אין פרידן און פרוון זיך פארהאלטן צו אונז מיט ליבשאפט. פארוואס זשע זאלן מיר מיט אונזער אומוויסן צעשטערן דעם בונד און מאכן אונז פארהאסט ביי די אומות העולם?

ווי נאר אבער — דערציילט ווייטער מרגליות — זיי האבן זיך אנגעשמעקט מיט די היינטיקע פילאזאפישע אידעען, איז ביי זיי גלייך אפגעשוואכט געווארן דער פארבאנד מיט דער אמונה פון די אבות; אפגעווארפן האבן זיי פון זיך אלע מצוות און געבאטן, און פון מנהג אבות ווילן זיי ניט וויסן. מער פון אלעם האבן זיי מורא, מען זאל זיי ניט האלטן פאר אפגעשטאנענע און ניט גענוג אויפגעקלערטע. טוען זיי אלץ, בכדי צו דערווייזן, אז דער עץ הדעת האט זיי די אויגן

1 עצי עדן, 1802, 15.

געעפנט, איינגעדרונגען זיינען זיי אין די טויערן פון חכמה, און אדאנק דעם ליכט פון וויסן האבן זיי זיך איבערצייגט, כי שקר נחלו אבותינו — פאלש איז די לערע, וואס מיר האבן באקומען בירושה, און אפגעווארפן דארף ווערן דער שווערער עול פון מסורה... און זיי טוען נאך אפן פרע־דיקן זייערע זינדיקע אידעען, זיי ווילן וואס מער מענטשן פאנגען אין זייערע נעצן, דאס גאנצע פאלק ווילן זיי פארפירן, עס זאל גיין אין זייערע דרכים... 1. „ביטער — רופט אוים מרגליות — קלאגט מיין הארץ, ווען איך טו מיך דערמאנען, ווי פיל פון מיין פאלק זיינען פאר־לארן געגאנגען!״ (לבי כחללים והמה על חללי בת עמי).

מרגליות שטעלט זיך דערביי באזונדערס אפ אויף איין אויסלענ־דישן שריפטשטעלער, וועלכער האט, לויט זיין מיינונג, געהאט א באזונ־דערם שעדלעכע ווירקונג אויף דער יידישער יוגנט פון זיין דור. דער בעל „עצי עדן״ רופט, אמת, דעם דאזיקן שריפטשטעלער ניט אן ביים נאמען, עס איז אבער ניט שווער זיך אנצושטויסן, אז עס ווערט דא געמיינט ניט קיין אנדערער, ווי וואלטער.

„באזונדערס שנעל — שטרייכט מרגליות אונטער — דערווייטערן זיך פון דער אמונה די, וואס האבן איינגעזאפט אין זיך דעם שלאנגען־גיפט פון דעם באוווסטן אפיקורס, וואס האט געלעבט „בארץ לועז״. ער איז געווען דער ראש המדברים, וואס האט איבער דער גאנצער וועלט פארשפרייט זיינע שעדלעכע געדאנקען. מיט חוצפה איז ער ארויס־געטראטן און באשפאט אלע אמונות, איבעראל האט ער פארזייט זיין גיפטיקן זאמען. געוואלדיק גרוים איז די צאל פון די, וואס ער האט פארפירט מיט זיינע ווערק ביי זיין לעבן און אויך נאך זיין טויט... אלע אמונות פון אייראפע האט ער געמאכט פארן צילשייב פון זיין האס, האט זיי באגאסן מיט זיין גאליקן שפאט, געוואלט זיי צעשמעטערן און צעשטערן...״ 2.

בעת פנחס הורוויץ, מרגליות און זייערע מיטהעלפער האבן געפירט א קאמף קעגן די „אפיקורסישע״ שטרעמונגען, האבן די אידעען

---

1 עצי עדן, 15—16.

2 דארטן, 16: וביחוד מי שיניק ראש פתנים מן המין הידוע שהיה בארץ לועז, אשר פרע דעתו לשמצה... ובראש כל המדברים בצוואר עתק ללעוג על הדתות עלתה צחנתו כי הגדיל לעשות. ביצי צפעוני בקע, האוכל מביציהם ימות; בספרו נוקשו ונלכדו בו רבים אשר המית במותו ובחייו. כגן עדן היתה הארץ לפניו ואחריו מדבר שממה... כי בשאט נפש לקח כל הדתות אשר באיראפיע וקבצם כעמיר גורנה, גורן האטד אשר לו, לדושם את הקוצים ואת הברקנים כהדוש מתבן במו מדמינה ולכשאת אותם משרשיהם...

פון דער „בערלינער השכלה" ביסלעכווייז, אין קוים באַמערקלעכע דינינקע שנורן, אַנגעהויבן אריינצודרינגען אין די ליטוויש־פּוילישע פּראָווינצן 1, וואָס זיינען אָקאָרשט נאָך דער פּוילן־צעטיילונג אַרונטער אונטער דער מאַכט פון דעם צאַרישן רוסלאַנד. טיפּיש איז אין דער הינזיכט דער אין ווייסרוסישן שטעטל קרעסלאַווקע פּראַקטיצירנדיקער אַרצט יעקב אליהו פראַנק, וואָס האָט באַקומען מעדיצינישע בילדונג אין דייטש־לאַנד. אין זיין מעמאָראַנדום 2, „ווי קאָן אַ ייד ווערן אַ געטרייער און נוצלעכער בירגער", וואָס ער האָט אין 1800 דערלאַנגט דערזשאַווינען, דערקלערט דער דאָזיקער אויף דער בערלינער השכלה אויפגעצויגענער דאָקטאָר די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער יידישער אמונה אויף אַזאַ נאַיוו „ראַציאָנאַליסטישן" אופן: די יידישע אמונה האָט אין איר בראשית־דיקער ריינקייט זיך געשטיצט אויפן פשוטן דעיזם און אויף די פּאָדע־רונגען פון ריינער מאָראַל. די שפּעטערדיקע לערער פונם יידישן פאָלק, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען געווען בעלי חלומות, ד"ה פאַרפירטע באַטריגער, און דער אַנדערער טייל — פשוטע באַטריגער, — זיי האָבן אַנטשטעלט און פאַרקריפּלט דעם אמתן גייסט פון דער יידישער לערע דורך מיסטיש־תלמודישע פירושים צום ביבלישן טעקסט. זיי האָבן עס פאַרטונקלט די באַגריפן פון אמת און ניט־אמת. אַנשטאַט פּראַק־טישע, לעבנסנוצלעכע מדות טובות, האָבן זיי איינגעפירט אומגעלומ־פערטע, נאַרישע תפילות און גייסטלאָזע און זינלאָזע תקנות. אויס פערזענלעכע חשבונות און קליינלעכער טובת־הנאה האָבן זיי געפירט דאָס פאַרבלענדעטע פאָלק, דורך דעם געהייליקטן חשכות פון אָבער־גלויבן, וווּהין זיי האָבן געוואָלט...

דער דאָקטאָר פראַנק איז אָבער ניט געווען איינער. ער האָט געפונען געזינונגס־חברים צווישן די מיטגלידער פון דעם שקלאָווער קרייז, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע צווישן די השכלה־פּיאָנערן אין ליטע און ווייסרוסלאַנד 3. מיר האָבן שוין אין דעם פינפטן באַנד אָנגע־וויזן, וואָס פאַר אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער שקלאָוו איז געווען זינט דעם לעצטן פערטל פונם 18טן י"ה, נאָכדעם ווי די גאַנצע געגנט איז ביי דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן אַריבער צו רוסלאַנד. יידישע

---

1 די ערשטע יאָרגענג המאסף (1785—8) האָבן געהאַט פאָלגנדיקע אַבאָנענטן אין פּוילן און ליטע. אין ווילנע: יוסף אֶליַהס (2 עקזעמפּל.), יעקב לובשיץ הרופא, מיכל גאָרדאָן, שמעיה בערלין; אין שקלאָוו: יושע בר' רוויזס; אין לובלין: יעקב בן נפתלי; אין וואַרשע: שמעון האָללענדער.

2 פאַרעפנטלעכט ביי י. איס. העססען אין זיין 48—446, Евреи в России.

3 זע אונזער ווערק ב' V, 332 — 336.

רייכע שקלאָווער סוחרים האָבן געהאַנדלט מיט מאָסקווע, פּעטער־בורג און אַנדערע ווייטע רוסישע צענטרען. אייניקע פון די דאָזיקע סוחרים האָבן פאַרבונדן געשעפטלעכע באַציִונגען מיט גרויסע רוסישע שׂררות, ווי, צום ביישפּיל, דער שוין פריער דערמאָנטער יהושע צייטלין און נתן־נטע נאָטקין זיינען געווען חשובים ביים באַוווּסטן פּאָטיאָמקינען און אַדאַנק אים זיינען זיי געוואָרן גרויס־ליפעראַנטן ביי דער רוסישער אַרמיי. די דאָזיקע פאַרבינדונגען האָבן געבראַכט דערצו, וואָס שוין צום סוף 18טן י״ה האָט אין פּעטערבורג זיך געבילדעט אַ קליינע קאָלאָניע פון שקלאָווער אויסוואַנדערער. פילזאָגנדיק איז שוין פאָלגנדיקער פּרט: פון ניַין פּערזאָן, וואָס האָבן אין 1800 אין פּעטערבורג געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דער קירכלעכער פאַרוואַלטונג פון דער דייטשער אַרטיקער קאָלאָניע וועגן אָפּטרעטן אַ באַשטימטן פּלאַץ פאַר אַ יידישן בית־עלמין, ווערט ביי פינף בפירוש אָנגעוויזן, אַז זיי זיינען אויס שקלאָוו געקומענע 1. נאָך אין די לעצטע יאָרן פון יעקאַטערינאַ דער צווייטערס רעגירונג האָט זיך אין פּעטערבורג באַזעצט יהושע צייטלינס איידעם אברהם פּרץ, אַ רייכער ליפעראַנט און מוכסן („אָטקופּשטשיק״), וואָס האָט געפירט נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט ספּעראַנסקין, קאַנקרינען און אַנדערע רוסישע שׂררות. פאַר אַ דערציִער פון זיין זון האָט פּרץ איינגעלאַדן צו זיך קיין פּעטערבורג דעם באַוווּסטן השׂכּלה־פּיאָנער מענדל לעפין. צוזאַמען מיט פּרצן איז פון שקלאָוו אַריבערגעפאָרן קיין פּעטערבורג זיין גוטער פריינד יהודה ליב נעוואַכאָוויטש 2 און דער שוין אויבנדערמאָנטער רייכער ליפעראַנט נתן נטע שקלאָווער. אין פּעטערבורג האָט אויך דעמאָלט געלעבט דער מעדיצין־דאָקטאָר זאַלעמאַן און דער אייראָפּעיִש־געבילדע־טער עטינגער 3.

אַט אַזוי האָט זיך אין פּעטערבורג געבילדעט אַ קליינע יידישע קאָלאָניע, וואָס קאָן אין געוויסער הינזיכט באַטראַכט ווערן ווי אַ „זעיר אנפּין״ פון דער בערלינער קהילה. די ראָלע פון די בערלינער נעגאָציאַנטן און פינאַנסיסטן האָבן אין פּעטערבורג געשפּילט אַזוינע רייכע מוכסנים און ליפעראַנטן, ווי פּרץ און נאָטקין. רייך און אונטערנעמעריש, האָבן זיי געפירט באַקאַנטשאַפט מיט די אָנגעזעענסטע שיכטן פון דער קריסט־

---

1 Л. О. Гордон, К исторіи поселенія евреев в Петербургѣ (Восх. 1881, II).

2 אַ געבאָרענער אויס לעטיטשוב אין 1776. ער פלעגט זיך דערמאָנען: יהודה ליב בן נח מלעטיטשוב

3 זאַלעמאַן און עטינגער זיינען פאַ־צייכנט צווישן די אַבאָנענטן אויף ד׳עם „המאסף״ פאַרן יאָר 1809.

לעכער געזעלשאַפט. אויפגעצויגן אויף דער ליטעראַטור פון די בערלינער „אויפקלערער", קומענדיק אין טעגלעכן באַריר מיטן רוסישן אדל און אַנגעזעענע באַאַמטע, האָבן די דאָזיקע אייראָפּעיִש־געבילדעטע כוחרים אויך אַזוי שמערצלעך, ווי זייערע מיטברידער אין בערלין, געפילט ניט בלויז די סאָציאַל־רעכטלעכע אונטערדריקטקייט פון דעם יידישן פאָלק, נאָר אויך דעם ביטול און קאַלטע פאַראַכטונג, מיט וועלכע עס פאַרהאַלט זיך די קריסטלעכע געזעלשאַפט שוין צום נאָמען ייד אַליין. און דאָס דאָזיקע פאַרביטערונגס־געפיל האָט טאַקע באַלד באַקומען זיין ליטעראַרישן תיקון, געפונען זיין פולן אויסדרוק אַדאַנק דעם אויבנדערמאָנטן יהודה ליב נעוואַכאָוויטש.

אין 1803, ווען עס איז לויט דעם קיסרס באַפעל געגרינדעט געוואָרן דער קאָמיטעט מיט דער אויפגאַבע צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן רעגולירן די יידישע עקאָנאָמיש־רעכטלעכע לאַגע, זיינען צו דעם צוועק אַהין איינגעלאַדן געוואָרן ספּעציעלע דעפּוטאַטן פון פאַרשיידענע יידישע קהילות. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דער קליינער אָרטיקער יידישער קאָלאָניע. ווי דער „טאָלעראַנץ־עדיקט" פון יאָזעף דעם צווייטן האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע התפּעלות ביי די בערלינער „אויפקלערער", אַזוי האָבן אויך די פּעטערבורגער משכּילים געגלויבט ביז אין די הימלען אַלכּסנדר דעם ערשטנס באַפעל און באַגריסט אים ווי דעם באַפרייער און דערלייזער פון דעם יידישן פאָלק. בעת די יידישע דעפּוטאַטן זיינען זיך צונויפגעפאָרן קיין פּעטערבורג און דער קאָמיטעט האָט אָנגעפאַנגען זיינע זיצונגען, האָט נעוואַכאָוויטש פאַרעפנטלעכט (אין 1803) זיין רוסישע, דעם מיניסטער פון אינערן קאָטשובײ געווידמעטע פלוגשריפט „Вопль дщери Iудейской", די ערשטע רוסישע שריפט, פון אַ יידישער האַנט געשריבן. אין אַ יאָר אַרום (1804) האָט נעוואַכאָוויטש איבערגעדרוקט זיין ווערק אין שקלאָוו אין העברעיִשער איבערזעצונג אונטער דעם טיטול: קול שועת בת יהודה, והיא מליצה ישרה עבור עם יהודה, להסיר ממנו תלונות העמים [1].

ניט געקוקט דערויף, וואָס דער רוסישער טעקסט איז דערשינען פאַרן העברעיִשן, איז אָבער אויסער ספק, אַז אייניקע טיילן, ווי, אַשטייגער, דער „מאמר שנאת הדתות ואמת ושלום", זיינען לכתחילה געשריבן געוועזן אין העברעיִש. אין דעם העברעיִשן סטיל פון „קול שועת בת יהודה", ווי אויך אין דעם פאַרפאַסערס גאַנצן וועלט־באַנעם פילט זיך שטאַרק די השפּעה פון די בעלי „המאספים". אין דער פאָררעדע צו

1 דאָס ווערק איז איבערגעדרוקט אין „העבר". II, (1918).

דער העברעישער איבערזעצונג, ווי אויך אין דעם ווערק גופא רעדט דער פארפאסער מיט גרויס התפעלות וועגן דעם 18טן „סעקוליום" (יארהונדערט), ווי וועגן א „דור דעה לא היה כמוהו בעמים מיום היות האדם על הארץ", א „דור פון וויסן, פון מענטשנליבע, פון דעמאקראטישער עניוות, וועגן שטארקע און מעכטיקע הערן געלאסן אויס דעם אמת אויס דעם מויל פון קליינע און נישטיקע, א דור, וואס זיין גלייכן איז אין דער געשיכטע נית צו געפינען, א דור, אין וועלכן עס האט הויך אויפגעשיינט דער שטערן פון רוסלאנד, וואס האט מיך, בת יהודה, פאר א טאכטער אויפגענומען" [1]. אין דעם אויבן-דערמאנטן „מאמר שנאת הדתות" ווערט פארגעשטעלט, ווי די „שנאת הדת" ווערט מיט שפאט פארטריבן אויס אייראפע, דארט טוען איצט געוועלטיקן רק פרידן און גערעכטיקייט, און איבערגליקלעך טוען אונטער זייער שוץ פארוויילן אלע פעלקער ברידערלעך צוזאמען. און אלס איינעם פון די גלענצנדיקסטע אנזאגער וועגן דער התחלה פון דער דאזיקער ליכטיקער תקופה זעט נעוואכאוויטש אין אלכסנדרס באפעל צו גרינדן דעם אויבן-דערמאנטן „קאמיטעט", וואס זעט לויט נעוואכאוויצעס פעסטער איבערצייגונג זיך פארנעמען „מיט אויסבעסערן די לאגע פון די אומגליקלעכע יידן און דערהויבן זיי צו די הויכע שטאפלען פון גליק און וווילשטאנד" (לדרוש בשלום היהודים הנדחים, להטיב מעמדם ולהעמידם על במתי האושר וההצלחה). און מיט פאטאס רופט אויס דער פארפאסער: ווער קאן דערציילן, ווער באשרייבן די אלע טובות, וואס דאס דאזיקע קיניגריין (רוסלאנד) האט מיט אונז געטאן, זיין גרויסע מילדקייט צו די פארוואגלטע יידן. די אלע גענאדן זיינען טיף איינגעקריצט אין מיין הארץ, איך וועל אין זיי קיין מאל נית פארגעסן, איך וועל שטענדיק לויבן די קינדער פון רוסלאנד און הויך וועל איך מיין שטים דערהויבן וועגן זייער גערעכטיקייט אלע אנדערע פעלקער צו דערציילן" [2].

און מיט שטאלץ ווענדעט זיך דער פארפאסער צו די „אויסלענדער" (чужеземцы): „און איר, גאוועהדיקע און קנאה-פולע אויסלענדער, וואס איר שטאלצירט מיט אייער בילדונג, איר זייט טאקע באדייטנדיק פריער אריינגעטראטן אין די טויערן פון וויסן, ווי די רוסן, און דאך האבן יענע אייך איבערגעיאגט אין טאלעראנץ און מענטשן-ליבע... איר, וואס באריםט אייך מיט אייערע פרייהייטן, מיט אייערע רעפובליקן — קומט אהער צו

1 קול שועת בת יהודה, A, 11.

2 דארסן, 34.

די מיט שניי באַדעקטע פעלדער און לערנט ערשט קענען אמתע מענטשנליבע [1]...

דער פאַרפאַסער פון „קול שועת בת יהודה" פרוווט חלומען אויף דער וואָך, דאָס געוווּנטשענע באַטראַכט ער שוין אַלס געשעען און פאַרווירקלעכט. ער שילדערט, ווי דער ייִד, וואָס איז אומעטום געווען צו שפּאָט און צו געלעכטער און איז ווי אַ שפּריי דורכן שטראָם געשלײדערט געוואָרן פון לאַנד צו לאַנד, האָט ענדלעך געפונען רו אויף די רוסישע ברעגן. דאָרט האָט פאַר אים אויפגעשיינט די זון פון רחמים, דער צוויי־קעפּיקער אָדלער טוט מיט ליבע איבער אים זיינע פליגלען פאַרשפּרייטן. פאַרגעסן איז דער פאַרעכטלעכער נאָמען „זשיד", און מיט גרויס אַכטונג ווערט ער העברעער גענאַנט. פריי לאָזט מען אים זיך באַזעצן אין לאַנד, גלייך איז ער געשטעלט מיט אַלע אַנדערע פעלקער [2]...

נעוואַכאָוויטש איז אָבער כלל ניט געווען קיין „טרוימער פונם געטאָ", נאָר אַ רעאַלער געשעפטסמאַן, וואָס האָט געלעבט די לעצטע יאָרן אין דער אויסשליסלעכער סביבה פון די „ליבעפולע ראָססן"; און ער האָט זייער גוט געוווּסט, ווי ווייט עס האַלט נאָך דאָרט פון „טאָלעראַנטע" און „פריינדלעכע" באַציִונגען צו יידן... ווענדעט ער זיך טאַקע דערפאַר צו די „בני רוסיא האהובים" מיט אַ הכנעהדיק געבעט, זיי זאָלן פאַרנעמען דעם „ביטערן געשריי" פון דער אומגליקלעכער „בת יהודה": צו אייך, איר בני רוסיא אוהבי האדם, וואָס ליבט פרידן און שטרעבט צו טאָלעראַנץ, צו אייך טו איך רופן, פאַר אייך טו איך מיין פאַרביטערט הארץ אויסגיסן! פאַרוואָס זיינען די יידן אַזוי געשענדעט און פאַראַכטעט? פאַר וואָס דערוועקט דער נאָמען ייד צאָרן און שנאה? איך בין געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט ביי די פעלקער, מען טוט מיט מיר קליינע קינדער שרעקן... אוי! איר קריסטן, איר זייט באַרימט מיט אייערע מדות רחמים און חסד! האָט אויף אונז רחמנות, קערט אום אייערע איידעלע הערצער צו אונז! [3] פאַר וואָס זיינען מיר ביי אייך אַזוי פאַרהאַסט? וואָס וועט איר דען געווינען, ווען מיר וועלן, בכדי פונם לעבן צו געניסן, פאַרלאָזן דעם דת פון אונזערע אבות? צי האָט איר דען ניט געהערט וועגן די ווערטער, מיט וועלכע משה מענדעלסזאָן, אונזער באַרימטער שריפטשטעלער, האָט זיך אין זיין „יערוזאַלעם" געווענדעט צו זיינע קריסטלעכע מיטבירגער: „מיר קאָנען דאָך ניט

---

1 קול שועת בת יהודה 7, 32—33, 35; רוסישער טעקסט, 60, 63.

2 דאָרטן, 34.

3 O христіане, имѣйте к нам жалость! обратите к нам нѣжныя сердца ваши!

מיטן פולן הארצן פארלאָזן אונזער אמונה, — וואָס־זשע וועט אייך אַרויס־קומען, אַז איר וועט מערן צווישן אייך ניט־גלויביקע ברידער״? [1]...

פאַר וואָס טוט איר אַזוי שענדן דאָס הויז ישראל? פאַר וואָס פאַרטרייבט איר אים אויס אייערע הערצער?...

ווי שטאָלץ וואָלט איך געווען, ווען איר זאָלט מיך „ברודער״ און „מיטבירגער״ רופן! טייערע קינדער פון צפון־לאַנד! זעט, ווי אייערע רעכטליבנדיקע מלכים טוען אייך לערנען, אַז איר דאַרפט לעבן אין פרידן מיט אַלע פעלקער, וואָס וווינען מיט אייך צוזאַמען, — דערפילט־זשע זייער ווילן... אין דער צייט, ווען אַלע פעלקער פון אייראָפּע האָבן געשלאָסן צווישן זיך פרידן און ברידערלעכקייט, בלייבט דאָס הויז ישראל צו שפּאָט און צו געלעכטער. ווער קאָן באַשרייבן דעם דאָזיקן פּיין! ווער קאָן דערציילן דעם צער פון דעם מענטשן, וואָס ווערט פון אַלעמען פאַראַכטעט? ווען אַלע דונערשטימען פון דעם געוואַלדיקסטן שטורעם און דעם דערצאָרנטן ברומעדיקן ים זאָלן זיך צונויפגיסן מיט די וויי־געשרייען פון דעם אומגליקלעכן געשענדעטן מאַן, וואָלטן ערשט דעמאָלט אפשר די מענטשן געקענט האָבן אַ באַגריף וועגן דעם שמאַרציקן ווייטאָג פון זיין נשמה!... שטאַרק פאַרביטערט איז מיין האַרץ, און רחמים טו איך בעטן!״ [2].

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס נעוואַכאַוויטש טוט כמעט ווי ניט באַמערקן די קאַטאַסטראָפאַלע נויט און עקאָנאָמישע רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין „תחום״; ער, דער געבילדעטער אינטע־ליגענט, טוט דער עיקר קלאָגן דערויף, וואָס ער „ווערט דערווייטערט פון זיינע מיטבירגערס הערצער״ [3], בעת ער איז דאָך אַזוי שטאָלץ, וואָס „ער קאָן די ראַססן רופן: מיטבירגער״... טוט ער דערפאַר הכנעהדיק אויסגיסן זיין ביטער האַרץ פאַר די „געליבטע ראַססיאַנעס״, און „מענטשנליבנדיקע ראַססן״; ער בעט „לייטזעליקייט מצד די געביל־דעטע מענער, מיט טרערן טוט ער ביי זיי בעטן גוטוויליקייט״ [4].

אָט אַזוי ווערט דער „קול שועת בת יהודה״ פּאַקטיש מגולגל אין אַ „וויי־געשריי״ פון אַ אינטעליגענטן „בן יהודה״, וואָס טוט הכנעהדיק בעטן ביי די „איידעלע ראַססן״, זיי זאָלן אָפּוואַרפן די אַלטע פאָראורטיילן,

---

1 Вопль дщери Іудейской, 10, 12, 16.

2 דאָרטן, 19, 27.

3 Отвергаем от сердец соотчичей.

4 Токмо благосклоннаго вниманія людей просвѣщенных, со слезами прошу их благоволенія.

צו ווענדן זייערע „צאַרטע הערצער“ צו די געבילדעטע מיטבירגער פון יידישן גלויבן און זיי בריטווויליק אויפנעמען אין זייער געזעלשאַפט.

די „געליבטע ראַסטן“ זיינען אָבער געבליבן טויב צום „וויי-געשריי“ פון „בת יהודה“. דער אין 1804 מיט דער באַשטעטיקונג פון דעם „מלך חסד“ און „דערלייזער“ [1] אַלכסנדר דעם ערשטן פאַרעפנטלעכטער „סטאַטוט וועגן יידן“ האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט אַלס באַפרייונגס-קאַרטיע, נאָר אַלס שטראָף-קאָדעקס, אַלס קאַרטיע פון רעכטלאָזיקייט, וואָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די נויט און דחקות פון דער יידישער באַפעלקערונג. דעמאָלט האָט דער פאַרפאַסער פון „קול שועת בת יהודה“ פאַרגעסן אין די פון אים גופא ציטירטע מענדעלסאָנס ווערטער; פון יהודה ליב בן נח איז ער מגולגל געוואָרן אין לעוו ניקאָלאַיעוויטש נעוואַכאָוויטש, און צוזאַמען מיט זיין פריינד פרץ האָט ער געפונען די געווינטשטע פאַרברידערונג מיט זיינע „מיטבירגער“ אינם שויס פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך [2].

אָט אַזוי האָט די לאָגיק פון לעבן געבראַכט אין דער קליינער פּעטערבורגער קאָלאָניע צו דעם זעלביקן סך-הכל, וואָס אין דער פּרייסישער רעזידענץ — צו שמד און אַסימילאַציע...

דאָס האָט אָנגעזאָגט דעם איבערברוך, דעם ווענדפּונקט אין די גייסטיקע שטרעמונגען פון דעם ליטוויש-ווייסרוסישן יידנטום. דער פרידלעכער פאַרבאַנד צווישן תורה און וויסן, צווישן גאָטספאַרכטיקייט און אויפקלערונג — איז זיך פונאַנדערגעפאַלן. דעם ווילנער גאונס דעוויז, אַז יעדער מאַנגל פון וויסן אין די חכמות חיצוניות איז גורם אַ הונדערטפאַכן מאַנגל ביים לערנען די תורה — איז אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן געוואָרן. יעדע וויסנסבראַנזשע, אַלע חכמות חיצוניות זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר לויטער אַפּיקורסות. דער וויסנסבאַגיריקער רב און השכלה-פּיאָנער שלמה כעלמאַ [3], וואָס איז אין זיין דור געווען פון אַלעמען זייער חשוב און אָנגענומען, איז אין קומענדיקן דור, פאַר זיין ליבע צו וויסן און זיין התפּעלות פאַר דעם בעל „מורה נבוכים“, דערקלערט געוואָרן פאַר אַ מין און אַפּיקורס; און עס איז דעמאָלט געשאַפן

---

1 קול שועת בת יהודה, 36, וו אַלכסנדר דער ערשטער ווערט געגרייסט: זה מלכנו וזה מושיענו.

2 נעוואַכאָוויטש האָט זיך דערנאָך באַטייליקט אין דער רוסישער ליטעראַטור און זיך געשאַפן אַ נאָמען מיט זיין פּיעסע „סוליאָטע“, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין פּעטערבורג מיט גרויס דערפאָלג (זע וועגן דעם די דערינערונגען פון דעם אַרטיסט קאַראַטיגין, ב' I, ז' 15—16).

3 זע אונזער ווערק, ב' V, ז"ז 234—236.

געוואָרן די לעגענדע, אז כעלמא האָט געשריבן זיין פירוש אויפן רמב״ם דווקא אום שבת...

אויף דער פאָדער־סצענע פונם יידישן לעבן טרעט ארויס א נייע מעכטיקע באוועגונג, וואָס האָט פאר זיך געוווּנען די פילע טויזנטער הערצער. דער דעוויז פון דער דאָזיקער באוועגונג איז געווען ניט דאָס וויכן, נאָר דאָס בלויזע ווונדער, ניט דער שכל, נאָר די עמאָציע, דאָס עקזאַלטירטע התפעלות, און דער באַשעפער און פירער פון דער באוועגונג, וואָס האָט געלעבט אין דער מיט פונם אכצנטן י״ה, איז אליין פאר־וואנדלט געוואָרן אין א לויטער ווונדער, אין א לעגענדארן העלד און א האלב־מיטישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען ישראל בעל שם־טוב. וועגן דעם אין ווייטערן טייל.

בײלאַגן

ביילאגע נומ׳ 1

צו דער פראגע, צי האָט זיך דער ווילנער גאון באַטייליקט אין דעם קאַמף קעגן מענדעלסזאָנס חומש־איבערזעצונג און ווייזעלס „דברי שלום ואמת" (זע ז׳ 59). מ. גידעמען האָט אָנגעוויזן (מאָנאַטסשריפט, 1870, 479), אַז אין ווייזעלס בריוו צו דער טריעסטער קהילה, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „כרם חמד" I, איז נאָך די ווערטער „מאושרים כאלף" דורכגעלאָזן פאָלגענדיקער זאַץ: והמריבים היו שלשה, האחד הוא הרב בפוזנא חתן הרב מפראג, והשני הוא הרב בליסא, והשלישי איש יושב ווילנא הנקרא בכינויו ר׳ אליה חסיד והם אשר כתבו...

גרעץ באַמערקט אָבער גלייך צו גידעמאַנס נאָטיץ (דאָרטן 480), אַז, ווי אים איז באַוווּסט, געפינט זיך אין דעם אַרכיוו פון דער בערלינער קהילה אַ בריוו פונם ווילנער גאון, ווו יענער נעמט זיך דווקא אָן פאַר מענדעלסזאָנס אונטערנעמונג, און שטילט איין די קעגנער, זיי זאָלן ניט פאַרפירן קיין מחלוקת וועגן דער נייער חומש־איבערזעצונג מיטן ביאור. און דאָס געפינט זיך דאָך אין פולער סתירה מיט גידעמאַנס מעלדונג. אויך קלמן שולמאַן גיט איבער (אין זיינע ביאָגראַפישע נאָטיצן צו „דברי שלום ואמת", ווארשעווער אויסגאַבע, 1886, 15), אַז זיין רבי ר׳ מאיר ראַסיינער, וואָס איז געווען דעם ווילנער גאונס אַ תלמיד, פלעגט אים דערציילן, אַז דער גאון האָט שטאַרק געלויבט ווייזעלס „ביאור" צו ויקרא אין מענדעלסזאָנס אויסגאַבע. גרעץ האָט אָבער דערנאָך (מאָנאַטס־שריפט, 1871, 467) זיך געשטעלט אויף גידעמאַנס שטאַנדפּונקט און אויך ארויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דער ווילנער גאון האָט זיך טאַקע פאַרהאַלטן פיינדלעך צו מענדעלסזאָנס חומש־אויסגאַבע און צו ווייזעלס אויפרוף. אין דעם, ווייזט גרעץ אָן, האָט אים איבערצייגט פאָלגנדיקע שטעלע אין דער דרשה פון פראַנקפורטער רב, דעם קנאי פנחס הורוויץ, וואָס ער האָט געהאַלטן אום זומער 1782: נבלה נעשתה בישראל בפרהסיא ואין מוחה בידם וחדשו פירוש על תורתנו הקדושה אשר בדו מלבם דברי שטות והבלים... אל תלך בדרך אתם... בל תקראו בספריהם טמא טמא יקרא, צא תאמר לו... ושמעתי שבכמה קהילות קדושות שרפו הספרים ההמה, ובווילנא שרפו אותם לעין כל. זכאי חולקהון קמא מרי מלכא קדישא אשר קנאו קנאת ד׳ צבאות...

אַז ענלעכע שטעלע געפינט זיך אויך אין דער דרשה פון דעם אויבן־דערמאָנטן ווייזעלס קעגנער, דוד טביל אוים ליסע: „מה מאוד מתנחם אנכי כי שמעתי ממגידי אמת, שבק״ק ווילנא, עיר הגדול לאלקים, שרפו ספר הלזה („דברי שלום ואמת״) ברחוב העיר, ובתחלה תלו אותו ברביד ברזל בחצר בה״כ״ 1.

דווקא די לעצטע גביית עדות רופט אַרויס זייער גרויסע ספיקות. דער ליסער רב האָט געהאַלטן זיין דרשה שבת הגדול, וואָס איז דעמאָלט געפאַלן אויף מערץ חודש. ווייזעלס איפּרוף איז אַרויס פון דרוק אין אָנפאַנג 1782, און עס איז זייער שווער צו גלויבן, אַז אין משך פון קאַרגע צוויי חדשים זאָל, ביי די דעמאָלטיקע פּאָסט־באַדינגונגען און וועגן־פאַרקער, ווייזעלס קונטרס שוין באַקאַנט ווערן אין ווילנע, דאָרט אַרויסרופן אַ פיינדלעכע מאַניפעסטאַציע און שוין שבת הגדול זאָל מען וועגן איר וויסן מיט אַלע פּרטים אין ליסע. עס גענוגט צו דערמאָנען, אַז דער חסידישער ספר „תולדות יוסף״, וואָס איז געדרוקט געוועזן אין 1780 אין קאָרעץ און אין מעדזבאָש, איז אָנגעקומען קיין ליטע ערשט אין חודש אָב 1781 2. נעמט מען דערביי אין באַטראַכט, אַז אין יאָר 1781 האָט מען ווירקלעך געברענט אין אייניקע קהילות אַ „פירוש על תורתנו״ — דעם אָקערשט דערמאָנטן חסידישן „תולדות יוסף״, אין וועלכן די מתנגדים האָבן געזען לויטער „אפיקורסות״, און בראש פון די מתנגדים איז ווירקלעך געשטאַנען דער ווילנער גאון, קאָן מען קומען צו דער השערה, אַז די קנאישע רבנים אוים ליסע און פראַנקפורט האָבן פאַרביטן די יוצרות און ניט ריכטיק אויסגעטייטשט די ניט גאַנץ קלאָרע ידיעות, וואָס זיינען צו זיי דערגאַנגען פון דער וויטער ווילנע.

אַ קלאָרן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע וואָלט מען אפשר געקאָנט געפינען אין דעם ארכיוו פון דער בערלינער קהילה.

ביילאַגע נומ׳ 2

(זע ז׳ 61 און 92)

וועגן משה מייזעלש

משה בן מרדכי מייזעלש איז איינע פון די צווידייטיקע ווידער־שפּרוכפולע און אין סוך איינגעהילטע פיגורן, וואָס באַווייזן זיך שטענדיק

---

1 זע יאָרבוך די יידיש. ליטעראַר. געזעל. XII, 188. (ציט. לויט קלויזנער, ציט. ווי., 111).

2 זע ש. דובנאָוו, געשיכטע פון חסידיזם, I, 228.

אין אַן איבערברוך־תּקופה, ווען די אַלטע אמתן האָבן שוין זייער קרעדיט אָנגעוואָרן און די נייע האָבן נאָך ניט אָפּגעהאַלטן דעם ענדגילטיקן נצחון. דעם ווילנער גאונס אַ באַליבטער תּלמיד, מענדעלסזאָנס אַ הייסער פּאַרערער און אַ קענער פון דער דייטשער ליטעראַטור, האָט מייזעלש אין סאַמע ברען פון דער מחלוקת קעגן חסידות געפירט בסוד פאַרן ווילנער גאון און די מתנגדים פריינדלעכע אונטערהאַנדלונגען מיטן ראש פון די חב״דער חסידים, מיט ר׳ שניאור זלמן אויס ליאָזנע. נאָכן ווילנער גאונס טויט, ווען די מתנגדים האָבן זיך דערוווּסט וועגן מייזעלש אונטערהאַנדלונגען מיט די חסידים, איז מייזעלש אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד. דאָרטן האָט מייזעלש בשעת די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות געפירט פאַרבאָרגענע, עד־היום נאָך ניט אויפגעקלערטע אונטערהאַנדלונגען מיט פראַנצויזישע גענעראַלן און אפילו מיט נאַפּאָלעאָנען אַליין 1. ר׳ שניאור זלמן, וואָס האָט געזען אין נאַפּאָלעאָנען דעם סימבאָל פון דער סיטרא־אחרא, די פאַרקערפּערונג פון דעם אפּיקורסישן און הפקרישן פראַנקרייך, האָט שריפטלעך געבעטן זיין פריינד מייזעלש (זע „בית רבי״, 94), ער זאָל טאָן אַלץ, וואָס ער איז נאָר ביכולת, לטובת דער רוסישער אַרמיי. נאַפּאָלעאָן האָט געוואָרפן אַ חשד אויף מייזעלשן, אַז ער האָט פאַרבינדונגען מיט די רוסן, — איז דערפאַר מייזעלש אַנטלאָפן קיין פּאַלעסטינע, פונוואַנען ער האָט זיך אומגעקערט נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה קיין רוסלאַנד. שפּעטער האָט ער זיך ווידער באַזעצט אין פּאַלעסטינע, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן. אין 1838 האָט מאָנטעפיאָרעס סעקרעטאַר, ד״ר לעווע, באַגעגנט אין פּאַלעסטינע דעם אַלטן מייזעלש, און יענער האָט אים איבערראַשט מיט זיין בקיאות אין דער דייטשער ליטעראַטור.

ביילאַגע נומ׳ 3

(זע זייט 108)

אויס אליה מורפורגום אַרטיקל

ווייל דער „המאסף״ איז איצט אַ יקר־המציאות, ברענגען מיר דעם באַטרעפנדיקן צוויי־געשפּרעך בשלימות:

ר ב: ישׂשכר בני! שכור שכרתיך לספר במה יתחייב האדם למלכו?

---

1 לעגענדאַרע פּרטים וועגן דעם ווערן געבראַכט אין הלל צייטלינס אַרטיקל אין „פּאָמענט״, 1915, נומ׳ 77.

יששכר: הנו מפורש בס׳ תורת אלהים, ונשנה בנבואת שמואל, ומשולש בדברי רז״ל באמרם כל האומר בפרשת מלך מלך מותר בו.

רב: אין למדין מן הכללות, אמור הדבר בפרט.

יששכר: אין בפרט אלא מה שבכלל והוא כי המלך הוא בעמו כאב לבנים וכנשמה לגוף, וכי כאשר כל מחשבותיו הם לטובת עמו כן כל מחשבותם יהיו לשמוע בקולו ולעבדו ולברך שמו ומצותיו ולא לסור מהם ימין ושמאל.

רב: אם כן נחוייב לעשות ככל אשר יצוה?

יששכר: כן הוא, חייבים אנו לעשות כל אשר יצוה במלכותו ובכל אשר נעשה תחת השמש.

רב: ואם יצוה איזה דבר נגד תורת האלהים מה נעשה?

יששכר: נפיל תחינתנו לפניו לבל יאבה הפציר בנו לשמוע בקולו וחטאנו לאלהים; ואם לא יאבה שמוע תפול תחנתנו לפני מלך המלכים אשר לב המלך בידו, עד אשר תבוטל הגזירה. כה עשו אבותינו בימי מרדכי ואסתר בשושן הבירה וכה עשינו בימי הקיסר קאיוס אשר צוה לשום צלמו בהיכל ד׳, ואשר בידו נפש כל חי הפך לבם לטובה ולהיהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר ונשכחו הצרות וגם נסתרו מעינינו (המאסף, תקמ״ו, 169—170).

ביילאגע נומ׳ 4

(זע ז״ט 2:6)

שלמה פּאַפּענהיימס גביות־עדות מכח דער קמיעות־מחלוקת

מיר ברענגען דאָ (מיט געוויסע קירצונגען) דעם יונגען שלמה פּאַפּענהיימס גביות עדות, וואָס האָט אַ געוויסן עטנאָגראַפישן און פילאָלאָגישן אינטערעס:

אחר המעשה, אלש איך ח״ם (חתום מטה) מן הב״ח המופלא כ״ה שלמה ליב יצ״ו געהערט וואש איהם ר׳ חיים שטאמפי בן הרב משטאמפי גיוואלט מסית ומדיח זיין להיות ש״ץ (שבתי צביניק) ימ״ש, אונד הב״ח שלמה ליב הנ״ל מיר דש זעלביגי בֿלד מגלה גוועזט. וגם אויך על ה״ה כה׳ יוסף האמיל הָבי קצת רמז גהאבט אלש אפשר ער איין מאמין בש״ץ איזט, וגם על הב״ח ר׳ זלמן בן האשה דינה הבי אויך זונדר פסח

העבר וואש גימערקט... אלזוא בין איך ח״מ פעם א׳ בלילה ׳גאנגין אצל ר׳ יוסף האמיל הנ״ל בהיות בבית ר׳ משה עקיבש מנין גמאכט, וואו איך ח״מ דארטין אין הויז וואהר אונד הבי מן ר׳ יוסף האמיל הנ״ל גיפראגט ביחידות ער מעכט דש ענטפרן, אלש נעמליך ווען הב״ח זלמן שמונה עשרה בלחש מתפלל איזט דויארט עש כמעט ב׳ ששות אונד איזט מכווין תלי תילים כוונות אונד ווען ער חוזר התפלה איזט, דען ער איזט ש״ץ גיוועזין, האט ער ווידר עברי נאך כריעות והשתחוויות גווישט, וואו צו איז מאן אזו איינם כוונות מוסר. על זאת השיב לי ר׳ יוסף האמול הנ״ל: מי הגיד לך אלש הב״ח זלמן כוונות מכווין איזט? אמרתי לו: הלא לבי מלבך ידע וואש דער מעהר * איזט. על זאת השיאני לדבר אחר ואמר לי שהב״ח המופל׳ כ׳ שלמה ליב הנ״ל הוא משבש את עצמו אלש ער רודלט בפני הכל על בית הגאון מהר״י (מה״ר יונתן) נרו. אמרתי לו: זאת אמת אלז זיך שלמה ליב משבש איזט אונד דאר צו ער ניקש גזעהן זעלבשט האט נור גהערט. אך אמרתי לו אלש זיך הב״ח אברהם פרוסטיץ תועה איזט אן הב״ח המופלג כ׳ שלמה הנ״ל, ער מיינט פון הב״ח שלמה ליב הנ״ל וואש אויש צו הערן, ער ווערט אבר ניקש גוואר ווערדן. ואמר לי כי הוא שקר, אברהם פרוסטיץ פרלאנגט ניקש גוואר צו ווערדן. סוף כל הדברים אמר לי הר״י הנ״ל כל זמן ער ניקש בין רעט פון די מאמינים בש״ץ מעג ערש ג״כ מאמין זיין, ולא מצינו בגמרא איך שמו של משיח: אם שבתי שמו או לאו, הגם שיש דיעות חלוקות בגמ׳ אם ינאי ינון או שילה שמו וכו׳. ואת הרעות אשר עשה הש״ץ על הכל יש תירוצים, גם הרמב״ם כתב שאם יבוא אחד ויעשה לו נסים כמשה רבנו ע״ה, יהיה מי שיהיה — הוא בודאי משיח. על כן אמרתי לו האמת כי לא ידעתי דבר כי נער אנכי אך יאמר לי: דער עולם האט יוא רעכט דש מן רודלט דען איר זעלבשט זייט אויך ניט משכר פון ריידן, גדענקט איר נואר וויא איין מאהל בבית ר׳ משה עקיבש אין די פסח וואוך איין דישקורש פארי געפאלין פון די שבתות, אונ׳ משה דוד האט דא צו מאל דען דיסקורש מיט בייא גיוואנט. אלזו קומט צו ריד פון ר׳ ישעיה חסיד אלס ער ג״כ מאמין בש״ץ איז גוועזין, אלזוא האבט איר גזאגט איר זייט באותו הפעם אין ווּרמיז גווייזין אונ׳ בייא דען קלוזנר רב שם גלערנט ור׳ הירש ליפשיץ שמו והוא גם כן מבני אמונתנו. כזה הלשון מעיד הנ״ל: ער זוייש ניט וואש דער עולם וויל פון ר׳ ישעייכי הנ״ל, ע״כ. ובזאת נפטרתי ממנו באישון לילה ואפלה, ואמרתי לו נתראה פנים בפעם אחר

---

* מזהר — מעשה.

עוד מזה. גם אמר לי המדר״ש בפתיחת רבתי שכבר נולד משיח אחר חצות היום בט׳ באב... וגם שאלתי לו הלא המאמינים בש״ץ ימ״ש עוברים על כל עבירות, ואמר לי: הן הנה הפורקים את עול מעל צוואריהם. ע״כ תוכן הדבר דברי יוסף האמיל הנ״ל.

שוב פעם א׳ הלכתי בחג הפסח קודם מנחה עם הב״ח ר׳ הירץ בן כ׳ מורא מפ״פ דאדר, אשר הוא בבית ר״ו עקיבש אין די קאסט והוא אמר לי אלש הב״ח המופ׳ כ׳ יאקב שלזום אשר היה ג״כ באותו פעם בבית ר״ו הנ״ל עקיבש בתורת שבתות ווער דיא סדר־נאכט דער פאהר ג״כ על החצר אצל וואלף בן אב״ד דכאן גוועזין, אונ׳ הב״ח יאקב הנ״ל האט עש גליקנט אונ׳ גזאגט ער גיהט בבית הרב דכאן הנ״ל ער וואר אבר נים דארטן עכ״ל. והוא הב״ח כ׳ הירץ הנ״ל בשאלי אותו: איך ווער זעהר נייאגיריג על עסקי וואלף בהרב דכאן ומה טיבו, ואמר לי הנ״ל כי הוא שמע אלש ווערש איהר ניקש פר פאהרן מן וואלף ער שיחשדוהו באשת איש כמשה רבנו עכ״ל...

כ״ד הק׳ שלמה בהמנוח מו׳ אברהם זעליגמן ז״ל דיין מצילץ (ספר התאבקות, דף ס״ה—ס״ז).

בייל‍אגע נומ׳ 5

(זע זייט 234)

שאול בערלינס סאטירע „כתב יושר״

ווייל די דאזיקע סאטירע איז א יקר המציאות, ברענגען מיר אייניקע פראגמענטן אין אריגינאל.

דער פארפאסער מאכט זיך פאר א „תם״ און פרעגט ביי דעם פוילישן מלמד, מיט וואס האט זיך עם פארזינדיקט דער בעל „דברי שלום ואמת״.

ואשוב ואשאל אותו, ומה הדבר אשר עליו כתב שטנה בעטו? האם בעט חלילה במנהגים הטובים והישרים, כסבוב הכפרות בערב יום־כפורים ובהכאת המן בעץ בפורים או באכילת ראש כבש וכרוב ותמרי וירקא בראש השנה, או התיר לאכול אגוזים לפני יום הושענא... או כפר (הס מלהזכיר) בסדר הנענועים בלולב, או לגלג על הדינים שהם פחותים במעגלם והם תלוים ברומו של עולם, כמו להנעיל מנעול של ימין תחלה... ושלא להשתין בר״ה בשבת, או להטיל רוק ממקום גבוה; לו עשה אך אחת מאלה — הנה דבריך כנים.

ואולי דבר סרה על הנסים הידועים לכל בני הגולה, כאותם שעשה מהר"ר לוי בהזמינו את הקיסר רודאלפוס למשתה וע"י שם הוריד בירה מן השמים, או בגולם שעשה מוהר"ר נפתלי זצ"ל אשר עפרו עדנו טמון וגנוז; או אולי השיאו לבו להטיל דופי בסגולות הידועים ומלא פיהו כזב וכחש שאי אפשר להסיר עין-הרע בגחלים עוממות ובלחש, אם כאלה הרבה להרשיע, וודאי אין לרחם עליו בלי להושיע, ביתו ישרף עליו באש וספריו צריכים ביעור...

מיט שטאלץ דערקלערט ווייטער דער מלמד, אז קיין שום אנדער פאלק אין דער וועלט האט ניט די זכיה צו זיין אזוי „באקריינט" מיט מצוות ווי מיר יידן: אבל אי לו לאיש הזה, בא להורות סדר הלמוד לנערי בני ישראל ואתה ארוני ידעת את הגוי הקדוש הזה ד' ישמרם הקדושים במעשיהם הטהורים בדעותיהם המופלאים במנהגיהם העמוסים מני בטן במצות ובמנהגים לאלפים ולרבבות ועל כל פסיעה ופסיעה יש בו מצוה ומניעה, ואין אדם קורץ בעין אשר אין עליו דין אם ישר עושה ואם אין, ורבוי המצות כאלה מביאין את האדם לחיי עוה"ב... והאיש המבוהל הזה (מעי רתחו בדברי) מורה דרך ללמד את הנערים הרבה מקרא, ולא זו בלבד אלא שגזר על הילדים ללמדם חכמות, מונה אותם אחת אחת, בל אשא שמותם על שפתי כי הם דברים של מה בכך, הבל ואין מועיל, אינם חשובים למאומה נגד פשט אחד הנמצא בספר אסיפת יהודא או בפלפלא חריפתא...

לא די שאין ביד האומות להעביר אותנו מן המצות והמנהגים המחזקים בידינו, אלא אנחנו מוסיפים בכל יום ויום מצות כחול הים ובכל חכמי הגוים ובכל מלכותם לא יכלו לבטל אפילו השומים שנותנים לנערים בערב ט"ב להניח על בית הקברות, ומנהגו של ישראל תורה היא, ומוטב שיעקרו אלפי אלפים — ומצוה אחת שאדם דש בעקביו לא יעקר, ואין לך אומה ולשון שיהיו מעוטרים במצות רבות ובמנהגים ישרים לאין מספר כאשר אנחנו מעטרים להיותנו ממלכת כהנים וגוי קדוש. ומה ירע לנו הבזיון והחרפה שהאומות מבזים אותנו במה שאין אנו מכירים החכמות והמלאכות... הן בהיות הגוים אומרים זה צדקו, לפי שאור תורה לא נגה עליהם, אך אדוני יודע, כי כל החכמות כמר מדלי וכגרגיר חרדל נגד סוגיא אחת בהויות דאביי ורבא, והגמרא שלנו כוללת כל החכמות, ובפשט אחד שתלמיד ותיק מחדש יש בו יותר מדע ותבונה מכל חכמות הגוים והבליהם...

ווייזלס פארערונג, אז מען זאל מיט די קינדער לערנען חומש מיט מענדעלסזאנס דייטשער איבערזעצונג, ברענגט דעם מלמד אין פחד און שרעקן:

והנה הגזרה הזאת קשה אצלי מגזרת שמד, חלילה, ועז״ן נאמר: הוי מושכי עול בחבלי שוא וגו׳, ולמוד דקדוק הוא ראשית דרכי המינות, כי כך דרכו של יצה״ר היום אומר לו למוד דקדוק, ומשידע חכמת הדקדוק יסיתו לכתוב לשון צח מליצה ושירים, ומשידע צחות הלשון לא יאבה בשום פירוש ודרש במקרא כי אם לפי פשוטו ויבעט ויבצבץ בכל הדרשות והחדושים שהמקראות נדרשים בהם כמין חומר...

דער תלמיד־חכם, דער „אחד הגדולים״, דערקלערט פון זיין זייט:

ראוי שנשים עינינו ולבנו כל ימי היינו ללמוד התלמוד והספרים המחוברים עליהם ולהיות נבדלים ונפרדים מכל ידיעה ומכל חכמה ומלאכה, ואם נהיה עניים ודלים הנה זאת היא עשירותינו בהרבות המון ספרים הדורשים על כל אות חבילי חבילין ועל כל קוץ תילי תילין... ואם אין אנו לומדים החכמות — היא חכמתנו ובינתנו לעיני העמים; יבואו נא כל חכמי הגוים ויאמרו אם נמצא באחת הידיעות ספר אשר ידמה לספר מאמר מרדכי וצנצנת המן באגדתא או לספר משחת אהרן ומהר״י ר״ן ואשל אברהם בשמעתתא, כי חכמת הפלפול והחדוד והחריפות גדלה ג״כ עד שנוכל לבנות דרוש עצום, מלא חריצות וחריפות לחבר משנת בכום שנפל לבור עם משנת הכלב והגדי שקפצו מראש הגג ולהוכיח מהם אם יש בגידין בנ״ט או אין בגידין בנ״ט...

מה רע עלינו המעשה הזה הנובע מדברי איש צר ואויב הזה בתתו עצה לחתור אחרי דרך מבוא פרנסה לישראל... וידיחם ויתיצם ללמוד שאר ידיעות ומלאכות משכיות למען נצליח ג״כ בעושר ובגדולת עוה״ז, וכל תשוקתנו וכל ישעינו וחפצינו אך שתתרבה העניות, כי כל עוד העם דלים ואביונים ונדוכים בתוך הריפות בעֱלי ישאו דַכים, להרבות בחדוד הלמוד הזה ובפלפול, ע״כ אמרו רז״ל יאה עניות לישראל וכו׳. ועתה הודיעני אם אין לאיש הזה משפט מות כי בקש להדיחנו מן הדרך...

ביילאגע נומ׳ 6

(זע זייט 255)

א) פראגמענטן אוים דעם קונטרס „עולם חדש״

המינים והאפיקורסים וצבועים חדשים אשר מקרוב באו ולא שערום אבותינו, הנקראים בפי כל עולם חדש, העומדים עלינו לכלותינו ולבטל תורתנו הקדושה והטהורה שבכתב ושבע״פ בכמה אופנים... ומשנים דתיהם והילוכם ולשונם ואפילו כתבים היוצאים מאמתחותיהם הכל בכתב גלחות כי גדלה חרפתם להראות כתב יהודות וגם מתיראין שמא

יגרום החטא ויבואו עי"ז לידי קפות פרנסתם אם יודע ח"ו שהוא יהודי... הם מהפכים קערה על פיהם ובכל אמצי כח כוונתם להשוות אל הגוים ובאים בתחבולות גדולות להראות חכמתם לעיני העמים בחבורי ספריהם...

פורקים עול תורה מעל צווּאריהם ורובם מונעים עצמם מבהכ"נ באומרם שלא יוכלו לסבול מנהגינו אשר נהגו אבותינו ואומרים שהוא מנהג שטות...

ועוד כת אחרת הסוררת הכוזבת, ומכחישים בתורה כלליות באומרם: מרע"ה היה חד מכותבי דתות כמו שאר מלכים הכותבים דת לפי מנהג מדינותיהם...

וממלאין כריסם כבהמות, וישמן ויבעט ואומר: כחי ועוצם ידי עשה כל אלה, וכופרין בהשגחה פרטית מאת השי"ת ואומרים רצונו של מקום אינו אלא שלא להרע לשום אדם במו"מ או בשאר עסקים; ויאכל וישתה מה שלבו חפץ בשר וחלב וטריפות, כי אין פוגמין בכבודו של מקום מזה... ומלעיגים על דחז"ל ענין התעניות ובענין חמץ... לאמור: מה הגיע אל השי"ת או מה יפסיד אל אם עשה או לא עשה כל אלה...

כל כוונתם אינו אלא להפר תורתנו כדי לפרוק עול שמים מעל צווּאריהם, זהו עיקר כוונתם...

... והפריצות והמאָדיש מתחדשות מידי יום ויום הן בבגדים והן בשערות ראשיהן באנשים ובנשים; ואפילו לשוניהם משַנים, כי לשון יהדות חרפה היא להם כלל וכלל, רק בלשון הגויים. ופעם לשון צרפת, הוא המובחר, פעם לשון הויך-דייטש... שכל כוונתם להכחיש מקור מחצבתם בפני הגויים שלא יהיו נכרים ליהודים; מ"מ ידועים ומפורסמים שמזרע היהודים הם... אנו בגלות המר הזה ובשפלות הגדולה, מה לנו להתיפות בפני הגויים, וכי לאיזה פקידות והתמנות שראו שופט יתמנו ממנו, — אפילו לרועי-בקר או לשום עבודה שיש בה הספקה קצת למזונותינו אינם מניחים אותנו אף שנמצא בנו חכמה וידיעת הנהגה מכמה דברים...

כעת תיכף כשהתינוק יכול לקרוא אבי אמי, מלמדין אותו לשון הגויים לומר פאפא, מאמא! ובדרך ארץ במנהג הגויים...

מגדלין שער ראשם ובהתקבצם יחד ביום שמחת לבם, אז כל א' וא' בונה מגדל על ראשו משערותיו, וראשו וגופו נעשו יסוד למגדול וכל המגביה יותר הרי זה משובח, ונותנין עליו פוידער תחת אפר...

... מחרפים ומגדפים אותנו האומות באומרם לנו: הלא אומרים שבגלות אתם שרוים ומפוזרים בין האומות ושנואים לכל הגויים וא"כ למה זה אתם מתאמצים בכל עוז לחזור ולהדר אחר כל מיני מאָדעש?.. וא"א להכיר בין יהודי ובין ער גדול אשר בינינו? ואם בזה יקרא גלות — הלוואי שבָנינו ילכו בגלות כזה.

ב) פראגמענטן אוים בּאראשם „עין משפט"

(זע זייט 256)

אנוסים היינו לדבר בלשון עם ועם אשר בם נפוצנו, אך לא כלה זך ונקי, רק חצי לשון העם אשר בצלו נחיה וחצי לשון עמים אחרים אשר מהם קדם נגלינו, על כן ארשת שפתנו טבל בלולה יותר משבעים לשונות; ואנחנו בגויים סביבותנו ללעג ולקלס למשל ולשנינה. ולשוננו הקודש אֶם כל לשון אך ליחידי עמנו ולמעט מזער נשארה והשאר כבהמות נדמו לא ירעו מה במקרא... והתורה הקדושה מורשה קהלת יעקב... אמנם כספר החתום, מי יודע דרך הכתובים... צחות מליצותיה עינינו כהות בל תראינה, דבש אמריה לא טעמנו, אוצרותיה נעלמו, כי אפס מורה, מלמד אָיִן... גם התלמידים אינם מבינים שפת מלמדם, מלמדים שפת תלמידיהם בל ידעו... סביבותינו חשכה, מות ושממה, מוכי סנוורים... עד דרך כוכב מיעקב, עד קם הילל בן שחר הוא משה! הואיל באר את התורה בלשון רכה ונעימה, הוא הוציא לנו דבש מצור חלמיש. ד׳ אמר יהי אור! ויהי משה, הוא משה... היה אבי כל מתרגם, הוא הורה לנו דרך במדבר, ורבים כן הלכו בעקבותיו ועשו פרי... אך אי משה? איננו — כי לקח אותו אלהים... כי רגע סגר עיניו משה, כמעט נאסף אל עמיו, ותעל הצפרדע ותכס את המצרים... אמנם ממות משה רבים קמים, חגבים וזבובים אשר כמצחק בעיניו היו, עומדים ומתפלספים במחנה ויקראו בעיר לאמר: זאת התורה אשר צוה לנו משה. וירא העם כי בושש משה, ויסורו מהר מן הדרך ויאספו אגודות אגודות שונות ויקהלו אל אהרן, הוא אהרן אשר לקח מידם הזהב וממנו יצא העגל הזה, הסרה והתועבה ביהודה וישראל — וימליך עליהם מלך חדש, אשר הריק את חניכיו ויאזור מתניהם ויקרא להם בשם המאספים (בה׳ הידיעה) ויעפילו לעלות אל ראשי וזקני עמנו, משברים הרוח בשופרות, יריעו בהבל הבלים, החלוצים לפניהם ומאספים אחריהם להפילו החומה הקדושה. אשר חכמינו ז״ל גדרו בעד ארון הברית והתורה, וכן הרסו לעלות השועלים ופרצו חומת אבותינו, ורב מאחינו יצאו כמו יצאו חוצה כחיתו יער בלי מתג ורסן ומדברים על ד׳ ועל משיחו...

... חכמים בעיניהם ונבונים במחשבותיהם, מתנשאים לראש יעלו אל בָּמתֵי עב, ידמו לעליון, ידברו גבהה גבהה, יצא עתק מפיהם, ילעגו על דברי חכמינו ז״ל וקדושי עליון אשר עינימו מרחוק יביטו ועתידות חש למו... באו בניהם לדביר הבית וטמאו את ההיכל, ופרשו יד על התורה עצמה. ודברו סרה על משה שליח ד׳ ויאמרו: זה הדבר אשר לא דברו ד׳, כי אם מלבו הוא בודאו, והתורה היא מנהג של ישראל.

ועשו מכל המצוות אשר לא תעשינה, מחללי שבת, אוכלי בטומאה... מושחים ביין את בשרם... שוכבים וקמים בלי תורה ותפילה לאל עושה פלא... ועל כל זה קראו לכו דור דעה ועם נבון וחכם.

... ויעשו להם בתים, חברות חברות, חברת האוהבים ורעים. מה האהבה? ומה הרעות? אין חסד ואין צדקה בבית מועדם. במלונם רק שמחה, ובאסיפותם סעודה ולעשות משתה לשבעת הימים ואין שטן ואין פגע עומד נגדם, מי יאמר להם מה תעשו?.. והמה עושים מה שרוצים, כלם כגבורים ירוצון, ואיש בדרכיו ילכון... ראה ד' כי היינו בוזה! ויצא מן בת יהודה כל הדרה, נפלה עטרת ראשנו... על אלה אני בוכיה כי רחק ממנו בן מנחם, משיב נפשי עמנו ומחדש רוח נכון בקרבם.

זוך-צעטל

אבוריענטו, משה, 101.
אבס, סאמאס, 27, 31.
אברהם בן שלמה אויס האמבורג, 110.
אויסערארדנטליכע שוציודען, 12, 16, 25, 40.
אייבעשיץ, בנימן-וואלף, 216.
אייבעשיץ, יונתן, 23, 79, 216.
איגער, מאיר, 143.
אייזיק, אהרן בן יצחק, 203—206.
אייכל, יצחק, 10, 46, 77, 97, 98, 104, 109,
112, 131, 167—181, 184, 242, 244, 253.
איינהארן (ביבל קריטיקער), 222.
איציק, דניאל, 16, 213, 214.
אלחריזי, יהודה, 213.
אפרים, פייטל, 16.
אפרתי, יוסף, זע טראפלאוויץ.
אריה די מודינה, 232
אשר בן יחיאל (רא"ש), 238, 248.
באננע, שארל, 40, 42.
באקסט, נ., 20.
באראש, נחמן, 130, 229, 255—256, 282.
בירקענטאל (באלעכאווער), דוב-בער, 206—211.
בירקענטאל, הירש בן יהודה, 205—207.
בליכרעדער, 19.
בליץ, יקותיאל, 55.
בן-זאב, יהודה ליב, 220—223, 224.
בן-יעקב, יצחק-אייזיק, 232.
בענעט, מרדכי, 239.
בעקער, סאפיע, 27.
בערלין, הירש, 93.
בערלין, שאול, 232—241, 279—281.
„בערלינער אויפקלערונג", 20.
בערנהארד, אברהם, 109.
בערנפעלד, שמעון, 26, 160.
בריעסלוי, מענדל, 123—125.
באטליב, כריסטיאן, 58.
גאלדשמידט, א. י., 162.
גאליקע, יוסף, 94.
גארדאן, יהודה-ליב, 87.
גבירול, שלמה, 101, 223.
גיגענהיים, פרומעט (מענדעלסזאנס פרוי), 23.
גומפערץ, עמעריך, 23—25.
גייגער, לודוויג, 20, 21, 149.
גלוסק, אבא, 160
ג'נאח, אבן, 103.
„געדולדעטע יודען", 12.
„געזעלשאפט פיר פריינדע", 170.
גרעץ, היינריך, 134, 182—272.
דאם, כריסטיען, 65.
ד'ארזשאן, מארקיז, 16, 23.
דוב-בער, אויס וויען, 130.
דובנא, שלמה, 53, 55 — 58. 59, 60, 61,
62, 82, 134, 256.
דוד-טביל אויס ליסא, 92—93, 273
דעליטש, פראנץ, 56, 214, 225, 247.
האלבאך, 150.
האלע, אהרן, ז' וואלפסזאן.
האלע, וואלף, 181.
האלער (דייטשער דיכטער), 248.
האמאן, יאהאן, 75
האמבערג, הירץ, 97, 136—141, 149.
הורוויץ, פנחס, 257—258.
היידענהיים, וואלף, 56, 57, 60, 218, 219.
הינא, שלמה-זלמן, 79.
הנגיד, שמואל, 223.
העניגס, אדאלף, 54, 68.
העסנער (דייטשער דיכטער), 156.
הערדער, יאהאן גאטפריד, 243.
הערץ, אלחנן, 43.
הערץ, אלקנא, 44, 70.
הערץ, העגריעטע, 17, 152.
הערץ, מארקוס, 65, 108, 152, 163.
הערץ, נפתלי, 60.
וואגענהאאר, דוד, 64.
וואלטער, 19, 115, 117, 134, 150, 155, 262.
וואלף (דייטשער פילאזאף), 29, 36.
וואלפסזאן (האלע), אהרן, 10, 97, 104, 109,
118, 119, 120, 126—129, 131, 132,
133—134, 167, 170, 181—184, 253.
וויזל, יששכר-בער, 79.
וויזל, נפתלי-הירץ, 78—90, 91, 92, 93,
95—96, 97, 98, 100, 106, 118, 167,
242—247, 272, 273.

ווילהיימער, יונה, 219.
ווילנער גאון אליהו, 61, 92, 272, 274.
ווינאָקאַט, פ. וו., 39.
ווינער, שמואל, 185.
זאַמאָשטש, ישראל, 23, 38.
זעלמעלע (חיים וואָלאָזשינערס ברודער), 61, 62
חברת דורשי לשון עבר, 97, 123.
חיים וואָלאָזשינער, 61.
חעלמא, שלמה, 56, 269—270.
חיות, צבי־הירש, 59, 161.
טעללער, פראַבסט, 145, 146.
טראָפּלאָוויץ, יוסף, 248—253.
יאָזעף דער צווייטער, 83—84, 90, 107, 137.
יאָזעף, מאיר, 241.
יהודה בן הירש, 207.
יהודה הלוי, 42.
ייטליש, ברוך, 130—131.
ייטליש, יהודה, 120.
יונג, עדוארד, 220.
יעבץ, וואָלף, 11.
יעליזאַוועטאַ פּעטראָווּנאַ, 12.
כהנא, יעקב, 186.
כהן, רפאל, 59. 125—126, 187, 234, 235.
כהן, שלום, 170.
לאַנדאַ, יחזקאל, 59, 91, 92, 237.
לאַנדסבערג, וואָלף, 239.
לאַנדסהוט, אליעזר, 233.
לאַפּאַטער, יאָהאַן, 39—42, 45.
לוי, אביגדור, 42, 54, 63.
לוי, בן גרשון (רלב״ג), 33—34.
לוצאַטו, אפרים, 101—102, 231.
לוצאַטו, משה־חיים, 56. 214, 247, 253.
לייבניץ, 29, 33, 34, 35, 36, 51.
לינדא, ברוך, 119, 153.
לעבענזאָן, אדם הכהן, 222.
לעווין, הירש, 58, 93.
לעווין, שאול, 58.
לעווין, רחל, 150, 159.
לעווע, יואל (בריל), 104, 108, 118, 119,
131, 168, 224.
לעטעריס, מאיר, 168.
לעסינג, גאָטהאָלד, 22, 23, 26, 27, 30—31,
38, 68, 116, 136, 156, 157.

לעפין, מענדל, 130, 188, 264.
מאַילפעלד, הערש, 131.
מאַרמאָרשטיין, א., 206.
מאַרקוזי, מרדכי, 186.
מאַרקוזי, משה, 184, 185—203.
מאַרקוס, אברהם, 16.
מורפורגו, אליה, 91, 108, 276.
מייזעלש, משה, 61, 275.
מיימון, שלמה, 10, 17, 59, 117, 136,
160—166, 260.
מיימוניסטן, 94.
מילדולה, המבורג, 19.
מיראַבאָ, 15, 77, 111.
מֶנדֶס, דוד פראַנקו, 80, 247—248.
מנשה בן ישראל, 21, 65, 80.
מעטאַסטאַזיא (איטאַליענישער דיכטער), 248.
מענדעלע מוכר־ספרים, 197, 198.
מענדעלסאָן אויס האַמבורג, 83, 225, 231.
מענדעלסזאָן, דאָראָטעאַ, 153, 157.
מענדעלסזאָן, משה, 10, 16, 18, 19—23,
24, 25—47, 50, 52—55, 57, 58, 59,
60, 61, 62—77, 78, 80, 82, 85, 89,
94, 100, 110, 111, 114, 116, 128—129,
135—136, 137, 141, 164, 170, 254,
259—260, 267, 269, 272.
מענדעלסזאָן, העגריעטע, 153.
מרגליות, יהודה־ליב, 258—262.
משה בן מיימון (רמב״ם), 44, 48, 49, 63,
108, 126—129, 143, 152, 169.
נאָכאַליס (דייטשער ראָמאַנטיקער), 153.
נאָטקין (שקלאָווער), נתן־נטע, 264.
ניסן אויס מאַרסייל, 70.
ניקאָלאַי, פרידריך, 23, 116.
נעווואַכאָוויץ, יהודה־ליב, 264, 265—269.
סאַטאַנאָוו, יצחק, 224—231, 235.
סטאַניסלאַווסקי, ש., 56.
סימיאַס (סאָקראַטעסעס תלמיד), 32.
סמאָלענסקין, פרץ, 11.
„עולם חדש“ (פּאַמפלעט קעגן די אויפ־
קלערער), 254—255, 281.
עמדן, יעקב, 52—53, 93, 108, 216.
עמנואל רומי, 221, 231.
ענסהיים, משה, 122.

עריק, מאַקס, 174.
פאַלקענזאָן, ישׂשכר-בער, 38.
פאַפּענהיים, שלמה, 216—220, 277 — 278.
פינסו, יוסף, 248.
פלאַטאָ, 28, 37.
פניני, ידעיה, 220.
פּעסעלעס, יוסף בן אליהו, 60, 61.
פּיאַנק, יעקב-אליהו, 263.
פראַנקיסטן, דיספּוט, 209.
פרידלענדער, דוד, 10, 29, 53, 60, 61, 82, 93, 94, 118, 136, 141—148, 153, 213, 235, 239.
פרידלענדער, מיכל, 168.
פרידריך דער צווייטער, 11—16, 17, 38, 87, 106.
פרידריך-ווילהעלם דער צווייטער, 114, 142.
פרידריכספעלד, דוד, 224, 244.
פרילוצקי, נח, 185, 194.
פרישמאַן, דוד, 26.
פרעסקאָט, וויליאַם, 106.
פרענקל, דוד, 48.
פרץ, אברהם, 264, 269.
ציימלין, יהושע, 264.
צײדליץ (פּרייסישער מיניסטער), 96.
קאָהנער, אורי, 247.
קאַלקרייט, האַנס, 160.
קאַנט, עמנואל, 26, 51, 77, 152, 168, 218.
קאַנץ, קאַרל פיליפ, 20.
„קהלת מוסר", 46.
קייזערלינג, מאיר, 25.
קלויזנער, יוסף, 214.
קלאָפּשטאָק (דײטשער דיכטער), 244, 246.
קליין, ערנסט, 55.
קעלבעלע (דײטשער אנטיסעמיט), 42, 43.
ראָמאַנטיקער, די, 151—152.
רומאַנעלי, שמואל, 213—216.
ראַמלער (דײטשער דיכטער), 20, 158.
ראַסין (פראַנצויזישער דיכטער), 248.
ראַפּאָפּאָרט, חיים, 209.
ראַפּאָפּאָרט, מאָריץ, 20.
רוסאָ, זש. זשאַק, 150—151, 155—157.
ריימאַרוס, עליזאַ, 51.
„שוחרי הטוב והתושיה", 112.
שולמאַן, אלעזר, 173, 185.
שוציודען, 12, 13, 14, 16.
שטיינשנײדער, 173, 185.
שטיף, נחום, 174, 205.
שילער, פרידריך, 151, 156.
שלעגעל, אויגוסט, 152.
שילער-גאַלוּיסן, 210.
שמואל בן אביגדור (הרב האחרון), 61.
שמעון מקרומניא, 119.
שנאַבער, מרדכי-גומפּעל (לעוויזאָן), 48—51, 218.
שנעעמאַן, ד"ר, 225, 229.
שפּאַלדינג (דײטשער פּרעדיגער), 31.
שפּייער, אברהם, 121.
שפּינאָזאַ, ברוך, 44.

אינהאַלט

זייט

פון פאַרפאַסער 9

ערשטער קאַפּיטל:

פרידריך דער צווייטער און די יידן אין פּרייסן. — דער יידישער קיבוץ אין בערלין; זיין עקאָנאָמישער וווּקס און זיין רעכטלאָזע לאַגע. — די סאָציאַלע סתירות. — די השפּעה פון די פראַנצויזישע „אויפקלערער". — דער דאָקטאָר אהרן גומפּערץ. — משה מענדעלסזאָן; זיין ראָלע און באַדייט. — מענדעלסזאָן אַלס פערזענלעכקייט. — מענדעלסזאָן און לעסינג. — מענדעלסזאָנס „פעדאָן". — זיין באַהאַנדלען די פראַגע וועגן השארת הנפש (אומשטערבלעכקייט פון דעם מענטשנס נשמה) 11

צווייטער קאַפּיטל:
זײַט

דער אויסערגעװײנלעכער דערפֿאָלג פֿון מענדעלסאָנס „פֿעדאָן". — מענדעלסאָנס חיבּוח מיט לאַפֿאַטערן. — מענדעלסאָנס ענטפֿער; זײַן פֿאַרהאַלטן צום קריסטנטום און צום יידנטום. — זײַן יוגנט־צײַטשריפֿט „קהלת מוסר". -- זײַן פּירוש אויף „קהלת". — מרדכי שנאַבער קעגן מענדעלסאָן. — שנאַבער אַלס מעדיקער; זײַן „מאמר התורה והחכמה". — זײַנע ראַדיקאַלע אָנשויונגען. — זײַן „יסוד תורה". — גלויבן און וויסן. — די ראָלע פֿון שפּירונגען אינם פֿאָרשונגס־פּראָצעס. — דער בריוו־טויש צווישן מענדעלסאָן און יעקב עמדן. — מענדעלסאָן און שלמה דובנאָ. — מענדעלסאָנס חומש־איבערזעצונג און זײַן „ביאור". — מענדעלסאָן דער ראַציאָנאַליסט און דער „שטאָק־יודע". — זײַן פֿאַרהאַלטן צום רעליגיעזן ריטוס; זײַן „ירושלים". . . . 37

דריטער קאַפּיטל:
דער קולטורעלער באַדײַט פֿון מענדעלסאָנס חומש־איבערזעצונג. — נפֿתּלי הירץ וויזעל אַלס בעל־לשון און מדקדק. — יאָזעף דעם צווייטנס „טאָלעראַנץ־עדיקט". — וויזעל אַלס השׂכּלה־קעמפֿער. — זײַן אויפֿרוף „דברי שלום ואמת". — זײַן פּראָגראַם וועגן קינדער־דערציִונג. — דער קאַמף פֿון די אָרטאָדאָקסן קעגן וויזעלס אויפֿרוף. — די קעניגסבערגער חברה „דורשי לשון עבֿר" און איר צײַטשריפֿט „המאסף". — דאָס פּראָגראַם פֿון די „מאספֿים". — דער באַדײַט פֿון דער צײַטשריפֿט. — דער „מאסף" ווערט אַריבערגעטראָגן פֿון קעניגסבערג קיין בערלין. 78

פֿערטער קאַפּיטל:
השׂכּלה און אַסימילאַציע. — אַלע צרות נעמען זיך פֿון „רעליגיעז פֿאַראורטײלן" — דער וועלטבאַנעם פֿון די בעלי „המאספֿים". — זייער קאַמף קעגן די רבנים. — מענדל ברעסלויס „אויפֿרוף" און וואָלפֿסאָנס פּאַמפֿלעט „שׂיחה בארץ החיים". — די פּראָטעסטן קעגן דעם „המאסף". — דעם „מאסף"ס אונטערגאַנג. — אהרן וואָלפֿסאָן און זײַן „ישורון". — דער דעתיז „מה יאמרו הגויים". — „די מענדעלסאָנישע השׂכּלה". — מענדעלסאָנס פֿאַרהאַלטן צו אידעישע קענער, זײַן אָפּאָרטוניזם. — מענדעלסאָנס „תּלמידים". — הערץ האָמבערג אַלס מענטש און „אויפֿקלערער". — דוד פֿרידלענדער אַלס קעמפֿער פֿאַרן „שׂכל הישר". — זײַן קאַמף פֿאַר גלײַכבאַרעכטיקונג. — פֿרידלענדערס פֿאַרהאַלטן צום טראַדיציאָנעלן יידנטום; זײַן שׂנאה צו „מיסטיק" און „צערע־מאָניאַל־געזעצע". — די „שמד־מגפֿה" (טויף־עפּידעמיע). — די יידישע פֿרויען און די בערלינער סאַלאָנען. — דער נצחון פֿונם שׂכל און דאָס אויפֿלײַכטן פֿון די הערצער. — די השפּעה פֿון זשאַן זשאַק רוסאָ און פֿון די ראָמאַנטיקער 113

פֿינפֿטער קאַפּיטל:
רוסאָס אידעען און זייער השפּעה אויף די בעלי „המאספֿים". — אידיליעס און דער ביבל־סטיל. — צוריק צו פּראָדוצירנדיקער אַרבעט און רעפֿאָרמירן דאָס דערציִונגס־סיסטעם. — דער גײַסטיקער איבערברוך. — רחל לעווין און איר חשבון־הנפֿש. — שלמה מײמון און זײַן „לעבענסגעשיכטע". — מײמונס וועלט־באַנעם. — איציק אײכל און זײַן ראָמאַנטישע ליבע צו דער

ביבל-שפראך. — אייכלס ליטערארישע טעטיקייט. — דער באדייט פון זיין לוסטשפיל „ר' הענאך, אדער וואס טוט מען דערמיט". — אהרן וואלפסזאן האלע און זיין לוסטשפיל „לייכטזין אונד פרעמעליי". 155

זעקסטער קאפיטל:

משה מארקווי, „דער קעניגסבערגער דאקטאר". — זיין לעבן „במדינות פוילין". — די שפראך-פראגע ביי מארקווין. — זיין „עזר ישראל". — דער סטיל פון מארקוויס ווערק. — דאקטאר מארקווי אלס מוכיח. — דער קולטור-ליטעראַרישער באדייט פון זיין „עזר ישראל". — אהרן איזאק און זיין וואנדער-לעבן. — דער באדייט פון זיין „אויטאביאגראפיע". — דוב בער באלעכאווער און זיין ליטעראַרישע ירושה. 185

זיבעטער קאפיטל:

דער דור „המאספים". — שפראכפארשער און שריפטשטעלער. — שמואל רומאנילי און זיין שאפן. — שלמה פאפענהיים; זיין אנטייל אינם קמיעות-קאמף; זיין „יריעות שלמה" און „ארבע כוסות". — יהודה-ליב בן-זאב און זיין וויסנשאפטלעכע טעטיקייט, זיין „בן סירא"-איבערזעצונג. — יצחק סאטאנאָוו אלס פערזענלעכקייט; זיין ליבע צו אימיטאציעס, זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. — „חצי מאמין וחצי מין". — שאול בערלין דער אפיקורסישער רב, זיין סאטירע „כתב יושר". — שאול בערלין אלס פאלסיפיקאטאר, זיין „מצפה יקותיאל" און „בשמים ראש", זיין צוואה. 212

אכטער קאפיטל:

ווייזעלס ביבלישער העלדן-עפאס „שירי תפארת". — „מעסיאדע" און „מאזאידע". — פראנקא מענדעס און זיין „גמול עתליה". — יוסף טראפלאָוויץ און זיין דראמע „מלוכת שאול". — „עכטע" און „פאלשע" אויפקלערונג. — פאמפלעטן און שטרייטשריפטן קעגן די „אויפגעקלערטע". — דער אנאנימער „עולם חדש" און נחמן בעראשס „עין משפט". — דער בעל „ספר הברית" קעגן די ראציאנאליסטן. — יהודה-ליב מרגליות און זיין ארויסטריט קעגן מענדעלסזאנס אידעען. — דער שקלאווער קרייז און די בערלינער השכלה. — נעוואכאוויץ און זיין „קול שועת בת יהודה". — דער גייסטיקער איבערברוך. — פון ציטזיליקן שלום צו נייעם פארביטערטן קאמף קעגן רעאלן וויסן. — דאס מיסטישע גרויסע וואנדער. 242

ביילאגע נומ' 1 273

ביילאגע נומ' 2 — וועגן משה מייזעלש 274

ביילאגע נומ' 3 — אויס אליה מורפורגוס ארטיקל 275

ביילאגע נומ' 4 — שלמה פאפענהיימס גביות-עדות מכח דער קמיעות-מחלוקת . 276

ביילאגע נומ' 5 — שאול בערלינס סאטירע „כתב יושר" 278

ביילאגע נומ' 6 — א) פראגמענטן אויס דעם קונטרס „עולם חדש" 280

" " ב) פראגמענטן אויס בעראשס „עין משפט" 282

זוכצעטל 284